STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11518

STANTSYE GRAFSKAYA

Vera Haken

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וועראַ האַקען

סטאַנציע גראַפסקאַיאַ

ווערא האַקען

סטאַנציע גראַפסקאַיאַ

דערציילונגען, עסייען, לידער

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אָביב תש"ן — 1990

Vera Haken

Stantsie Grafskaia

צונויפגעזאַמלט און הקדמה:
א ל י ע ז ר פ אָ ד ר י אַ ט ש י ק

צוגעגרייט צום דרוק:
י ש ר א ל ר ו ד נ י צ ק י

©

הוצאת י. ל. פרץ, ברנר 14, תּל־אָבֿיב
I. L. Peretz Publishing House
14, Brenner Str., Tel-Aviv, Israel

נדפס בישראל תש״ן
Printed in Israel 1990

סודר והודפס בדפוס „שמגר 1986", ת"א — טל. 828704

אינהאַלט

8 הקדמה

דערציילונגען

15 סטאַנציע גראַפּסקאַיאַ
60 אַ שול אָן אַ מנין
75 די ווײַסע זאַמדן פון האַלענדער־בעי
98 דער שידוך
100 דער נאָכמיטאָג פון אַ פּאַון

עסייען

183 קינדער־יאָרן, יוגנט־יאָרן מיט אליעזר שטיינבאַרג
235 שעהען פון בין־השמשות
260 דרײַ שאַפּירס
270 יצחק פּאַנער
279 מײַנע באַגעגענישן מיט אליעזר גרינבערג
287 אין פּראָפיל פון צײַטן
289 אַ וויכטיק בוך וועגן וויכטיקע ביכער
292 פיר זומערן מיט קובי וואָהל

לידער

307 אַ ליד אַזוינס...
309 דילעמע
310 די מאַמע און דער קאָמיסאַר
316 און טאָמער בין איך זינדיק, גאָט
320 באַלאַדע פון לעבן און טויט
323 ניו־יאָרק! ניו־יאָרק! ניו־יאָרק!
326 שטיללעבן

דראַמע

337 ראָזשינקעס מיט מאַנדלען

הקדמה

די שרײַבערין וועראַ האַקען האָט אין משך פון יאָרן געדרוקט אירע אַרבעטן אין פאַרשיידענע זשאַנערס: עסייען, מעמואַרן, לידער און דערציילונגען. אַ באַזונדערן אינטערעס פאַר דער ליטעראַטור־פאָרשונג האָט איר בוך: „קינדער־יאָרן, יוגנט־יאָרן מיט אליעזר שטיינבאַרג", וואָס איז געדרוקט געוואָרן דאָ, אין תּל־אָביב, 1969, אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג. ווערא האַקענס לעצטע וויכטיקע אַרבעטן זײַנען געווען: רעדאַקטירן און באַגלייטן מיט אַחריותדיקע עסייען די אין דײַטש אויף ס'נײַ איבערגעזעצטע ביכער פון דער ייִדישער קלאַסיק. זיבן פון די ביכער זענען געדרוקט און פאַרשפּרייט געוואָרן דורך דעם ווייטבערעכט־פאַרלאַג אין שטוטגאַרט, דײַטשלאַנד.

„נישט נאָר אין זוכן דעם נעכטיקן טאָג — האָט ווערא געשריבן — נאָר אין געפינען און אים פאַרלייגן דעם ניט ייִדישן לייענער ווי אַ מין וועגווײַזער אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אין דעם אייגנטלעך ליגט דער צוועק און דער וועג פון די איבערגעזעצטע ביכער אין דער סעריע „די גאָלדענע פּאַווע"...

עס איז ניט גרינג אין אַ קורץ וואָרט שילדערן דעם שטח פון ווערא האַקענס קולטור־מאַזאַיִק אין פיר שפּראַכן: רוסיש, דײַטש, ענגליש און ייִדיש. האָב איך באַשטימט אויסצוקלײַבן איינע פון אירע אין ייִדיש געדרוקטע ווערק, וואָס איז, לפי דעתי, כאַראַקטעריסטיש פאַר איר דאַכטן און טראַכטן. איך האָב אין זינען אירע אַ גרעסערע דערציילונג מיטן נאָמען „סטאַנציע גראַפסקאַיאַ", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין המשכים אין דער ניו־יאָרקער צוקונפט, 1971. אין דעם ווערק איז פאַראַן אַ סך פון ווערא האַקענס קינסטלערישער מענטאַליטעט און שרײַבערישן געמיט.

די האַנדלונג און די אַטמאָספער פון דעם ווערק איז אַ דראַמאַטישע. דער דאָמינירנדיקער ליטעראַטור־מיטל אין מאָלן די געשטאַלטן פון דעם

ווערק איז דער דיאַלאָג, צײַטנווײַז דער מאָנאָלאָג, — דאָס זענען וועראַ האַקענס קינסטלערישע מיטלען צו אַנטפּלעקן דעם תּוכן ותּוכו פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. ניט צופעליק איז ווערא האַקען אויך טעטיק געווען אין געביט פון טעאַטער און דראַמע...

גלײַך נאָכן זיג איבער דער נאַצישער מגיפה, ווען פון די פעלדער און וועלדער, בונקערס און קעלערס, איז אַרויסגעקראָכן די פאַרמוטשעטע יידישע שארית־הפליטה, און ווי שאַטנס זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער טומאהדיקער און רישעותדיקער אייראָפּע — דעמאָלט, אין יענע שווערע יאָרן, האָט ווערא האַקען און איר מאַן, דער קאָמפּאָזיטאָר מוניו האַקען, געגרינדעט אַ קליינקונסט־טעאַטער מיטן נאָמען „די גאָלדענע פּאַווע" און געשאַפן פאַר דער אויסגעמוטשעטער שארית־הפליטה די פאַרשטעלונגען: „דאָקטוירים הייסן לאַכן" און „אַז מע לעבט — דערלעבט מען". טעקסט און רעזשי — ווערא האַקען, מוזיק — עמנואל האַקען.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו דער נאָוועלע „סטאַנציע גראַפּסקאַיאַ". דאָס איז ניט קיין אויטאָפּאָרטרעט, ווי עס האָט געמיינט דער ליטעראַטור־קריטיקער שמואל־דוד זינגער, אין דעם ניו־יאָרקער „פאָרווערטס". דער שרײַבערין ווערא האַקען אינטערעסירט ניט די פאַקטישע ביאָגראַפיע פון אירע העלדן, נאָר זייער גילגול און גורל. און דעם פּאַטום פונעם מענטשלעכן גורל איז ניט אַזוי גרינג תּופס צו זײַן. ער ווערט צו מאָל באַשטימט פון פאַרהוילענע און דעמאָנישע כּוחות, וואָס ווערא האָט געפּרוווט דערגרונטעווען.

דער גײַסטיקער געראַנגל פון אסתּר גאָלדפאַרב — איינע פון די געשטאַלטן אין דעם ווערק — הייבט זיך אָן דעמאָלט ווען עס ענדיקט זיך איר נאָרמאַלע ביאָגראַפיע. איר דראַמע אַנטפּלעקט זיך ניט ווען זי האָט ליב דעם שריפטשטעלער און דענקער הערמאַן, נאָר נאָך דעם, ווען זי האָט חתונה מיטן ק־ג־ב־אָפיציר גריגאָרי איוואַנאָוו, ווען אסתּר גאָלדפאַרב ווערט מגולגל אין אַסיאַ איוואַנאָוואַ...

אין דעם ווערק „סטאַנציע גראַפּסקאַיאַ" קרייצן זיך פאַרשיידענע גורלות: אסתּר־אַסיאַס גורל, דער גורל פון אַ שוואַנגערנדיקער קאַץ און דער גורל פון דער דערציילערין, וואָס וואַרט אויף איר ערשט קינד, וואָס

זי טראַגט אין איר טראַכט... די דאָזיקע דרײַ גורלות אויף אַ פאַרשנייטער און פאַרוואָרפענער סיבירער סטאַנציע, סימבאָליזירן די טראַגיק פון דער צײַט. אין דעם ווערק גייט די שרײַבערין נאָך דעם גורל פונעם איינצלנעם מענטשן אין דעם אַלגעמיינעם געראַנגל פון דער תקופה...

פאַראַן אין „סטאַנציע גראַפסקאַיאַ" אָן אַ שיעור לעבעדיקע שילדערונגען, עפּיזאָדן און בילדער אין וועלכע די קינסטלערין ווערא האַקען קומט צום אויסדרוק. זי שילדערט אירע העלדן ווי זיי וואָלטן זיך געפונען אויף אַ בינע מיט זייערע האַנדלונגען און טיפע מענטשלעכע קאָנפליקטן. אַלץ וואָס זי דערציילט דערמאָנט אונדז, אַז זי איז אַ טיפע קענערין פונעם מענטשלעכן כאַראַקטער. די עפּיזאָדן און בילדער ווערן באַגלייט מיט אַ טראַגי־קאָמישן גראָטעסקשפּיל, וואָס די מלחמה האָט געשאַפן. עס איז דער כּוח פון דער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט, וואָס קאָן אַזוי אָלימפּיש־רויִק זיך לאָזן פאַרגעסן און אויפנעמען די שיינע וועלט פונעם מענטשן און פון דער נאַטור אין דער גרעסטער טראַגישער צעטומלעניש — מיט אַ שמייכל.

ווערא האַקען געפינט זיך אין אַ פאַרלאָזענער כאַטע. עס באַווײַזט זיך דאָרט פּלוצעם אַן איבערגעשראָקענע קאַץ, וואָס טוליעט זיך צו אירע פיס. דאָס בילד פון דער קאַץ, די רייד צו איר און די כּלומרשטע ענטפערס, דאָס מרוקען פון דער הונגעריקער שטוב־חיה געהערן צו די שטאַרקסטע שטעלן אין דעם ווערק. אין די שמועסן מיט דער קאַץ קומט צום אויסדרוק וועראַס טיפער רחמים־געפיל צום מענטשן און צו דער חיה צו גלײַך... און מיט מינוטן שפּעטער איז זי פול מיט פרייד וועגן איר נאָך ניט געבוירן קינד, זי איז זיכער אַז עס וועט זײַן אַ ייִנגל, האָט געלאָזט פון זיך וויסן: „איך האָב דערפילט, שרײַבט זי, זײַן כּוח. ווי אַ זון איז אין מיר אויפגעגאַנגען; אַ שטאַרקע פרייד, אַ געפיל פון שׂימחה, פון אַ נײַעם חשק צום לעבן, צום איבערלעבן, דערלעבן אים צו האַלטן אין מײַנע אָרעמס — אַ מישמאַש פון פאַרשיידענע געפילן"...

אין דעם צווייטן טייל פון דעם ווערק שילדערט ווערא האַקען דעם קאָמפּליצירטן פּאָרטרעט פון אסתּרן, אָדער ריכטיקער: פון אַסיאַ איוואַ־נאָוואַ.

„נאָך עטלעכע מינוטן שמועסן, דערציילט ווערא, ווייסט זי שוין אַלצדינג וועגן מיר און וועגן מײַן גורל. איצט דערציילט זי מיר, אין אײַלעניש, וועגן זיך. איר נאָמען איז איצט ניט אסתּר, נאָר אַסיאַ איוואַנאָוואַ״...

איר אמתער נאָמען איז, ווי געזאָגט, אסתּר גאָלדפאַרב. זי האָט שוין געהאַלטן בײַם חתונה האָבן מיט איר חתן — הערמאַן. אָבער פּלוצעם ברעכט אויס די מלחמה און די רויטע אַרמיי באַזעצט לעטלאַנד. אינעם הויז פון אירע עלטערן האָט מען אַרײַנגעזעצט אַ לאָקאַטאָר, אַ יונגן בלאָנדן אָפיציר פון דער ען־קאַ־ווע־דע — גריגאָרי איוואַנאָוו. צווישן גריגאָרין און אסתּרן אַנטשטייט אַ שטילע ליבע. ניט לאַנג האַלט די דאָזיקע אידיליע. מען הייבט אָן אַרעסטירן ייִדן און מע שיקט זיי אַוועק אין די הרי־החושך. עס האַלט דערבײַ אַז אויך אסתּרס עלטערן זאָל מען אַרעסטירן. דאָ קומט צו הילף דער פאַרליבטער גריגאָרי. די עלטערן געפינען פאַר זיך אַ נײַע היים אין קויבישעוו און אסתּר ברענגט זיך פאַר אַ קרבן. זי האָט חתונה מיט איר באַשיצער גריגאָרי איוואַנאָוו...

דער שרײַבערינס כּוונה איז דאָ קלאָר: דורך דער געשטאַלט פון אסתּר — אַסיאַ — איוואַנאָוו האָט זי אין זינען געהאַט שילדערן די טרויעריקע איבערלעבענישן פון ייִדישע טעכטער אין יענע בהלהדיקע, טראַגישע צײַטן, ווען ייִדישע מיידלעך זענען גרייט געווען זיך מוסר־נפש זײַן. חתונה האָבן מיט די, וואָס זענען גרייט ראַטעווען זיי און זייערע נאָענטסטע און ליבסטע. אַבי ניט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די היטלער־רוצחים.

דרײַ טעג און איין נאַכט געפינט זיך ווערא אין דער וואַרעמער היים פון אַסיאַס שווער און שוויגער. זיי ווייסן ניט אַז אַסיאַ איז אַ ייִדישקע. אַסיאַ־אסתּר איז די גאַנצע צײַט פול מיט חרטה און טרויער. אָט בענקט זי נאָך איר אַמאָליקן חתן — הערמאַן. די דריטע נאַכט פון רעדן איינער מיט דער אַנדערער, אינעם בוידעמשטיבל, האָט אַסיאַ פּלוצעם גענומען היסטעריש וויינען: „איך האָב אים ליב. איך האָב אים ליב. קוק ניט אַזוי אויף מיר. וואָס וועט זײַן דער סוף פון דעם אַלעמען. יאַ־יאַ. מײַן ליבע איז אַזאַ טרייפענע, אַזאַ קאָרופּטע. אַזאַ ניט־ריינע! דאָס איז אַסיאַ די

געשמדטע, די פאַרעטעריך אַסיאַ. עס איז ניט אסתּר. און באַגאַסן מיט טרערן, האָט זי זיך אַ ווילדן וואָרף געטאָן אויף מיר, געוויינט און געהעשעט"...

בײַם סוף פון דער דערציילונג קומט ווידער צום וואָרט די דערציילע־רין מיט איר אייגענעם צער און טרויער... אַסיאַ־אסתּר בעט זיך ביי איר מיט ביטערע טרערן: „בלײַב, בלײַב דאָ, שוועסטער מײַנע, די וועלט שטייט אין פלאַמען. וועד ווייסט ווהין דו לאָזסט זיך גיין"... און אָט ווי עס לייענען זיך די לעצטע שורות פון דער דערציילונג: „איך דערפיל מײַן קינד. ווו — ווו, פרעג איך, וועט זײַן דאָס אָרט פון דײַן געבוירן ווערן? וואָס וועט זײַן דײַן ייִדישער גורל? און דו, מײַן שוועסטער אסתּר, וואָס וועט זײַן מיט דיר? וואָס!"

דער גורל פון אסתּר גאָלדפאַרב, ווי ער ווערט געשטאַלטיקט דורך ווערא האַקען, איז מרמז אויף י. ל. פּרצעס השפּעות. באַזונדערס פון זײַן באַרימטער דערציילונג „די פאַרשטויסענע", וואָס פּרץ ענדיקט מיט די ווערטער: „זאָל זי מישפּטן דער וואָס איז העכער איבער אַלע פעלקער און זייערע פאַרוויקלטע וויכּוחים און בלוטיקע שטרײַטן..." אָט דאָס האָב איך באַשטימט הײַנט צו זאָגן לכּבוד דער שרײַבערין — ווערא האַקען!

אליעזר פּאָדריאַטשיק

דערציילונגען

סטאַנציע גראַפּסקאַיאַ

נאָוועלע

געווידמעט מײַן זון זשאָרזש

אַן איינזאַמע, אַן איבערגעשראָקענע, ווי איך, האָט זיך אַ קאַץ הײַנט אין דער פרי צוגעטוליעט צו מײַנע קני און מיר זײַנען ביידע פאַרבליבן אַזוי זיצן. געשען איז דאָס אויפן שוועל פון דער פאַרלאָזענער כאַטע מיט דעם צעבראָכענעם, הילצערנעם גאַניקל, וואָס איז די לעצטע פּאָר טעג געוואָרן מײַן „האָטעל", מײַן צײַט־ווײַליקע „היים".

די זעקס אויסגעקרומטע שטיגן פירן אַרײַן אין אַ שוואַרצער עפענונג, וואָס איז אַן אַ ברעג. אינעווייניק זײַנען פאַראַן בלויז דרײַ ווענט, די פערטע האָט מען מסתמא צעשאָסן. אַט אַזוי איז פון אַ מענטשלעכער שטוב, וואָס האָט אַ מאָל געהייסן אַ היים און באַדײַט אַ וואַרעמע שוץ פאַר מענטשן — געוואָרן אַ קאַלטע, ליידיקע חורבה.

„נו, זאָג איך צו דער קאַץ, ווי געפעלט דיר עפּעס די מעשה? ווו זײַנען מיר ביידע אויסגעוואַקסן, האַ? און פון וואַנען קומט אַ קאַץ: האָסטו אפשר אַ מאָל, ווען ניט איז פריער, געוווּסט פון אַזאַ מין אָרט ווי גראַפּסקאַיאַ?"

איך גלעט דעם לאַנגן, אויסגעמאָגערטן קערפּער מיט מײַן פאַרגליווערטער האַנט און דאָס באַשעפעניש הייבט אַן צו מרוקען: מורר... מורר... גלײַך עס וואָלט נאָך געווען אַ וועלט מיט וועלטן גלײַך, ווו עס לעבט זיך נאָך גאַנץ נישקשהדיק און ווו עס גלוסט זיך נאָך צו מרוקען.

נאָוועמבער 1941. מען געפינט זיך אויף דער פּליטה. אין דעם

תּוהו־ובוהו פון עוואַקואַציע, ערגעץ ווו אויף אַן אַנדער סטאַנציע, האָב איך פאַרלוירן מײַנע עלטערן. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז זיי געפינען זיך ערגעץ ווו גאָר ניט ווײַט פון מיר; אָבער איך ווייס ניט ווו זיי זײַנען און צי איך וועל זיי נאָך אַ מאָל זען אין מײַן לעבן. אין די סאַמע ערשטע טעג פון מלחמה האָט זיך מײַן מאַן פרײַוויליק געמאָלדן אויפן פראָנט. ווו איז ער איצט און ווי אַזוי וועלן מיר זיך נאָך אַ מאָל אָפּגעפינען? ווו אַהין וועלן מײַנע עלטערן ווײַטער לויפן?

איך שטעל זיך פאָר מײַן מוטער:

„איך ריר זיך ניט אַוועק פון דאַנען, דו הערסט? פאַרשפּאָרסט אַפילו צו ריידן. וואָס ווילסטו, אויפגעבן זי צו זוכן? אַוועקפאָרן מיט דער ערשטער באַן און זי איבערלאָזן אויף קידוש־השם? ביסט אַראָפּ פון זינען? אַ שוואַנגערדיקע אין פינפטן חודש, איז דאָך דאָס קינד שוואַך און קראַנק, אַליין אויף דער גאַנצער וועלט און דו ווילסט אַוועקפאָרן אָן איר? אָט אַ דאָ בין איך און דאָ בלײַב איך. אויב דו ווילסט פאָרן, פאָר זיך געזונטערהייט. אַ פּנים אַ טאַטע — איז טאַקע ניט קיין מאַמע"...

איך הער אויך מײַן טאַטן ענטפערן:

„סאָניאַ, טײַערע, באַרויִק זיך, איך זאָג ניט אַוועקפאָרן הײַנט אָדער מאָרגן. לאָמיר טאַקע נאָך אָפּזיצן דאָ אַ טאָג אָדער צוויי. אפשר געפינט זי זיך טאַקע ערגעץ ווו ניט ווײַט פון אונדז און זוכנדיק אונדז וועט זי צוריקקומען. אָבער טאָמער, חלילה, ניט — איז וואָס זשע ווילסטו, בלײַבן דאָ און וואַרטן אויפן דײַטש? זיי זײַנען ניט ווײַט פון אונדז. מיר וועלן, סוף־כּל־סוף, מוזן אַוועק פון דאַנען. ס'איז איצט ניט קיין צײַט פאַר היסטעריעס".

דער טאַטע רעדט און די מאַמע זיצט און וויינט. ער רעדט שכלדיק. זי אָבער פאַרגייט זיך מיט אַ טיפן, ווייטיקדיקן כליפּ. אַזוי איז דאָס שטענדיק געווען: מײַן טאַטע — כּולו חכמה, ריינע לאָגיק; די מאַמע אָבער, די טײַערע, שיינע, קאַפּריזנע מאַמע מײַנע — בלויז עמאָציעס און... טרערן, שטענדיק גרייט צו פליסן

אין הייסע, גיכע שטראָמען איבער אירע ווייַסע, געפּודערטע באַקן.

דרייַ טעג און פיר נעכט געפין איך זיך שוין דאָ. מייַן „היים" איז די כאַטע מיט די דרייַ ווענט און מיט דער שוואַרצער עפענונג וואָס פירט צו דער אומפרייַנדלעכער, ווינטערדיקער וועלט אַרויס.

מייַן גאַנץ פאַרמעג: אַ צעקנאָדערטער טשעמאָדאַן — אַ מאָל פון רויטן לעדער — איצט אָבער שוין נאָר אַ חורבה פון אַ טשעמאָדאַן. אויפן קאָפּ טראָג איך אַ וואַרעמען שאַל פון ענגלי־שער וואָל: מייַן מוטער האָט דאָס צופּעליק אייַנגעפּאַקט. איך זאָג „צופּעליק", ווייַל געפּאַקט האָט מען אין פּאַניק, אונטער דעם הילך פון באָמבעס, אין שרעק, אין פאַרצווייפלטער אייַלעניש. עס האָט זיך שפּעטער, שוין אין וועג, אַרויסגעוויזן, אַז די מאַמע האָט אַרייַנגעוואָרפן בלויז זומערדיקע זאַכן, קיין שום ווינטערדיקע, אַחוץ דעם שאַל. מייַן מאַנטל איז אַ נייַער. ערשט ניט לאַנג פאַר דעם אָנהייב פונעם וועלטאומגליק איז דער „דעמי־סעזאָן"־מאַנטל געניייט געוואָרן פון אַ „מייַסטער". איין ווייַסע הענטשקע האָב איך געפונען אין דער קעשענע פון מייַן עלעגאַנטן, נוצלאָזן מאַנטל, די צווייטע — אַ פּנים פאַרלוירן — און אַזוי אַרום איז איין האַנט מייַנע אַ שטיפקינד בייַ מיר.

נעכטן בייַ נאַכט האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט מייַן קינד: אין מיטן דער נאַכט, גראָד ווען אויפן נאַכטלעכן הימל האָבן זיך באַוויזן עראָפּלאַנען, זייערע און אונדזערע, און פּראָזשעקטאָרן האָבן אָנגעהויבן צו וואַנדערן, ווי בלאָנדזשענדיקע לבנה־שטראַלן, זוכן דעם שונא מיט זייערע לאַנגע, בלויע פּאַסן פון ליכט, וואָס האָבן זיך געקרייציקט ווי זילבערנע שפּיזן אויפן שוואַרצן סאַמעט פונעם באַדראָטן הימל, אָט גראָד דעמאָלט האָט עס אַ גוואַלטיקן, אימפּעטיקן וואָרף געטאָן אין מיר, אינעווייניק אין מייַן בויך, און עס האָט מיך אַ שלייַדער געטאָן צו דער קאַלטער וואַנט.

אין דער רגע האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטיין פון וואַנען קומט דער כּוח, וואָס וואַרפט מיך ווי אַ לייַכטן וואַגלאָזן ברעטל.

באַלד אָבער האָב איך עס ווידער דערפֿילט; דאָס מאָל מיט אַ ריטעם: קלאַפּ־קלאַ־קלאַפּ... ווייכער, צאַרטער ווי דאָס ערשטע מאָל, אָבער דײַטלעכער און עקשנותדיקער.

ערגעץ ווו האָט אין דעם מאָמענט אויפֿגעפֿלאַקערט אַ רויט־לעכער, באַוועגלעכער פֿלאַם און איז פֿאַרלאָשן געוואָרן. די נאַקעטע דרײַ ווענט האָבן אַ ציטער געטאָן און די גאַנצע כאַטע האָט זיך אָן עבר־בטלדיקן וואָרף געטאָן.

מײַן אומגעבוירן קינד האָט געלאָזט פֿון זיך וויסן. איך האָב סוף־כּל־סוף דערפֿילט זײַן אומגעדולד, זײַן כּוח. ווי אַ זון איז אין מיר אויפֿגעגאַנגען אַ שטאַרקע פֿרייד, אַ געפֿיל פֿון שׂימחה, פֿון אַ נײַעם חשק צום לעבן, צום איבערלעבן, דערלעבן אים צו האַלטן אין מײַנע אָרעמס; אַ מיש־מאַש פֿון פֿאַרשיידענע, אומבאַשרײַב־לעכע געפֿילן.

הײַנט אין דער פֿרי, בעת איך בין געגאַנגען זיך אָנוואַרעמען אויף דער פּאָטשעט, האָב איך דעם בחור מײַנעם ווידער דערפֿילט. דאָס מאָל איז ער געווען כּלומרשט העפֿלעך, ציכטיק, פֿאַרזיכטיק און ווויל דערצויגן, ממש אַ מחיה פֿון אַ זונעלע. אַ ווייכן, איידעלן קלאַפּ געטאָן און זיך ווידער אָפּגערוט, ווי ער וואָלט זיך בײַ מיר ערשט פֿרעגן געוואָלט:

„מעג מען נאָך אַ קליין קלאַפּעלע טאָן, אָדער בעסער ניט?"

אין די טעג ווען איך האָב זיך פּלוצלינג געפֿונען אַליין אויף דער מרה־שחורהדיקער וועלט, האָב איך אָנגעהויבן שפּילן אַ מין שפּיל מיט זיך אַליין — געצל־גויעצל: כ'האָב אָנגעהויבן טראַכטן אין גאַנצע דיאַלאָגן און הערן אין מיר שטימען. זיך אָנגעהויבן דורכריידן, פֿאַרווײַלן מיט די דאָזיקע, היימישע שטימען — פֿון מײַן מאַמען, פֿון מײַן טאַטן און בפֿרט מיט דער פֿרישער, מונטער־ער, אָפּטימיסטישער שטים פֿון מײַן מאַן. הײַנט, ווען מײַן „בחור" האָט פֿון זיך צו וויסן געטאָן, האָב איך אויך דערהערט זײַן שטים און כ'האָב אָנגעהויבן שפּילן דאָס שפּיל אויך מיט אים.

„נו, זאָג איך צו אים, וואָס הערט זיך דאָרטן בײַ דיר אונטן,

זונעלע, האַ? ס׳איז דיר עפּעס גוט וואַרעם דאָרטן? נו, נו, זאָל דיר טאַקע זײַן וואַרעם און גוט בײַ דער מאַמען אין בויך. באַלד, באַלד וועסטו מוזן אַרויס פון דאָרטן, אַרויס אין אָט דער קאַלטער, ווינטערדיקער, מלחמהדיקער, קראַנקער וועלט און וואָס וועט דעמאָלט זײַן? ווײ איז צו דער מאַמען, עס וועט דיר שוין אַזוי גוט ווי איצט קיין מאָל ניט זײַן״...

„ערשטנס, ענטפערט מיר די נײַע, זיסע שטים אין מיר, ערשטנס, פון וואַנען נעמסטו עס, אַז איך בין אַ בחור און ניט קיין מיידל, האַ? און צווייטנס: וואָס שרעקסטו זיך, מאַמע מײַנע, ביז וואַנען איך וועל דאַרפן אַרויסקומען, וועט שוין קיין מלחמה מער ניט זײַן און אַלץ וועט זײַן אין דער בעסטער אָרדענונג״...

ווי נאָר איך דערהער דאָס וואָרט „מאַמע״, טו איך אַ ציטער און שטייענדיק בײַ דעם אָנגעגליטן אײַזערנעם אויוון אויף דער פּאָטשט, פיל איך אַז אָט־אָט פאַל איך אַוועק און חלש, אַ יונג זעלנערל, מיט ווײַסע וואָנצעס און ווײַסע ברעמען איבער זײַנע וואַסערדיק־בלויע קינדעראויגן, בייגט זיך אַריבער איבער מיר, כאַפּט מיך אויף זײַנע אָרעמס און פרעגט: „הונגעריק, מאַמע, האַ?״

צום צווייטן מאָל דעם פרימאָרגן הער איך דאָס כּישוף־וואָרט „מאַמע״.

דאָס זעלנערל נעמט אַרויס אַ שטיקל שוואַרצן שאָקאָלאַד, האַרט ווי אַ שטיין, קוים־קוים אײַנצובײַסן און דערמונטערט מיך דערמיט. וואָלט ער מיר דאָס איצט ניט געגעבן, וואָלט איך בלי־ספק אַוועקגעפאַלן אַ פאַרחלשטע אויף דער נאַסער פּאָדלאָגע.

די „סטאָלאָוואַיאַ״ (קאַנטין) אַנטקעגן דער פּאָסט, פלעגט מען יעדער טאָג עפענען, אָבער בלויז פאַר די רויטאַרמייערס. יעדער טאָג, מיטאָגצײַט, האָט זיך די טיר ברייט אויפגעמאַכט. די סאָלדאַטן האָבן זיך תּיכּף אָנגעהויבן צו באַווײַזן, אַרויסקריכן פון אַלע ווינקלען פון דער סטאַנציע און אַרײַנגייין עסן.

פון אינעווייניק טראָגט זיך אַ פאַרע געמישט מיט אַ שטאַרקן, גוטן ריח פון פרישן עסן; מען דערלאַנגט יעדער טאָג די זעלבע

מאָכלים: באָרשט און הייסע פאַרברענטע קאַשע מיט בוימל. ווי נאָר די דאָזיקע רייצנדיקע ריחות הייבן אָן אָנצופילן די גאַנצע סטאַנציע, פאַרבאַהאַלט איך גלייך מײַן פאַרשעמט, הונגעריק פּנים אין מײַן שאַל. דאָ פילט זיך נאָך שוואַך, אָבער דײַטלעך, דער ריח פון מײַן מאַמעס פּערפיום: „טאָסקו 4711" און איך דערפיל זיך מיט אַ מאָל ניט מער אַזוי אַליין, ניט אַזוי פאַרלאָזן פון גאָט און מענטש.

דאָס איז דאָך נאָך געווען בלויז דער אָנהייב פון דער קאַ־טאַסטראָפע: מענטשן האָבן נאָך געהאַט בושה אין האַרצן און זיך נאָך געשעמט אַרויסצוווײַזן זייער ווילדן, חיהשן הונגער. שפּע־טער האָט זיך דאָס געפיל פון בושה, ווערדע, שטאָלץ פאַרלוירן און איז אונטערגעגאַנגען אין דעם ים פון מענטשלעכער פאַר־צווייפלונג צוזאַמען מיט דער לעצטער האָפענונג, אַז עס וועט נאָך אַ מאָל קומען דער טאָג, ווען מען וועט זײַן ריין, אָן לײַז, ווען מען וועט ענדלעך קאָנען אַראָפּוואַרפן פון זיך די פאַרלײַזיקטע שמאַטעס, אָנטאָן אַ ריין קלייד אויף אַ ציכטיקן קערפּער און זײַן אַ מענטש מיט מענטשן צו גלײַך.

אָבער, פאַרשעמט צי ניט פאַרשעמט — דער הונגער האָט געטאָן זײַנס. יעדער טאָג, נאָך דעם ווען זיי האָבן נאָכן עסן גענומען אַרויסקומען, קײַענדיק דעם לעצטן ביסן, פלעג איך זיך אָוועקשטעלן בײַ דער טיר און וואַרטן. עס האָט זיך יעדער טאָג עמעצער געפונען, וואָס האָט מיר עפּעס געגעבן צו עסן.

דעם טאָג ווען די קאַץ האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט, האָב איך געוווּסט, אַז דאָס מיינט אַן אורח אויף שבת. איך וועל מוזן טיילן מיט איר דעם קאַרגן, צופעליקן ביסן, וואָס מען וועט מיר אַ מאָל דערלאַנגען אויס רחמנות. אַ ברירה האָב איך? זי איז דאָך הונגעריק פּונקט ווי איך, אַליין — ווי איך, אפשר אויך פאַרלוירן אירע אייגענע, ווי איך, און ווער ווייס, זי איז אפשר אַפילו טראַגעדיק, ווי איך?

איך כאַפּ אָן מיט מײַן פאַרשטאַרטער, פאַרפרוירענער האַנט

איר בויך און... אוי, טאַטע זיסער, וואָס זע איך? כאָטש דער קערפּער אירער איז אויסגעדאַרט ביז גאָר, איז דאָך דער בויך וואַרעם, פּעט און אָנגעפּילט מיט עפּעס לעבעדיקס, רירעוודיקס, וואָס שטרעבט אַרויסצוקריכן פון איר.

„אַ שיין באַשעפעניש, זאָג איך צו איר, אין וועלכן חודש ביסטו, שכנה מײַנע?״

זי מאַרוקעט און מאַרוקעט. ווייסן מיר בײדע ניט, ווו אונדזערע קינדער וועלן באַגעגענען די וועלט. ווייסן מיר בײדע ניט, ווי אַזוי מיר וועלן זיי דערציִען. מיר האָבן בײדע דערפילט די זיסקייט אין אונדז און אָט די זיסקייט דאַרט אונטן באַוועגט זיך און מאָנט בײַ אונדז:

„זע, אַז דו זאָלסט דאָס אַלץ איבערלעבן. דו מוזסט איבער־לעבן. געדענק, איך בין דאָ און איך האָב נאָך ניט געלעבט״!

„הער זיך צו, שכנה, זאָג איך צו דער קאַץ, איך וועל דאָ לאַנג ניט בלײַבן. זוך דיר אויס אַן אַנדער חברטע. איך וואַרט אויף מײַנע עלטערן. יעדער צווייטן טאָג, ווען אַ באַן קומט דאָ אָן, גיי איך און קוק זיך די אויגן אויס. ביז הײַנט זענען זיי נאָך אַלץ ניט געקומען. איך וועל נאָך וואַרטן נאָך עטלעכע טעג, אָבער דאַן מוז איך אַוועקפאָרן, ווו? וווהין די אויגן וועלן נאָר פירן. דאָ איז ניט קיין ,טיל׳, ניט קײַן ,הינטערלאַנד׳; ס׳איז צו נאָענט פון די מחנות פונעם ביטערן שׂונא. איך בין אַ ייִדישקע, קאַץ, פאַרשטייסטו וואָס דאָס מיינט? אפשר ביסטו ניט ווי איך, ניט אין אַזאַ שרעקלעכער סכנה, אפשר ביסטו סתּם אַ קאַץ, אַן רעליגיע, ׳ראַסנריין׳, מיט אַ געזונטערער אָפּשטאַמונג פון מיר — ביסטו טאַקע מזלדיקער פון מיר און קאָנסט זיך דאָ רויִק בלײַבן — זיי וועלן דיך נישט טשעפּען״.

בעת איך שטיי בײַ דער אָנקומענדיקער באַן, הער איך זיך צו צו די פּליטים. זיי רופן אָן נעמען ווי: אַלמאַ־אַטאַ, טאַשקענט, סאַמאַרקאַנד, דזשאַמבול — נעמען וואָס קלינגען פאַר מיר ווי אַרויסגענומען פון אַ „שעכערעזאַד״־בוך. איך קוק זיך צו צו דער

גיהנומדיקער „פּאָסאָדקע״ — דאָס מיינט — ווי זיי שטײַגן אײַן אין דעם שוין סײַ ווי איבערגעפּולטן וואָגן. די מענטשן שטופּן זיך אין פּאַרצווייפלונג, זיי ווערן חיהש־ברוטאַל און עס קומט פּשוט אויס צו טראַכטן, אַז זיי וואָלטן אַלע געוואָלט איינער דעם אַנדערן אַוועקהרגענען צום טויט, כּדי אויף דער צעשטערטער, משוגע געוואָרענער וועלט זאָלן בלײַבן ווייניקער מענטשן און זיי זאָלן קענען פרײַער אָטעמען אין די אָנגעפּאַקטע, שרעקלעכע וואַגאָנען.

„מאָרגן וועל איך זיך אויך דאַרפן „פּאָסאָדיען״. איך וועל אויך מוזן ווערן אַ חיה, אָן אַ ביסל מענטשלעכקייט, זיך מוזן שטופּן פּונקט אַזוי ווילד ווי זיי. ווײַל טאָמער וועל איך וועלן זײַן „ציוויליזירט״ און הומאַניטאַריש, וועל איך בלײַבן אונטן. ניטאָ קיין חכמות: ס׳איז אָדער איך — אָדער דו. אויף לעבן און טויט.

„ווײַסט מיר מוזן מוחל זײַן, קאַץ, איך וועל אפשר דאַרפן אַוועקפּאָרן פון דיר אָן אַ זײַ־געזונט. אַט אַזעלכע ווילדע צײַטן זײַנען דאָס״.

„יאָ, מיאַוקעט זי אומצופרידן, אַזעלכע צײַטן זײַנען דאָס״...

אין די עטלעכע טעג פון מײַן זײַן אויף דער סטאַנציע גראַפּס־קאַיאַ, בעת איך בין געלעגן אין מײַן „האָטעל״, האָב איך אויס־געאַרבעט אַ מין „פּראָגראַם״:

אין דער פרי בלײַב איך אין מײַנע דרײַ ווענט. איך פּאַרנעם זיך מיט מײַן „טואַלעט״. ביז הײַנט האָבן זיך בײַ מיר, גאָט צו דאַנקען, קיין לײַז נאָך ניט באַוויזן, מען מוז אָבער טאָג־טעגלעך קאָנטראָלירן.

מיטאָגצײַט גיי איך אַרויס און שטעל זיך אַוועק בײַ דער „סטאָלאָוואַיאַ״ (קאַנטין). איך „בײַס איבער״ דאָס וואָס גאָט באַשערט מיר און נאָך דעם גיי איך זיך אָנוואַרעמען אין דער פּאָטשט.

אַרום דעם שוואַרצן, אָנגעגליטן אײַוועלע שטייען שוין מענטשן און שטרעקן אויס די געפרוירענע הענט. איך טו דאָס זעלבע און

מײַנע הענט האַלטן אָפּ אַ „ראַנדעוווּ״ מיט די הענט פֿון נעכטן און פֿון אייערנעכטן. אַלע שוין אַלטע באַקאַנטע געוואָרן. די פֿינגער באַרירן זיך, מען שטייט, מען וואַרעמט זיך און מען שמועסט.

צום באַדויערן קאָן מען דאָ לאַנג ניט פֿאַרבלײַבן: אַנדערע וואַרטן אויך אויף זייער ריי. בײַ די פֿענצטער פֿון דער פּאָטשט זעט מען תּמיד אַ לאַנגע „אָטשערעד״, אַ ריי פֿון ווײַבער מיט גראָבע טיכער אַרום דעם קאָפּ, מיט בריוו אין זייערע הענט, אַ סך מאָל אין קאָנווערטן, וואָס זיי האָבן אַלע געמאַכט פֿון גרויען, דיקן פּאַפּיר. טייל שטייען דאָרטן אויך מיט פּעקלער, אַוועקצושיקן אויפֿן פראָנט.

די פּאָדלאָגע אונטער די פֿיס ווערט אַלץ נאַסער און נאַסער. די פּאָטשט פֿילט זיך אָן מיט אַ געדיכטן נעפּל פֿון פּאַרע. פֿון דער סטעליע הענגט אַראָפּ אַ נאַפּטלעמפּל. עס וואַרפֿט אָן אַנעמיש ליכט, ס׳מאָלט אַ געלע, קראַנקע בלייכקייט אויף די פּנימער.

ערגעץ ווו וויינט, ווײַט פֿאַלט אַ באָמבע. דעם שאָס הערט מען ניט, אָבער מען דערפֿילט אַ שטאַרקן ציטער. דאָס לעמפּל טוט זיך אַ ווילדן טרייסל. די „אָטשערעד״ פֿאַר דעם פֿענצטער בלײַבט אַ פֿאַרשטיינערטע שטיין, קיינער רירט זיך ניט פֿונעם אָרט. אַפֿילו די עופֿעלעך, אויף די אָרעמס פֿון זייערע מאַמעס, הערן אויף צו וויינען, גלײַך זיי וואָלטן אויך שוין פֿאַרשטאַנען — אין וואָס דאָ גייט.

איך שטיי בײַ דעם אייוועלע און וואַרעם זיך. די קאַץ טוליעט זיך צו מײַנע פֿיס, קוקט אַרויף צו מיר, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן:

„דו מיינסט, אויב דיר איז וואַרעם, איז מיר דערפֿון ממילא אויך וואַרעמער? סאַראַ עגאָאיסטן זײַנען דאָס די מענטשן, פּע, פּע!״

בײַ דעם פֿענצטערל שטייט אַ יונגע, אינטערעסאַנט אויסזעענדיקע פֿרוי. זי האַלט אַ פּעקל אין איר האַנט מיט אַן אַרמייאַדרעס, געשריבן מיט שוואַרצן טינט, מיט גרויסע, קלאָרע אותיות.

די גאַנצע צײַט פֿיל איך איר בליק אויף מיר. איך קוק זיך

צו צו איר און... און... איך ווער ממש איבערראַשט: אַן עלעגאַנטע, יונגע פרוי אין אַ מאָדערנעם מאַנטל, מיט אַ קיילעכדיקן, טײַערן פוטערנעם קאָלנער אַרום איר שלאַנקן, ווײַסן האַלדז. אויפן קאָפּ טראָגט זי — איך גלייב ניט מײַנע אויגן — אַ רויט פילצן היטל מיט אַ סקאָטישן באַנד אַרום; ווײַסע הענטשקעס אויף די הענט; עלעגאַנטע, ליכטיקע, אומפּראַקטישע שיכעלעך אויף אירע דינע, פײַנע פיסעלעך, שיכעלעך אויף הויכע קנאַפּלען — ממש אַ וויזיע פון „יענער־וועלט", אַן אויסגעחלומטע געשטאַלט פון אַן אונטער־געגאַנגענער וועלט, וואָס איז אַ מאָל, אַ מאָל, הונדערט יאָר צוריק, געווען אויך מײַן וועלט. אָט שטייט פאַר מיר, דאַכט זיך, מײַנע אַן אינטימע, גוטע באַקאַנטע, וואָס כאָטש כ'האָב זי נאָך קיין מאָל נישט געזען, נאָר קענען קען איך זי דאָך שוין מײַן גאַנץ לעבן!

דאָס גאַנצע פיגורל אירס, אין די נוצלאָזע, לעכערלעכע, עלעגאַנטע זאַכן, וואָס טויגן לגמרי ניט פאַר דעם רוסישן ווינטער, ניט פאַר דער צײַט און בפרט ניט פאַר דער לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך איצט; די הויכקנאַפּלדיקע, אַבסורדע שיכעלעך, וואָס מען קען טראָגן נאָר צום שפּאַצירן אויף גרויסשטאָטישע בולוואַרן, אויפן קאָרסאָ אָדער אין אַ פּאַרק מיט שפּרודלדיקע פאָנ־טאַנען, אָט דאָס אַלץ וואָס איז געווען אפשר הונדערט יאָר צוריק אויך מײַן אייגענער סטאַנדאַרט פון לעבן — דאָס אַלץ לעבט אויף פאַר מײַנע אויגן אין דער געשטאַלט פון דער דאָזיקער „פּאָטאַ מאָרגאַנאַ", וואָס וועט, האָב איך מורא, באַלד צערינען ווערן.

איך קוק אויף איר — זי קוקט אויף מיר. ענדלעך טוט זי מיר אַ ווונק מיט די אויגן. איך פאַרשטיי דעם טײַטש און גיי אַרויס פון דער פּאָטשט. איך גיי פּאַמעלעך, מיט שווערע טריט צו מײַן כאַטע. כ'בלײַב שטיין אויף דער שוועל און וואַרט.

„וואָס טוט זיך דאָ? ברומט די קאַץ אַ פאַרסאָפּעטע, אַ בייזע, — זי איז מיר נאָכגעלאָפן, — וואָס טוט זיך דאָ? ווער איז

זי פּאַר דיר, די פרעמדע, אַנגעטון ווי צו אַ פּורים־שפּיל, האַ?"

אַ פאַרכישופטע קוק איך אויף דער טיר. אַט קומט זי אַרויס און זוכט מיך מיט די אויגן. דערזעט מיך. לויפט צו צו מיר. ווי גראַציעז איז איר גאַנג, ווי לײַכט זי באַוועגט זיך, ווי ווייך איז דער אויסדרוק אויף איר שיינעם פּנים!

זי בייגט זיך צו צו מיר און שעפּטשעט שטיל מיט אַ צוריק־געהאַלטענער לײַדנשאַפטלעכקייט אין איר שטים:

„עמך?"

צו ערשט פאַרשטיי איך ניט וואָס דאָס מיינט „עמך". אַ צעחושטע קוק איך אויף איר און צי אַרײַן אין זיך דעם פֿײַנעם ריח פון איר פּערפום. נאָר באַלד אָבער האָב איך יאָ פאַרשטאַנען:

„עמך, עמך, אַוודאי, פון וואַנען זענט איר?"

„לאָמיר פאַרזעצן אין רוסיש, ‚לאַדנאָ' (גוט)", זאָגט זי.

„יאָ, יאָ, יאָ, רוסיש, רוסיש, וואָס איז דער חילוק, רעדט, רעדט..." ענטפער איך מיט אַן אידיאָטישן געלעכטער און צעוויין זיך אויפן קול.

„שאַ, שאַ, שטיל, טײַערינקע, זאָגט זי און גלעט מיך איבערן קאָפּ, שאַ, שאַ... איך קום פון מיטאַווע, לאַטוויע. און איר, און איר? אוי, וויינט ניט, וויינט ניט". אָבער זי אַליין שלינגט שוין אויך די טרערן, וואָס רינען ווי צוויי דינע שנירעלעך איבער איר גאַנצן פּנים.

„ווער וויינט? ווער וויינט?..." כליפּע איך און נעם איר אין קורצן דערציילן מײַן „סטאַטוס קוואָ".

מיר האָבן גערעדט סך־הכּל עטלעכע מינוטן, אָבער מיר האָבן שוין באַוויזן אין איין אָטעמצוג צו הערן דאָס וויכטיקסטע איינע פון דער אַנדערער.

„בוקאָווינע, זאָגט זי, איך ווייס, איך ווייס, די שיינע, גרינע בוקאָווינע, ‚אַ פּרינצעסין צווישן די קאַרפּאַטן'... איך האָב אַ מאָל געקענט אַ משוגענעם פּאָעט איינעם, וואָס האָט מיר כּסדר געוואָלט לייענען זײַנע פּאָעמעס, אַזעלכע לאַנגווײַליקע, לאַנגע, אָן אַ סוף,

און אַלע פון דער בוקאָווינע אײַערער, זאָגט זי און לאַכט, מײַן קליינע מיטאָווע אָבער איז גאָר, גאָר ווײַט פון אײַך״.

„ווײַט, זאָגט איר, ווײַט. אָבער פונדעסטוועגן זענען מירביידע דאָך לאַנדסלײַט, ניט אמת? ווי מיינט איר?״

„לאַנדסלײַט, זאָגט איר, טאָ נעמט זשע מיך טאָקע אַרום און אונדזער ,בונד׳ איז געשלאָסן״.

נאָך עטלעכע מינוטן און זי ווייסט שוין אַלצדינג וועגן מיר און וועגן מײַן גורל. אַפילו פון מײַן אומגעבוירן קינד ווייסט זי שוין אויך. איצט דערציילט זי מיר אין אײַלעניש וועגן זיך: איר נאָמען איז איצט אַסיאַ איוואַנאָוואַ, איר מיידלשער נאָמען איז געווען אסתּר גאָלדפאַרב. דאָס פעקל פאַר איר מאַן, וואָס איז אויפן פראָנט, שטייט איצט צווישן אונדז. ס׳טראָגט דעם נאָמען גריגאָרי איוואַנאָוו.

„מײַן מאַן קעמפט פאַר אײַך, פאַר מיר, פאַר אַלע ייִדן. לאָמיך זשע טאָקע אָוועקשיקן דאָס פעקל. יאָ? וואַרט דאָ אויף מיר. איך וועל באַלד צוריקקומען און אײַך נעמען צו זיך, צו מײַנע שוועער־און־שוויגער. זיי וווינען גאָר ניט ווײַט פון דער סטאַנציע, אין דאָרף גראַפסקאַיאַ גופּא״.

זי גיט מיר אַ הייסן, פײַכטן קוש אויף מײַנע באַקן און זאָגט:

„גייט מיר ניט אַוועק פון דאַנען, איר הערט? גייט ניט אַוועק... איך קום באַלד צוריק״ און זי אַנטלויפט צו דער פּאָטשט. בײַ דער טיר דרייט זי זיך נאָך איין מאָל אויס צו מיר און גיט מיר אַ צייכן מיט דער ווײַסער הענטשקע — דאָס מיינט — „וואַרט אויף מיר״. אַן איבערגליקלעכע גיי איך אײַנפּאַקן מײַנע זאַכן. די קאַץ גייט מיר נאָך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן וויידל.

„נו, זײַ געזונט, שכנה, זאָג איך צו איר, איך גיי אַוועק מיט מײַן נײַער חברטע. פרעג מיך ניט ווי ס׳קומט, אַז אַ ייִדיש מיידל, מיט דעם כּשרן נאָמען אסתּר, זאָל גאָר פּלוצעם אויסוואַקסן דאָ, חתונה האָבן מיט אַ גריגאָרי איוואַנאָוו, וווינען בײַ אירע שוועער־און־שוויגער אין דעם דאָזיקן רוסישן דאָרף... איך ווייס נאָך גאָר־

ניט, אָבער איך דאַנק גאָט וואָס איך האָב זי געפונען און איך וועל זיך שוין פון איר ניט אָפּטשעפּען, דאָס קאָנסטו שוין זײַן זיכער".

„דו לאָזסט מיך איבער, הייסט עס, ברומט די קאַץ אַ באַליידיקטע, אַן אַנטוישטע. און צוליב וועמען? צוליב אַ פרעמדער, דערצו נאָך אויף הויכע קנאַפּלעך, מישטיינס געזאָגט. נו, אַ פײַנעם כאַראַקטער האָסטו, מען קאָן זיך ניט באַקלאָגן. אַ פאַלשע קאַץ ביסטו!" און זי ציט אײַן דעם אויסגעדאַרטן, פאַרפרוירענעם וויידל און גייט אַוועק מיט אומעטיקע טריט, ווי פון אַ לוויה.

מיר הייבן אָן צו גיין. אסתּר־אַסיאַ טראָגט מײַן טשעמאָדאַן אין אײן האַנט און מיט דער אַנדערער האַלט זי מיך בײַ מײַן האַנט און ווען אונדזערע פינגער ווערן שטײַף פון קעלט, לייגט זי ביידע אונדזערע הענט אַרײַן אין דער קעשענע פון איר מאַנטל. מיר גייען אויפן שמאָלן שטעגעלע וואָס פירט אין דאָרף אַרײַן.

דער וועג איז געפרוירן נאָך פון וואָכן פריִער. אירע הויכע קנאַפּלען קלאַפּן לוסטיק אויפן אײַז: קלאַ־קלאַפּ... פון ביידע זײַטן וועג שטייען הויכע, דינע, אַנעמיש אויסזעענדיקע בעריאָזעס. זיי שטייען גאַנץ שטיל, אָן באַוועגונג, מיט זייערע נאַקעטע, שוואַרצע צווײַגן אויסגעשפּרייט און מיט שטיקעלעך קרישטאָל, די אײַזליכטע־לעך, וואָס הענגען אַראָפּ פון זיי. בײַ יעדער בלאָז פונעם ווינט הייבן די אײַזליכטעלעך אָן צו קלינגען, ווי גלעקלעך. אַ וואַטענע, ווייכע כמאַרע פון שניי פאַלט אַראָפּ פון די צווײַגן און באַשטויבט אונדזערע פנימער מיט אַ קאַלטן, פרישן, בײַסנדיקן פודער.

מיר ריידן אָן אויפהער, אָן אָן איבעררײַס, היסטעריש, פאַר־ליבט.

„איך ווייס, איך ווייס, זאָגט אסתּר־אַסיאַ, אַז דו דאַרשסט שוין צו וויסן מײַן גאַנצע פאַרוויקלטע געשיכטע, אַ יאָ? ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז אסתּר גאָלדפאַרב, אַ כּשרע ייִדישע טאָכטער איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן אין גראַפּסקאַיאַ, חתונה געהאַט מיט גרישקאַ איוואַנאָוו, אַ שנור געוואָרן פון די אַלטע איוואַנאָווס? אַהאַ, חלשסט צו וויסן? האָב געדולד, מײַן ליבע. איך וועל דיר

אַלץ דערציילן אָבער ערשט נאָך דעם ווען מיר וועלן שוין זײַן אין שטוב — אויבן, אין מײַן אייגן שטיבעלע, אויפֿן בוידעם. אָבער... איינס נאָר: מײַנע ליבע שווער־און־שוויגער ווייסן ניט, אַז זייער שנור איז אַ ייִדישקע. ס׳איז בעסער אַזוי. שפּעטער וועל איך דיר דערקלערן פֿאַר וואָס. גרישאַ האָט מיך געבראַכט צו זיי עטלעכע טעג פֿאַר דעם אָנהייב פֿון דער מלחמה. זיי — וועלן מיר זאָגן, אַז איך האָב דיך געפֿונען אין דער פּאַטשט און אַז דו ביסט מײַנע אַ גאָענטע. מסכּים? וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? גלײַך ווי איך וואָלט געווען עפּעס אַ משומדת, אַ רענעגאַט, אַ נישט־גוטע. איך בין ניט דאָס אַלץ, כאָטש איך מוז איצט טראָגן אָט אַ דאָס". און זי ציט אַרויס פֿונעם האַלדז אַ קייטעלע מיט אַ צלם. דאָס קייטעלע איז דווקא אַ דינס, אַ פֿײַנס, פֿון גאָלד, דער צלם אָבער — גראָב, פֿון אײַזן און פּאַסט זיך צו דעם קייטעלע ווי... ווי, למשל, דער נאָמען איוואַנאָוו צו דער שיינער אסתּר מײַנער.

„דאָס האָט מיר מײַן מאַן געגעבן... ניט חלילה ווײַל ער שעמט זיך מיט מײַן ייִדישקייט, אָדער ווײַל ער וויל מיך אָפּשמדן... ניין, ניין און דרײַ מאָל ניין! אָבער... דאָס איז איצט מײַן שוץ. קיינער דאָ, אין דאָרף, טאָר ניט ווייסן, אַז איך בין אסתּר גאָלדפֿאַרב. טאָמער וועט טאַקע דער דײַטש, חלילה, באַווײַזן צו פֿאַרנעמען גראַפּסקאַיע, זײַנען אָט דאָס צלמל צוזאַמען מיט מײַן איצטיקן נאָמען, מײַנע שווער־און־שוויגער און אויך דאָס גאַנצע דאָרף, וואָס קען מיך ווי גרישקאָס נײַע ווײַב, מײַנע איינציקע באַשיצערס קעגן דעם שׂונא. פֿאַרשטייסט?"

„יאָ, יאָ, איך פֿאַרשטיי", רוף איך אויס. אין דער אמתן בין איך צעטומלט, איך פֿאַרשטיי לחלוטין גאָרניט, אָבער וועמען אַרט עס? איך גיי לעבן איר און כּ׳פֿיל זיך וואַרעם, באַשיצט, גליקלעך און מוטיק. מײַן האַנט נעמט אַרום איר האַנט און מיר גייען אַזוי ביידע ווײַטער. די בעריאָזעס באַגלייטן אונדז מיט אַ שטילן, צערטלעכן מורמלען. מיר ריידן מאַמע־לשון, באַלד דײַטש און

באַלד ווידער רוסיש. ווי ס'קומט אונדז אויס, קיינער הערט אונדז דאָך ניט דערוויַיל.

„דאָס איז נאָר דער סאַמע אָנהייב פון מײַן לאַנגער געשיכטע, סערדצע', זאָגט זי, דאָס איז נאָר אַ פאַרשפּיל, דער עיקר וועט ערשט נאָכקומען".

„יאָ, יאָ, מורמל איך, ווי אין אַ חלום, יאָ, יאָ. דו ביסט מײַן זיסע שוועסטער און גאָט אַליין האָט דיך מיר צוגעשיקט... מײַן שיינע אסתּר, מײַן מלאכל פון הימל".

„אוי, ס'איז דאָך סכּנות־נפשות... זי רופט מיר גאָר אסתּר... רוף מיך אַסיאַ. פון איצט אָן בין איך נאָר אַסיאַ, דו הערסט? דאָס איז מײַן נאָמען מיט גרישקאָן און אַזוי מוז דאָס בלײַבן ביז צום סאַמע סוף פון דעם גיהנום. דעמאָלט וועט זיך פאַרענדיקן די ראָלע פון אַסיאַ איוואַנאָוואַ. מיר זײַנען שוין באַלד אין דער היים — איז פאַרגעס זשע ניט: אַסיאַ!"

די לופט ווערט אַלץ פראָסטיקער. דער ווײַטער הימל, וואָס זעט זיך אַרויס פלעקנוויַיז צווישן די שוואַרצע, נאַקעטע צווײַגן פון די בעריאָזעס, ווערט וואָס אַ מאָל טונקעלער און טונקעלער. באַלד פאַרציט ער זיך מיט אַ וווּנדערלעכן סאַמעטענעם וויאָלעט.

זעט אויס, אַז מיר זײַנען שוין גאָר נאָענט פונעם דאָרף. פון ערגעץ ווו הערט זיך אַ שוואַך, מעלאַנכאָליש בילן פון אַ ניט־געזעענעם הונט.

„ווי בײַ טשעכאָוון אין אַ נאָוועלע — אַ שלעפעריק דאָרף און דאָס בילן פון אַ הונט, שוואַך און טרויעריק..." — טראַכט איך.

אָט איז שוין די ערשטע שמאָלע, באַרגיקע גאַס פונעם דאָרף. עס ווערט אונדז שווער צו גיין. בערגל אַרויף, בערגל אַראָפּ. פון ביידע זײַטן גאַס זעט מען, הגם ניט קלאָר און ניט דײַטלער, שוואַרצע סילועטן פון נידעריקע, ברייטע כאַטעס. די פענצטער זענען פאַרהאָנגען מיט שמאַטעס צוליב דעם קאַמופלאַזש און ס'איז טונקל אומעטום אַרום. איצט הערט מען דאָס בילן גאַנץ נאָענט. פון ערגעץ ווו, פון איינער אַ כאַטע, הערט זיך אַ שפּילן

אויף אַ „גאַרמאָשקע״. די פֿײַנע, דינע טענער ציִען זיך פֿאַרבענקט און ווייך אין דעם פֿרײַען אָוונט און ווידער קומט עס מיר פֿאָר, אַז איך האָב דאָס אַלץ שוין ערגעץ ווו געלייענט, געזען, געטראָפֿן. „טשעכאָוו״ — לויפֿט ווידער דורך מײַן קאָפּ אַ צעטומלטער געדאַנק; ווי בײַ טשעכאָוון: דאָס פֿאַרשלאָפֿענע דאָרף און אַ „גאַרמאָשקע״ שפּילט זיסע, סענטימענטאַלע רוסישע לידער צום אָוונט.

אַסיאַ איוואַנאָוואַ, געבוירענע אסתּר גאָלדפֿאַרב, איז די בת־יחידה פֿון ד״ר גאָלדפֿאַרב — אַ קינדער־דאָקטער פֿון מיטאָווע און פֿון דער אַ מאָל באַרימטער קאָנצערט־פּיאַניסטין אָלגאַ גאָלד־פֿאַרב. זי האָט מיט יאָרן צוריק, מיט אַ גרויסן הו־האַ, אויפֿגע־געבן איר קאַריערע, מחמת זי האָט דעמאָלט באַשלאָסן „צו זײַן אַ מוטער צו איר נײַ־געבוירן טעכטערל, און טאַקע נאָר אַ מוטער און גאָרניט מער״... אסתּרס יוגנט איז געווען אַ פֿרײַע, פֿריילעכע, באַשיצטע און זאָרגלאָזע. אירע עלטערן, ביידע אינטערעסאַנטע, אינטעליגענטע מענטשן, האָבן זי אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. ד״ר דוד גאָלדפֿאַרב איז געווען אַ ליידנשאַפֿטלעכער רעוויזיאָ־ניסט, זשאַבאָטינסקיס אַ חסיד, לאַנגע יאָרן האָט ער געפֿירט מיט אים אַן אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ. אסתּר איז דווקא געווען צו ערשט אַ שומרת, אָבער ניט לאַנג. זי האָט זיך פֿאַרליבט אין הערמאַנען, איר פֿאָטערס אַ יונגער פֿרײַנד און אַרויסהעלפֿער אין ענינים פֿון דער אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע.

אסתּר איז גאָר גיך באַגײַסטערט געוואָרן פֿון דער מער אַגרעסיווער אידעע. הערמאַן, וועלכער איז באַלד אָנערקענט גע־וואָרן ווי איר אָפֿיציעלער חתן, איז געווען ניט נאָר אַ גלענצנדיקער סטודענט פֿון אָריענטאַליסטיק, נאָר אויך אַ פֿילאָסאָף, אַ שריפֿטשטע־לער און דענקער. זייער חלום איז געווען, פֿאַרשטענדלער, פֿאָרן בויען ארץ־ישׂראל, אָבער נאָר נאָך דעם ווען זיי וועלן זײַן גרייט פֿאַר דעם, פֿאַרטיק ווערן מיט דער אַרבעט דאָ, אין גלות, מיטן לערנען עבֿרית, מיטן צוגרייטן אויך אַנדערע פֿאַר דער אידעע.

בינו־לבינו איז זייער ליבע געוואַקסן ווי אויף הייוון. מען האָט זיך ליב געהאַט, געקושט און שטילערהייט געבענקט חתונה צו האָבן, כּדי זיך מער ניט דאַרפן שיידן בײַ נאַכט, זײַן געצווונגען צו גיין יעדער באַזונדער אין זײַן בעט... פּלענער וועגן אָפּריכטן אַ שיינע חתונה זײַנען שוין אַגב געווען אויפן סדר־היום. פּלוצעם, אינעם יאָר 1939, האָבן די רויטע „בשלום און אָן בלוט־פאַרגיסונג" באַזעצט לאַטוויע, וואָס האָט זיך בײַ זיי „געבעטן", ווי בײַ אַ גזלן, צו ווערן „באַפרײַט"...

אין דעם גרויסן, עלעגאַנטן הויז פון די גאָלדפאַרבס האָט מען אַרײַנגעזעצט אַ קאָמאָרניק (לאָקאַטאָר): אַ יונגן, הויך געוואַקסע־נעם, בלאָנדן אָפיציר פון דער ען־קאַ־ווע־דע מיטן נאָמען גריגאָרי איוואַנאָוו.

אָנגעקומען איז ער צו זיי מיט אַ קליינעם, הילצערנעם, פּויע־רישן טשעמאָדאַנטשיק אין איין האַנט און מיט אַ גיטאַרע אין דער אַנדערער. אַרײַנגעצויגן זיך שטיל, אָן ווערטער אַרײַן צו זיך אין שטיבל, וואָס איז ביז איצט געווען אסתּרס מיידלשע מלוכה, און ניט געלאָזט פון זיך מער גאָרניט הערן.

די ווײַסע, טיולענע פּוירהאַנגען, וואָס פלעגן באַשײַנען די פענצטער, האָט מען אַראָפּגענומען און די פענצטער זײַנען געבליבן נאַקעטע, קאַלטע; אַרויסגעטראָגן אויך דאָס ווײַסע מיידלשע בעטל און אַרײַנגעשטעלט פאַר דעם קאָמאָרניק אַ סאָפע.

די פּאָליצע מיט ביכער: הערצלס „אַלטנײַלאַנד", זשאַבאָ־טינסקיס „פּיאַטיערא" און זײַנע „פעליטאָנען", נאָרדויס „קאָנווענ־ציאָנעלע ליגנס" און אַ סך אַנדערע, האָט מען אין אײַלעניש אַוועק־געטראָגן אויפן בוידעם. דאָ איבערגעלאָזט בלויז דעם „קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקסן.

שוין וואָכן זינט גרישאַ וווינט דאָ, אָבער ער לאָזט ניט זען און ניט הערן פון זיך. גיך־גיך לויפט ער דורך די צימערן, פאַלט אַרײַן, ווי אַ פאַרסמטער, אין זײַן צימער און שוין מער גאָרניט — גלײַך ווי ער וואָלט דאָ לגמרי ניט זײַן.

מאַדאַם גאָלדפאַרב, אַ פײַנע, איידעלע דאַמע, מיט אַ האַרץ פול מיט רחמנות און מיט אַ באַנעמונג פון אַ קעניגין, האָט דאָס לאַנג ניט געקאָנט פאַרטראָגן. גאַסטפרײַנדלער, ווי תמיד, האָט זי דעם אָפיציר פאַרבעטן צו האָבן „אַ גלעזל טיי״ מיט זיי.

ער האָט אָנגעהויבן אַרײַנקומען און בלײַבן זיצן מיט זיי אין דעם „אַמאָליקן״ סאַלאָן, און אויפמערקזאַם און שטיל זיך צוהערן צו אסתּרס שפּילן אויף דער פּיאַנע, קוים־קוים אַרויסגערעדט אַ וואָרט.

הערמאַן איז, פאַרשטייט זיך, אויך דאָ געוועזן, זיי האָבן אָבער כּמעט קיין מאָל איינער מיטן צווייטן ניט גערעדט. הערמאַן — אַ קליינער, מאָגערער, אָנעמיש־בלאַסער יונגער־מאַן, מיט ברילן אויף דער לאַנגער, קלוגער, ייִדישער נאָז זײַנער, איז בפירוש ניט געווען קיין שיינער. לעבן גרישאַס רוסישער, „העלדישער״ פיגור — האָט ער אויסגעזען ווי עפּעס אַ קאַרליק.

פאַר אסתּרן, אין איר עקזאַלטירטער, יוגנטלעכער פאַרליבט־קייט, איז אַלץ אין הערמאַנען געווען שיין און דערהויבן. זי האָט געשפּילט נאָר פאַר אים. צום באַדויערן אָבער איז דער חתן אירער גראָד ניט געווען קיין מוזיק־ליבהאָבער. ער האָט זיך קוים־קוים צוגעהערט צו איר שפּילן, אומגעדולדיק כּסדר געקוקט אויפן זייגער און געטראַכט:

„אוי, ווען וועט זי שוין אַ מאָל אויפהערן, בלײַבן מיט מיר אַלײַן, נאָר אַ ביסל זײַן צוזאַמען, זיך אפשר געבן אַ קוש, אָדער צוויי... פאַראַן אַזוי פיל דורכצושמועסן. שווערע צײַטן זײַנען געקו־מען פאַר אונדז, „פּאַדפּאָלניקעס״ (אונטערגרונט־קעמפערס), וואָס זשע זיצט די שיינע כּלה מײַנע און שפּילט זיך איר מאָצאַרט, גלײַך ווי ניט זי מיינט מען״ — האָט ער זיך געחידושט.

צום ערשטן מאָל האָט אין אים דעמאָלט אויפגעוואַכט אַ געפיל פון אייפערזוכט. „וואָס זיצט אָט דער ‚רוסקי׳ דאָ יעדן אָוונט, ווי צוגעשמידט צום בענקל, און קוקט און קאָן זײַנע נאָזווע, בלויע אויגן בשום־אופן ניט אָפּרײַסן פון אסתּרן, האַ?״

איוואַנאָוו איז דווקא יאָ געווען אַ מוזיק־ליבהאָבער. כאָטש ער איז געווען רוי און אָן שום בילדונג אין דער מוזיק, האָט ער אָבער אַליין גאַנץ פֿײַן געשפּילט אויף דער גיטאַרע „פּאָ סלוכו" (פֿון געהער), און געשפּילט האָט ער זייער ריכטיק, זיס, „גאַנץ מוזיקאַליש", ווי מאַדאַם גאָלדפאַרב האָט עס גלײַך פעסטגעשטעלט און דערקלערט.

פֿון זײַנע סטרונעס, אונטער זײַנע שטאַרקע, אָבער צערטלעכע הענט האָבן זיך אַרויסגעגאָסן ווייך און בענקענדיק, פֿרײַ און ברייט די טרויעריק־ליבלעכע רוסישע פּאָלקסלידער און מען האָט זיך צוגעהערט צו די טונקעלע מעלאָדיעס מיט סימפּאַטיע און וואַרעמקייט. מיט ניט ווייניקער סימפּאַטיע האָט מען אויך געקוקט אויף דעם יונגן רוסישן, פאַרחלומטן פּנים פֿון דעם שפּילער.

אײַן מאָל, אין אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג איז גרישאָן אויסגע־קומען צו זײַן אין דער היים. ער איז אַרײַנגעקומען אין סאַלאָן, געטראָפֿן דאָרט אסתּרן. ער האָט זי העפלעך, שטיל, כּלומרשט פאַרשעמט, געפֿרעגט צי זי וואָלט געקאָנט אים אַקאָמפּאַנירן צו דעם נײַעם ליד, וואָס מע זינגט עס איצט אין מאָסקווע און אין דעם גאַנצן סאָיוז: „סאָלדאַטקאַיאַ ליובאָוו" (זעלנערשע ליבע). אסתּר האָט געענטפֿערט: „יאָ, אַוודאי, פֿאַר וואָס ניט?" און באַלד האָבן די צוויי יונגע מענטשן געשפּילט דעם נײַעם, סענטימענטאַלן, פּשוטן ניגון: ער אויף זײַן גיטאַרע און זי אויף דער פּיאַנע. גרישאַ האָט אין אָנהייב נאָר שטיל פֿאַר זיך צוגעברומט די מעלאָדיע; באַלד אָבער איז פֿאַרשווונדן זײַן שעמעוודיקייט און ער האָט זיך צעזונגען אויפֿן קול. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער האָט גאָר אַ פֿײַנע, טיפֿע מעטאַל־באַריטאָנישע שטים און אַז ס'איז געווען באמת אַ פאַרגעניגן אים צו הערן זינגען.

פֿון דעם טאָג אָן איז אַנטשטאַנען אַ מין מאָדנע פֿרײַנדשאַפֿט צווישן די צוויי. אסתּר האָט זיך באַצויגן צו זײַן עקזאַלטירטער פאַרליבטקייט מיט אַ מין גוטמוטיקער איראָניע. גרישאַ, דערקעגן, האָט זי ממש געגעסן מיט זײַנע הונגעריקע אויגן; געקוקט אויף

איר, געזיפּצט און — גאַרניט מער. געוווּסט האָט ער דאָך, אַז ס'איז דאָ פאַראַן אַ חתן. און כאָטש ס'איז פאַר אים געווען אַ רעטעניש ווי אַזוי אַזאַ מיידל ווי אסתּר, אָדער אַסיאַ (אַזוי האָט ער זי שוין גערופן), אַזאַ לעבעדיקע, פריילעכע, געזונטע, קען ליב האָבן אַזאַ בלייכן, שוואַכן, ווי אָט דער הערמאַן אירער איז, האָט ער פונדעסטוועגן רעספּעקטירט דעם סטאַטוס־קוואָ און זיך כּסדר אָפּגערוקט פון איר, ווען ס'איז אים אויסגעקומען צו זיצן צו נאָענט צו איר.

הערמאַן האָט זיך גענומען ווײַזן אין הויז (ווו ער פלעגט זיך פילן אַזוי היימיש, כּמעט ווי אַ זון) אַלץ ווייניקער און ווייניקער, עס האָט אים געקאָסט געזונט צו זען דאָרט גרישאַן.

גרישאַ האָט זײַן שטאַרקע פאַרליבטקייט פאַרשלאָסן טיף אין זיך און אַפילו לעצטנס קוים־קוים אַ וואָרט אַרויסגערעדט.

נו, און אסתּר? וואָס איז געשען מיט איר?

וואָס האָט געקענט געשען מיט איר? גאָרניט. „ניטשעוואָ״. אַזוי האָט זי מיר פאַרזיכערט בעת מיר זענען שוין געלעגן אויף איר שמאָלן, אײַזערנעם בעטל. צוויי איקאָנעס אויף דער וואַנט מיט אַ גרויסן, אַ ביסל קרום אויפגעהאָנגענעם פּאָרטרעט פון גרישאַן אונטער די איקאָנעס, איבער דעם בעטל. אין יענער ערשטער, פאַרכּישופטער, אומפאַרגעסלעכער נאַכט האָט זי מיר דאָס אַלץ דערציילט.

אינעם בוידעמשטיבעלע איז געווען טונקל־טונקל. אין דרויסן האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ שניי. גרויסע, ווײַסע, אַרום זיך אַליין דרייענדיקע שנייעלעך, זענען שטיל און גראַציעז פאַרבײַגעפלויגן אַרום אונדזער פענצטערל. צײַטנווײַז איז דער שוואַרצער הימל באַלויכטן געוואָרן פונעם ווײַסן ליכט פון די וואַנדערנדיקע, גע־קרייציקטע פראַזשעקטאָרן. טייל מאָל האָבן זיך אויך באַוויזן עראָפּלאַנען. ס'האָבן זיך אויך געהערט שיסערײַען, אָבער עס האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, אַז דאָס אַלץ קומט פאַר ערגעץ ווײַט, גאָר ווײַט פון אונדז און ס'האָט מיט אונדז קיין שום שײַכות ניט.

מיר זענען געלעגן זאַלבעניאַנד, צוגעדעקט מיט אַ שטעכעדיקן, שווערן, פּויערישן קאָץ (קאָלדרע), און אַ גאַנצע נאַכט ביז צום פריִען מאָרגן גערעדט, געלאַכט, געוויינט, אָן אויפהער, אָן אַן איבעררײַס, ווי צווײ גימנאַזיסטקעס.

„וואָס מיינסטו מיט דעם פרעגן מיך וואָס עס איז דעמאָלט געשען מיט מיר, האַ? ניטשעוואָ, גאָרניט. איך האָב ליב געהאַט הערמאַנען, מײַן געניאַלן גרויסן הערמאַן. גרישאַס פאַרליבטקייט? אַוודאי האָב איך דאָס אַלץ באַמערקט. נו, אַ מיידל איז סוף־כּל־סוף אַ מיידל. עס האָט מיר, אפשר, הנאה געטאָן צו זען אָט דעם דאָזיקן שטאַרקן רוסישן בער, דעם קאָמישן גוי מיינעם, זיצן אַזוי פאַרחלשט און קוקן אויף מיר, ווי אַ קראַנקער הונט, מיט זײַנע פאַרליבטע אויגן און ניט וויסן וואָס צו טון מיט זיך אַליין... ליב געהאַט האָב איך בלויז איינעם און וועל מײַן גאַנץ לעבן קיינעם מער ניט ליב האָבן, נאָר אים. ער איז אויף אייביק מײַן זיווג, מײַן באַשערטער, פאַרשטייסט?"

אָנהייב מײַ איז הערמאַן קראַנק געוואָרן. אסתּר איז געזעסן אַלץ עפּטער און עפּטער, לענגער און לענגער מיט גרישאַן אַליין אין דעם סאַלאָן.

ווען הערמאַן איז ווידער געקומען, נאָך מער אויסגעבלייכט, אָפּגעשוואַכט פון דער לאַנגער פאַרקילונג, איז צווישן די דרײַ יונגע מענטשן אַנטשטאַנען אַ מאָדנע געשפּאַנטקייט; הערמאַן פלעגט זיך אַוועקזעצן אין אַ ווינקל, שטום, נערוועז ציפּן די רויטע האָר פון זײַן אָקערשט אַרויסשפּראָצנדיקן בערדל, פאַרטראַכטער־הייט געביסן זײַנע שלאַנקע, בלייכע פינגער — אַן אַלטע גע־וווינהייט זײַנע.

גרישאַ איז ס'רוב געזעסן בײַ דער פּיאַנע, אין אַ פאַרלעגנהייט, ניט וויסנדיק אַליין צוליב וואָס ער בלײַבט דאָ זיצן. ניט געוווּסט ווי אַזוי זיך אויפצוהייבן, אַוועקגיין און אויסמײַדן די שטיקנדיקע אַטמאָספער. אסתּר איז אויך עפּעס געוואָרן שטילער און ערנסטער.

די האַרמאָניע, וואָס האָט אַלע יאָרן געהערשט צווישן איר

און איר חתן, איז עפּעס קאַליע געוואָרן, צעשטערט געוואָרן. זיי האָבן זיך געפילט פרעמד איינער מיטן צווייטן, זייערע דיאַלאָגן זענען געוואָרן קורצע, אָפּגעהאַקטע און אָנגעשטרענגטע, אפילו ניט נאַטירלעך אין טאָן. און כאָטש סײַ הערמאַן אַליין און סײַ אסתּר האָבן קיין מאָל ניט דערמאָנט גרישאַס נאָמען, איז ער דאָך שטענדיק אויסגעוואַקסן צווישן זיי, ווי אַן אומגעזעענער שאָטן, אַ וואַנט וואָס האָט זיי געהאַלטן צעטיילט.

ווער ווייסט ווהין דאָס אַלץ וואָלט געפירט ווען ניט אַנדערע, היסטאָריש וויכטיקערע און דראַמאַטישערע געשעענישן וואָלטן ניט אונטערגעקומען און יעדן פון זיי אַרײַנגעבראַכט אין אַ צושטאַנד פון אַן אַלאַרעם, אַ סכּנה, אַ דירעקטער אַטאַק אויף זייער עקזיס־טענץ.

אַנהייב יוני איז גרישאַ פּלוצעם אַרײַנגעקומען צו אסתּרן אַ בלייכער, אַן אויפגערעגטער. ער האָט געוואָלט, האָט זיך באַמיט עפּעס צו זאָגן און ניט געקאָנט. ער האָט עפּעס געברומט מיט די ליפּן, אָבער ס'איז ניט געווען מעגלעך אים צו פאַרשטיין.

„גרישאַ, וואָס איז מיט אײַך ? רעדט קלאָר, ברומט ניט אונטער דער נאָז, איך קאָן אײַך ניט פאַרשטיין", האָט אסתּר אומגעדולדיק אַ געשריי געטון.

„אַסיאַ, דאָס וואָס איך בין איצט אויסן אײַך צו זאָגן איז בפירוש אַ פאַרראַט, וואָס איך באַגיי לגבי מײַן הויכן פּאָסטן. אָבער כ'קען זיך ניט העלפן — איך מוז דאָס טון, כּדי אין צײַט צו פאַרכאַפּן עפּעס וואָס וועט אָט אָ דאָ, גאָר אין גיכן פּאַרקומען. אָבער... איך ווייס באמת ניט ווי אַזוי דאָס אײַך צו זאָגן..."

אַ שווערער שאָטן האָט זיך צעלייגט אויף זײַן ליכטיקן, ברייטן רוסישן שטערן. מיט זײַן רעכטער האַנט האָט ער כּסדר נערוועז צוריקגעוואָרפן אַ בלאָנדן לאָק פון זײַנע האָר, וואָס איז געפאַלן אויף זײַן שטערן.

„נו, הערט זיך אײַן, וואָס עס וועט מוזן זײַן — וועט סײַ ווי

זײַן. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט מען... ווי אַזוי זאָל איך דאָס אָנרופן: טראַנספּאָרטירן... דעפּאָר־טירן, אָוועקשיקן פון דער שטאָט אַלע די עלעמענטן וואָס מען רופט בײַ אונדז „ווראַגי נאַראָדאַ" (שׂונאים פונעם פאָלק)... מען וועט זיי אָוועקפירן ווײַט, גאָר ווײַט. מען רופט עס „פּערעסעלעניע" (איבערזידלונג), אָבער... נו, איך ווייס, אַז אײַער פאָטער און אײַער חבר... הם... חתן הערמאַן, זיי זענען ביידע געווען אַקטיווע מיטגלידער פון אַ נאַציאָנאַלער, „ציוניסטישער" אָרגאַניזאַציע. מיר איז אַגב ניט אין גאַנצן קלאָר וואָס דאָס מיינט „ציוניזם", כאָטש איך האָב שוין גענישטערט און געלייענט וועגן דעם, כּדי בעסער צו פאַרשטיין, איינס אָבער ווייס איך געננוי: אײַער פאָטער איז אַן אָנשטענדיקער מאַן און כ'קען בשום־אופן ניט גלייבן, אַז ער זאָל זײַן אַ „ווראַג נאַראָדאַ". טאָמער אָבער איז ער דאָס טאַקע יאָ — וועט מען אים אויך אָוועקפירן, און דעמאָלט וועל איך שוין גאָרניט קענען העלפן. בכן, איצט, אַזוי לאַנג ווי דער דאָקטער איז נאָך אין מיטאָווע פרײַ און האַלט זיך נאָך אויף זײַנע אייגענע פיס, וואָלט איך אים נאָך אפשר געקאָנט העלפן. וואָס שייך הערמאַנען, פאַר אים קען איך בשום־אופן גאָרניט טון, מחמת מען ווייסט, אַז ער האָט ערשט לעצטנס צעטיילט העפטן, מאַני־פעסטן, פּראָקלאַמאַציעס מיט ציוניסטישע לאָזונגען, מען ווייסט שוין אַפילו וועמען, וויפל און ווו... ניין, אים קאָן איך ניט העלפן, איך וועל אָבער, לכל־הפּחות, וויסן וווהין מען וועט אים טראַנס־פּאָרטירן און אפשר, ווען ניט איז שפּעטער, וועל איך אײַך ביידן קענען באַהילפיק זײַן מיט געפינען אײנער דעם אַנדערן, שיקן און באַקומען בריוו... ס'איז מיר אַ גרויסער ווייטיק, אַז גראָד אים, וואָס איר האָט אים... אַזוי ליב... קאָן איך ניט העלפן. גלייבט מיר יאָ, צי גלייבט מיר ניט — איך וואָלט אין דעם מאָמענט אַ סך געגעבן צו זײַן בכּוח אים אויך צו העלפן, כאָטש צוליב דעם, אַסיאַ, איר זאָלט מיך ניט חושד זײַן, אַז איך העלף אים ניט, ווײַל איך... ווײַל איר..."

„אוי, גרישאַ, בייזוערט זיך אסתּר, זאָגט קלאָר: ווי אַזוי קענט איר העלפן מײַן פֿאָטער?"

„באַרישניאַ (פרײַלין), זאָגט ער שטיל און צערטלעך (ער האָט זי אַ מאָל אָנגערופן ‚באַרישניאַ', ווײַל זי איז, ווי ער האָט דעמאָלט לאַכנדיק געזאָגט, אַ בורזשואַזנע מיידל, אַן ‚איזבאַלאָוואַנאַ', צעפּיעשטשעטע באַרישניאַ, ווי זאָל איך דאָס אַרויפֿברענגען אויף מײַנע ליפּן?"

„ברענג אַרויף, ברענג אַרויף!... איך בין ניט פֿון צוקער, כ'וועל ניט צעגיין. איך מוז אַלץ הערן, אַלץ באַקלערן"!

„אַסיאַ, אויב איר וועט מסכּים זײַן חתונה צו האָבן מיט מיר, זיך מיט מיר תּיכּף פֿאַרשרײַבן אין ‚זאַגס', נאָך הײַנט, אָדער שפּעטסטנס מאָרגן אין דער פֿרי, וואָלט איך, זײַענדיק אײַער מאַן, געקאָנט שוין איבער מאָרגן אַוועקשיקן אײַערע עלטערן קיין קויבישעוו, איך האָב דאָרטן אַ מומע און אַ פֿעטער. איך האָב שוין אַפֿילו הײַנט אויסגעשטעלט אַ מין ‚קאָמאַנדיראָווקע' פֿאַר אײַער פֿאָטער, פֿאַר יעדן פֿאַל... איך ווייס, איך ווייס — שרײַט ער פּלוצעם מיט כּעס אויפֿן קול, אויף זײַן פּנים צינדן זיך אַלערליי קאָלירן: דאָ איז עס רויט, באַלד ווערט עס בלייך און באַלד ווידער רויט — איך ווייס וואָס דאָס מיינט פֿאַר אײַך. אָבער שרעקט אײַך ניט, איך וועל דאָך ניט זײַן אייער אמתער מאַן, האָט ניט קיין מורא. נעמט מײַן וואָרט פֿאַר דעם, איך שווער אײַך, אַז איך וועל אײַך ניט אָנרירן. דאָס איז אָבער פֿאָרט דער איינציקער אויסוועג. איך בין געלעגן אַ גאַנצע נאַכט, געטראַכט און געטראַכט און קיין שום בעסערן מיטל ניט געקאָנט צוטראַכטן".

אסתּר־אַסיאַ טוליעט זיך צו צו מיר. אירע קאַלטע, שמאָלע פֿיס רירן אָן מײַנע, ווי צוויי יאַשטשערקעס, און בריִען מיך מיט זייער קאַלטקייט. זי לענט אָן איר שווערן קאָפּ אויף מײַנע פּלייצעס און איך פֿיל — זי וויינט. אירע הייסע טרערן פֿאַלן אויף מײַן ברוסט.

„מײַנע עלטערן זענען שוין, גאָט צו דאַנקען, אין קויבישעוו

און די מלחמה האָט זיי שוין דאָרט אויך אָנגעטראָפן אין טיפסטן 'טיל'. מען האָט דעמאָלט דעפּאָרטירט אַ האַלבע שטאָט און ווען ניט גרישאַ... אָבער הערמאַן... מײַן הערמאַן... ווו איז ער איצט? ביז הײַנט האָט גרישאַ אים ניט געקאָנט געפינען. ניין, טראַכט אַפילו ניט, אַז דאָס טוט ער בכוונה, ניין, זײַן איידלקייט, זײַן גוטסקייט איז אין־לשער. ער זוכט הערמאַנען אַרום, אפשר מער נאָך ווי איך. אוי, ערגעץ ווײַט, ווײַט, אין די סטעפּעס פון סיביר לעבט איצט נעבעך מײַן באַשערטער... מײַן אייביקע בענקשאַפט, מײַן חתן, מײַן חבר... און איך בין דאָ, בײַ מײַנע ,שווער־און־שוויגער' און מײַן ,מאַן' איז אויפן פראָנט און איך באַקום בריוו פון אים און כ'שרײַב בריוו צו אים און באַק פאַר אים ,קאַרשיקעס' (קיכעלער) מיט מאָן, ווײַל נאָר אַזוינע האָט ער ליב. כ'פּאַק פּעקלעך, אַדרעסירט צום פראָנט, און איך טו תּפילה: רבונו־של־עולם, מאַך אַז גרישאַ זאָל אָפּגעהיט ווערן פון קוילן, ער זאָל אויסמײַדן יעדע סכּנה, ער זאָל בשלום, געזונטערהייט צוריק־קומען אַהיים... צו מיר... צו מיר? ווו וועל איך דען זײַן, אויב די מלחמה וועט זיך אַ מאָל ענדיקן? וועט ער טרעפן זײַן ,געטרײַ' ווײַבל, וואַרטנדיק צו דערהערן זײַנע טריט פאַר דער טיר, אָדער וועט זי שוין זײַן ווײַט, ווײַט אַוועק פון דאַנען, אַוועק צו אירע אייגענע? אייגענע, און וואָס זענען דען אָט די גוטע, ליבע פּויערים דאָ, אין גראַפּסקאַיאַ, ניט קיין אייגענע? בײַם הײַנטיקן טאָג זענען זיי אירע נאָענטסטע, אירע געטרײַע, פּאַרלעסלעכע באַשי־צערס; אָן זיי וואָלט עס געווען אָך און וויי צו אירע יאָרן...

ווער בין איך, זאָג מיר, כ'בעט דיך, ווער בין איך? אָך, סאַראַ קאָמפּליצירטער פּלאָנטער, סאַראַ קאָשמאַר איז דאָס גאַנצע לעבן מײַנס. ווער מענס בין איך? הערמאַנס, וואָס האָט מיך נאָך קיין מאָל רעכט אין זײַנע אָרעמס ניט געהאַלטן, וואָס האָט זיך ניט פאַרגו־נען... מיך קוים אַ מאָל געקושט, צערטלעך, פּאַרזיכטיק, פּלאַטאָניש און אַלץ אָפּגעלייגט די אמתע ליבע אויף שפּעטער, שפּעטער... אָדער בין איך גאָר גרישאַס, וואָס האָט מיך דווקא יאָ געהאַלטן

אין זײַנע שטאַרקע, מוסקולאַרנע אָרעמס און מיך געמאַכט פאַר זײַן װײַב? האַ? װעמענס בין איך אין דער אמתן, זאָג דו מיר, אויב דו ביסט אַזאַ חכמה?"

דאָס ליכטעלע פאַר די איקאָנעס האָט געלויכטן מיט אַ בלויער שײַן. גרישאָס פאַרטרעט האָט אַראָפּגעקוקט צו אונדז. מיר זײַנען ביידע געלעגן אַרומגענומען, פאַרצווייפלט און דערשלאָגן פון אַזוי פיל קאָנפליקטן. איבער דעם שוואַרצן הימל האָבן דראָענ־דיק געוואַנדערט די זילבערנע שפּיזן פון די פּראָזשעקטאָרן.

די איוואַנאָווס האָבן מיך אויפגענומען פרײַנדלעך, געלאַסן, אָן צו פיל שאלות. דער אַלטער איז אויפגעשטאַנען פונעם גרויסן, שווערן הילצערנעם טיש אין מיטן שטוב, זיך שטיל, רויק אַוועק־געזעצט בײַם איוועלע, פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָסט פון דער צײַטונג „פּראַוודאַ" און בנעימותדיק גערייכערט. זײַן פרוי, אַ סך ייִנגער פון אים, אָבער גראָד אַזוי הויך און שטאַרק געבויט ווי ער, אַ רויטע, פריילעכע, לאַכנדיקע, איז געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע און געצוואָגן די אַלטע, שוואַרצע, כמעט בלינדע ציג, מיט אַן אומגעהײַער גרויסן הילצערנעם קאָם.

מען האָט אונדז דערלאַנגט צוויי גרויסע שיסלען מיט הייסער, זיסער ווייצענער קאַשע, נאָך דעם טיי אָן צוקער. אָפּגעגעסן, האָבן מיר ביידע, מיד אָבער צופרידן, זיך געלאָזט, ווי אין אַ חלום, גיין אויף די שמאָלע שטיגן, וואָס האָבן געפירט צום בוידעמשטיבעלע און דאָרט האָט זיך עס אָנגעהויבן אַט יענע הערלעכע, שיכּורע, ערשטע נאַכט אונדזערע.

אויף דער וואַנט קעגן איבער דעם בעטל האָבן געהאָנגען, אויף אַ גראָבן שטריק, אַלע אירע קליידער. אונטער זיי זענען געשטאַנען אין אַ לאַנגער ריי אירע שיך, אָן אַ שיעור שיך: ווײַסע, רויטע, לײַכטע, גראַציעזע אויף הויכע קנאַפּל — פּונקט אַזעלכע אומפּראַקטישע ווי יענע, וואָס זי האָט געטראָגן אויף דער פּאַטשט.

אויפן טישל בײַ דעם נידעריקן פענצטערל, וואָס האָט מיט

זײַן אונטערשטן ברעטל אָנגעריִרט די פּאַדלאָגע, זענען געלעגן ביכער, פּאָטאָגראַפיעס, פּאַפּירן, אַלץ צונויפגעמישט. אסתּר האָט לאַכנדיק אַרויסגעשלעפּט פון דער מיט פון דעם מיש־מאַש אַ לוח און מיך געפרעגט, ווײַזנדיק אויף דעם:

„אַנו, טאַכטער, לאָמיך זען צי דו ווייסט סאַראַ חודש ס׳איז הײַנט בײַ ייִדן און סאַראַ יום־טוב וועט באַלד זײַן?"

„לאָמיך דיר איצט אויסצוואָגן, ווי די שוויגער מײַנע צוואָגט אויס די ציג כּמעט יעדן אויף דער נאַכט. קום, קום, דאָ איז אַ שיסל מיט הייס וואַסער... מײַן שווער ברענגט דאָס פּאָר מיר אַרויף יעדן אָוונט פאַרן שלאָפן גיין. ער איז דאָך באמת אַ דזשענטלמאַן, דער אַלטער איוואַנאָוו. קום זשע, לאָמיך דיך אַרומוואַשן".

אויסגעצוואָגן מיר די האָר, האָבן מיר זיך ביידע געלייגט אין דעם קילן, ריינעם שמאָלן בעט און טיף גליקלעכע, אין אַ דער־הויבענער שטימונג ליגן געבליבן ביז צו מאָרגנס. אונדזערע ווער־טער זענען געפלאָסן ווי אין אַ ברייטן, שטורמישן שטראָם. מיר האָבן ביידע גערעדט אין דער זעלבער צײַט, אָבער דאָך באַוויזן איינע די אַנדערע צו הערן און צו פאַרשטיין. פון דער שטוב, ווו די איוואַנאָווס זענען געזעסן, האָט מען שוין לאַנג מער אַפילו קיין שאָרך נישט געהערט. ס׳איז געוואָרן שפּעט, מיר זענען נאָך אָבער אַלץ געווען וואַך און אונדזערע שמועסן זײַנען געפלאָסן פּאַראַלעל, איינע מיט דער אַנדערער... אָן אויפהער, אָן איבער־רײַס.

„איז ווען־מענס טאַקע, מיינסטו, בין איך, האַ? קוק, גיב נאָר אַ קוק, דאָ איז אַ בילד פון הערמאַנען. ס׳איז אַ גאָר שלעכטע פּאָטאָגראַפיע פון אים, כ׳האָב עס באמת ניט ליב צו ווײַזן, אָבער דאָס איז אַלץ וואָס כ׳האָב איצט אונטער דער האַנט, דאָ. אין לעבן איז ער אין גאַנצן אַן אַנדערער, גלייב מיר, שענער, העכער, לעבעדיקער. נו, גיב אַ קוק אויף אים — קאָן איך אים דען אין מײַן לעבן אַ מאָל פאַרגעסן? פאַרבײַטן אויף גרישאַן? ביסט אַ מבין אויף דעם איידעלן פּנים, די אַריסטאָקראַטישע ליניעס אַרום

זײַן מויל? און דער געניאַלער שטערן זײַנער, די פּײַנע, קלוגע ליפּן".

איך קוק אויף דעם דאָזיקן בילד, אײַנגערעמט אין אַ פּערל־מוטערן רעמל און איך ווייס איר ניט וואָס צו ענטפערן. זי האַלט דעם קאָפּ אַ ביסל געבויגן אַן אַ זײַט, קוקט זײַטיק, פון אונטן אַרויף צו מיר, נײַגעריק, מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם, זי וואַרט אַזוי ציטערדיק אויף מײַן מיינונג, גלײַך אַלץ וואָלט געווען אָפּהענגיק פון מײַנע ווערטער... וואָס זשע זאָגט מען איר? פונעם בילד קוקט אויף מיר אַ מאָגערער, קליינגעוויקסיקער, יונגער מאַן מיט אַן אויסגעדאַרט, ניט דערגאַנצט פּנים. אויף דער לאַנגער, ייִדישער נאָז — ברילן; די האָר אַזוי גלאַטיק פאַרקעמט, אַז מען זעט זיי כמעט ניט אָן; דער קאָפּ קומט אויס פּלאַטשיק און ווי אָן האָר אין גאַנצן. ער זיצט אין אַ קינסטלעכער פּאָזע בײַ אַ טישל, אויף איין פוס. אויף דעם טישל ליגט אַן אָפן בוך, האַלט ער איין האַנט אויף דעם בוך און די צווייטע אויף זײַן קני. בלויז די הענט זענען איבעררעשנדיק מענלעך און אויסערגעוויינלעך שיין: לאַנגע, דינע, שלאַנקע פינגער.

ס'פאַרשאַפן מיר הנאה זיינע הענט: מען קען זיי אויפריכטיק ליבן, פאַראַנען כאַטש בײַ וואָס זיך אָפּצושטעלן. וואָס וואָלט איך טאַקע געזאָגט, ווען כ'זע ניט די שיינע הענט? דער יונגער מאַן אויפן בילד איז דאָך ממש מיאוס. דערצו נאָך דאָס קליינע, ניט דערגאַנצטע פּנים מאַכט אַן אײַנדרוק ווי ס'וואָלט פון עפּעס זײַן באַליידיקט אויף עמעצן... קיין שפּור פון אַ שמייכל, קיין סימן פון לעבן. די שמאָלע ליפּן שטאַרק צוזאַמענגעפּרעסט, זעען אויס ווי אַ שטרענגע, אומפאַרבײַגנדלעכע ליניע, וואָס צעטיילט דאָס פּנים אויף צווייען, און אויפן שטערן ליגן צעלייגט שאָטנס, וואָס זוכן אַ תיקון צו זײַנע טיפע, וויכטיקע רעיונות. די נידעריקע, שמאָלע פלייצעס זײַנע הענגען אומגעלומפּערט אַראָפּ.

וואָס אַזוינס האָט דאָס וווּנדערלעכע מיידל, אָט די ענערגישע, לעבעדיקע, שטיפערישע, שיינע אסתּר דערזען אין אים? ניט

ווילנדיק וואַנדערן מײַנע אויגן אַוועק צו דעם פּאָרטרעט אויף דער וואַנט? דאָרט שטייט אַן אמתער „קראַסאַוועץ”. ניט נאָר אין פאַרגלײַך מיט הערמאַנס אַנעמישער מיאוסקייט, נאָר סתּם אַ שיינקייט פון אַ מאַן, אַ העלד, אַ יונגער גיבור; ברייטע פּלייצעס, קורצע, שטאַרקע, קײַלעכדיקע פּיס, וואָס שטייען מיט זיכערקייט, פרייַלעך אויף דער פּאַדלאָגע; קליינע, לאַכנדיקע אויגן, וואָס קוקן מיט פרייד און חשק צום לעבן; אַ ווייכע, בלאָנדע טשופּרינע אויפן קײַלעכדיקן קאָפּ זײַנעם. אַ פאַרגעניגן אויף אים צו קוקן.

„וואָס האַלטסטו אין איין קוקן אויף גרישאַן? איך וויל ניט, איך וויל ניט! שרײַט אַסיאַ, קוק בעסער אויף הערמאַנען”.

זי באַמיט זיך אַראָפּצולייענען דעם אײַנדרוק פון מײַן פּנים, זי וויל וויסן וואָס איך טראַכט, וואָס איך פיל.

„דו ווייסט, הערמאַן איז בײַ אונדז אין שטאָט געווען זייער באַרימט. זײַנע אויסגעצייכנטע אַרטיקלען, עסייען, זענען געווען פאַרעפנטלעכט אין די בעסטע ליטעראַרישע און פּאָלעמישע זשור־נאַלן, און זײַנע רעפעראַטן, וואָס ער פלעגט פאַרלייענען פאַר פאַרשידענע יוגנט־גרופּעס, זענען געווען אַ שם־דבר. מען איז געזעסן ווי צוגעשמידט און זיך ענטוזיאַסטיש צוגעהערט צו אים. דו מײנסט אפשר, אַז ער איז געווען נאָר אַן אינטעלעקטועלער? איך זע דאָך אויף דײַן פּנים, אַז דו מיינסט אַזוי, נו, זאָג איך דיר, די מיידלעך פון דער באַוועגונג זענען אַלע געווען פאַרליבט אין אים, זיי האָבן מיך מקנא געווען פאַר וואָס ער איז פאַרליבט אין מיר. אָ, ניין, מיין ניט, אַז איך האָב אים פאַרביטן אויף דעם אַ קראַסאַוועץ מײַנעם, דעם בלאָנדן גוי מײַנעם. דאָס איז נאָר אַזוי צײַטווײַליק. אַ גרויזאַמער וויץ — צוגעטראַכט פונעם ביטערן גורל מײַנעם. אַ ברירה האָב איך דען געהאַט? פאַרשטייסט?”

„יאָ, יאָ, שאָקל איך צו גוטמוטיק מיטן קאָפּ, און כ'ווייס ניט וווּ אַהין די אויגן מײַנע אַהינצוטון, איך פאַרשטיי, אַוודאי פאַרשטיי איך...” דער שׂונא אונדזערער זאָל אַזוי לעבן, ווי איך פאַרשטיי, גאָרניט פאַרשטיי איך, גאָרניט.

גרישאַ — „צײַטװײַליק", אַ „גרױזאַמער װיץ" צוגעטראַכט פון אונדזער משוגענער עפּאָכע, ס'האָט זיך אפשר טאַקע אַזױ אָנגעהױבן: גרישאַ — גרײט אַרױסצוראַטעװען זײַן געליבטע „פּרינ־צעסין" און אסתּר, אסתּר — גרײט זיך מקריב צו זײַן — אַ נײַע יהודית פֿאַר אַ נײַעם האָלאָפֿערנעס, אסתּר המלכּה פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט, װאָס גײט ראַװעטען איר פֿאָלק און האָט חתונה מיט אַחשװרושן...

אין סאַמע אָנהײב איז דאָס אַלץ מסתּמא טאַקע אַזױ פֿאָרגע־קומען, איצט אָבער איז הערמאַן, איר בלײַבער דאָן קיכאָט, װײַט פֿון איר, אַזױ װײַט... און אַפֿילו װען ער איז געװען גאָר נאָענט צו איר, אין די שײנע, גרינע יאָרן פֿון זײער ליבע, האָט ער זי דאָך אױך, װי אַ הײליקע, געהאַלטן װײַט פֿון זיך, געגלײבט אין דער הײליקײט פֿון אַ רײנער ליבע, פֿון חתונה האָבן און דערװײַל געפֿירט זײער מאָדנעם ראָמאַן פּלאַטאָניש, אידעאַליסטיש און עקסטרעם מאָראַליש.

אָבער, װיל יאָ, צי װיל ניט, אסתּר מײנט: דו ביסט געװאָרן גרישאַס װײַב. ער האָט דיך מיט שטורעם און לײדנשאַפֿט גענומען אין זײַנע אָרעמס און... זײ געזונט הערמאַן.

בעת איך ליג און טראַכט װעגן דעם גורל אירן, רעדט זי אַן אױפֿהער. אַ פּנים, זי װיל מיך און אפשר נאָך מער זיך אַלײן איבערצײַגן, אַז על־פּי שׂכל, על־פּי לאָגיק, געהערט זי טאַקע נאָר און נאָר, אױף אײביק, צו דעם שלימזל אירן. דאָס װאָס איז פֿאָר־געקומען מיט גרישאַן, דאָס װעט איבערגײן צוזאַמען מיט דעם גאַנצן טײַװולאַנישן קאָשמאַר פֿון דער מלחמה. איך האָב ניט געספּקט אין דעם, אַז זי איז װײַטיקלעך פֿאַרשעמט, אָבער גלײַב־צײַטיק ביטער־זיס פֿאַרליבט אין איר מאַן. אַ „זינדיק", געהײמ פֿײַער האָט געברענט אין איר רײנער, אומשולדיק־שולדיקער נשמה.

װאָס מער זי האָט געפֿילט, אַז איך פֿאַרשטײ דאָס, אַלץ מער און פֿאַנאַטישער האָט זי זיך באַמיט מיר צו באַװײַזן, אַז דאָס װאָס איז הײַנט — װעט ניט זײַן מאָרגן; אַז כאָטש איר גוף איז

דאָ, זענען אָבער אַלע אירע געדאַנקען דאָר, דאָרטן, בײַ אים... ווײַט פון דאַנען. און מאָדנע; אונדזער ביטערע, אויסגאַנגלאָזע קעגנוואָרט, דער שטורעם אַרום אונדז, דער ווירוואָר, וואָס איז געקומען צו פּאַרטיליקן אונדזערע ברידער און אונדז צוזאַמען מיט זיי, אַלץ, דאָס קאַטאַסטראָפּאַלע, שרעקלעכע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ דירעקטע, אַזאַ מרה־שחורהדיקע שײַכות צו אונדז ביידן — איז אין יענע עטלעכע שיכּורע נעכט ממש פאַרשוווּנדן.

אין מיטן „פּאַנדעמאָניום" פון אַן אונטערגייענדיקער וועלט, האָבן מיר ביידע, אין יענע אומפאַרגעסלעכע פיר נעכט, אויפגעבויט מיט אונדזערע רייד אַ מין אינדזל פון שלום, פון מיידלשער ראָמאַנטיק און אָנגעפילט דאָס דאָזיקע אינדזל אונדזערס מיט ליבשאַפט, וואָס האָט אונדז באַגײַסטערט און אַרומגענומען מיט אַ נײַער צערטלעכקייט און האָפענונג.

מיר זענען געלעגן אין דעם בעטל מיט געמישטע געפילן: אָט זענען מיר שיכּור פון עקסטאַז, אָט טרויעריק און צעחושט, און אויסגעדאַכט האָט זיך אונדז, אַז דאָס טראַגישע, וואָס רינגלט אונדז אַרום און באַדראָט אונדזערע לעבנס, איז ניט אמת, אמת איז נאָר, אַז מיר האָבן זיך געפונען, אַז מיר זענען ערגעץ ווײַט־ווײַט אויף דעם גרינעם, וואַרעמען, עקזאָטישן אינדזל און מיר וועלן סײַ דעם אינדזל, סײַ איינע די אַנדערע שוין קיין מאָל ניט פאַרלאָזן... עס האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז קיין וויכטיקערס ווי צו דיסקוטירן וועגן איר קאָמפּליצירטן ראָמאַן איז גאָר ניט פאַראַן.

עקשנותדיק האָט זי געהאַלטן אין שרײַען, אַז איר לעבן געהערט הערמאַנען, אַז גרישאַ איז נאָר אַן עפּיזאָד, אַן אַרויסהעלפער אין דער עת־צרה, אַ חבר, אַ גוטער פרײַנד, אָבער ניט מער.

אויף דער דריטער נאַכט אָבער, ווען דער פרימאָרגן האָט שוין געגומען באַלײַכטן אונדזער שטיבעלע מיט זײַן ערשטן, ווינטערדיק־גרויען ליכט, ווען די שלאָפלאָזע נאַכט האָט זיך שוין

געניינגט צום טאָג, דעמאָלט האָט אַסיאַ פּלוצעם געגומען היסטעריש וויינען, פאַרצווייפלט, קינדעריש, אויפן קול, אומקאָנטראָלירט.

ווי אַ ווולקאַן האָט דער גאַנצער נאַקעטער אמת זיך געריסן פון איר ברוסט אַרויס:

„איך האָב אים ליב... איך האָב אים ליב, יאָ! קוק ניט אַזוי אויף מיר, קוק ניט אויף מיר!... וואָס וועט זײַן דער סוף פון דעם אַלעמען? יאָ, יאָ, יאָ, איך בין משוגע פאַרליבט אין מײַן מאַן... מײַן האַרץ ציטערט ווען איך דערמאָן זיך אין זײַנע צערטלעכ־קייטן, ווען איך דערפיל, אין חלום, זײַנע אָרעמס אַרום מײַן קערפּער... איך קאָן זיך אַפילו ניט אויף אײן מינוט באַפרײַען פון מײַן בענקען נאָך אים. ווען דו וואָלסט וויסן ווי איך שעם זיך: פאַר דיר, פאַר אים, פאַר מיר אַליין... מײַן ליבע איז אַזאַ טרייפענע, אַזאַ קאָרופּטע, אַזאַ ניט ריינע! דאָס איז די נידעריקע, ווילדע חיה אין מיר, וואָס האָט אים ליב באַקומען. דאָס איז אַסיאַ, די ,געשמדטע׳, די פאַררעטעריין אַסיאַ — ס׳איז ניט אסתּר, וואָס האָט פאַרראַטן איר באַשערטן, דעם וואָס בענקט דאָרטן, אויף די שנייען, נאָך זײַן ריינער כּלה. ער — מעגסטו זײַן זיכער — ער לעבט נאָר מיט אײן געדאַנק, מיט אײן פאַרלאַנג: צו קומען צו מיר, צו זײַן ווידער מיט מיר פאַראייניקט.

איך אָבער, איך, די זינדיקע, די פאַרשאָלטענע, די שלעכטע, איך בענק גאָר נאָך דעם אַנדערן, און ווען איך טראַכט וועגן הערמאַנען, הייבט אין מיר אָן צו ברענען אַ בושה, וואָס האָט ניט קיין נאָמען און האָט ניט קיין גרענעץ. איך האָס זיך אַליין, איך האָס גרישאַן, איך האָס הערמאַנען, איך האָס דעם גאַנצן ביטערן גורל מײַנעם״! — און באַגאָסן מיט טרערן האָט זי זיך אַ ווילדן וואָרף געטאָן אויף מיר און געוויינט און געהעשעט...

ביז צו דעם דאָזיקן מאָמענט האָט זי אַלץ נאָר גערעדט וועגן איר ליבע צו הערמאַנען. אירע ווערטער האָבן זיך ביז איצט געוויקלט ווי אַ שלענגעלע אַרום און אַרום דעם ענין און צו קיין ברעג ניט געקאָנט צוקומען...

איך האָב זי צערטלעך געגלעט איבערן קאָפּ, געזוכט ווי אַזוי זי צו טרייסטן, וואָס איר צו זאָגן, און ניט געפונען וואָס.

„יאָ, אַפילו דאָס איז אויך אַ ליגן. איך האָב ליב ניט נאָר מיט אַ חיהשן געפיל... מײַן גאַנצע נשמה בענקט נאָך אים. איך ציטער פאַר זײַן לעבן. ווי אַ משוגענע וואַרט איך אויף זײַנע בריוו. איך זע אים טאָג און נאַכט פאַר מײַנע אויגן. אַזאַ גוטער, אַזאַ אומשולדיקער, אַזאַ ריינער... אַזאַ שטאַרקער און גלײַכצײַטיק — אַזאַ שוואַכער. שוואַך פון ליבע צו זײַן פרעמדן ווײַב, צו דער ייִדישער פרוי, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אים אָן ליבע, אים דערציילט מיט געמאַכטער אויפריכטיקייט, אַז ליב האָט זי ניט אים, נאָר הערמאַנען, ווען זי וועט אויך אייביק ליבן. גרישאַס טיפע ליבע צו מיר, זײַן גוטסקייט, זײַן גרענעצלאָזע איידלקייט, האָט גורם געווען ער זאָל דאָס אַלץ פאַר ליב נעמען. וואָס איז דען אונדזער בורך־אידעאַליזם, סײַ מײַנער, סײַ הערמאַנס אין פאַרגלײַך מיט זײַן נאַטירלעכן גלויבן, מיט זײַן איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך אין וועלכער ער האָט הייליק געגלייבט זײַן גאַנץ לעבן? מיר פילאָסאָפירן, טראַכטן, דיסקוטירן; מיר זענען דאָך ניט סתם אַזוי מענטשן, חלילה, מיר האָבן פאַר דעם תּוכן פון אונדזער לעבן תּמיד אַ תּלמודישן צוגאַנג, מיר באַטראַכטן אַלצדינג מיט אַ ‚יאָ‘, און מיט אַ ‚ניין‘ אין דער זעלבער צײַט און גאָר ניט אַזוינס איז פאַראַן פאַר אונדז, אַז ס'זאָל זײַן אָן אַ ספק... ער אָבער, ער איז גרייט אַוועקצוגעבן זײַן יונג לעבן, אויב מען דאַרף עס האָבן, אָן שום פילאָסאָפיעס, אָן שום ספיקות, אָן איבעריקע רייד.

נו, אַדרבא, זאָג מיר, וואָס איז ער שולדיק, אַז זײַן אידעאַל, זײַן לאַנד, זײַן גלויבן און זײַן אָפּשטאַמונג זענען אַנדערש ווי מײַנע? און ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז אויב צוויי מענטשן זענען, חלילה, אַנדערש, דאַרף מען זיי פאַרשטיינען, אַרײַנוואַרפן אין חרם, שיסן אויף זיי מיט פּעך און שוועבל?"

איך האָב זיך שטום צוגעהערט צו דעם ברויזנדיקן שטראָם פון אירע ווערטער, זי געגלעט און בײַ זיך געטראַכט:

„אַט האָט זי אַנטפּלעקט פאַר מיר איר באַהאַלטענעם סוד, וואָס האָט זיך סוף־כּל־סוף דורכגעריסן, ווי אַ ווולקאַן, אַוועק־געשליידערט מיט דינאַמישן כּוח אַלע פאַרצוימונגען, וואָס זענען געשטאַנען צווישן אונדז די ערשטע עטלעכע נעכט. איצט איז אַלצדינג אַרויס אויף דער אייבערפלאַך און זי ווייס דאָס פון איצט אָן שוין מער ניט קענען לייקענען".

מײַן האַרץ האָט זיך געקאַרטשעט פון גרויס רחמנות צו איר: צו שטאַרק, צו קאָמפּליצירט זענען געווען די קאָנפליקטן פאַר אַזאַ יונגער פרוי... זי שטייט דאָ פאַר מיר, אין אַ זײַדענער, ראָ־זעווער פּידזשאַמע, אַ באָרוועסע, אַ פאַרוויינטע, אַ צעשויבערטע און וויינט...

נו, קלער איך, איצט האָט זי זיך מודה געווען, איצט בלײַבט עס שוין אַזוי. אָבער דאָ האָב איך געהאַט אַ טעות. גלײַך אויף צו מאָרגנס האָט זיך ווידער אַלץ געענדערט, אַנדערש ווי איך האָב זיך דאָס פאַרגעשטעלט: מיר האָבן זיךביידע פּלוצעם דער־פילט עפּעס אַזוי מאָדנע, ניט מער פרײַ איינע מיט דער אַנדערער; מיט אײַן מאָל ניט געקענט זיך קוקן גלײַך אין די אויגן, צווישן אונדז איז אַנטשטאַנען אַ מין אַנטאַגאָניזם, פאַר וועלכן ניט איך, און מסתּמא אויך ניט זי, האָט געהאַט אַ קלאָרע דערקלערונג. זי האָט אַ פּנים זיך געשעמט פאַר מיר, פאַר דער „פרעמדער", פאַר וועלכער זי האָט זיך נעכטן בײַ נאַכט כּלומרשט אויסגעטון נאַקעט און האָט איצט, בלי־ספק, חרטה אויף דעם געשעענעם. נו, און איך?

איך האָב זיך ווידער דערפילט אַליין אויף דער גאָרער וועלט, נאָך מער איינזאַם, נאָך מער פאַריתומט, ווי פריִער, איידער איך האָב זי געטראָפן. ס'האָט זיך דערוועקט אין מיר אַ מאָדנער צאָרן צו איר:

„ווער האָט דיך געבעטן דו זאָלסט זיך פאַר מיר אַזוי אַנטפּלעקן, אַזוי זיך אָפּרעדן פון האַרצן, האַ? למאי וואָלסטו בעסער געשוויגן. ווען גייט עס אָן וועמענס דו ביסט? וואָלסטו מיר ניט דערציילט

און מיך בעסער געלאָזט צו רו מיט דײַנע פאַרוויקלטע ראָמאַנען, וואָלטן מיר דאָך נאָך אַלץ געווען חברטעס און איך וואָלט ניט געפילט, אַז אָט־אָט וועסטו מיך אַרויסטרײַבן פון דעם וואַרעמען ווינקל, אַז אָט־אָט וועל איך מוזן פאַרלירן דעם לעצטן אָנשפּאַר מײַנעם און אַוועק וועל איך מוזן אינעם שונאס קאַלטן דרויסן".

מיר האָבן כמעט ניט גערעדט איינע צו דער אַנדערער. דער טאָג איז אַוועק אין אַ שווערער, דריקנדיקער טרויעריקייט און מוטלאָזיקייט. די סימפּאַטישע קלוגע איוואַנאָווס האָבן ביידע באַלד דערפילט, אַז עפּעס איז ניט אין אָרדענונג מיט די צוויי „קוזינעס". איר שוויגער האָט אַלץ אין איינעם בגנבה געוואָרפן אַ בליק אויף אונדזערע שולדיקע, אומבאַהאָלפענע פּנימער. זי האָט עפּעס אַזוינס געוואָלט זאָגן, וואָס זאָל מאַכן מיר זאָלן זיך איבערבעטן איינע מיט דער צווייטער, זי האָט אָבער ניט געוואַגט דאָס צו טאָן. בײַ איר און איר מאַן איז אַסיאַ געווען עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס, אַן איידעלע „באַרישניאַ", אַ „זאַפּאַדניצע" מיט אַ מאָדנער, אָבער אויטאָריטעטער באַנעמונג... זיי האָבן ביידע געקוקט מיט געטרײַע, פאַרליבטע אויגן אויף זייער שנור. אָט, גרישקאַ, מאַלאַדיעץ (אַ בריה)... ווען ער האָט זיך דאָס אויסגעקליבן פאַר אַ ווײַב. אַזאַ שיינע, פײַנע, אַ „דאַמע", דערבײַ ניט קיין שטאָלצע, „פּראָסטאַיאַ" (אַ פּשוטע), „נאַש טשעלאָוויעק" (אַן אונדזעריקער מענטש).

דאָס גאַנצע דאָרף, די שול מיט די קינדער, די שכנים, אַלע האָבן אַסיאַן ליב באַקומען. פאַר יעדן האָט זי געהאַט אַ גוט וואָרט, אַ שמייכל; מיט יעדן גערעדט ווי אַן אַלטע באַקאַנטע. נאָר פאַר מיר האָט זי דעם טאָג קיין איין גוט וואָרט ניט געהאַט.

ווען דער אָוונט איז געקומען זענען מיר ביידע שווײַגנדיק און אומעטיק פאַרבליבן זיצן מיט זיי בײַ דעם טיש. עס האָט זיך אונדז ניט געגלוסט אַרויפגיין. ווי אַזוי וועלן מיר עפּעס ליגן דאָרט, אין דעם זעלבן בעטל, ווו ערשט נעכטן האָבן מיר זיך אַזוי זיס, פאַרליבט און אײַנגעגלייבט איינע אין דער צווייטער,

אַרומגענומען און זיך געשוווירן אייביק צו בלײַבן צוזאַמען?

און הײַנט? ערשט איצט באַנעם איך, אַז די זעלביקע אַסיאַ וואָלט אַ סך געגעבן צו זען מיך שוין אויף דער אַנדערער זײַט טיר.

„דו ווייסט וואָס איך טראַכט, אַסיאַ, זאָג איך און באַמי זיך צו קוקן אויף איר און ניט אַרויסווײַזן ווי שווער ס'איז מיר אויפן האַרצן, ווייסטו וואָס איך קלער? איך מיין, ס'וואָלט בעסער געווען ווען איך באַלעסטיק אײַך ניט מער, ווען איך זיץ דאָ ניט מער בײַ אײַך. ווי גוט ס'זאָל מיר דאָ ניט זײַן, איז דאָך בעסער פאַר מיר צו וואַרטן אויף דער סטאַנציע גופא; דאָרט בײַ מײַן כאַטע זע איך די צוגן קומען און אַוועקפאָרן, דאָ וועל איך פאַרפאַלן ווערן. איך מוז דאָך סוף־כל־סוף געפינען מײַנע עלטערן, פאַר־שטייסט דאָס דאָך, ניט אַזוי?״...

ווילן ווילט זיך מיר שטאַרק, אַז די איוואַנאָווס זאָלן פּראָ־טעסטירן און זאָגן: „אָ, ניין, מיר ווען אײַך ניט לאָזן זיצן דאָרט אויף דער קעלט, אונטער באַמבעס, ניין, בשום־אופן נישט. איר וועט איבערוואַרטן דאָ, בײַ אונדז, אין דער וואַרעם, בײַ אייגענע מענטשן. רירט זיך ניט פון דעם אָרט, איר הערט? מען וועט שוין עפּעס ווי ניט איז צוטראַכטן״.

אָבער ניין, זיי זאָגן גאָרנישט. זיי קוקן דאָ אויף מיר, דאָ אויף אַסיאַן און זאָגן גאָרניט. אַסיאַ אָבער שטייט אויף ספּאָנטאַן און צעשרייט זיך:

„וואָס? ביסט דאָך פון זינען אַראָפּ!״ אַ צייכן פון מײַן אַלטער, הערלעכער פרײַנדין באַווײַזט זיך ווידער אויף איר אויפגערעגטן פּנים.

אירע באַקן ווערן רויט־רויט, דאָס גאַנצע פּנים אירס צעגליט זיך, ווי אין אַ פלאַם־פײַער. זי לויפט צו צו מיר, נעמט מיך שטאַרק־שטאַרק אַרום און פּלוצעם צעוויינען מיר זיך ביידע, ווי צוויי משוגענע. מיר האַלטן זיך אַרומגענומען און אַלץ איז ווידער גוט.

צו מאָרגנס בײַ נאַכט האָב איך אָפּן און פרײַ צו איר גערעדט:

„אַסיאַ, אסתר, נשמה מײַנע, וואָס וואַרפסטו זיך אַזוי ווילד קעגן שטײנערנע ווענט? פאַר וואָס פּילסטו זיך אַזוי שולדיק? פאַר וואָס שטראָפסטו זיך אַליין אַזוי גרויזאַם? סאַראַ פאַרברעכן האָסטו דען באַגאַנגען? דײַן גאַנץ לעבן האָסטו געגלייבט, אַז דו ביסט פאַרליבט אין הערמאַנען; אין אים געזען דײַן אידעאַל, דעם אינהאַלט פון דײַן מיידלשן לעבן. אַזאַ גרישאַ האָט זיך דיר קיין מאָל אַפילו ניט געחלומט. אָבער, זאָגן דיר דעם אמת, עפּעס איז מיר אײַער באַציונג, כ׳מיין דײַנע מיט הערמאַנען, ניט אין גאַנצן קלאָר: צוויי יונגע, פאַרליבטע, פולבלוטיקע, געזונטע מענטשן און... יאָרן פאַרגייען און זיי בלײַבן פּלאַטאָניש. אפשר איז אָט דער גרישאַ אָנגעקומען גראָד אין דער ריכטיקער צײַט צו דיר און פאַרנומען אַ נאַטירלעכן, אָן אויסגעבענקטן אָרט אין דײַן לעבן? אפשר האָסטו שוין לאַנג געבענקט צו ווערן געליבט, ניט ווי אין אַ בוך, ריין, פּלאַטאָניש, נאָר טאַקע פּשוט, ‚זינדיק׳, בשר־ודמיק, האַ?״

ווי נאָר איך האָב דאָס אַרויסגעזאָגט, איז אַסיאַ, ווי פון אַ דונער געטראָפן, אַרויסגעשפּרונגען פונעם בעט און ווידער גענו־מען שרײַען אויפן קול, אַז איך פאַרשטיי ניט, אַז איך האָב לחלוטין גאָרניט געהערט וואָס זי האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל בעסער ווידער אַ גוטן, אויפמערקזאַמען קוק טון אויף הערמאַנס בילד, ווײַל איך ווייס ניט וואָס איך רעד. און בייזערנדיק זיך צעשריגן:

„הערמאַן איז דאָך אַ ייִד, אַ ייִד, פאַרשטייסטו דען ניט? מיר זײַנען דאָך קינדער פון איין אומה, מיר ריידן דאָך ביידע דאָס זעלבע לשון! זײַנע אידעאַלן זײַנען מײַנע אידעאַלן, זײַן ציל אין לעבן — איז אויך מײַן ציל געווען. מיר פאַרשטייען איינער דעם אַנדערן אָן ווערטער. דאָס האָט ער זיך אַליין פאַרווערט מיך אָנצורירן, כּדי, חלילה, ניט ווערן צו פיל אַבסאָרבירט פון דער ליבע, ניט צו זײַן בכּוח צו טון זײַן התחייבותדיקע אַרבעט... אַזוי לאַנג ווי אונדזער ציל איז נאָך ניט דערגרייכט געוואָרן, האָבן מיר ביידע באַשלאָסן, אַז... אַך, אָבער דו פאַרשטייסט דאָך דאָס

אַלץ ניט! זײַן אויפגאַבע איז געווען אַ ביז גאָר וויכטיקע, פאַר דעם האָט ער געדאַרפט האָבן אַ ניכטערן קאָפּ; זיך האַלטן כּסדר פון דער ווײַטנס פון מיר, פון זײַן כּלה, ס'האָט אים געקאָסט זײַן גאַנצן מאָראַלישן כּוח, און דו ווילסט מיר זאָגן, אַז..."

„נו, און גרישאַ? האָט ער דען ניט אויך גענומען אויף זיך אַ העלדישע מיסיע חתונה צו האָבן מיט דיר און אויך זיך דאָך האַלטן פון דער ווײַטנס... ער האָט דאָך אויך געברענט מיט ליבע צו דיר. האָט ער זיך דען ניט מוסר־נפש געווען פאַר דיר און דײַנע עלטערן?"

און מערקווערדיק: יעדער מאָל ווען איך זאָג אַ גוט וואָרט אין שײַכות מיט דעם אָרעמען גרישאַן, ווערט זי אָנגעצונדן מיט צאָרן און הייבט אָן שרײַען, אַזוי ווי איך וואָלט האָבן איבערגעגאַנגען אין דעם לאַגער פון איר ערגסטן שונא; און ווען איך שאָקל צו מיטן קאָפּ צו אירע באַווײַזן וועגן איר ליבע צו הערמאַנען, שרײַט זי ווידער און דאָס מאָל פאַרטיידיקט זי גאָר גרישאַן; ס'איז מיט איר ניט גוט אַזוי און ניט גוט אַנדערש. זי איז הײַנט אין גאַנצן אַרויס פון די כּלים און איך ווייס מער ניט וואָס איר צו זאָגן.

„גרישאַ, זאָגסטו, האָט העלדיש געהאַנדלט לגבי מיר, יאָ? ווי לאַנג, מיינסטו, האָט זײַן נאָבעלע ,רעזיגנאַציע' געדויערט, האַ? פון אסתּר־תּענית ביז פּורים. דײַן ,געראַי' (העלד) האָט צוגעזאָגט, צוגעזאָגט, אָבער האַלטן וואָרט? ווער, וואָס? גלײַך, גאָר שנעל האָט ער..."

„אַסיאַ, אַסיאַ, צי האָט ער דיך גענומען מיט גוואַלט, מיט כּוח?"

און אַזוי האָבן מיר זיך געראַנגלט אַרום אָנגעווייטיקטן ענין און צו קיין אויסגלײַך ניט געקומען, און דעם ריכטיקן ענטפער ניט געקאָנט געפינען.

מיר האָבן ביידע אינטויִטיוו געפילט, אַז צו דער ביזאַיצטיקער

אידיליע אונדזערער וועט באַלד, באַלד דאַרפן נעמען אַ סוף. איך האָב זיך דאָ געפילט היימישלעך, וואַרעם, באַשיצט, ווײַט פון אַל דאָס שלעכטע, און דאָך האָב איך די גאַנצע צײַט געוווּסט אין מײַן אונטערבאַוווּסטזײַן, אַז די שיינע, ווונדערלעכע אינטערמעצאָ מיט מײַן אסתּר־אַסיאַ, וועט זיך אין גיכן מוזן ענדיקן. און כאָטש אונדזערע „ווײַסע נעכט", ווי אסתּר פלעגט זיי רופן, זענען דורך מיט שווערע, אומהיימלעכע שמועסן וועגן איר קאָמפּליצירטן גורל, האָבן מיר דאָך ביידע איינע פון דער אַנדערער אַ סך, אַ סך גענאָסן. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס זענען בפירוש די לעצטע גוטע, ליכטיקע טעג און אַז פאַר אונדז ליגן פינצטערע, מרה־שחורהדיקע צײַטן, אַן אומזיכערע צוקונפט און אַז אַט דאָס וואָס האָט אויסגעזען צו זײַן אַ חלום, וועט טאַקע מוזן בלײַבן נאָר אַ חלום.

בעת איך בין געלעגן דאָרטן, אויף דעם גאַניק פון מײַן צעבראָכענער כאַטע, אויף דער ווינטערדיקער סטאַנציע, האָב איך כּמעט מער ניט מורא געהאַט פאַר דעם וואָס וואַרט אויף מיר: אַלץ וואָס איז געווען פּערזענלעך, אינדיווידועל איז אַוועק פון מיר. איך בין געוואָרן נאָר אַ טייל פון אַ יחיד צווישן מיליאָנען פון אַזעלכע ווי איך; אַ פאַרשווינדנדיקער קליינער פּרט צווישן אַ ריזיקן, בלאָנדזשענדיקן, מיליאָניקן כּלל. מײַן לעבן האָט זיך צונויפגעמישט מיט זייערע לעבנס און ס'איז מיר מער ניט געווען וויכטיק וווּהין עס וועט מיך פאַרטראָגן. איצט אָבער — אַן אָנגע־וואָרעמטע פון די ווונדערלעכע טעג און נעכט בײַ מײַן אַסיאַן, איצט, ווען מיר האָבן דערפילט, אַז דער מאָמענט פון צעשיידן זיך קומט אַלץ נענטער און נענטער, האָב איך זיך שטאַרק גענומען שרעקן פאַר דעם וואָס וועט קומען, פאַר דעם טאָג, ווען איך וועל זיך געפינען ווידער אַליין, אַ פאַרלאָזטע אויף דער גאַנצער דול געוואָרענער, קראַנקער וועלט.

„אַסיאַ, זאָגט איך צו איר, באַלד וועל איך מוזן אַוועק פון דאַנען, טאָ זאָג מיר איצט, שוועסטער מײַנע, זאָג מיר כ'לעבן:

ווערסטו בלײַבן גרישאַס, אָדער ווערסטו אָפּזוכן דײַן הערמאַן און פאַרלאָזן דײַן אָרעמען מאַן, האַ?"

איצט איז זי שוין געווען מיד צו קעמפן, און זי האָט דאָס שטיל, אָן רעוואָלט צוגענומען, איצט, ווען איך האָב דאָס קינד אָנגערופן בײַ דעם ריכטיקן נאָמען.

„אוי, דושענקאַ מאַיאַ (נשמה מײַנע) וואָס קאָן איך דיר זאָגן? ווי קען איך איבערלאָזן מײַן גוטן, מײַן טײַערן באַשיצער, ווי קאָן איך אַ מאָל קומען צו אים און זאָגן: איך דאַרף דיך מער ניט האָבן. איך דאַרף ניט מער קיין שום טובות פון דיר. דו האָסט טאַקע געראַטעוועט מײַנע טאַטע־מאַמע, האָסט געקעמפט מיט דײַן יונגן לעבן קעגן מײַן שונא, האָסט מיך געטרײַ און איידל באַשיצט, מיט אַ סכנה פאַר דײַן אייגענער עקזיסטענץ; איצט אָבער, אַז די מלחמה האָט זיך שוין געענדיקט, דאַרף איך דיך מער ניט האָבן און איך בעט דיך — לאָז מיך פרײַ..."

„יאָ, יאָ, אַוודאי, זאָג איך, אָבער... הערמאַן?"

„און פון דער אַנדערער זײַט — הערמאַן. מיר האָבן זיך ליב געהאַט פון קינדווײַז אָן. ער וואַרט דאָרט אויף דעם טאָג, ווען מיר וועלן ווידער זײַן צוזאַמען. ער איז מיר געבליבן געטרײַ, זיך ניט אַרײַנגענומען אַ „מאַטריאָשקע' צו זיך, דאָס מעגסטו מיר גלייבן. איז וואָס זשע זאָל איך אים זאָגן? אַז ניט ווילנדיק, האָב איך זיך פאַרליבט אין מײַן מאַן, נאַריש, אַ פאַרצווייפלטע זיך משוגע פאַרליבט און פאַרגעסן אָן אים, מײַן דותן? און אַך, וואָס וועט זײַן, אַז איך וועל, חלילה, טראָגעדיק ווערן? ווער וועט אַרויס פון מיר? אַ קליינער איוואַנאָוו? אַ רוסקי? (אַ רוסישער)? אַ קאָמוניסטל, אַ שייגעצל, אַ בלאָנדס? און וואָס וועט שפּעטער ווערן פון מײַן קינד? אַ האַלבער ייִד און אַ האַלבער גוי? ווער זשע בין איך טאַקע? ווער בין איך פאַרט?" — פרעגט זי מיט אַן אָפּגלאַנץ פון טרויער אין די אויגן.

„לאָז עס אָפּ, אַסיאַ־לעבן, ווערסט סײַ ווי איצט די פּראָבלעם ניט לייזן, לאָז עס דערווײַל אָפּ, לאָז עס אָפּ פאַר שפּעטער".

אויף דער פּערטער נאַכט האָבן מיר בײדע גלײַכצײַטיק אינטויִטיוו דערפילט, אַז דאָס איז אונדזער לעצטע נאַכט פון זײַן צוזאַמען. פון וואַנען דאָס טרויעריק, אומהיימלעך געפיל איז געקומען ווייס איך אַליין ניט. מיט אַ מאָל אָבער האָבן מיר זיך בײדע אָנגעהויבן צו געבן אַלערלײ עצות, צוזאָגן צו שרײַבן, צו בלײַבן אין קאָנטאַקט, קיין מאָל איינע די צווייטע, חלילה, ניט פאַרגעסן און דער עיקר: גלײַך נאָכן סוף פון דער פינצטערער מלחמה — זאָל עס אַפילו דונערן און בליצן — זיך צונויפקומען.

לויט ווי איך האָב געהערט אַ סך שפּעטער איז טאַקע די סטאַנציע גראַפּסקאַיאַ קיין מאָל ניט אַרײַנגעפאַלן אין דעם שונאס הענט. אַלע ערטער אַרום גראַפּסקאַיאַ האָבן געברענט און אָפּגעווישט געוואָרן אונטער דעם בלוטיקן שטיוול פונעם דײַטש; בלויז: ליסקי, ראַמאָן און גראַפּסקאַיאַ זענען, ווי דורך אַ נס, געבליבן בײַ די סאָוועטן.

וואָס נענטער די נאַכט האָט זיך גערוקט צום נײַעם טאָג, אַלץ מער האָבן מיר בײדע געפילט, אַז דאָס איז צווישן אונדז דער לעצטער דיאַלאָג... שטום און פאַרשטאַרט פון דער מאָרגנדיקער קעלט און נאָך מער פון טרויעריקן געמיט, זענען מיר בײדע געלעגן פעסט אַרומגענומען, הגם נאָענט, דאָך שוין ווײַט־ווײַט איינע פון דער אַנדערער.

אַ יונגע שכנה, מאַניקאַ, איז אַרײַן אין דער פרי צו די איוואַנאָווס און מיט אַ קוויטשענדיקער שטים געבראַכט די לעצטע נײַעס:

„די נאַכט איז אָנגעקומען אַ באַן... די ,פּאָסאַדקע׳ וועט באַלד, באַלד פאָרקומען. מאָרגן פאָרט די באַן אָפּ קיין אַלמאַ־אַטאַ. פון וואַנען איך ווייס דאָס, גאָלובושקעס (טײַבעלעך)? איך ווייס, מאַניקאַ ווייסט אַלץ. ס׳ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער מאַשיניסט איז מײַנער אַ ,קום׳, מײַן מחותן, מיינט עס. איך שטיי זיך אַזוי דאָרטן און קוק אויף די מענטשן און וואָס זע איך? ווען דערזע איך בײַ דעם לאָקאָמאָטיוו, האַ? שורקאַ, דעם רויטן מיט דער שיטערער

באַרד דערזע איך דאָרטן. אוי, זאָג איך צו זיך אַליין, דאָס איז דאָך שורקאָ דער רויטער מיט זײַן שיטערער באָרד, וואָס טוט ער דאָ? נעם איך לויפן צו אים און דערמאָן זיך פּלוצעם, אַז ער האָט דאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, נעבעך, פֿאַרלוירן פיר פינגער פון זײַן רעכטן פוס אונטער אַ לאָקאָמאָטיוו. מען האָט אים דאָך דעמאָלט געמאַכט פאַר עפּעס אַ מין געראַי טרודאָ (אַ העלד פון אַרבעט); נו, איז מסתּמא, איז ער ניט גערופן געוואָרן צו דער אַרמיי און איצט פירט ער גאָר אַ באַן. לויף איך שנעל צו צו אים און זאָג אים אָן, אַז באַלד וועט קומען אַ פרוי, אַ פרײַנדין מײַנע, וואָס טראָגט אונטער דעם האַרצן... טאָ זאָל ער זי מיר ,פּאַסאַדיען' און דווקא אין דעם בעסטן, וואַרעמסטן וואַגאָן. ער האָט צוגע־זאָגט, און אַז שורקאָ זאָגט צו קען מען זיך פאַרלאָזן".

אַסיאַ און איך שטייען מיט פאַרלאָשענע אויגן. ס'ווילט זיך מיר פאַרשטאָפּן די אויערן און ניט הערן דעם „גוטן מליץ", מאַניקאַס רייד. דאָ מוז איך בלײַבן, דאָ, און וואָס עס וועט זײַן מיט אַסיאָן — זאָל אויך זײַן מיט מיר.

נעכטן, בעת די נאַכט איז נאָך געווען טיף און טונקל און דער קאַלטער מאָרגן — נאָך ווײַט פון אונדזער פענצטער — האָט זי צוגעלייגט איר איידעלע האַנט צו מײַן בויך, לאַנג און שטיל געוואַרט, אַז דאָס נפש מײַנס זאָל לאָזן פון זיך הערן, און אַז עס האָט טאַקע געגעבן אַ קלאַפּ — האָט זי מיט אַ זיסן, טרויעריקן שמייכל אַ זאָג געטאָן:

„ס'גייט געבוירן ווערן אַ ייִדיש קינד, אין אַ גוטער, מזלדיקער שעה. דו וועסט פון אים, אם־ירצה־השם, מאַכן אַ גוטן ייִדן, מיט דײַן מאָן צוזאַמען, יאָ? אונדזערע ברידער ווערן אויסגעהרגעט, אומגעבראַכט אין די טויזנטער, טויזנטער אַפילו איצט, אָט אין דער מינוט... אָבער אַנדערע ווערן געבוירן! די גאָלדענע קייט וועט קיין מאָל אין גאַנצן ניט איבערגעריסן ווערן. מיר וועלן זי ווײַטער עקשנותדיק שמידן, אַזוי לאַנג ביז מיר וועלן דערלעבן צו דער־גרייכן די גאולה: לשנה־הבאה בירושלים! אוי, סאַראַ אַלטע

בענקשאַפט דאָס איז, אַזוי אַלט ווי אונדזער גלות. אוי, מײַן טײַערע, אוי, דושאַ מאַיאַ (נשמה מײַנע), אוי בענק איך... ס'בענקט זיך מיר נאָך מײַן יִדישקייט. אָט זע דעם לעצטן לוח מײַנעם: ס'וועלן קומען בעסערע טעג אויף אונדז און ווידער וועט מען זיך אַ מאָל גרייטן פאַר אַ יום־טוב, ליכט אָנצינדן, חלות באַקן, אין שול אַרײַן גיין, יום־טובדיקע קליידער אָנטון... נאָר איך, איך וועל בלײַבן אַליין, אַ פאַרשאָלטענע, אַ פאַרשטויסענע, אָן אַ היים, אָן אַן אָנשפּאַר. אַרײַן אין דעם ,גויִישן גן־עדן' און פאַרפאַלן איז מײַן קאָפּ... פאַרפאַלן אויף תּמיד. פאַרגעס מיך ניט, הערסט, פאַר־געס מיך קיין מאָל ניט..."

אָט שטייען מיר אַלע פיר אויף דעם באַנהויף. מײַן טשעמאָדאַן איז אין איוואַנאָווס הענט, ער האָט אים פאַכמעניש איבערגע־בונדן מיט אַ דראָט און איצט באַקוקט ער זײַן אַרבעט און מורמלט עפּעס אונטער דער באָרד. ער זעט אויס צו זײַן אין גאַנצן צופרידן. זײַן פרוי רעדט צו מיר אַזוי גיך־גיך, זי זאָגט מיר אַ פּנים עפּעס אָן, גיט מיר עצות, די גוטינקע. אָט שטופּט זי מיר עפּעס אין דער האַנט אַרײַן: ס'איז אַ שמאַטעוואַטע בײַטעלע אָנגעפּילט מיט געלט. איך וויל דאָס ניט נעמען, אָבער זי רעדט, רעדט, רעדט און איך נעם עס אויטאָמאַטיש צו.

איך קאָן ניט אָוועקנעמען מײַנע אויגן פון אַסיאַן, זי שטייט אַליין בײַ דער זײַט. זי טראָגט הײַנט ווידער דאָס זעלבע היטעלע מיטן סקאָטישן באַנד אַרום, ווי דעמאָלט, אין דעם סאַמע אָנהייב... איר פּנים איז בלאַס און ערנסט. אין די פאַרווייִנטע אויגן אירע — אַ מאָדנער, כּלומרשט ברוגזער אויסדרוק, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן: „אַזוינס טוט מען ניט. אָנשטענדיקע מענטשן פאָרן ניט סתּם אַזוי אַוועק, שוין, פּטור און... זײַ געזונט. מען נעמט ניט און מען פאָרט פּלוצעם אַוועק — ווער ווייסט וווּהין, צו וואָס און צו וועמען?"

איך שטיי ווי אַ שולדיקע פאַר איר. מיר רעדן ניט, ניטאָ מער וואָס צו רעדן.

„בלײַב, בלײַב דאָך, שוועסטער מײַנע, בעטן אירע אויגן, די

וועלט שטייט אין פלאַמען... נאָר דאָ, בײַ מיר איז דיר נאָך אַ ביסל געווען גוט. בלײַב, איך וועל זאָרגן פאַר דיר און פאַר דײַן קינד".

טרערן פילן אָן מײַנע אויגן און ס'פּאַרציט זיך אויף זיי אַ שווערער, הייסער נעפּל און איך קען כּמעט קיינעם און גאָרניט מער זען.

איוואַנאָוו טוט מיר אַ שטאַרקן שטופּ פון אונטן אַרויף און אַט געפין איך זיך שוין אין דעם איבערגעפּולטן וואַגאָן. פון ערגעץ ווו באַווײַזט זיך מאַניקאַ, די שכנה... זי לויפט צו צו אונדז, רעדט, רעדט, רעדט, אָבער איך הער ניט וואָס און עס גייט מיך ניט אָן. דאָרט שטייט אסתּר, מײַן טרויעריקע, שיינע, שלאַנקע אסתּר... פון אינעווייניק, אין דעם וואַגאָן, נעמט מיך אַרום אַ שווערער וואָלקן פון פּאַרע און אַ פײַכטער ריח פון מענטשן, פון שווייס, טרערן, אַ ריח וואָס וועט מיך שוין פון איצט אָן באַגלייטן אויף אַלע מײַנע פינצטערע וועגן. ווײַל ווייס איך, אַז דער אַלטער קאָשמאַר פון זײַן פאַרלוירן, פון אַנטלויפן פון אונטערגאַנג — הייבט זיך איצט אויף ס'נײַ אָן פאַר מיר.

אַט הייבט דער צוג אָן זיך צו באַוועגן. מען פאָרט נאָך ניט, זאָגן די מענטשן, דאָס איז נאָר אַזוי, ער פּרוּווט צו פאָרן, אָבער דאָס איז נאָך ניט דאָס ריכטיקע פאָרן.

ווידער אַ רוק. און ווידער אַ רוק, דאָס מאָל שטאַרקער, אַהין און צוריק.

עטלעכע מענטשן אויף דעם באַנהויף, וואָס האָבן זיך געשראָ־קן, אַז די באַן איז גרייט צום אָוועקפאָרן און מען וועט זיי דאָ איבערלאָזן, לויפן און שרײַען און כאַפּן זיך אַרויף אויף דער באַן, שטופּן זיך אַרײַן אין אַ וואַגאָן.

איך שטיי בײַ דער אָפענער טיר און קוק אַראָפּ צו מײַנע דרײַ איוואַנאָווס. אַט ווערן זיי קלענער און קלענער... ווײַטער און ווײַ־טער... זעט אויס, אַז מיר פאָרן טאַקע אָפּ. מיר זענען שוין באַלד אַוועק פון דאַנען, דערזע איך פּלוצעם ווי אַסיאַ לויפט, לויפט פּאַראַלעל צו דער פאָרנדיקער באַן. אין איר ווײַסער האַנט האַלט

זי עפּעס. וואָס איז דאָס? אוי, דאָס איז אַ ביכעלע. דער לוח, דער לוח, דער לוח... עפּעס שרײַט זי צו מיר... וואָס? וואָס? וואָס? דער ווינט דערטראָגט עס צו מיר:

„דער לוח, וואָרט, וואָרט, וואָרט אויס, דער לוח... דײַן קינד זאָל וויסן...״

די באַן טוט זיך אַ שטאַרקן דריי... מיר פֿאָרן... פֿאָרן... אַלץ איז פֿאַרשוווּנדן, אַסיאַ אויך.

דער וועג ליגט פֿאַר אונדז אַ ווײַטער, אַן אומבאַקאַנטער. מען ווייסט ניט וווּהין די באַן וועט אונדז דערפֿירן. מען ווייסט ניט צי מען וועט דערלעבן ערגעץ אָנצוקומען. אין וואָגן הייבט אָן זייער שטאַרק צו שנייען. די הילצערנע ווענט פֿונעם אָנגע־פּאַקטן וואַגאָן באַדעקן זיך שנעל מיט אײַז און שניי. קינדער וויינען פֿון קעלט און פֿון הונגער. אויפֿן הימל, איבער אונדז, באַווײַזן זיך אונדזערע שטענדיקע באַגלייטערס — די פּראָזשעקטאָרן.

מען פֿאָרט, פֿאָרט, די רעדער קלאַפּן און איך פֿיל, אַז מײַנע אויגן פֿאַלן מיר צו, כאָטש איך שטיי אויף די פֿיס. נעכטן אין דער צײַט בין איך נאָך געלעגן מיט אַסיאַן צוזאַמען אין בעט און מען האָט גערעדט, גערעדט...

איך זע פֿאַר זיך די אַלטע איקאָנעס און... דאָס לוחל אין איר האַנט. די באַן פֿאָרט. די רעדער ברומען.

ווו זענען מיר איצט? אין מיטן פֿעלד זענען מיר און דאָס פֿעלד איז באַדעקט מיט שניי. מען זעט גאָרניט מער ווי שניי און דעם שוואַרצן הימל איבער אונדז. מיר זענען שוין, ווײַזט אויס, ווײַט, גאָר ווײַט אַוועק פֿון גראַפּסקאַיאַ.

איך דערפֿיל מײַן קינד.

ווי, ווו וועט זײַן דאָס אָרט פֿון דײַן געבוירן ווערן? וואָס וועט זײַן דײַן ייִדישער גורל?

— און דו, מײַן שוועסטער, וואָס וועט זײַן מיט דיר?... וואָס?...

צוקונפֿט, יאַנואַר, פֿעברואַר 1971.

אַ שול אָן אַ מנין
דערציילונג

שווערע, גראָע וואָלקנס הענגען איבער די שטילע, ליידיקע געסלעך פונעם „צווייטן בעצירק" און דאָקטאָר סעם שפּיגל גייט אַרום דאָרט שוין אַ גוטע שעה און זעט ניט קיין סוף צו זײַן זוכן. „פּאָלקערט גאַססע"... עס דאַכט זיך אים, אַז אָט־טאָ־טאָ וועט ער זי געפינען. ער פּאַרדרייט זיך אין אַ צווייט געסל און — אַלץ ניט דאָס וואָס ער זוכט.

ס׳קומט אים איצט אויפן זינען, אַז טאַקע צוליב געפינען דאָס אַלטע געסל און דאָס אַלטע הײַזל וווּ ער איז, נאָך ווי אַ סטודענט, אײַנגעשטאַנען — איז די אייגנטלעכע סיבה פון זײַן קומען קיין ווין — נאָך 50 יאָר!

ס׳דאַכט זיך אים, אַז טאַקע נאָר צוליב דעם איז ער געקומען קיין ווין. אָבער, ווען זײַן שנור האָט אים געגעבן אַ קאָנווערט און זײַן זון האָט מיט אַ ווייכן שמייכל געזאָגט, אַז דאָס איז זייער מתּנה צו זײַן 75סטן געבוירן־טאָג — איז אין דעם קאָנווערט געלעגן אַ בילעט קיין ווין. דעמאָלט האָט ער אַפילו ניט געטראַכט פון דער פּאָלקערט גאַססע, וואָס איז איצט געוואָרן פּלוצעם זײַן גאַנצער ציל, זײַן שטרעבן צו געפינען זיך, כאָטש אויף אַ רגע אומקערן זיך צו זײַן יוגנט...

דער דאָקטאָר איז ערשט ניט לאַנג געוואָרן אַן אַלמן. אַ געפאַלענער בײַ זיך, אַן איבערגעשראָקענער, פאַרשטומטער, אַ פאַרלוירענער — האָט ער אָפּגעדאַנקט די קינדער און זיך גענומען פּאַקעווען. אָבער ס׳איז אים ניט געווען צום האַרצן דער גאַנצער פּלאַן. ס׳איז אים שוין לאַנג גאָרניט געווען צום האַרצן. זײַן מעדיצין האָט ער אויך שוין אָוועקגעשענקט און זײַנע טעג און

נעבעך זענען געוואָרן אומעטיק און ליידיק און עס האָט זיך אים גאָרניט געוואָלט, גאָרניט געגלוסט...

אָבער זייענדיק שוין אַ פּאָר טעג אין זײַן אַלטער סטודענטן־שטאָט, האָט ער פּלוצעם זיך דערפילט גאָר און גאָר איינזאַם און זיך גענומען גיין זוכן די פּאַלקערט גאַססע 25. זוכן דעם נעבעכיקן טאָג. עס האָט זיך אים איצט געדאַכט, אַז ער וועט זיכער גלײַך באַטרעטן די גאַס און דערזען דאָס הײַזל און וועט אפשר קענען עפּעס הערן וועגן די טאַנענבוימס. דאָס זענען געווען זײַנע ליבע באַלעבאַטים און ער האָט געוווינט בײַ זיי גוטע דרײַ יאָר. אָט גייט ער דאָ אַרום שוין לאַנג און די גאַס באַהאַלט זיך פאַר אים. אַלע געסלעך זעען אויס ווי זײַן פּאַלקערט גאַססע. גיי געפין...

„בין איך דעמאָלט געווען טאַקע אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין איר? יאָ, אסתּרקע! קופּערנע, רויטע לאָקן, בלויע לאַכנדיקע אויגן מיט רויטלעכע ברעמען. אויף דעם קורצן, קאָמישן נעזעלע זומער־שפּרענקעלעך. אַ רונדע, קליינע פיגורקעלע. דיקע פיסלעך — ‚בראַטוורשט‘, האָט ער זיי גערופן״. אירע קוטשעראַווע האָר זענען איר שטענדיק אַרײַן אין פּנים און אַזוי האָט זי, זיצנדיק בײַ דעם שטענדיק אָפענעם פענצטער, זיך מיט גרויס מי פאַרקאַמט און דערבײַ געזיפצט און געקלאָגט: „מאַמע, איך קאָן מיר די האָרע ניכט קעמען״... און געוואָרנט, אַז זי וועט זיי אָפּשנײַדן און גיין מיט אַ קאָפּ ווי אַ יינגל.

אין זייער געמיטלעכער, אָרעמלעכער שטוב האָבן זיך געפּלאָנ־טערט אונטער די פיס דרײַ אָדער גאָר פיר קעץ. אסתּרקע האָט אַרויסגעוויזן צו זיי אַזאַ צערטלעכקייט, אַז ער, סעם, איז געווען ממש אייפערזיכטיק.

און אייפערזיכטיק איז ער געווען אויף אַלע און אַפילו אויפן אָפענעם פענצטערל און אויפן ווינטעלע, וואָס צערטלט אירע בעקלעך.

יאָ, ער איז געווען פאַרליבט. די טאַטע־מאַמע אירע האָבן

עס געוווּסט, אסתּרקע האָט עס געוווּסט, דאַכט זיך — די גאַנצע פּאָלקערט גאַסטע האָט געוווּסט און אַפילו די קעץ האָבן געוווּסט, אַז דער סטודענט איז ביז צום טויט פאַרליבט אין אסתּרן.

און כאָטש די יונגע צוויי מענטשן האָבן נאָך קיין איינציק וואָרט ניט גערעדט פון תּכלית — דאָס מיינט פון חתונה האָבן — איז אין דער שטוב געווען אַ ליבלעכע, זיסע שטימונג פון „אַט־אַט־טאָ" — און די טאַטע־מאַמע האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום סעמען (דעמאָלט סאַמויל) מיט אַ מילדקייט און וואַרעמקייט, וואָס האָט פאַרזיסט זײַנע סטודענטן־יאָרן.

בפּרט, אַז ער האָט אָנגעהויבן איר שרײַבן בריוו פון דער היים — וווּהין ער פלעגט פאָרן נאָר זומערצײַט, אויף די וואַקאַציע־חדשים — און פלעגט איר ברענגען פון דער היים אַ מתּנהלע — אַ רומענישן שאַל, אָדער עפּעס אַנדערש — האָט מען אים שוין אין גאַנצן אַרומגענומען מיט אַ משפּחה־אַטמאָספער, וואָס האָט אים טאַקע ווײַטער און אַלץ מער און מער אַרײַנגענומען אין זייערע אָרעמס, ווי אַן אייגענעם. מען האָט אים יעדער פרײַטיק צו נאַכטס פאַרבעטן צו קאַרפּן — מיט אַ פרישן פון אויוון אַרויס — „באַרכעס" — דאָס מיינט — חלה! און ער איז געווען גליקלעך...

שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן „דערציִען" זײַן מיידל: זי גענומען אין די מוזייען, געפירט איר ווײַזן די שטוב, ווו שובערט האָט קאָמפּאָנירט דעם „ערל־קעניג" און די שטוב, ווו בעטהאָווען האָט געלעבט מיט זײַן „שלימען פלימעניק" און דאָ האָט געוווינט מאָצאַרט און... און... אַפילו אין דער אָפּערע האָט ער זי גענומען. אָבער ער האָט געזען ווי זי גענעצט און קוקט אויף אים מיט שלעפעריקע אייגעלעך און ער האָט געהאַט רחמנות אויף איר און געוווּסט, אַז ער וועט זי ניט קענען „דערציִען" צו זײַן ניוואָ.

סעם האָט גוט געוווּסט, אַז זײַנע עלטערן, ניט קיין פאַר־מעגלעכע, וואָלטן געווען אויסער זיך, טאָמער ער וואָלט אַהיים

געבראַכט „אַ מיידל פון ווין", אַ פרעמדע און דערצו נאָך פון אַן אָרעמער שטוב. אויף אַ „נדן" וואָלט מען דאָ בפירוש ניט געקענט האָפן.

כאָטש סעם איז דעמאָלט געווען אַ „לינקער", אַ שטאַרק איינגעגלייבטער מאַרקסיסט — האָט ער אָבער פאַרט געוווּסט, אַז ער אַליין קאָן ניט איבערמאַכן דעם גאַנג פון דער וועלט — ניט אַזוי גיך און ניט מיט זיין אייגענעם לעבן. כאָטש געלט און אַזאַ זאַך ווי „נדן" זענען פאַר אים געווען „סאָציאַלע אומרעכט" — אַן אומרעכט, וואָס מען מוז באַקעמפן מיטן גאַנצן כּוח פון זיינע אידעאַלן — האָט ער אָבער געוווּסט, אַז ער מוז באַלד איינריכטן אַ קאַבינעט און ער מוז ווערן אַ דאָקטאָר, וואָס קאָן קאָנקורירן מיט די איינגעזעסענע, אַלטע דאָקטוירים פון זיין שטאָט, און דערצו מוז מען האָבן אָט דעם „פאַרדאַמטן קאַפּיטאַל", און דערנאָך, אַז מען וועט שוין זיין אויף אַ שטייגער, מען וועט שוין זיין אַ דאָקטאָר צווישן דאָקטוירים — וועט מען ווייטער קענען זיך פאַרנעמען מיט פריידיקן מאַרקסיזם. דערוויַיל מוז ער לעבן ווי אַנדערע לעבן און קעמפן פאַר זיין רעכט.

וויסנדיק וואָס זיינע טאַטע־מאַמע האָבן פאַר אים אַלץ געטאָן אין די שווערע יאָרן פון זיין שטודיום — וויסנדיק ווי גרויס עס זענען געווען זייערע קרבנות, כּדי ער זאָל קענען שטודירן, ווי זיי האָבן צו מאָל אפשר ניט דערעסן, זיך ניט פאַרגונען מער ווי דאָס נייטיקסטע — וויסנדיק דאָס אַלץ — האָט ער אָבער פאַרט ניט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון אסתּרקען. איר שמייכעלע, איר שפּרודלדיק געלעכטערל, אָפּט אַפילו אָן אַ גרונד, סתּם אַזוי, פאַר ווילטיק — איר שיינקייט און אַפילו איר נאַרישקייט (וואָס ער האָט דעמאָלט אָבער אָנגערופן פאַר זיין חבר: „איר נאַיִווקייט"), האָבן אים פאַרשיכּורט, פאַרכּישופט און צוגעצויגן אַלץ מער און מער און מער.

„ווער זענט איר אַזוינס, אסתּר, וואָס איך קאָן פון אייַך אין ערגעץ ניט אַנטלויפן? אַ? מיט וואָס האָט איר מיך אַזוי שטאַרק

צו זיך צוגעבונדן? איך בין דאָך אײַער שקלאַף... איך ליב אײַך און איר... איר לאַכט און לאַכט און לאַכט..."

(אין יענע יאָרן האָט ער זיך ביז זאַטקייט געהאַט אָנגעלייענט מיט שניצלערן און וועדעקינד און איבערגעזעצט זייערע ווערטער אויף זײַן אייגענעם לשון).

ער האָט נאָך אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט זי אײַנרעדן, אַז זי וואָלט אויך געקאָנט גיין אין אַן אָוונט־סעמינאַר און עפּעס וואָס שטודירן...

„איך שטרעב ניט שטודירן. מיר איז גוט אַזוי..." האָט זי לאַכנדיק געענטפערט.

„זיצן טאָג און נאַכט בײַם פענצטער — איז דאָס אַ מאכל פּאַר אַזאַ מיידל ווי איר?"

„איך בין — וואָס איך בין — גענוג פּאַר מיר! אַ ווינער מיידל איז אַ ווינער מיידל און שוין. לאָזט מיך צו רו"...

אין זײַן אייגענער שטאָט האָט סעם געהאַט אינטערעסאַנטע, אינטעליגענטע מיידלעך. מיידלעך מיט אידעאַלן, מיט אַ „וועלטאַנ־שויונג", ווי ער — געלערנטע, ערנסטע און שיינע אויך. ער האָט מיט זיי דיסקוטירט, הייס דעבאַטירט — און יעדער איז געבליבן בײַ זײַנעם — אָבער ס'איז געווען לעבעדיק און אינטערעסאַנט מיט זיי צו פאַרברענגען עטלעכע שעהען אין די טונקעלע אַלייען פון דעם אַלטן פּאַרק. אָבער טיף־טיף אין אים איז אַלץ געווען די מאָדנע, ניט צום פאַרשטיין שטאַרקע, ווייטיקלעכע בענקשאַפט נאָך אסתּרקען. ער האָט זיך אַליין ניט פאַרשטאַנען: אי ער האָט געבענקט נאָך איר, אי ס'איז אין אים געווען אַ מין שׂינאה צו איר, פאַר וואָס זי האָט אים — אַ סטודענט מיט אַן אייגענער, טיפער, אינערלעכער וועלט מיט אידעען און אידעאַלן — אַזוי צוגעבונדן צו איר קליין, ענג, פּראָווינציעל וועלטעלע...

אַלץ אין אים האָט פּראָטעסטירט קעגן דער לײַדנשאַפט, וואָס האָט אים אַזוי שרעקלעך געהאַלטן אונטער איר מאַכט — אָבער ער איז געבליבן בײַ איר. ניט געקאָנט אַנטלויפן.

מיט דער צײַט איז צווישן זיי געוואָרן אַ שטאַרקע, קעגנזײַטיקע, עראָטישע נאָענטקייט. מען האָט זיך געקושט און שיעור זיך אין גאַנצן ניט פאַרלוירן איינער אינעם צווייטן און ס'איז געווען אַלע מאָל דווקא ער, סעם, וואָס האָט זיך געכאַפּט און ניט דערלאָזט צו אַ „פינאַל" וואָס, ווי ער האָט געוווּסט, וואָלט געווען אַ טראַגי־שער סוף אי פאַר איר — אי פאַר אים אַליין אויך. ווי טיף סעם איז ניט געווען אַרײַן אין איר, האָט ער געוווּסט, אַז ער וויל זי ניט פאַר זײַן פרוי.

די קושן זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער און לײַדנ־שאַפטלעכער, מען האָט זיך באַהאַלטן פון די אַלטיטשקע און זיך פאַרגאַנגען אין טאָג־טעגלעכע סצענעס פון אַזאַ טײַוולשן כּוח. ס'איז פון זיי ביידן געוואָרן ווי אַ קנויט... זי האָט זיך געלאָזט קושן און האָט געענטפערט מיט דער גלײַכער שטאַרקייט. אָבער ער האָט געפילט, אַז קושן איז איינס — און ליב האָבן קאָן זי ניט, און ער האָט געליטן און בײַ נאַכט זיך אַלע מאָל געשוווירן, אַז מאָרגן קאַיאָר וועט ער אויפשטיין און איר זאָגן, אַז ס'איז סוף, אַז ער גייט אַוועק, אַז אַזוי קאָן עס ווײַטער ניט גיין... אַז... אַז... אַז...

אָבער דער מאָרגן קומט און ער קאָן קוים דערוואַרטן, אַז אסתּרקע זאָל זיך באַווײַזן בײַ דעם פענצטער און אים שענקען אַ שמייכעלע, אָדער אים צורופן און זאָגן מיט איר סודותפולן געלעכטערל: „זעסט, איך זיץ שוין לאַנג דאָ און וואַרט אויף דיר. בין איך ניט אײַן בראַווועס מעדכען?"

אירע באַנאַלע ווערטער האָבן אים געאַרט; אָבער דער כּישוף איז אַלץ געווען שטאַרקער פון אים און דער ראָמאַן האָט זיך געצויגן ווײַטער און ווײַטער.

אירע פּרימיטיווע, קאָקעטישע שפּילן האָבן אים דענערווירט. ער האָט געוואָלט אַוועק און האָט ניט געהאַט דעם כּוח איבער־צורײַסן.

שוין לאַנג גייען אסתּרקעס טאַטע־מאַמע אַרום מיט אומע־

טיקע, אַנטוישטע פּנימער. זיי ווייסן שוין לאַנג, אַז פון דעם מעל וועט קיין ברויט ניט ווערן. אַז דער „דאָקטאָר" (מיט דער צײַט האָבן זיי סעמען שוין גערופן „דאָקטאָר") האָט זייער טאָכטער ליב — אָבער „ניט ווי מען דאַרף, ניט ווי בײַ מענטשן פירט זיך". שוין לאַנג זענען זיי אַרומגעגאַנגען און געוואָלט רעדן „אַן ערנסט וואָרט" מיט דעם סטודענטל, אָבער אַלע מאָל, זעענדיק אסתּרס פרייִלעכקייט, הערנדיק איר געלעכטערל — האָבן זיי זיך געקרימט און אַלץ נאָך געהאָפט, אַז אפשר ווייסט דאָס קינד מער פון זיי? אפשר האָט דאָס פּאָרל צווישן זיך אָפּגערעדט? אפשר טאָר מען זיך אַלץ נאָך ניט מישן צו זיי? עפּעס איז זי דאָך אַזוי פרײַ, אַזוי פרייִלעך און ער איז פאַרליבט אין איר ווי אַ קאָטער... אפשר פאַרט?

מען האָט דאָס פּאַרפּאָלק ווײַטער אויך ניט געשטערט. זיי זענען געגאַנגען אין פּראַטער און דאַכט זיך ביז גאָר שפּעט בײַ נאַכט געוואָלגערט אויפן צעטרעטענעם, געלן גראָז אין די טונקלסטע אַלייען און... געטאָן וואָס אַנדערע פּאָרלעך טוען. אָדער כּמעט... ווי צוויי זאַטע שולדיקע קעץ זענען זיי שפּעט בײַ נאַכט צוריק־געקומען אין שטוב.

אסתּרקע האָט פרייִלעך גערופן, אַז זי איז הונגעריק און די מאַמע זאָל איר געבן עסן און סעם איז ווי אַ גנב געקראָכן אין זײַן קליינעם, קאַלטן קאַבינעטל און זיך אַן אומעטיקער, אַ פאַרליב־טער און אַ ציטערנדיקער אַרײַנגעוואָרפן אין בעטל. אים איז געווען גאָר און גאָר קאַלעמוטנע אויף דער נשמה...

„דו ליבסט מיך ניט, אסתּר..." פלעג ער איר אויסוואָרפן, דעמאָלט ווען זײַן געמיט איז געווען שוין גאָר צעריסן פאַר צער.

„ליב... ליב... מיט וואָס עסט מען דאָס?"

„מאַך ניט קיין חוזק פון מיר, איך פאַרגיי"...

„חוזק? איך מאַך ניט קיין חוזק. לאָמיר הײַנט פאָרן אויפן ,רוזענראַד', ווילסט?"

„אַז דו האָסט מיך ניט ליב — וואָס זשע קושסטו זיך מיט מיר?"

„ווילסט ניט — דאַרף מען ניט!" לאַכט זי און קוקט אויף אים מיט לוסטיקע, נאַרישע אויגן. איר נאַרישקייט און איר פּאַסיווקייט האָבן אים געמוטשעט. אַפילו איצט, וואַנדערנדיק איבער די שמאָלע געסלעך — 50 יאָר שפּעטער, דערפילט ער יענעם שטאַרקן ווייטיק, ווי דעמאָלט.

די עלטערן אירע זענען געוואָרן וואָס אַ טאָג מער און מער אומרויִק: מען דאַרף אַ שידוך טאָן מיט דער בת־יחידה און דאָ דרייט זיך דער סטודענט און יעדער ווייס פון אים און מען דרייט אַוועק דעם קאָפּ פון זייער קינד.

מען מיינט, אַז זי איז אפשר שוין אַ כלה?

וואָס שטאַרקער און שווערער זײַן לײַדנשאַפט איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער באַשיצט אסתּרן פון זיך און פון איר אַליין אויך. ער האָט געפילט, אַז דאָס נאַרישע קינד ליגט אויף זײַנע פּלייצעס אי ווי אַ לאַסט, אי ווי אַ צערטלעכע פליכט. ער האָט זיך אַלץ מער געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר. זי אַליין — האָט זיך אין גאַנצן ניט געזאָרגט: איר איז געווען גוט און זי האָט ווײַטער מיט פאַרגעניגן געשפּילט דאָס אַלטע שפּיל און געוואָלט מער...

און גייענדיק איצט דורך אָט די געסלעך דערמאָנט זיך סעם, אַז מיט אַ מאָל, אין אַ שיינעם טאָג — איז זי געוואָרן קאָלט און גלײַכגילטיק צו אים.

„זי האָט זיך באַקענט מיט אַן אַנדערן? זי קוקט ניט אויף מיר. זי דרייט אַוועק דעם קאָפּ פון מיר... וואָס איז געשען? וואָס איז זי אויסן?"

„ביסט ווי געביטן, אסתּר! רעד צו מיר, ענטפער מיר, האָסטו אפשר געטראָפן אַן אַנדערן? וואָס איז אַזוינס פאָרגעקומען, וואָס דײַן באַנעמונג איז געוואָרן ווי צו אַ פרעמדן?"

„איך האָב זיך ניט געביטן, לאָז מיך צו רו. וואָס ווילסטו פון

מיר? וואָס איך וויל ניט מער גיין אין פּראַטער? ס'איז מיר געוואָרן נימאס דער פּראַטער! איך וויל ניט מער. ס'איז מיר דאָרט לאַנג־ווײַליק. גיי אַליין...״

„אסתּר, איך גיי ממש אַראָפּ פון זינען... ביסט דאָך אין גאַנצן געוואָרן אַ פרעמדע. וואָס האָב איך דיר געטאָן, וואָס דו ביסט אַזוי קאַלט געוואָרן? אַ?״

„איך בין מסתּמא אַ קאַלטע... לאָז מיך צו רו״.

„און וואָס גיי איך איצט דאָ אַרום אין די גאַסן? 50 יאָר ניט מער געטראַכט פון איר און איצט גיי איך אַרום ווי אַ פאַר־שאַלטענער און די אַלטע מעשׂה קומט ווידער און טראָגט מיך אַוועק צו יענע טעג און איך בין ווידער ווי משוגע און אסתּר האָט ווידער אַ מאַכט איבער מיר... ניין, איך וויל ניט און איך גיי איצט צוריק; טאָמער דאָס צווייטע געסל איז ווידער ניט די פאַרשאָלטענע פאַלקערט גאַססע — איז סוף, גיי איך צוריק אין מײַן באַקוועמען האָטעל און פאַרגעס די גאַנצע זאַך. צײַט שוין...״

„זי האָט ניט געהאַט קיין סודות, זי איז ניט געווען ניט קיין רעטעניש און ניט קיין עניגמאַ. עס איז געווען מײַן אייגענע קראַנקע ליבשאַפט, מײַן אייגענע משוגענע פאַסיאָן, מײַן אײַנרעדעניש... זי איז געווען אַ פּראָסט מיידל מיט אַ שמייכעלע און אַ געלעכטערל — אומשולדיק און נאַריש״.

ער פאַרקערעוועט זיך אויף לינקס און... דערזעט אויפן עק גאַס אַ מעשענע פּלאַטע מיט דער אויפשריפט — קלאָר און דײַטלעך: **פאַלקערט גאַססע** און טאָקע באַלד לעבן דעם — דאָס הויז, מיט אַן אַלטן, טונקעלן אַרײַנגאַנג און דעם נומער 25. פאַלקערט גאַססע 25.

ווי אין אַ חלום: דאָס נידעריקע פענצטערל — (איצט געוואָרן פון עלטער נאָך נידעריקער ווי אין זײַן צײַט) — דאָס פענצטערל איז אָפן און אַ ווײַסער, שפּיצענער פירהאַנג בלאָזט, פון אַ ווינטעלע, — אין דער גאַס אַרויס.

בײַם פענצטער זיצט עמעץ... אַ דיקע, אַלטע גויע, זי קוקט

אויף אים און ער קוקט אויף איר. זיי בלײַבן שטום און ס'איז אַזוי שטיל אין גאַס, ווי עס וואָלטן דאָ איבער הויפּט קיין מענטשן ניט געוווינט. ער שטייט פאַר איר און פילט, ווי זײַן האַרץ קלאַפּט ווילד און רײַסט זיך פון דער ענגער ברוסט.

„דער הער זוכט יעמאַנד?"

„דער הער איסט אײַן טוריסט? יאָ? אַוס אַמעריקאַ?"

„איך זוך מענטשן... אַלטע פרײַנד..."

„אַהאַ, די נאָוואַקס? זי זינד אַלע געשטאָרבן. ערסט ער, דאַן זי אַוך?"

„האָט איר אַ מאָל אפשר עפּעס געהערט פון אַ פאַמיליע טאַנענבאַום? אַ טאָכטער געהאַט. אסתּר".

„טאַנענבאַומס? אַהאַ, יודען! נײַן, ניט געהערט. קיין סך פון זיי זענען ניט צוריקגעקומען אַהיים. נאָר די זינגערס און זיי זענען אויך שוין ניטאָ".

ער שטייט אַ פאַרגליווערטער. וואָס נאָך? וואָס וואָלט ער נאָך געוואָלט פרעגן?

זי העלפט אים: „אויב דער הער וויל זען יודען? — אין דער צווייטער גאַס, דאָ ניט ווײַט, זינגט מען און ס'איז מסתּמא אײַן געבעט־האַוס. גייט און פאַרנעמט אײַך ערשט אויף לינקס און דאַן אויף רעכטס און דאַן ווידער אויף לינקס — וועט איר הערן אַ זייער שיין געזאַנג. אַז ס'איז דאָרט אַ געבעט־האַוס, מוזן דאָך זײַן אויך יודען דאָרט. מיר גייען דאָך אין דער קירך".

ער דאַנקט איר און גיט נאָך אַ לעצטן קוק אויף דער געבײַדע מיטן אָפענעם פענצטער און געזעגנט זיך שטום און עפּעס ווי באַרוּיִקט מיט זײַנע 50 יאָר צוריק.

ער גייט ווידער דורך די אָוונטלעכע געסלעך. פאַרנעמט זיך אויף רעכטס, פאַרקערעוועט אויף לינקס און דאַן ווידער אויף רעכטס... פּלוצעם דערהערט ער דורך אַן אָפן פענצטער פון אַ נידעריק הויז — ווי סע ציט זיך אַ ניגון. אַ חזן זינגט. זײַן זיס,

שטאַרק קול ציט זיך בענקענדיק אַרויס אין דער גאַס און ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער און זיסער און בענקענדיקער...

די בין־השמשותדיקע גאַס פּילט זיך אָן מיט דעם שבתדיקן געזאַנג. סעם פּילט ווי זײַנע אויגן פּילן זיך אָן מיט טרערן. ער בלײַבט אַ דערשיטערטער שטיין פֿאַר דעם הײַזעלע. ער האָרכט אַ פֿאַרכּישופטער, אַ באַגליקטער, און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז — נאָך אַ גאַנצן, לאַנגן טאָג פֿון זוכן — אָנגעקומען צו זײַן ציל און אַז ער האָט געפֿונען וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט... אויף איין מאָל איז ער... אין דער היים! בײַ זיך.

דאָס גאַנצע פֿרעמדע ווין, דער צווייטער „בעצירק”, זײַן באַגע־געניש מיט דער פֿאַלקערט גאַססע — דער ווײַסער, שפּיצענער פֿירהאַנג אינעם אָפֿענעם פֿענצטער... זײַנע מחשבות פֿון זײַן אומ־גליקלעכער, אומפֿאַרשטענדלעכער, ווייטיקלעכער ליבע צו דער „עניגמאַטישער” אסתּרקע — דער גאַנצער טאָג הײַנט מיט זײַנע טונקעלע עמאָציעס און דערמאָנונגען — אַלץ ווערט אַצינד ממש דערטרונקען אין דעם זיסן, היימישן ניגון.

ס׳איז פּלוצעם ניט מער וויכטיק צו דערגרונטעווען אסתּרס שפּיל. פּלוצעם איז סעם ניט מער אַזוי עלנט. עס ווערט אים וואַרעם אויפֿן האַרצן. אַלטע, פֿאַרגעסענע קלאַנגען, פֿול מיט אַ קינדערישן, טיפֿן, לאַנג שוין באַגראָבענעם בטחון דערוועקן זיך און טרייסטן אים מיט אַ גלעט איבער זײַן פֿאַריתומטער, מידער נשמה.

זײַן ווייטיק ווערט שוואַכער, פֿאַרגייט אין גאַנצן. ס׳איז אים גוט. כּלומרשט אַזוי ווי די מאַמע וואָלט נאָר וואָס מיט אַ ווייכער, זײַדענער, וואַרעמער האַנט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

ער איז אָנגעקומען. עמעצער זאָגט קדיש נאָך זײַנע טאַטע־מאַמע און נאָך אַלע זײַנע מענטשן פֿון אַ מאָל און כאָטש סעם ווייסט, אַז דעם גאַנצן טאָג הײַנט האָט ער אַפֿילו אַ מינוט ניט געטראַכט וועגן זײַנע קרובים — פֿילט ער, אַז ער איז דווקא יאָ

געווען מיט זיי אַלע אין איינעם — און אַז ער האָט געפילט זייער צער, זייער גורל, און זייער גרויזאַמען סוף...

דער חזן זינגט און זינגט און פאַרגייט זיך אין דעם הייליקן געזאַנג און זײַן ניגון טראָגט זיך צו סעמען און ער פאַרגייט אין התלהבות אין איינעם מיט דעם ניגון...

סעם באַטרעט דעם טונקעלן אַרײַנגאַנג. גייט אַרויף אַ פּאָר טרעפּלעך. אַ טיר. און פון דאָרט ציט זיך דאָס געזאַנג.

ער גייט אַרײַן און טאַפּט אָן אַ צווייטע טיר. ער באַטרעט אַ ליידיק צימער.

ער גייט ווײַטער. אַ צווייטע שטוב.

פּאָר זײַנע אויגן — אַ גרויסע שטוב, ליכטיק און זויבער און אויך כּמעט ליידיק.

בײַ אַ וואַנט — לאַנגע, נידעריקע הילצערנע בענק.

אין מיטן שטוב שטייט אַ טיש — איבערגעדעקט מיט אַ רויט־פּלושענעם טישטעך מיט גאָלדענע פראַנדזן.

אויפן טיש — צוויי אַלטע, פאַרבויגענע, מעשענע לײַכטערס און אין זיי ברענען, ליכטיק און לוסטיק, צוויי ליכט. דער חזן שטייט פאַר אָט דעם „עמוד" און זינגט... די ליכטלעך פלאַקערן...

ער טראָגט אַ טלית אויף זײַנע פּלייצעס און אויפן קאָפּ — אַ יאַרמלקע.

סעם, דערזעענדיק אים — גיט זיך דערשראָקן אַ טאַפּ אויף זײַן נאַקעטן קאָפּ, ציט גיך־גיך אַרויס זײַן טוריסטן־קעפּקע פון דער קעשענע און טוט זי אָן.

דער ניגון שווימט און דערהויבט זיך און קומט ווידער צוריק און קײַקלט זיך ווײַטער...

סעם דערהערט אין זיך זײַן טאַטנס שטים: „שוין איין מאָל אַ חזן — דער גרויסער טעמפּל וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַזאַ חזן"... סעם שמייכלט און זאָגט צו זיך אַליין: „שוין איין מאָל אַ חזן".

דער ניגון וויינט... אָבער באַלד קלינגען אַרויס פון אים

טרייסטקלאַנגען: וויינען מוז מען נאָר די טויטע... און זיך פרייען מיט די, וואָס לעבן... וואָס האָבן איבערגעלעבט... עטלעכע ייִדן זיצן אויף דער באַנק בײַ דער וואַנט. סעם זעט, אַז זיי זענען 6 פּאַרשוינען, ניטאָ קיין מנין?

זיי קוקן פרײַנדלעך אויפן גאַסט, ער שמייכלט און קוקט צוריק צו זיי. נאָר איינער פון די 6 טראָגט אַ טלית. די אַנדערע זיצן אין זייערע טאָג־טעגלעכע מלבושים. מיט אַ הוט אָדער מיט אַ יאַר־מלקע אויף די קעפּ.

„פון וואַנען קומט אַ ייִד? פרעגט אים אַ קליינינקער, אַ מאָגערער מיט פריילעכע אייגעלעך.

„אַ טוריסט, יאָ? אַמעריקאַנער?"

„איר זוכט מסתמא קרובים, אַ?"

„זאָגט אונדז דעם נאָמען — טאָמער עמעצער פון זיי לעבט נאָך און לעבט אין ווין — קאָן געמאָלט זײַן אַז איינער פון אונדז וועט וויסן וואָס און ווער און ווען... מיר האָבן שוין אָפּט געפונען נאָענטע פאַר די אַמעריקאַנער טוריסטן, וואָס קומען אַהער..."

„געקומען אויף לאַנג?"

„ווי געפעלט אײַך ווין?"

„און וואָס זאָגט איר צו אונדזער חזן, אַ? פאַראַן אַזעלכע בײַ אײַך אין אַמעריקע?" מען צערעדט זיך. דער חזן ענדיקט זײַן ניגון און קומט צו צו זיי.

מען רעדט האַלב אויף מאַמע־לשון און האַלב אויף „ווינעריש".

סעם פילט זיך דאָ וואַרעם, אַרומגערינגלט פון אַלטע באַ־קענטע, מענטשן פון זײַן טאַטנס שטוב און ס'איז אים גוט.

ער איז ניט מער אַליין אין ווין, ניט מער אַליין און עלנט אין דער וועלט.

„ניטאָ קיין מנין בײַ אײַך?" — זאָגט ער און קוקט אויף זיי מיט נײַגער.

„צו די גרויסע יום־טובים — די ימים־נוראים — מאַכט זיך שוין דווקא יאָ אַ מנין. אָבער ווען מיר וואָלטן געוואָלט וואַרטן

אויף אַ מנין יעדן שבת — וואָלט די שול געשטאַנען ליידיק אַ גאַנץ יאָר! דער ליבער נאָמען וועט אונדז מוחל זײַן. אָבי מען קומט און מען זאָגט אַ שטיקל תּפילה. אָבי ייִדן האַלטן זיך אין איינעם און מען קומט און מען כאַפּט אַ תּפילה און מען כאַפּט אַ שמועס... צווישן אַ מיליאָן גוֹיים — אַ קופּקעלע ייִדן וואָס האָבן אַ חזן... נאָך וואָס פאַר אַ חזן... דער ליבער נאָמען איז זיי מוחל..."

מען רעדט און מען זאָגט זיך צו, אַז מען וועט ווידער קומען זיך זען. מען געזעגנט זיך מיט אַ וואַרעמקייט, ווי סעם האָט עס אין אַלע זײַנע אַמעריקאַנער יאָרן ניט מער געפילט. מען געזעגנט זיך — אויף תּמיד... אָבער ס׳בלײַבט בײַ זיי אַלע אַ געפיל פון אַן אַלטער פרײַנדשאַפט, פון פאַרבונדנקייט און אינטימקייט.

אויף אַ רגע — איידער סעם גייט אַרויס — ווערט אַ מאָדנע שטילקייט אין דער שטוב. מען גיט אָפּ אַ שטומען כּבוד די קדושים און אַן ווערטער ווייסט עס איעדער פון זיי.

מען קאָן הערן דעם אייגענעם אָטעם. ס׳איז אַ ווײַלע אַזוי שטיל, ווי אויף אַ בית־עולם... סעם גייט אַרויס און וואַנדערנדיק צוריק צו זײַן האָטעל — פילט ער, אַז ער האָט געפונען אַ שטיקל פון זײַן היים, אַז ער וועט דעם ניגון קיין מאָל מער ניט פאַרגעסן, אַז ער האָט געטראָפן אַלטע פרײַנד, אַז ער האָט אויף אַ קורצער ווײַלע געאָטעמט די היימישע לופט פון זײַן נעכטן, פון זײַן פאַרלוירענער יוגנט, פון זײַן אונטערגעגאַנגענער וועלט...

*

אונטער אים — שוועבן שוין ווידער גרויע וואָלקנס... זײַן אַוויאָן פליט גלאַטיק און שטום איבער די וואָלקנס... ערגעץ טיף אונטן ליגט די ערד — מיט אַלע אירע צרות, מיט אַלע אירע טראַגעדיעס און טרערן... דאָ אויבן שוועבט ער צווישן טאָג און נאַכט, צווישן זײַן נעכטן און זײַן הײַנט...

מיט וואָס פאַר אַ שרעקלעכן טויט איז זײַן אַסתּרקע פאַרגאַנגען? וואָס האָט איר קינדעריש נשמהלע געפילט, אַז מען האָט

וועראַ האָקען

זי אַרויסגעריסן פון איר מאַמעס אָרעמס? ווו ליגן זייערעביינער, זייער אַש?

אַלץ איז פאַרביי... אַלץ איז חרוב... זײַן הײַנטיקע וועלט האָט ניט קיין שײַכות מיט זיי... אַלץ גייט אונטער. די נעפּלען אונטער אים פאַרשלינגען זײַנע לעצטע אָפּגעריסענע געדאַנקען וועגן אסתּרן און איר מיידלשן „סוד״.

באַלד, באַלד וועט דער אַוויאָן זיך אַראָפּלאָזן אין אַמעריקע און ער וועט ווידער אַרײַן אינעם אַלטן טראָט.

ער וועט ווידער זײַן אַליין און זײַן טאָג וועט זײַן אי אײַנגע־אָרדנט, אי ליידיק און שטום. ווידער גאָלף, קלוב, טעלעוויזיע...

אָבער ס׳איז גוט אַזוי.

מסתּמא קאָן מען ניט אַנדערש לעבן, נאָר אַזוי ווי ער: לאַנגווײַליק, אָבער אָן שמערצן, אָן פּײַן, אָן אַ צוריק...

מען פליט איצט איבער אַ טיפער שוואַרצקייט און ער פילט אונטער זיך תּהומען, תּהומען, תּהומען...

יידישע קולטור, פעברואַר 1984.

די ווײַסע זאַמדן פֿון האַלענד־בעי

דערציילונג

דיר, מוניאַלע,
צו דײַן 70סטן — עד מאה ועשׂרים —
מיט מײַן ליבשאַפֿט פֿון אַ גאַנצן לעבן.

אַלץ דאָ און אַלץ איצט איז נײַ פֿאַר מעקס פּרעסמען: דער הייסער, ווײַסער זאַמד אונטער אים, דער בלויער הימל איבער אים, די פֿעדערדיק־צעשויבערטע וואָלקנדלעך, וואָס בײַטן זייער געשטאַלט יעדער מינוט; די פֿרעמדע, שטומע פֿייגל וואָס פֿליִען ווי בלישטשענדיק־ווײַסע פֿײַלן איבערן ים, דאָס שטילע מורמלען פֿון די כוואַליעס מיט זייערע שוימשפּיצן, וואָס קרײַזלען זיך אויף זייערע ברייטע רוקנס און וואָס בלײַבן נאָך לאַנג ליגן אויפֿן נאַסן זאַמד, נאָך דעם ווי די כוואַליעס זענען שוין ווידער צוריק אַוועק אין די ווײַטנס... פֿרעמד זײַנען אים די מענטשן אויף דער פּלאַזשע און צום מייסטן פֿרעמד איז אים זײַן אייגענער, טונקעלער שאָטן וואָס ליגט אים צופֿוסנס.

נײַ איז אים די צײַט. מעקס פּרעסמען האָט אַלע זײַנע יאָרן פֿאַרלעבט אין אײַלעניש. אָבער דאָ, אין האַלענד־בעי, שטייט די צײַט אויף אַן אָרט און עס דאַכט זיך מעקסן, אַז זי רירט זיך ניט אַוועק.

מעקס פֿילט, אַז ער אַליין איז אויך אַ נײַער. דער ניו־יאָרקער מ. פּרעסמען — ביזנעסמען און לאַזשע־ברודער — איז דאָ ניטאָ.

דאָ ליגט אַ פֿוילער, באַרויִקטער, אײַנגעשטילטער מעקס און האָט הנאה פֿון זײַן אייגענער שטילקייט און זײַן נײַער פֿוילקייט און פֿון דער גאַנצער מאַנאַטאָנער, צײַטלאָזער רו אַרום זיך און אין זיך.

אָבער מער ווי אַלץ זענען אים נײַ זײַנע געדאַנקען. זיי קומען, גייען ווידער אַוועק און זיי אַנדערשן זייער פאַרעם, ווי די שווימענ־דיקע וואָלקנדלעך איבער אים. מעקס פּאָלגט נאָך זייער קומען און גיין מיט אַ נײַער, אויפמערקזאַמער נײַגעריקייט און ער פילט אַז ס'איז נאָך קיין מאָל, אין זײַן גאַנצן, 58־יעריקן לעבן — ניט געווען אַזוי גוט.

וואָס זשע איז דאָ אַזוי שפּאָגל נײַ פאַר אים?

דאָס בילד איז פאַר אים דווקא ניט קיין פרעמדס. ער פאַרט דאָך יאָר־איין, יאָר־אויס קיין מיאַמי מיט סילוויאַן. דאָרט, ווי דאָ, הייסער, צוקערדיק־ווײַסער זאַמד אויפן ביטש.[1] מען ליגט און אַן אייביק בלויער הימל איז איבער אים. מען ליגט און מען לאָזט זיך בראָטן פון דער זעלבער זון און אויף די רוקנס פון די כוואַליעס קרײַזלען זיך שוימענדיקע שפּיצן. אָבער אין מיאַמי איז מעקס פרעסמען קיין מאָל ניט געווען אַליין. סילוויאַ — מיט אים. פרײַנד — אַרום אים. דעם שאָטן צופוסנס אויך קיין מאָל דאָרט ניט באַמערקט. און די געדאַנקען זענען אים דאָרט אין גאַנצן ניט געקומען. אין דעם גרויסן זאַל הענגען דאָרט שווערע, גיגאַנטישע קרישטאָל־קאַנדעליאַבערס — פּונקט אַזעלכע ווי אין דער אָפּערע (אַבאָנעמענט, 6טע ריי, אָרקעסטער — שוין דעם 16טן ווינטער); גאָלדענע און זילבערנע, שווערע באַצירונגען אויף די הויכע ווענט, און שפּיציקע, ליאַרעמענדיקע שטימען, וואָס פּילן אָן מיט זייער פּוסטן גוואַלד אַלע ווינקלען פונעם האָל, אַזוי אַז מען קאָן זיך פון זיי אין ערגעץ ניט באַהאַלטן — דאָס אַלץ איז דאָ ניטאָ. זײַן האָטעלעכל טראָגט ניט דעם נאָמען „הילטאָן" אָדער „שערידען". עס הייסט „סקיפּערס קעבין"[2] און ס'איז קליין און דער הויז־סדר איז: רו.

אויף די ווענט פונעם קליינעם, אינטימען עסזאָלעכל הענגען

1. פּלאַזשע.
2. דעם קאַפּיטאַנס קאַיוטע.

בילדער פון בריטישע שיפן אויף אַ טונקל־גרינעם ים און פּאָרטרעטן פון אַדמיראַלן אין פּרעכטיקע אוניפאָרעמס — די ברוסט פול באַהאָנגען מיט מעדאַלן פאַר זייער געטרײַשאַפט צו דער קרוין. די ווייניקע געסט באַגריסן איינער דעם צווייטן און יעדער פון זיי גייט צו זײַן טישל און מען עסט רויִק און לאַנגזאַם. אַן איילע־ניש. יעדער מאָלצייט — אַ שעה. דאָס עסן איז ניט געשמאַק און אַלע מאָל דאָס זעלבע. אָבער אַפילו דאָס וואָס דאָס עסן איז אים ניט צום געשמאַק, וואָס די שפּײַזן חזרן זיך איבער און פאַר זײַן געפּיעשטשעטן גומען זענען זיי צו פּרימיטיוו — אַפילו דאָס איז מעקסן אָנגענעם. די צײַט גייט זיך דאָ איר אייגענעם גאַנג. זי ווערט ניט אָנגעצויגן ווי אַ זייגער — ניט קאָנטראָלירט, ניט אײַנגעטיילט פון עמעצן אַ שטרענגן... די צײַט האָט זיך דאָ באַזעצט ווי בײַ זיך אין דער היים און האָט זיך איר אייגענע מאָס, איר אייגענעם ריטעם און ס'איז גוט אַזוי.

דער שאָטן ליגט שטיל און געדולדיק מעקסן צופוסנס און וואַרט, וואַרט, ווען מעקס וועט שוין זיך האָבן אָנגעזעטיקט מיט דער ברענענדיקער, טראָפּישער זון און וועט אַוועקגיין אין זײַן האָטעל־צימער. דאָרט שטייט שוין פאַר אים אָנגעגרייט אַ קאַלטער טרונק — עפּלזאַפט מיט שטיקלעך פּאַפּאַיע אין דעם גלאָז — אויסגעטרונקען און זיך געלייגט אויפן קילן בעט און באַלד דער־פילט די זײַדענע, נאָכמיטאָגדיקע רו אַרום זיך און טיף, טיף אין זײַן געמיט. דער שאָטן קומט אַרײַן, זעצט זיך געמיטלעך אַוועק צופוסנס אויפן בעט און עס הייבן זיך אָן זייערע ווונדערלעכע, גוטע, פרייַלעכע דיאַלאָגן, אָן וועלכע מעקס וואָלט שוין ניט גע־קענט זײַן אַ טאָג. און עס שוועבט איבער זײַן קאָפּ אַן אומזעיִקער „עפּעס", וואָס ער רופט אָן „גליק". ער איז גליקלעך — צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן.

מעקס: איין מאָל פאַר אַלע מאָל. גיב מיר צו פאַרשטיין — כ'פרעג דיך דאָך שוין צום הונדערטסטן מאָל: ווער ביסטו? פון וואַנען קומסטו? וואָס איז דײַן נאָמען?

שאַטן: האָסט מיך שוין לאַנג דערקענט. רופסט מיך שוין לאַנג אָן בײַ מײַן נאָמען. דו רופסט מיך אָן „דו". און דאָס בין איך: איך בין „דו".

מעקס: טאָמער דו ביסט איך — פאַר וואָס זשע האָב איך דיך ביז הײַנט קיין מאָל ניט געזען?

דו: איך בין דײַן אמתדיקער „איך".

מעקס: האָב איך, הייסט עס, צוויי „איכן"? פאַראַן אַזוינס?

דו: זעסט דאָך אַליין. איז דען דײַן הײַנטיקער „איך" אַפילו אַ ביסל ענלעך צו דײַן ביז הײַנטיקן, דעם ניו־יאָרקער „איך"? אָפּגערעדט, אָפּגעוויעוועט, אָפּגעשטופּט דײַנע 58 יאָר, געדינט אונטער דעם שטרענגן באַפעל פונעם מעכטיקן, גרויסן דיקטאַטאָר, דעם גוואַלטיקן **עמעץ**, וואָס רעגירט, דיריגירט, באַשליסט און גיט אַכטונג, אַז זײַנע אונטערטאַנען אין זײַן מעכטיקן רײַך, אַז אַלע ניו־יאָרקער „איכן" און דײַנער אויך צווישן זיי, זאָלן אויספירן זײַנע באַפעלן. דײַן יענער „איך" האָט געפאָלגט זײַן באַפעל ווי אַ לעמעלע — אָן שום פּראָטעסטן. ס'האָט געדאַרפט קומען אויף דיר אַ קאַראַנאַרי,[3] זאָלסט אַוועקפאַלן אַ טויטער אויפן פאַרקינג־לאָט[4] און אַז מענטשן זאָלן דיך אַוועקפירן אין אַ שפּיטאָל. דײַן דאָקטאָר, דער חכם, האָט דיר געהייסן פאָרן אַהער, אַליין, אָן סילוויאַן, אָן דײַנע 200 פרײַנד, די גאָלפשפּילערס און וויצן־מאַכערס. דאָ, אין האַלענד־בעי וועלן זיי דיך ניט געפינען.

מעקס: בראַוואָ! בראַוואָ! דו רעדסט מיר פונעם האַרצן. מײַן קאַראַנאַרי זאָל לעבן! ווען ניט מײַן פאַלן כמעט אַ טויטער אויפן פאַרקינג־פּלאַץ — וואָלט איך דיך קיין מאָל ניט געטראָפן.

דו: ביסט אַנידערגעפאַלן גראָד צווישן דײַן און דײַן שוואָגער היימענס אויטאָ־אַרײַנפאָר! געדענקסט?

מעקס: פאַר וואָס זאָגסטו עס מיט אַזאַ וויכטיקן טאָן?

3. האַרצאַטאַק.
4. דאָס אָרט, וווּ מען שטעלט אַוועק דעם אויטאָמאָביל.

דו: ס'ליגט אַ טיפֿער מיין אין דעם. ס'איז ניט סתם.

מעקס: אַלע יאָרן פֿון מײַן שותּפֿות מיט סילוויאַס ברודער היימען ווילט זיך מיר אים אָננעמען בײַ זײַן רויטן פעטן קאַרק און אים אַרויסשטופּן פֿון דעם ביזנעס. אים אַרויסוואַרפֿן פֿון מײַן שטוב, אים אַרויסשלײַדערן אויף דער גאַס. אין מײַן גאַנץ לעבן האָב איך קיינעם אַזוי נישט געהאַסט, ווי אים.

דו: אָבער מער ווי זײַן רויטער, פעטער קאַרק, מער ווי זײַן הייזעריקע, הויכע שטים, מער ווי זײַן באַרימען זיך מיט דעם ביזנעס — אַזוי ווי אַלץ וואָס מאַכט אויס דעם דערפֿאָלג פֿון דער זאַך — האָט געשאַפֿן ער אַליין און דו וואָלסט דאָרט ניט געווען אַ שותּף צו דעם געשעפֿט — מער ווי אַלץ האָסטו אים געהאַסט אַט טאָקע פֿאַר דעם ענין: פּאַרקינג.

מעקס: זײַן פּלאַם־רויטער מערצעדעס שטייט כּסדר זײַט בײַ זײַט מיט מײַן קאַדילאַק. יעדער מאָרגן קום איך און טרעף דאָרט שוין זײַן פֿאַרפּלוכטן דײַטש — אַוועקגעשטעלט אַזוי, אַז זײַן מאַשין איז מיט אַ שטיקל שוין אויף מײַן אָרט, אַרײַן אויף מײַן קוואַדראַט און מײַן אויטאָ קאָן שוין ניט אַרײַנפּאַלן און זיך אַני־דערשטעלן אויף זײַן אָרט. דער גזלן נעמט ניט אַוועק פֿון מיר אַ גרויסן פּלאַץ, ס'איז נאָר אַ שמאָלער שטרײַף — אָבער גענוג צו פֿאַרקאָכן אין מיר אַ צאָרן און אַ שׂינאה וואָס ברענט דערנאָך שוין דעם רעשט פֿון דעם טאָג. ס'האַרץ קאָן פּלאַצן.

דו: און אין אַ שיינעם טאָג האָט עס געפּלאַצט. איצט ביסטו ווײַט פֿון היימענס פּרעכבער חוזק־מאַכערײַ. זײַ רויִק, וועסט אים שוין קיין מאָל מער ניט זען.

מעקס: גוט. איך בין צופֿרידן. 58 יאָר געלעבט לויט אַ פֿאַר־שריפֿט. איצט פֿיל איך, אַז איך לעב מײַן אייגן לעבן.

אָבער זאָג מיר, ווער איז יענער מעכטיקער עמעץ, פֿון וועלכן דו דערציילסט מיר?

דו: דו קענסט אים גוט.

מעקס: מײַן גאַנץ לעבן זיך געלאָזט רעגירן, דיריגירן,

קאָנטראָלירן. ניט דערלאָזט צו זיך אַן אייגענעם געדאַנק. איך האָב ערשט דאָ, זייענדיק מיט דיר דערפילט, אַז געדאַנקען זענען דאָס וויכטיקסטע אין אַ מענטשנס לעבן. אָן זיי — איז ער אַ שפּילצײַג אין די הענט פון עמעץ.

דו: אַ ביסל שפּעט זענען די געדאַנקען אויפגעשווומען אויף דער אייבערפלאַך בײַ דיר. כמעט בײַם סאַמע סוף.

מעקס: סוף? דו זאָגסט מיר שוין ס'צווייטע מאָל אַז ס'איז סוף. איך הייב דאָך ערשט אָן צו לעבן. ביז איצט: מעקס פּרעס־מען — ביזנעסמען און לאָזשע־ברודער, היימענס שותּף, סילוויאַס מאַן, דער שוויגערס איידעם, אַ טאַטע פון אַ זון און אַ טאָכטער וואָס זענען פרעמדע אים...

אייביק אין אַ רעש און אייביק מיד פון רעשן...
אייביק אויף דער וואָר און אייביק שלעפעריק...

איז צו וואָס האָסטו מיר געוויזן אַז פאַראַן איז אַ צווייטער „איך" בײַ מיר, אַ גוטער, מיט געדאַנקען און וואַרעמע, נײַע געפילן אין האַרצן? צו וואָס מיך גערייצט מיט פירן מיך צו אַ שיינער פּלאַזשע און וויַזן מיר ווי שיין ס'קאָן זײַן דאָס לעבן? צו וואָס דאָס אַלץ — טאָמער ס'איז סײַ ווי נאָר אַ חלום? טאָמער דער סוף אַט־אַט־אַט...

דו: (שווײַגט).

מעקס: דו שווײַגסט? איך נעם עס אָן פאַר אַן ענטפער. הייסט עס: גוד־בײַ, ניו־יאָרק?

דו: (שווײַגט).

מעקס: גוט, גוט. ווער וויל זען ניו־יאָרק, מײַן גיהנום? אָבער מײַן אמתער „איך" — קוים געבוירן — שוין גייט עס צום סוף? שוין פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט? און וואָס פאַר אַ טויט וועט עס זײַן? אפשר דער עלעקטרישער שטול? כאַ־כאַ־כאַ...

דו: (שווײַגט).

מעקס: פאַר וואָס קומט מיר טויטשטראָף? פאַר וועלכע

פֿאַרברעכנס? האָב איך דען ווען ס׳איז אַ מאָל פֿאַרגוואַלטיקט אַ פֿרוי? אָדער גאָר באַגאַנגען אַ מאָרד?

דו: פֿרעגסט — וועל איך ענטפֿערן: פֿאַרגוואַלטיקט אַ פֿרוי — האָסטו. אָבער פֿאַר דעם וועט דיר, פֿון דאָרט פֿון וואַנען דו קומסט, קיין שטראָף ניט קומען. אַלע דײַנע 200 פֿרײַנד — ביז־נעסמענס און לאָזשע־ברידער — האָבן, ווי דו, אַנידערגעוואָרפֿן זייערע פֿרויען אויפֿן לוקסוסבעט און זיי גענומען מיט כּוח.

מעקס: מיט כּוח? מיט וועלכן כּוח?

דו: אײַערע לעבנס זענען הויך פֿאַרזיכערט. אײַערע פֿאַר־מעגנס איבערגעשריבן אויף דער פֿרויס נאָמען. איר באַזיצט דעם כּוח פֿון קענען „מאַכן אַ לעבן" — און ניט סתּם אַ לעבן: איר טוט אָן גאָלדענע קייטן אויפֿן האַלדז פֿון די סילוויאַס און פֿירט זיי אַרײַן מיט אַ זיכערער האַנט בײַ דער קייט אין אײַערע שלאָפֿ־שטיבער. איר וויקלט זייערע פֿאַלגזאַמע, דינע, אויסגעהונגערטע פֿון דיעטעס גופֿים אין ווייכע מינקס, איר גיט זיי גן־עדנס פֿון באַזיצן, האָבן מער און בעסערס ווי אַנדערע, איר קויפֿט, קויפֿט, קויפֿט אָן אַ שיעור, איר באַהענגט די ווענט פֿון זייערע סאַלאָנען מיט „אָריגינאַלן" און בײַ דעם אַלעם לאָזט איר זיי אויסגיין פֿאַר דאָרשט און בענקשאַפֿט.

מעקס: נאָך וואָס בענקען זיי?

דו: נאָך אַ האַליוווּדער „לאַווער".[5]

מעקס: ניט סילוויאַ. זי בענקט נאָך קיינעם ניט. איך וואָלט געוווּסט. זי איז פֿאַרנומען. טאָג און נאַכט פֿאַרנומען.

דו: זי בענקט. דו מײנסט דאָך ניט, אַז אָט די רעשיקע, אײביק פֿאַרנומענע, אייביק ניט צופֿרידענע, דינע, נערוועזע סילוויאַ איז אין איין בעט, ווײַל זי וויל דיך? דו האָסט זי פֿאַרגוואַלטיקט ניט אַנדערש ווי דער קאָזאַק האָט אַ מאָל פֿאַרגוואַלטיקט דײַן עלטער־באָבען דאָרט אינעם ווײַטן, אוקראַיִנישן דאָרף.

5. געליבטער.

מעקס: ניט אַנדערש?

דו: ניט אַנדערש. האָט זי זיך דיר דען געגעבן אין גלוסטעניש?

מעקס: איך ווייס נישט... איך געדענק נישט.

דו: דו האַלטסט זי אויס מיט דײַן געלט. האָליווּד — מיט אַ חלום.

מעקס: מאָרד... זאָגסט מאָרד. איך האָב קיין מאָל קיינעם ניט קיין שלעכטס געטאָן. אַ פֿליג ניט אָנגערירט. ווּעמען האָב איך געמאָרדעט?

דו: ווייסט נאָך אַלץ ניט? דײַן „איך" האָסטו געמאָרדעט. אָבער דערפֿון — אַן אַנדערש מאָל.

מעקס: און איצט? איצט וואָס?

דו: דער גאַנג רופֿט דיך צום דינער. גיי אַראָפּ. דאָרט זיצט שוין דײַן עמילי נעבן דײַן טיש. זי האַלט שוין אין צעשנײַדן ס'פֿלייש אויף קליינע שטיקלעך — ווי פֿאַר אַ קינד.

מעקס: דאָס מאַכט זי אַלע מאָל פֿאַר איר מיאוסן לאָווער, דעם דיכטער, דעם אַלבינאָ.[6]

דו: ער האָט ווײַסע אויגנברעמען, ווײַסע וואָנצעס, ממש אַ פֿאַרזעעניש.

מעקס: וואָס האָט זי אין אים דערזען אַזוינס? אין האָטעל זאָגט מען, אַז זי באַצאָלט יעדער וואָך זײַן רעכענונג, אַלע זײַנע האָטעל־חובות. איר מאַן, זאָגט מען, איז אַ מיליאָנער און זי האַלט אויס דעם מיאוסן דיכטער מיט איר מאַנס געלט. טאָמער קויפֿן אַ געליבטן — האָט זי ניט געקענט געפֿינען עפּעס שענערס?

דו: מסתּמא גיט ער איר עפּעס, וואָס דער מיליאָנער פֿאַר־מאָגט ניט. אַ דיכטער זאָגסטו? נו — די דיכטערס האָבן פֿאַנטאַזיע, זיי רעדן אַ שיינעם לשון, זיי זענען אַנדערש...

מעקס: אַ דיכטער! פֿאַנטאַזיע! עמילי דאַרף זײַן פֿון אײַזן, אַז זי האַלט אים אויס. אין האָטעל מאַכט מען אים נאָך זײַן דין,

6. אַ בלאָנדער, מיט העל־ווײַסע האָר און בלייכער צורה.

הויך און מאַנאַטאַן קולכל. מען חזרט איבער מיט שפּאַט זײַנע נודנע רייד. ער באַנוצט זיך אייביק מיט די זעלבע דרײַ ווערטער: „מאָדנע, טשיקאַווע, מערקווערדיק" און זײַן בוך, פֿאַר וועלכן עס האָט באַצאָלט אַלץ עמילי — זײַן דין, דין ביכעלע טראָגט דעם נאָמען: „ווי מערקווערדיק". און איך אַליין האָב געהערט, ווי די דינערס אין האָטעל לאַכן אָפּ פֿון אים און רופֿן אים „מיסטער מערקווערדיק". און זי, עמילי, זיצט, צעשנײַדט דאָס פֿלייש פֿאַר אים און קוקט אים אין די אויגן, ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער מאַנספּאַרשוין אויף דער וועלט.

דו: אייפּערזיכטיק?

מעקס: אייפּערזיכטיק? ווער, איך? כאַ־כאַ־כאַ.

דו: די דריטע וואָך שוין ווי דײַן האַרץ בענקט. ס'ווילט זיך דיר זיצן בײַ איר טיש, ליגן לעבן איר בײַם ים, רעדן מיט איר.

מעקס: ער זיצט בײַ איר, ליגט בײַ איר, ניטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר מיר.

דו: זעט אויס, אַז זי איז שוין מיד פֿון זײַן רעדן. ער לאַנגווײַליקט זי שוין מיט זײַנע „מאָדנע, טשיקאַווע, מערקווערדיקע" פֿילאָסאָפֿיעס. ער נודיעט זי אפֿשר ניט קיין סך ווייניקער ווי איר אייגענער מאַן.

מעקס: אָ, יאָ, איך האָב עס אויך שוין באַמערקט.

דו: איז וואָס זשע וואַרטסטו? נעכטן בײַם לאַנטש האָט זי דיך פֿאַרבעטן זיך צוזעצן צו זיי — בײַ איר טישל. איז גיי איצט אַראָפּ און הייב אָן רעדן צו איר. האָב ניט קיין מורא פֿאַר דעם דיכטער. זײַן צײַט, זעט אויס, גייט צו ענד.

*

עמיליס רונדע, ווײַסע, געשמאַקע הענטלעך, מיט רויט־לאַקירטע לאַנגע, שפּיציקע נעגל — מישן אויס סאַלאַטן אין אַ שיסל. „מיסטער מערקווערדיק" קוקט ווי היפּנאָטיזירט אויף אירע הענט. זײַן מאָגערער, גרוילער־ווײַסער האַלדז שטרעקט זיך אַרויס פֿונעם

קאַלנער. ער רעדט, רעדט, רעדט אָן אַן אויפהער. אָבער ס'איז קלאָר פאַר מעקסן, אַז עמילי האָט שוין לאַנג אויפגעהערט זיך צוצוהערן צו זײַנע רייד.

מעקס: ווי שיין איר גרייט צו אַ סאַלאַט.

עמילי: קומט, זיצט בײַ אונדז, מעקס, וואָס דאַרפט איר זיצן אַליין?

דיכטער: מאָדנע, טשיקאַווע, מערקווערדיק...

מען זיצט און מען עסט די עסנס אָן טעם און מען טרינקט פּאַנטש. עמילי פאַרזאָרגט איר דיכטער מיט אַלץ וואָס איז אויפן טיש. אָבער רעדן רעדט זי איצט בלויז צו מעקסן.

זיי גייען אַרויס אויף דער טונקעלער טעראַסע. אַרום איז טראָפּישע נאַכט. ערגעץ ווײַט דערזעט מען פלאַקערן פאַקלען. דאָס טראָגן אַרום די וואַנדערנדיקע נעגער־מוזיקאַנטן. באַלד וועלן זיי זינגען זייער שיינע, עקזאָטישע „קאַליפּסאָ"־לידער און די פאַקלען וועלן פלאַקערן און זיך באַוועגן אין ריטעם פונעם געזאַנג. דער הימל איז אָן שטערן. פון ים הערט זיך דער שטילער מורמל פון די מידע, נאַכט־שלעפעריקע כוואַליעס און אַ סאַמעטענער, צערטלעכער ווינט ברענגט צו צו דער טעראַסע דעם זאַלציקן ריח פון דעם וואַסער. דאָס האַרץ בײַ מעקסן קלאַפּט שטאַרק. ער פילט, אַז מיט אים טרעפט זיך הײַנט בײַ נאַכט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיך נאָך קיין מאָל מיט אים ניט געטראָפן. עמילי לייגט איר קאָפּ אויף זײַן פּלייצע. ער רירט זיך ניט פון אָרט. דאָס האַרץ קלאַפּט אַלץ שטאַרקער. דער דיכטער זאָגט עפּעס וועגן די פאַקלען, ווי מאָדנע, טשיקאַווע און מערקווערדיק די פלאַמען טאַנצן אין דער נאַכט... עמילי ענטפערט מיט אַ זיסער ווייכקייט: „יאָ, יאָ, יאָ..." און דריקט זיך נאָך שטאַרקער צו מעקסעס זײַט.

שפּעטער ליגט מעקס אַ פאַרכישופטער, אַ שיכורער אין זײַן קילן בעט. ער זעט פאַרבײַצײַען די בילדער פון דעם טאָג: עמיליס הענט, אירע לאַכנדיקע ליפּן, איר פולע, קליינע געשטאַלט, און ער פילט ווי דאָס לײַלעך ווערט הייס, דאָס בעט — ענג און זײַן

האַרץ ווערט פֿול מיט פֿרייד. — „מאָדנע, טשיקאַווע, מערקווער־דיק", טראַכט ער און צעלאַכט זיך. מאָרגן — אַ נײַער, לאַנגער טאָג.

עמילי ליגט אויפֿן זאַמד צווישן ביידן. דעם דיכטערס שפּיציקע נאָז איז באַדעקט מיט אַ גרין בלאַט קעגן דער ברענענדיקער מיטאָגזון. דער שמועס, געפֿירט כּמעט נאָר פֿון דעם דיכטער מיט זיך אַליין, האַנדלט זיך וועגן אַ שפּילצײַג, אַ בלעכענע קאָלירטע לייקע, וואָס אַ ייִנגעלע האָט פֿאַרגעסן נעכטן אויף דער פּלאַזשע.

דיכטער: ווי דו זעסט, עמילי, דיר,[7] רינט דאָס זאַמד אַרויס דורכן קלענערן לאָך. ס'באַרירט ניט די ווענט פֿון דער לייקע. אָבער פּרוּוו און לאָז דאָס זעלבע זאַמד אַרויסרינען דורכן גרעסערן קרײַז...

עמילי: איך זע, איך זע...

דיכטער: וועט עס באַרירן די ווענט. מאָדנע, אין לעבן איז עס פּונקט פֿאַרקערט — איר פֿאַרשטייט? אונדזער לעבן איז אַ לייקע און מיר, מענטשן, זענען דאָס זאַמד... ווערלכעס...

מעקס פֿילט, אַז דעם אַלבינאָס חכמות וועלן אָט־אָט אײַנשלע־פֿערן. ים, זאַמד, עמילי נעבן אים — דאָס גוטס אין זײַן לעבן הייבט ערשט אָן צו בליִען.

מעקס: זאָג מיר, בין איך פֿאַרליבט אין עמילי? מיט וואָס איז זי אַנדערש פֿון אַנדערע?

דו: זי איז ניט ווי סילוויאַ — און דאָס אַליין איז שוין גענוג. סילוויאַ איז דין ווי אַ פֿינגער און כאַטש אַזוי, לעבט זי מיט אייביקע דיעטעס, גייט אַרום אַ הונגעריקע און ציילט די קאַלאָריעס. דײַן עמילי איז אַ דיקלעכע, אָבער זי עסט, עסט, זי הערט נישט אויף צו עסן. אַלע מאָל שלעפּט זי אַרויס אַ קענדי פֿון טאַש און נאַשט. סילוויאַ איז אייביק ברוגז מיטן לעבן, איז אומצופֿרידן און לאָזט דיך דאָס פֿילן. עמילי דערקעגן קויפֿט זיך אַ דיכטער און נאַשט פֿון אים אויך און איז אַ פֿריילעכע, אַ צופֿרידענע, אַ גליקלעכע.

7. טייערע.

Havesi Jewish Heritage Library
Central Queens YM-YWHA
67-09 108 Street
Forest Hills, NY 11375

זי זינדיקט מיטן עסן, זי זינדיקט מיט אַ מאַן, אָבער זע נאָר, ווי זי האָט הנאה פון דעם. ס'ווערט אַזש פרייליך קוקנדיק אויף איר. דײַן סילוויאַ אורטיילט ווענן דיר און בכלל ווענן מענטשן מיט אַ האַרטער, שטרענגער אומבאַרעמהאַרציקייט. עמילי אָבער איז זיך אַליין אַלץ מוחל — ווי זאָל זי דאַן נישט מוחל זײַן אַ צווייטן? סילוויאַ לויפט אַרום אַ גאַנצן טאָג און איז שטענדיק „ביזי־ביזי־ביזי". עמילי איז פויל און געניסט פון איר אייגענער פוילקייט. זי אײַלט צו גאָרנישט, זי שטרעבט צו גאָרנישט. אַ מחיה!

מעקס: זי האַלט זיך אַלץ בײַ איר „מיסטער מערקווערדיק". ער טרעט ניט אָפּ פון איר.

דו: דײַנע אַקציעס שטייען הײַנט בײַ איר העכער פון זײַנע. אָבער איצט לאָמיר ווײַטער רעדן. ס'איז וויכטיק זאָלסט מיר אַלץ דערציילן ווענן דײַן ניו־יאָרקער „איך". איינס נאָכן אַנדערן. כ'מוז פון דיר אַלץ וויסן. אַלץ.

מעקס: פרעג און איך וועל ענטפערן.

דו: ווער איז סילוויאַ?

מעקס: סילוויאַ? כאַ־כאַ־כאַ... שפּילסט מיט מיר? זי איז מײַן פרוי און דו ווייסט דאָס אַזוי גוט ווי איך.

דו: ווער איז סילוויאַ?

מעקס: זי איז מײַן שוואָגער היימענס שוועסטער, כ'האָב חתונה געהאַט מיט מײַן „באָסעס" שוועסטער. אַ קליינער וואַריאַנט צו דעם אַלטן מוסטער: — דעם „באָסעס טאָכטער"; אָבער ס'איז דאָס גלײַכע שלימזל. וואָרעם געוואָלט האָב איך גאָר יענע רויט־האָריקע, זיסע לאַבערקע עמילי — מיט איר נאָמען, וואָס האָט זיך געזעצט אויף מײַן שויס, ווען מיר זענען — אַ כאָפּטע באָיעס און גערלס געפאָרן... „פּאַרקן" אין אַ פּאַרק בײַ נאַכט...

דו: „פּאַרקן אין פּאַרק"? פאַרשטיי איך ניט.

מעקס: אַ ספּאָרט אַזאַ: מען פּאַרקט דעם פולן אויטאָ און מען הייבט אָן זיך שפּילן מיט די גערלס... אַלץ ווילדער און ווילדער... די רויטע לאַבערקע עמילי איז געזעסן אויף מײַן שויס.

באַטש „פֿאַר מײַן גורל״ איז געווען באַשטימט סילוויאַ — וועלכע איז געזעסן צווישן מיר און דער לאַבערקעס „באַי־פֿרענד״... געזעסן מיט אַ קאַלטן, שטרענגן פּנים, וואָס האָט שטום אָבער בולט גערעדט צו מיר: „מיט איר קאָנסטו באַוויײַזן אַזעלכע פֿוילע שטיק אָבער... נישט מיט מיר״... די רויטע האָט געלאַכט דעם גאַנצן וועג און איך האָב געפֿילט ווי עס קאָכט מײַן בלוט נאָך איר...

דו: ווער איז סילוויאַ?

מעקס: איך ווייס ניט. איך ווייס ניט.

דו: אָפּגעלעבט 26 יאָר אונטער איין דאַך. געשלאָפֿן אין איין בעט, צוויי קינדער מיט איר געהאַט און זי איז דיר אַלץ נאָך אַ פֿרעמדע?

מעקס: וואָס דערוואַרט זי פֿון דעם לעבן? וווּהין לויפֿט זי, צו וועמען אײַלט זי טאָג־אײַן, טאָג־אויס? ווער טרײַבט זי און וווּהין? פֿאַר וועמען לעבט זי? זאָגסט — די קינדער? זיי זענען פֿאַר איר פּונקט אַזאַ מיסטעריע ווי פֿאַר מיר. זיי אַנטלויפֿן פֿון איר פּונקט ווי פֿון מיר. וואָס זשע דען? אירע קלובן? די פֿרײַנדינס? שעהען לאַנגע טעלעפֿאָנען? צו וואָס פֿאַר אַ וויכטיקן צוועק רײַסט זי זיך אין דער פֿרי אַרויס פֿון אונטער די זײַדענע דעקן? לייגט אַרויף אַ טאָן שמינק אויף איר פּנים, פּוצט זיך אויס ווי אויף אַ באַל און נעמט זיך לויפֿן. איך האָב זי נאָך קיין מאָל ניט דערטאַפּט אָן איר „מעיק־אַפּ״ (שמינק), אָן איר קאָסמעטישער מאַסקע. איך קען ניט סילוויאַן אָן דער מאַסקע. כ׳וואָלט איר פּנים אָן דעם קיין מאָל ניט דערקענט. און איך קען אויך נישט איר נשמה, אירע געדאַנקען. איך ווייס אַפֿילו ניט צי זי באַזיצט אַ נשמה, צי זי האָט געדאַנקען אונטער דעם הויכן טורעם פֿון אירע געפֿאַרבטע האָר.

דו: איר לעבט אונטער איין דאַך — אָבער יעדער פֿאַר זיך אַליין. צופֿעליקע שכנים.

מעקס: איך ווייס נישט, צי זי איז אַ גוטע, צי אַ שלעכטע. אַ קלוגע, אָדער זאָגט זי אויף אויסנווייניק אַ ראָלע, אין וועלכער ס׳קומען פֿאַר קלוגע ווערטער — פֿאַרגעשריבענע פֿון אַ דראַ־

מאַטורג. זי טוט אַ סך פאַר ישׂראל: זי איז אַ פּרעזידענטקע דאָ און אַ וויצע־פּרעזידענטקע דאָרט. מען זאָגט מיר, אַז זי באַוויַזט ממש נסים מיט מאַכן געלט פאַר ישׂראל. ווען מיר זענען געווען דאָרט מיט אַ גרופּע וויַבער און מיט זייערע לעבערלעבע, איבע־ריקע מענער (צווישן זיי איך, דער לעבערלעבסטער, דער איבע־ריקסטער) זענען די פרויען געקראָכן אויבן, אויף מסדה, בעת מיר, מענער, האָבן געוואַרט אונטן אין די געקילטע אויטאָבוסן... סילוויאַ האָט אָנגעפירט מיט דער גרופּע, מיט אַ קאַלטן, שטרענגן פּנים געזאָגט, וואָס מען דאַרף זאָגן, גערעדט פּאַסיקע, „באַ־גייַסטערטע" ווערטער וועגן „אונדזער לאַנד", און „מיר טרעטן איצט אויף דער הייליקער ערד און מען טאָר דאָס ניט פאַרגעסן — אַפילו ניט אויף אַ מינוט"... זי האָט באַגריסט יעדן מיט אַ שטרענגן „שלום!" און איך בין געזעסן אַ מידער, אַ דערהרגעטער און זיך געפרעגט: „ווען וועלן מיר שוין זיַין צוריק אין אונדזער אַמערי־קאַנער האָטעל — אין אונדזער ליבן, היימישן „הילטאָן"?

נאָר ווען זי רעדט מיט די קינדער — דעמאָלט ווערט איר קול וואַרעם, אפשר צו וואַרעם. און מיר דאַכט זיך, אַז אַפילו די מאַמע אין איר טראָגט אַ „מעיק־אַפּ", טראָגט אַן אייביקע מאַסקע. און איך ווייס אַלץ ניט: ווער איז סילוויאַ?

דו: (שוויַגט).

מעקס: שוויַגסט? איך ווייס שוין זייער גוט, אַז טאָמער דו שוויַגסט — האָסטו עפּעס וויכטיקס צו זאָגן און וואַרטסט נאָר אַז איך זאָל דיך פרעגן.

דו: (שוויַגט).

מעקס: שוויַגסט אַלץ? דאָס מיינט, אַז דו ביסט מיט עפּעס אומצופרידן. אַז איך האָב זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט קעגן דיר.

דו: קעגן זיך אַליין. וויַל איך בין דו.

מעקס: איך ווייס, איך ווייס... אָפּגעלעבט מיט אַ פרעמדער אַ האַלב לעבן און נישט געזוכט פאַר זיך ערגעץ ווו אַן אייגענע, אַ וואַרעמע, אַ פרוי אָן אַ מאַסקע, איך זאָל קענען איר פּנים און

וויסן אירע געדאַנקען; איך האָב דאָך ביז איצט ניט געקענט מײַנע אייגענע אויך.

דו: כאָטש דו האָסט זיך שפּעט געכאַפּט — איז בעסער שפּעט — ווי קיין מאָל נישט. נאָך איז צײַט... ניט קיין סך, אָבער פאָרט... וואָס מאַכט דײַן עמילי?

מעקס: מײַנע? זי איז נאָך ווײַט פון „מײַנע". כאָטש, מען זאָגט אין האָטעל, אַז זי וועט אים באַלד־באַלד אָוועקשיקן צוריק אין זײַן רו אַרײַן... אַז ער און זײַנע פילאָסאָפיעס זײַנען נודנע רייד, זײַן לייקע מיטן זאַמד, זײַנע שפּיציקע, רויט־אָנגעצונדענע קני, זײַן גאַנצע אַלבינאָ־ווײַסקייט, זײַן דין קולכל — דאָס אַלץ איז איר געוואָרן נימאס. מען זאָגט אין האָטעל, אַז הײַנט־מאָרגן וועט ער פּאַקן זײַן מאָגער האָב־און־גוטס און... „זײַ געזונט, מיסטער מערקווערדיק"...

דו: דער האָטעל ווייסט וואָס ער זאָגט. איז פאַרשלאָף זשע נישט דײַן שאַנס בײַ איר. מוט! גיי, דער גאַנג רופט דיך און זי וואַרט.

✶

„פאַר וועמען שטריקט איר דעם גרינעם סוועטער?" זעט אויס, אַז מיט דעם אַרבל זענט איר שוין פאַרטיק. כ'האָב ליב צו זען ווי עס לויפן אײַערע פינגערלעך גיך־גיך... און ווי געשיקט, ווי באַטעמט איר דרייט מיט דער לאַנגער נאָדל. אַהין און אַהער".

עמילי לאַכט. זי ליגט אויפן הייסן זאַמד, זײַט בײַ זײַט מיט מעקסן און מען זעט ניט מער דעם בלייכן, מאָגערן דיכטער אַרום איר. ווי קיין מאָל ניט געווען.

„איך שטריק סתּם. כּדי די הענט זאָלן האָבן וואָס צו טאָן".

„כ'האָב געמיינט — אַ מתּנה פאַר דעם דיכטער. איצט, אַז ער איז שוין אַוועקגעפאָרן — שטריק איך ווײַטער... אפשר וועט עס זײַן גאָר פאַר מײַן מאַן".

זי וואַרפט אַ גיכן, הייסן קוק אויף מעקסן. זײַן האַרץ גיט אַ שפּרונג — עס וויל ממש אַרויס פון דער ברוסט. אַ שאַרפער ווייטיק... מעקס שלינגט אים אַראָפּ. דער ים מורמלט ווײַטער. די וואָלקנדלער שווימען פעדערדיק — צעשויבערטע איבער אים. אָבער אין אים איז אומרו. דער שאָטן ליגט צופוסנס און רירט זיך ניט פון אָרט.

„נאָך ניט, נאָך ניט, בעט זיך מעקס בײַ עמעצן, לאָז מיך נאָך זײַן. מיר איז דאָ גוט".

עמילי לאַכט צו אים. זייערע פוספינגער באַרירן זיך אין זאַמד.

ווען וועט שוין זײַן נאַכט? ווי ווײַט האַלט ער מיט איר?

זיי פאָרן אין אַ פרעמדן, פולן אויטאָ. געסט פון האָטעל האָבן זיי מיטגענומען — מען פאָרט ווײַט — זען דעם באַרימטן ווולקאַן. צו פיל מענטשן אין אויטאָ. דאָס זענען מענער מיט זייערע פרויען, מער ווי דאָס אויטאָ קאָן אַרײַננעמען. זעצט זיך עמילי אויף מעקסעס שויס. זי און ער זענען, זעט אויס, די איינציקע ניט־פאַרהייראַטע אין דער מאַשין. איז זיי טאָקע פריילעך. מעקס פילט די ווייכע, וואַרעמע זיסקייט פון איר קליינעם קערפּער און ער דערקענט דאָס זעלבע, לאַכנדיקע מיידל, יענע ערשטע עמילי פון זײַנע יונגע יאָרן, פון וועלכער ער האָט געחלומט בעת לעבן אים איז געלעגן — קאַלט, דין, שטרענג און אומצופרידן — סילוויאַ... און עמילי זיצט אויף זײַן שויס און לאַכט און לאַכט...

*

דו: דײַנע קינדער. דערציי̇ל וועגן זיי — דאָס בוך פון דײַן לעבן נעענטערט זיך צום לעצטן קאַפּיטל — דערציי̇ל.

מעקס: דעם זון אַ נאָמען געגעבן נאָך מײַן טאַטן: סעמי.

דו: דײַן טאַטנס נאָמען איז געווען „סעמי"?

מעקס: שמואל. אָבער מיר רופן אים — סעמי. אַזוי גייט עס בײַ אונדז. געמאַכט אים אַ רײַכע בר־מיצווה. אַלע 200 פרײַנד

געוועזן אין דעם טעמפּל „ריפאָרמד״.[8] פאַרשטייט זיך, די טײַערסטע ווײַנען. שאַמפּאַניער! בעסטע עסנס. סילוויאַס קלייד און די נײַע מינק־סטאָלאַ — אַ פאַרמעגן. דער זון האָט געהאַלטן זײַן דרשה. געדאַנקט זײַנע „ליבע טאַטע־מאַמע״ פאַר דעם, וואָס זיי האָבן אים געלערנט „זײַן אַ ייִד״. אַ ייִד וואָס וויל דינען זײַן פאָלק מיט זײַן גאַנצער „ייִדישער נשמה״. איך דערמאָן זיך אין זײַן בלייך־דערשראָקן פּנימל. עפּעס געזאָגט — אַ קליין, 13־יעריק קינד — פּלוצעם אַליין אויף דער בימה — 200 פּרעמדע מענטשן אַרום — און זײַנע עלטערן, אין דער ערשטער ריי, קוקן אויף אים מיט שטרענגקייט און שפּאַנונג. דער שמייכלענדיקער, יונגער רבי נעבן אים זעט אויס ווי אַ שוישפּילער פון אַ פילם, ער האָט אים אָנגע־זאָגט, אַז גאָט באַהיט טאָמער ער וועט היקען, ניט גלאַטיק רעדן זײַן וויכטיקסטע, עפּנטלעכע דרשה... גאָט באַהיט — ווײַל זײַנע פײַנע, פאָרנעמע עלטערן גיבן אויס אַ מאַיאָנטיק דאָלאַרן פאַר אָט דער שׂימחה... און אַ באַי אין זײַנע יאָרן מוז שוין וויסן וואָס דער דאָלער איז ווערט...

איך דערמאָן זיך ביז הײַנט, ווי ס׳האָט מיר ס׳האַרץ פאַרקלעמט זיצנדיק דאָרט, אין מײַן ליכטיק־בלויען טאָקסידאָ[9] און קוקנדיק אַרויף צו מײַן ציטערדיקן, בלאַסן קינד... זיך דערמאָנט אין מײַן אייגענער בר־מיצווה, מײַן אייגענער דרשה — וועלכע איז געווען אין גאַנצן די זעלבע ווי סעמיס... און געפילט דעמאָלט, אַז אויך זײַן זון וועט אין אַ טאָג שטיין אַזוי — איבערגעשראָקן — און זאָגן די זעלבע, ליידיקע, אײַנגעלערנטע ווערטער און זײַן זון ווידער... און ווידער... אייביק דאָס זעלבע.

דו: ווו איז ער איצט?

מעקס: ער שטודירט אויף אינזשעניר. זעלטן קומט ער אַהיים. און אַז ער קומט, רעדט ער צו מיר נאָר זעלטן. אין אָוונט אָדער

8. רעפאָרמירט.
9. אַ פײַערלעכער אָוונט־אָנצוג.

ער זיצט בארוועס ביי דער טעלעוויזיע און קײַט עפּעס, אָדער ער פּאַרט מיט גערלס — מסתמא פּאַרקן אין אַ פּאַרק...

דאָס זעלבע ליד, נאָר עטלעכע יאָר שפּעטער.

דו: האָסט דאָך אַ טאָכטער אויך? זי רופט זיך מיטן ייִנגלשן נאָמען „בילי", דאַכט זיך?

מעקס: מיר האָבן איר געגעבן דעם נאָמען „ביאַטריס". ווי אַזוי און געגנוי ווען ס'האָט זיך ביי איר געמאַכט „בילי" — ווייס איך שוין ניט.

דו: דו האָסט אַזוי ליב געהאַט דײַן קלײנע, שײנע בילי, ווו איז דײַן ליבשאַפט אַצינד?

מעקס: ווו איז מײַן קינד אַצינד? איך ווייס ניט. זי טראָגט אָפּגעריסענע, אויסגעבלייכטע פון זון און צײַט, אויסגעפּראַנדזלטע הויזן און גנבעט אַרויס פון די קאָמאָדעס מײַנע עלטסטע, פאַר־וואַשענע העמדער, וואָס איך האָב פשוט פאַרזען און נישט באַוויזן אַרויסצוּוואַרפן. אירע שײנע, גאָלדענע האָר, די זיסע, זײדענע לאָקנדלעך, מיט וועלכע איך האָב אַזוי ליב געהאַט זיך צו שפּילן, ווען זי איז נאָך געווען „מײַן ליטל גערל" האָט זי זיך געלאָזט אין גאַנצן אָפּשנײַדן און איצט זעט זי אויס ווי אַן אַמאָליקער רעקרוט אין דער אַרמיי.

סעמי אָבער טראָגט זײַנע האָר לאַנג, זײי פאַלן אין לאַנגע, גלײַכע, מיידלשע צעפּ אַראָפּ אויף זײַנע פלייצעס...

בילי קומט און גייט ווען זי וויל. זי פרעגט אונדז ניט, זי רעדט ניט צו אונדז און טאָמער אַ מאָל, אַ מאָל, זי טוט זיך שוין יאָ אָן אַ כּוח צו ענטפערן אויף אונדזער אומרו, אונדזערע פאַרצווייפלטע פראַגעס — איז איר רעדן פול מיט שׂינאה, מיט שפּאָט און אי־ראָניע: „אײַער וועלט, זאָגט זי און קײַט, קײַט עפּעס, וואָס צעקײַט זיך, זעט אויס, קיין מאָל ניט, אײַער וועלט פון דאָלאַרן און באַזיצן, באַזיצן, באַזיצן — איז לאַנג שוין חרוב! מיר בויען אַ נײַע וועלט און די נײַע מענטשן וועלן אין גאַנצן שוין ניט מער

לעבן אײַער מין לעבן. ניט מאַכן מער אַזעלכע תּפֿיסות, וואָס איר רופֿט אָן: „פֿאַמיליע״!

זי לאַכט אָפּ פֿון די דאָלאַרן, נאָך וועלכע איר טאַטע האָט זיך געיאָגט אַזוי אַטעמלאָז, אַזוי נאַריש זײַן גאַנץ אומזיניק לעבן...

אָבער אירע צעפּראַנדזעטע, אויסגעבליכטע, צעריסענע דזשינסן קאָסטן אַ סך געלט... איך ווייס ניט, ווער מײַן קינד איז און איך ווייס ניט, וואָס זי וויל.

דו: יאָ — אַ טרויעריקער סך־הכּל. נו, גענוג פֿאַר הײַנט. נוץ דײַנע טעג מיט עמילין. פֿאַרליר ניט קיין צײַט. גיי.

✶

דער וווּלקאַן איז געווען אַן אַנטוישונג: אַ באַרג — ווי אַלע בערג — קיין שרעקלעכן רויך זעט מען ניט אַרויסרײַסן פֿון זײַן גיהנומדיקן קראַטער, בלויז עפּעס אַ דין רויכל, ווי פֿון אַ ציגאַר — קיין לאַווע פֿאַרגליווערט אין לבֿנהדיקע מאַסן זעט מען אויך ניט ליגן פֿאַרשטאַרצט אויף זײַן רוקן — מען שטייט און מען קוקט אַרויף און מען ווייסט נישט צו וואָס מען האָט זיך שעהען לאַנג געפּלאָגט אין איבערגעפּולטן אויטאָ? די מענער קוקן זיך איבער און זאָגן גאַרנישט. די פֿרויען זענען אויך שטיל אַ ווײַלע — דער־נאָך זאָגט איינע פֿון זיי: „געוואַלטיק״... דאָס פֿאַרלוירענע שווײַגן איז געבראָכן, די פֿרויען באַגײַסטערן זיך: „פֿאַנטאַסטיש״... „וואָס די נאַטור קאָן מאַכן״... „ווי אין אַ פֿילם״... די מענער זענען צופֿרידן, וואָס די ווײַבער זענען צופֿרידן וואָס מ׳איז ניט געפֿאָרן אומזיסט און מען וועט ניט הערן קיין פֿאַרוווּרפֿן: „וועמענס אידיאָ־טישער אײַנפֿאַל איז עס געווען צו פֿאָרן צו דעם נעבעכדיקן, פֿאַרלאָשענעם באַרג? אַוודאי דײַנער. דו מיט דײַנע אײַנפֿאַלן. אייביק אַזוי״.

אין אויטאָ זיצט עמילי ווידער אויף זײַן שויס.

„עמילי, עמילי — שעפּטשעט מעקס אין איר אויער אַרײַן, ווען, ווען, עמילי?״

זי לאַכט און פּלוצעם נייגט זיך איר מײַלעכל צו זײַן אויער און ער דערהערט:

„מאָרגן... מאָרגן בײַ נאַכט...״

זײַן האַרץ קלאַפּט ווילד און רײַסט זיך, ווי אַ פאַרווונדעטער, ווילדער פויגל אַרויס, אַרויס פון שטײַג... אַרויס פון זײַן ענגער ברוסט.

✶

דו: ליגסט שוואַך און קראַנק. אָבער דײַן האַרץ, דײַן קראַנק און אומגעדולדיק האַרץ רײַסט זיך, בענקט צו איר, צו עמילין.

מעקס: זי האָט געזאָגט: „מאָרגן בײַ נאַכט״... און הײַנט איז דער מאָרגן און באַלד איז נאַכט.

דו: ביסטו זיכער, אַז דאָס איז, וואָס זי האָט דיר אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער אַרײַן? ביסט זיך ניט טועה?

מעקס: איך האָב זי קלאָר געהערט. און סײַ ווי סײַ — ווי איך זע און ווי איך הער עס אַרויס פון דײַן שטים — ניטאָ מער קיינע אַנדערע „מאָרגנס״.

דו: (שווײַגט).

מעקס: הייסט עס — איך האָב ריכטיק געטראָפן?

דו: (שווײַגט).

מעקס: און דו? וואָס וועט זײַן מיר דיר?

דו: איך בין מיט דיר.

מעקס: פאַרלאָזסט מיך ניט? ביזן סוף?

דו: איך בין דו, און דײַן סוף — איז מײַן סוף. מיר גייען צוזאַמען.

מעקס: ביסטו דאָך טאַקע מײַן ערשטער, אמתער פרײַנד.

דו: און דײַן לעצטער אויך.

מעקס: ביסט פאַרטיק מיט דעם בוך פון מײַן לעבן?

דו: ניין. נאָך איין לעצט קאַפּיטל. דעם עפּילאָג שרײַבסטו שוין אַליין — אָן מיר.

מעקס: וואָס נאָך? דאַכט זיך אַלץ איז געזאָגט געוואָרן...

דו: דו רופֿסט זיך אָן אַ ייִד. מיט וואָס ביסטו אַ ייִד?

מעקס: כאַ־כאַ־כאַ... באמת, געפֿונען פֿון וואָס צו רעדן... מיט וואָס איך בין אַ ייִד? זעסטו, די דאָזיקע פֿראַגע האָב איך ניט דערוואַרט צו הערן. מיט וואָס איז מען אַ ייִד? בײַ מיר — ווי בײַ אַלע מיליאָנען ניו־יאָרקער ייִדן — געווען אַ ברית־מילה. דערנאָך אַ בר־מיצווה — אַזעלכע ווי איך האָב דיר באַשריבן בײַ מײַן זון. חתונה געהאַט אונטער אַ חופּה... הונדערטער פֿרעמדע פּנימער אַרום... דאָס זענען געווען מײַן טאַטנס 200 פֿרײַנד — ביזנעסמענס און לאָזשעס־ברידער... מיטן קנאַפּל צעבראָכן אַ גלאָז און אַלע 200 פֿרעמדע האָבן אַפּלאָדירט און איך האָב זיך דעמאָלט גאָרנישט געחידושט אויף זייערע אַפּלאָדיסמענטן, ווײַל איך אַליין האָב אויך אַ סך מאָל אַפּלאָדירט דעם חתן, ווען ער האָט באַוויזן אַזאַ גרויסן אויפֿטו און האָט צעבראָכן אַ גלאָז אונטער זײַן קנאַפּל... מיט וואָס איך בין אַ ייִד? איך בין אַ בכּבֿודיקער ברודער — אין דער בני־ברית — גיב געלט פֿאַר ישׂראל — אַ סך געלט — גיי פֿון מאָל צו מאָל אין מײַן טעמפּל, צאָל דאָרט אויך געלט פֿאַר עפּעס, איך ווייס אַליין נישט פֿאַר וואָס... איך גיי צום „דריטן סדר" אין די שענסטע האָטעלן און בײַ אַלע שׂימחות זינג איך מיט מיט אַלע „הבה נגילה הבה" און איידער מײַן האַרץ האָט מיך אַנידער־געוואָרפֿן האָב איך מיטגעטאַנצט די ישׂראלדיקע האָרע... איצט וואָלט איך צוגעפּליעסקעט מיט די הענט... „הבה נגילה הבה, נגילה הבה ונשׂמחה"...

דו: (שווײַגט).

מעקס: געפֿעלט דיר שוין ווידער ניט מײַן ענטפֿער? נו, צום ערשטן מאָל פֿאַרשטיי איך ניט דײַן פֿראַגע. מיט וואָס איז אַ ניו־יאָרקער ייִד — אַ ייִד? מיט דעם וואָס אַלע מײַנע 200 פֿרײַנד זענען: מיט געבן געלט, מאַכן אַ „מוצא" בײַ אַ חתונה, טאַנצן אַ האָרע, פֿאָרן פֿון מאָל צו מאָל קיין ישׂראל...

דו: (שווײַגט).

מעקס: מען װעט מיך באַגראָבן אױפֿן ייִדישן סעמעטערי, דערבײַ װעט מען פּירזאָגן סעמין דעם קדיש און סילװיאַ װעט זיצן שיבֿעה אין אַ שװאַרצן, זײַדענעם קלײד.

דו: די צײַט שטײט ניט. גײ, גײ, ס׳איז נאַכט און עמילי װאַרט...

*

ער עפֿנט שטיל די טיר און באַטרעט איר טונקעלן צימער. אױף די פּיס טראָגט ער זאָקן. זײַן פּיזשאַמע קלעפּט צו זײַן פֿײַכטן, הײסן קערפּער. ער זעט זי ניט, ס׳איז צו טונקל. אַט בלאָזט דער װינטער, טראָפּישער װינט אַרײַן פֿון דרױסן דורך דער אָפֿענער טיר פֿון איר באַלקאָן. די לבֿנה גיט אַ זילבערנעם ציטער און באַלױכט איר בעט. ער דערזעט איר רונד, בלאָנד קעפּעלע ליגן אױפֿן װײַסן קישן.

„עמילי, עמילי", שעפּטשעט ער און קושט איר װאַרעם, קינ־דעריש פּנימל.

„עמילי, עמילי, איך בין געקומען... איך בין דאָ... ס׳איז נאַכט און איך בין געקומען..."

זי זיפֿצט... זי עפֿנט אירע אױגן. זי שרײַט, שרײַט, שרײַט...

„גײט אַװעק, װאָס װילט איר דאָ... גײט אַװעק פֿון מיר..."

„עמילי, עמילי... געליבטע מײַנע... פֿאַר װאָס לאָזטו מיך ניט צו צו דיר? האָסט מיך דאָך גערופֿן... ניטאָ מער קײן צײַט, עמילי... פֿאַר װאָס?... דיר דאַרף איך דאָך ניט פֿאַרגװאַלטיקן, װי דעמאָלט סילװיאַן, דו האָסט מיך דאָך גערופֿן צו זיך — איז װאָס זשע שרײַסטו נאָך הילף?"

זײַן האַרץ גיט אַ שטאַרקן, שרעקלעכן שטױס און צעבערעבט די װאַנט — זײַן ברוסט. ער הערט שטימען, הױכע, שרײַענדיקע, פּאַנישע שטימען און ער פֿילט װי זײַן אָטעם פֿאַרלאָזט אים און ער פֿאַלט אַנידער... װוּ ליג איך? ער ליגט אױף דער ערד — צװישן זײַן קאַדילאַק און הײמענס רױטן מערצעדעס... מען הײבט אים אױף און מען טראָגט אים, טראָגט אים ערגעץ װײַט, װײַט...

ער הערט עמעצן זאָגן: „ער איז טויט. ווען דאַרף מען לאָזן וויסן? ווייסט דאָ עמעצער ווער סע זענען זײַנע נאָענטע?"

דערנאָך זאָגט אַ צווייטער: „מען האָט נישט געטאָרט אים ברענגען אויף דער פּאָליציי. כאָטש די פרוי אין האָטעל האָט אָנגעמאַכט אַ גוואַלד, אַז ער איז אַרײַן צו איר אין בעט מיט כּוח. אַזאַ קראַנקן ברענגט מען אין אַ שפּיטאָל".

„ער איז טויט... זאָגט ווידער די ערשטע שטים... מען מוז לאָזן וויסן זײַן פרוי"...

מעקס עפנט די אויגן און זאָגט שטיל, אָבער קלאָר:

„לאָזט וויסן מיסעס פרעסמען. סילוויאַ מוז וויסן, אַז איך בין טויט". דאַן שליסט ער די אויגן.

מעקס פרעסמען, ביזנעסמען און לאָזשע־ברודער, אַ בכּבודי־קער רײַכער ייִד פֿון ניו־יאָרק, גייט אויס אויף אַ באַנק אין דער פּאָליציי פֿון האַלענד־בעי.

ווי מאָדנע.

ווי מערקווערדיק.

צוקונפט, יאַנואַר, פעברואַר 1980.

דער שידוך

מיניאַטור אַלאַ י. פּאַנער
— אים געווידמעט

זי איז געווען אַ היפּש ביסל יאָרן עלטער פון אים. אַז זיי האָבן — מיט יאָרן צוריק — חתונה געהאַט, האָבן זייערע פרײַנד און בפרט אירע פרײַנד נביאות געזאָגט, אַז די גאַנצע זאַך וועט אָנהאַלטן פון מיטוואָך ביז דאָנערשטיק.

אָבער זיי האָבן אַלע געהאַט אַ גרויסן טעות: ער האָט זי ממש פאַרגעטערט, נישט אויפגעהויבן די אויגן צו אַן אַנדערער, זי געצערטלט און געליבט, באמת אַ ראָמעאָ! פון איר זײַט איז שוין גאָרנישט צו רעדן: זי האָט אים געליבט מיט דער גאַנצער האַרבסטלעכער, שפּעטער לײַדנשאַפט פון אַ פרוי וואָס פילט, אַז זי ווערט עלטער פון שעה צו שעה, בעת איר יינגערער מאַן בלײַבט יונג. כאָטש ער האָט זי שטענדיק געצערטלט ווי אַ נײַ־פאַרליבטער, האָט זי געפילט אין זיך אויפקומען אַלץ מער און מער, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, אַ נאָגנדיקן, ווייטיקלעכן צווייפל.

„זאָגסט, אַז נאָר איך, נאָר איך בין אין דײַן האַרץ. אַז דו זעסט נישט קיין אַנדערע... דײַנע אויגן זענען ממש בלינד פאַר די חנען פון אַנדערע, אַפילו יינגערע פון מיר פרויען. איך אָבער זע, למשל, ווי מײַן בעסטע פרײַנדין סאָניאַ קוקט אויף דיר מיט פאַר־ליבטע אויגן. איז וואָס זשע ווילסטו מיר אײַנרעדן, אַז דו באַמערקסט נישט איר גלוסטעניש? ווי זאָל איך דיר דאָס גלייבן, ליבסטער, אַז זי איז דאָך פאַרט אַזוי פיל יינגער, שענער און געזונטער פון מיר...״

וויפל ער האָט פּראָטעסטירט און זיך געסטאַרעט זי איבער־

צוצייַגן אין זייַן געטרייַקייט — איז אים דאָס נישט געלונגען: זי איז אַלע מאָל צוריקגעקומען צו דעם זעלבן חשד.

„איך שווער דיר, איך ווייס אַפילו נישט ווי סאָניע זעט אויס, שרייַט ער אין פאַרצווייפלונג, איך האָב זי דאָך נאָך קיין מאָל רעכט נישט אָנגעקוקט!"

ביז אין אַ שיינעם טאָג, נאָך אַזאַ סיכסוך, האָט ער יאָ אויפגעהויבן זייַן בליק צו סאָניען. מיט אַ מאָדנעם שוידער האָט ער דערזען, אַז ס'איז אמת וואָס זייַן פרוי האָלט אים אין איין דערציילן: סאָניעס שיינע, בלישטשענדיקע אויגן האָבן גערוט מיט ליבע אויף אים! און ווייַטער איז עס אויך קיין ליגן נישט געווען, אַז זי איז אַ סך יינגער פון זייַן פרוי, אַ געזונטע, אַ קראַסאַוויצע, מיט יונגע, גראַציעזע באַוועגונגען...

זייַן פרוי איז געווען גערעכט... און מען זאָגט, אַז זי האָט געפועלט: איר „שידוך" איז סוף־כּל־סוף צו שטאַנד געקומען...

נאָכמיטאָג פון אַ פּאַון

מײַן טײַערער פֿרײַנד!

ווען האָבן מיר ביידע אָנגעהויבן זיך צו שרײַבן און באַנוצן זיך מיט דעם פֿריילעך־איראָנישן זשאַרגאָן אונדזערן — „פֿרײַנדינע מײַנע״? איך זע דיך פֿאַר זיך: ביסט נאָר אַ מיידל מיט לאַכנדיקע, פֿאַרזשמורעטע אויגן, מיט אַ ברייטן פֿלאַכן צאָפּ אַרומגערינגלט אַרום דעם קײַלעכדיקן קאָפּ דײַנעם, שטענדיק גרייט אויסצושיסן אין אַ גוואַלטיקן, האַמערישן, לאַנגן געלעכטער, וואָס נעמט ניט קיין סוף... אָט אַזוי זע איך דיך שטענדיק פֿאַר מײַנע אויגן — לאַכנדיק, פֿריילעך, מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן.

אַ דאַנק דיר, פֿרײַנדינע מײַנע, פֿאַר דײַן צערטלעכקייט און פֿאַר דײַן זאָרגן זיך וועגן מיר. דאַרפֿסט זיך שוין גאָר ניט זאָרגן: איך בין אויף שטענדיק פֿאַרזאָרגט געוואָרן פֿון דעם רבונו־של־עולם... אַוועקגענומען מײַן מאַן פֿון מיר — איז וואָס קאָן זיך טרעפֿן מיט מיר, אַז ווי איז מײַן לעבן? איז וואָס נאָך?

אין דײַן בריוו הײַנט פֿרעגסטו זיך אָן בײַ מיר: ווי אַזוי פֿילט זיך אַ פֿרוי אַן אַלמנה? דו און טאַקע נאָר דו אַליין ביסט פֿעיִק אויף אַזאַ פֿראַגע! קיינער וואָלט ניט געוואַגט אַזוינס שרעקלעכס צו פֿרעגן. אַ מאָדנע זאַך! איך בין ניט נאָר בייז אויף דיר פֿאַר אָט דער „טאַקטלאָזער״ פֿראַגע, ניין — איך בין דיר אַפֿילו דאַנקבאַר... בעסער טאַקטלאָז — איידער גלײַכגילטיק. און אַזוי שטאַרק איז בײַ מיר מײַן באַדערפֿעניש צו זײַן אין עמעצנס געדאַנק, אַז אַפֿילו אָט די אָנגעווייטיקטע שאלה, וואָס פֿאָדערט פֿון מיר אַן ענטפֿער, וואָס עס טוט אַזוי ווי צו ענטפֿערן — אַפֿילו דאָס איז פֿאַר מיר אַ ליכטשטראַל אין מײַן שרעקלעכער איינזאַמקייט!

ווי נאַריש, ווי קורצזיכטיק פֿון מענטשן צו קלערן, אַז מען

טאָר ניט אָנרירן די ווונד... אַלע גייען אַרום און אַרום מיר און ריידן ניט „דערפון״; מען רעדט פון אַלעמען, נאָר ניט פון זײַן טויט. מען רופט ניט אָן די זאַך בײַ איר אייגענעם, שרעקלעכן נאָמען. עס שטייט אָנגעשריבן אויף אַלע זייערע איבערגעשראָקענע, העפלעכע, טאַקטפולע פנימער, אַז דאָס מיט וואָס זיי קוקן אויף מיר, איז אַ פחד, אַז זיי פילן, אַז פלוצעם בין איך פאַר זיי אַלע געוואָרן עפּעס אַ מין אָפּשרעקעניש, אַ געשטאַלט פון יענער־וועלט, זיי קוקן אויף מיר מיט אַ בלאַסן, דערשראָקענעם קוק און עס שײַנט אַרויס פון זייערע אויגן אַ מין טויטע שרעק, אַזוי ווי איך וואָלט געווען יענער לאַזאַרוס פון דער עוואַנגעליע, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים און האָט אַלע לעבעדיקע אַרום זיך געבראַכט אין אַ פּאַנישן צושטאַנד פון אַ פריצײַטיקער גסיסה.

זינט יענעם שוואַרצן, אַפּאָקאַליפּטישן פרימאָגן, ווען מײַן מאַן איז געלעגן אין זײַן אָרון און זיי זײַנען אַלע געקומען אַהין צו „טרייסטן״ מיך, זײַן אַלמנה, זינט יענעם פרימאָרגן זײַנען אַלע מײַנע נאָענטסטע — געוואָרן פרעמדע, ווײַטע מענטשן פאַר מיר: מען קומט, מען זיצט קוים־קוים אָפּ אַ האַלבע שעה, מען רעדט פון פרעמדע, זײַטיקע זאַכן, מען באַרירט מיט קיין איין אײנציקן וואָרט ניט דעם תּוך פונעם ענין, מען רעדט פון אַרום און אַרום, מען זיצט ווי אויף שפּילקעס און מען קען זיך קוים דערוואַרטן אַוועקצולויפן, מען טוט די מאָראַלישע פליכט, מען קומט „אַ מיצווה האָבן״ מיט דער אָרעמער אַלמנה, מען פילט דערנאָך, אַז מען האָט געטאָן אַ גוטע זאַך און מען גייט אַוועק מיט אַ לײַכטן, גוטן געפיל פון דער אייגענער גוטסקייט... אַ גוטסקייט וואָס גייט אויף מײַן חשבון. זייערע מיצוות קאָסטן מיר געזונט און נערוון.

זיי נערווירן מיך מיט זייער היפּאָקריטישער מינע פון אַ „פולן פאַרשטענדעניש״, מיט זייערע שולדיקע, בוימלדיק־זיסלעכע פּני־מער; זיי מאַכן מיך פילן שמוציק און פאַלש, זיי מאַכן אַזוי, אַז פון רעכטס וועגן דאַרף איך זיי אַרויסווײַזן דאַנקשאַפט, אין דער צײַט ווען מײַן געפיל פאַר זיי אַלע איז האַס — נאַקעטער

חיישער, ברוטאַלער האַס. ווײַל טאָמער איך שפּיל ניט מיט דעם גאַנצן גרויזאַמען שפּיל זייערן, טאָמער ווײַז איך חלילה אַרויס מײַן גרענצלאָזן, גוואַלטיקן טרויער און מײַן איינזאַמקייט, טאָמער טו איך דאָס, וואָס מײַן הארץ דיקטירט מיר, פילן זיי זיך שולדיק — ווײַל זיי האָבן דאָך, גאָט צו דאַנקען, ניט פאַרלאָרן אַלץ, וואָס באַדײַט דאָס גאַנצע לעבן פאַר זיי, ווײַל זיי באַזיצן דאָך נאָך דאָס, וואָס איך האָב אויף אייביק פאַרלאָרן, ווײַל זייערע לעבנס גייען אָן ווי פריִער... און מיט מײַן טרויער, דאָס מיינט, טאָמער איך וואָג אַרויסצוווײַזן די גאַנצע מאַכט פון מײַן טרויער, מאַך איך זיי כּלומרשט „פאַראַנטוואָרטלער" פאַר מײַן פאַרלוסט און זיי הייבן אָן זיך צו קוועטשן, אַרומצופאָרן אויפֿן בענקל אַהין און אַהער, זייערע זיסע פּנימער נעמען אָן אַן אויסדרוק פון שולד און פּײַן און איך קום אויס אַ פאַרברעכער און זיי קומען אויס — מײַנע קרבנות... און דער טאָן צווישן אונדז ווערט אין גאַנצן אַ ניט נאָרמאַלער: איך הייב אָן צו ריידן מיט אַ שמייכל, איך פּרוּוו אָוועקנעמען, אויסמעקן דאָס וואָס איך האָב געטאָן פאַר זיי, איך הייב אָן זיך פילן שולדיק, זיי צו האַסן, און זיי פילן זיך שוין מער ניט ווי מײַנע קרבנות, נאָר איך ווי זייער'ס, און אַזוי דרייט זיך דאָס גאַנצע אַרום און אַרום — באַלד זײַנען זיי מײַנע קרבנות, און זיי האַסן מיך דערפאַר און באַלד בין איך זייערס און איך האַס זיי דערפאַר. אַ קרײַז פון האַס. אַ גאַנצער הערמעטישער קרײַז פון האַס און פאַלשקייט.

איך מוז ווײַזן, אַז איך בין אַ „מוטיקע פרוי". אַז ניט אומזיסט האָב איך אָפּגעלעבט אַן ערך פון 24 יאָר מיט אַ געניאַלן, מוטיקן מענטשן; אַז איך בין טאַקע זוכה געווען צו זײַן זײַן פרוי, אַז איך האָב זיך פון אים אויסגעלערנט צו זײַן „גרויס"... און ד"גל.

זיי, פון זייער זײַט, מוזן ווײַזן אַז זיי פאַרשטייען זייער גוט ווי אַזוי מיר איז... אָבער ס'איז ניט גוט און ניט אָנגענומען מיר דאָס אַרויסצוווײַזן, ווײַל איך וועל זיך פילן באַליידיקט, טאָמער וועל איך דערפילן, אַז זיי האָבן טאַקע „רחמנות" אויף מיר...

רחמנות, בכלל, איז אַ וואָרט אין חרם. מען טאָר ניט. מען דאַרף ניט. מען טאָר ניט ווײַזן אָדער אַפילו פילן רחמנות צו אַ מענטשן, וואָס האָט גראָד אַנומלט פאַרלוירן זײַן גאַנץ לעבן, פאַרלוירן דעם גאַנצן חשק צו לעבן, פאַרלוירן דעם זין פון זײַן גאַנצן לעבן... רחמנות וואָלט ממש געווען אַ באַליידיקונג. מען מוז ווײַזן, אַז מען האָט ניט קיין רחמנות, אַז די לאַגע רופט ניט אַרויס קיין רחמנות...

און אָט, אין דעם תוהו־ובוהו פון געמישטע, פאַרפּלאָנטערטע צושטאַנדן זיצט מען אָפּ שעהען, ליידיקע, שרעקלעכע שעהען פון קאָנווענציאָנעלע פאַלשקייטן, איינע גרעסער פון דער אַנדערער.

מען ווייס ניט וואָס צו זאָגן, פון וואָס צו רעדן, כּדי ניט ווײ טאָן, כּדי חלילה ניט באַרירן דעם אַנגעווייטיקטן פונקט.

מלכּה רעדט:

„מיר זײַנען נעכטן געווען בײַ שׂרהן, איז ווייסטו וואָס זי האָט אונדז דערציילט?" „וואָס?" פרעג איך, און אייגנטלעך, וויל איך דעם ענטפער אַפילו ניט וויסן. וואָס עס ווילט זיך מיר יאָ, איז אַז מלכּה זאָל זיך אַנבויגן טיף צו מיר, מיך וואַרעם אַרומנעמען אין אירע אָרעמס און זאָגן: „אײַ, מײַן אָרעם, אָרעם, בלאָס קינד, ווי ביטער איז דיר. איך ווייס, אַז הײַנט וואָלט געווען אײַער חתונה־טאָג. איך געדענק יענע יאָרן, ווען איר ביידע האָט אונדז גערופן צו קומען אויף אַ גלעזעלע טיי מיט אײַך אין אַזאַ טאָג. איך געדענק ווי ער איז געשטאַנען לעבן דיר, געהאַלטן דײַן האַנט אין זײַנער און געלאַכט און געזאָגט — ,גיט אַ קוק אויף איר, אויף דער ייִדענע מײַנער — זעט זי ניט אויס ווי אַ כּלה?' און איצט, וווּ איז ער, דײַן געליבטער, וווּ איז ער הײַנט? ווער וועט נעמען דײַן האַנט און ווער וועט דיך הײַנט קושן און ווי קאָן מען אין גאַנצן דאָס נעמען אויפן קאָפּ, אַז איר ביידע, די וואָס מיר אַלע האָבן געקענט ווי אַן אומצעשיידיקע פּאָרל, זײַט אויף אייביק צעשיידט?"

אוי, ווען מלכּה וואָלט דאָס געזאָגט, ווי גוט וואָלט עס מיר געווען צו פאַלן אויף אירע פּלייצעס און צו וויינען אויף אַ קול,

ווי מען ווײנט, אַז מען איז אַליין אין שטוב. אַן בושה, אַן גרע־נעצן... ווײנען און כליפּען און שרײַען גוואַלד. אָבער דאָס אַלץ געשעט ניט.

מלכּה זעצט פּאָר:

„שׂרה דערציילט אונדז, אַז איר מאַן האָט באַקומען..." און פּלוצעם הערט זי זיך אַליין זאָגן דאָס קומענדיקע וואָרט „איר מאַן" און גיט זיך אַ דערמאַן, אַז דאָס דאָזיקע וואָרט איז טויט פֿאַר מיר און קיינער וואָלט ניט באַדאַרפֿט דאָס וואָרט אַרויסריידן אין מײַן בײַזײַן. און דערמאָנענדיק זיך אין דעם טאַבו, ווערט זי בלייך און הייבט אָן צו ציטערן און בלײַבט זיצן אַ שטומע, אַ שולדיקע... דערנאָך, אין דער היים, וועט זי דערציילן איר מאַן:

„הערסט, איך זאָג דיר, אַז איך האָב געגעבן אַ זאָג ,איר מאַן' — איז זי געבליבן נעבעך זיצן אַ פֿאַרגליווערטע און דער אויסדרוק אין אירע אויגן! אַי, איך וועל מיר קיין מאָל ניט מוחל זײַן מײַן פֿעלער... אַרויסצוריידן אין איר בײַזײַן אַזאַ וואָרט"...

מיט דעם וויל זי באַווײַזן איר מאַן סאַראַ „גוטינקע, טאַקטפֿולע, גרויסמוטיקע" זי איז. זי גייט מיך „מבקר־חולים" זײַן אָדער סתּם האָבן אַ מיצווה, זיצן אַ שעה־צוויי מיט דער שרעקלעכער אַלמנה און עס כאַפּט זיך אַרויס בײַ איר אַזאַ וואָרט און תּיכּף דערפֿילט זי מיט איר נאַטירלעכן טאַקט, אַז זי האָט באַגאַנגען אַ פֿעלער און אָט זיצט זי דאָ און איז זיך מודה, ערלעך און פֿרײַ, אַז זי האָט באַגאַנגען אַ פֿעלער. זי פֿילט זיך זייער גוט דעריבער, איר מאַן פֿילט זיך זייער גוט דעריבער, זיי ביידע פֿילן זיך גוט דעריבער. איך פֿאַרבלײַב צווישן זיי דער אומגוטער, די יעניקע, וואָס האָט זיי פֿאַרשאַפֿט שווערע מאָמענטן און האָט אַרויפֿגעלייגט גרענעצן אויף זייערע רייד, מיט מײַן אַלמנהשאַפֿט און מיט מײַן גאַנצן ביטערן לײַב־און־לעבן. און דאָך זײַנען זיי מיר אַלץ מוחל, ווײַל זיי זײַנען אַזעלכע פֿײַנע, נאָבעלע נשמות.

עקל. ווייסטו וואָס דאָס הייסט — עקל? ס'איז דאָ אַ ראָמאַן בײַ סאַרטער „נאַוזעאַ", נו פֿאַררעכן מיך אויך אונטער יענע, וואָס

שטייען אויף אין דער פרי און פילן אַ שרעקלעכע נאַוזעאַ און עס ווילט זיך זיי ניט אויפשטיין, עס גלוסט זיך ניט אָנהייבן אַ נײַעם טאָג אונטער די שווערע כּמאַרעס פון זייער נאַוזעאַ, וואָס קומט אַרויס פון דעם טיפסטן אינערלעכן ווייטאָג זייערן.

עס שלאָגט צום האַרצן. איז עס דאָס, וואָס עס וועט זײַן פון איצט אָן מײַן טאָג־טעגלעך לעבן? איז דאָס די ראַלע, וואָס איך וועל פון איצט אָן שפּילן אין דעם קרײַז פון חברים, וואָס פלעגן זײַן אונדזערע נאָענטסטע, פעסטע פרײַנד? איז ניט גענוג דאָס וואָס איך האָב פאַרלוירן אים, מײַן איינציקן, געליבטן, מוז איך נאָך דורכגיין די טויזנט גיהנומס פון היפּאָקריטישע כּללים פון דער געזעלשאַפט? איז דאָס די פרײַנדשאַפט פון וועלכער מיר האָבן געחלומט אין אונדזערע יונגע יאָרן? זײַנען דאָס די חברים, וואָס מיר האָבן גערעכנט פאַר אונדזערע ברידער און שוועסטער?

איז מײַן הײַנטיקע איינזאַמקייט מײַן איביקער גורל פון איצט אָן — ביז צו דעם טאָג פון טויט? אַט אַזוי זעט עס אויס: טאָמער שפּיל איך ניט מיט דעם שפּיל פון מוט, פון זיך האַלטן סטאָיש, בעת דאָס גאַנצע לײַב־און־לעבן מײַנע ברעכן זיך איבער פאַר פּײַן און ווייטאָג, טאָמער וועל איך איבעררײַסן די קייט פון גאָלדענע כּללים — וועל איך בלײַבן נאָך מער אַליין און קיינער וועט מיך ניט מער וועלן אָנקוקן. מײַן טעגלעך וואַקסנדיקע מורא פאַר זײַן אַליין וועט מיך באַפעלן צו האַנדלען אַזוי, ווי זיי הייסן מיר: מיטשפּילן דאָס ביטערע שפּיל. אויפן טעלעפאָן מוז מײַן שטים קלינגען „נאָרמאַל״, די טרערן אונטערדריקן אַזוי אַז מען זאָל חלילה זיי ניט דערזען.

„האַלאָ, טײַערע, וואָס מאַכסטו, אַ? וואָס הער איך? דו וויינסט? אוי, ניט גוט אַזוי, ניט גוט אַזוי... מיר האָבן דיר דאָך אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט ניט וויינען, ניט גוט אַזוי, אַ? איז פאַר וואָס זשע הערסטו זיך ניט אײַן צו דעם, וואָס דײַנע נאָענטסטע פרײַנד הייסן דיר טאָן? נו, זאָג אַליין — וואָס זאָל מען מאַכן מיט דיר, אַ? אַז דו הערסט זיך ניט אײַן צו אונדזערע עצות, איז

ווי אַזוי ווילסטו, אַז דיר זאָל ווערן גרינגער איבערצוטראָגן דעם ווייטאָג? וואָס מיינסטו, מיר טרויערן ניט נאָך אים, נאָך אונדזער בעסטן פֿרײַנד, אַ? וואָס קלערסטו — דו ביסט די איינציקע אַלמנה אויף דער וועלט, אָדער אפשר קלערסטו, אַז דו ביסט עפּעס אַ ספּעציעלער פֿאַל? ס׳איז פֿאַראַן אַזעלכע, גלייב מיר, עס בלײַבן איבער אַלמנות וואָס געפֿינען זיך אַפֿילו אין ערגערע אומשטענדן ווי דו, טײַערינקע... דו מוזסט זײַן דאַנקבאַר דעם גורל, וואָס...״

דאָ ווילט זיך מיר אַראָפּוואַרפֿן דעם טעלעפֿאָן און איבער־ברעכן דעם שטראָם פֿון זייערע „הילפֿרײַכע״ ווערטער. עקל. עקל. נישט גוט ווערט מיר פֿון זיי אַלע.

דו, פֿרײַנדינע מײַנע, פֿרעגסט מיך אַזוי אָפֿן! איך האָב דיך הײַנט נאָך ליבער באַקומען ווי אַלע מאָל... אַ דאַנק דיר פֿאַר דײַן „טאַקטלאָזקייט״. דו ווילסט טאַקע וויסן — ווי אַזוי איז דאָס צו זײַן אַן אַלמנה?... נו הער, איך וועל דיר הײַנט באַשרײַבן איין נאָכמיטאָג אין דעם לעבן פֿון אַן אַלמנה און וועל דעם דאָזיקן טייל פֿון מײַן מגילה אָנרופֿן:

דער נאָכמיטאָג פֿון אַן אַלמנה.

און אַ צווייטן מאָל וועל איך דיר באַשרײַבן אַן אַנדערן נאָכמיטאָג און וועל דאָס אָנרופֿן:

דער נאָכמיטאָג פֿון אַ פּאָון.

געדענקסט די סימפּאָנישע קאָמפּאָזיציע מיט דעם זעלבן נאָמען — פֿון דעביוסי? נו, איך הייב אָן מיט מײַן ערשטן קאַפּיטל.

דער נאָכמיטאָג פֿון אַן אלמנה

די אַרבעט אין דער שטוב איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן. דאָס איינזאַמע בעט געמאַכט. אַלע דרײַ שטיבער — ריין. אַפֿילו די פֿענצטער האָב איך הײַנט אויך געוואַשן ריין. אָבער... דער מאָרגן האָט זיך אַזוי געשלעפּט, אַזוי חלשותדיק געצויגן... אַז איך האָב באַשלאָסן צו וואַשן די פֿענצטער.

איך גיי אין דער קיך. די ווינטערדיקע זון שטראַמט אַרײַן מיטן פולן אימפּעט און לייגט אויף דעם דיל אירע בריליאַנטענע, ציטערדיקע שטויבעלער. ס'איז הייס. איך קוק אַרויס פונעם פענצטער: ווי צום ערשטן מאָל דערזע איך די גרויע, הויכע מויערן פאַר דעם פענצטער. מיר האָבן זיך שטענדיק געוויצלט, אַז מיר לעבן אַרומגערינגלט פון מויערן, ווי קרימינאַלניקעס. אָבער ריכטיק באַמערקט האָב איך ניט די מויערן. איצט שטייען זיי פאַר מײַנע אויגן און ניטאָ וווהין אַוועקצוקוקן.

נו, זיץ איך אין דער ליכטיקער קיך און קוק דורכן פענצטער אויף דעם גרויען מויער. עס קומט איבער מיר אַ רו, אַ געפיל פון מנוחה, פון ווייכער רעזיגנאַציע און פאַר עטלעכע רגעס בין איך אין גאַנצן אַן ווייטיק (אַן ליידן); איך פיל אין זיך, אַרום זיך, די וואַרעמקייט און די גאָלדנקייט פון דער זון און גראָד דער פאַקט, וואָס מײַן בליק ווערט באַגרענעצט פון דעם מויער — מאַכט מײַן עקזיסטענץ אין דער דאָזיקער שעה אַ געזיכערטע, אַ וואַרעמע, ווי אַ מאָל...

און אין דעם זעלבן אויגנבליק, וואָס אין מיר האָט זיך אַרויסגעזאָגט דאָס קליינע וואָרט „ווי אַ מאָל" — איז שוין פאַרשווונדן געוואָרן די מנוחה, די רו, דאָס געפיל פון זיכערקייט און וואַרעמקייט און עס ווערט מיר ווידער אַזוי „אַלמנהריש" אויפן געמיט, ווי ס'איז שטענדיק אין מיר, שוין אַריבער אַ יאָר.

איך זיץ אויפן בענקל, בײַם קליינעם טישל, ווו מיר ביידע פלעגן עסן. אַזוי לאַנג ווי די קינדער זײַנען געווען נאָך מיט אונדז אין דער היים, פלעגן מיר עסן מייגסטנס אין דעם גרויסן עסצימער.

ערשט ווען די ביידע, אי אונדזער טאָכטער און שפּעטער אונדזער בן־יחיד האָבן חתונה געהאַט און האָבן פאַרלאָזן די עלטערנס וווינונג, זײַנען מיר געוואָרן „קיכעסערס", ווי מײַן מאַן האָט דאָס אָנגערופן.

און עס האָט זיך צווישן אונדז אַנטוויקלט אַ נײַער טאָן, אַ נײַע מעלאָדיע פון געשפּרעכן, אַ מין ליבלעכע געוווינהייט איבער־

צורעדן וועגן אַלצדינג זיצנדיק דאָ בײַ דעם טישל אין דער קיך:

„כ'האָב געוואָלט דיר עפּעס זאָגן, חיים, זאָג איך, דעם גאַנצן מאָרגן טראָג איך זיך אַרום מיט דעם און איצט, אַז מיר זיצן דאָ, האָב איך פֿאַרגעסן — וואָס".

„וואָס זשע וואַרטסטו שטענדיק אויף שפּעטער און פֿאַר וואָס זאָגסטו עס מיר ניט אין דעם מאָמענט, ווען עס פֿאַלט דיר אײַן, אַ? אַלץ פֿאַרלירט זײַן ספּאָנטאַניטעט..." זאָגט ער און בײַסט אַרײַן אין דעם שטיקל ברויט מיט פּוטער, און זײַנע ליפּן הייבן אָן צו גלאַנצן מיטן גאָלדענעם פּעטס פֿון דעם פֿרישן פּוטער. ווען ער עסט זעט ער ניט אויס ווי אַ מאַן אַריבער 50, ווי דער וווּנדער־לעכער אינטעלעקטואַל, שריפֿטשטעלער, דער באַקאַנטער מחבר פֿון וויכטיקע, גרויסע ביכער — ער זעט אויס ווי אַ יינגל. איך האָב שטענדיק ליב זיך צוצוקוקן צו זײַן געשמאַקן עסן.

„איך וויל דיר דאָך ניט שטערן בײַ דער אַרבעט... וואַרט, וואַרט, איך דערמאָן זיך שוין: כ'האָב געוואָלט דיר עפּעס זאָגן וועגן טאַניען (אונדזער טאָכטער, דו ווייסט דאָך, אַז מיר פֿלעגן זי רופֿן ,טאַניאַ' און ניט טײַבעלע. אָבער עס, עס במנוחה, דער גאַנצער ענין, דאַכט מיר, איז ניט אַזאַ מין וויכטיקער..."

„וואָס דאַרף איך איצט טאָן?" קלער איך זיצנדיק בײַם טיש. ס'איז דאָך ערשט אָנהייב טאָג. 10 ערשטמאָרגיקע שעהען פֿון אַ לאַנגן, לאַנגן, ליידיקן טאָג, וואָס האָט פֿאַר זיך קיין ציל ניט, קיין סוף, קיין זין...

„וואָס האָב איך געטאָן בשעת ער האָט נאָך געלעבט?"

זייער אָפֿט אין די לעצטע חדשים האָב איך זיך דאָס געפֿרעגט. איך האָב מיר אויסגעקלערט אַזאַ מין מאַקאַבריש שפּיל: איך פּרוּוו געבנוי צו דערמאָנען זיך, וואָס איך האָב געטאָן אַ יאָר צוריק אין דער זעלביקער צײַט... אַ מאָל געלינגט עס מיר צו רעקאָנסט־רויִרן מײַן טעטיקייט פֿון דעמאָלט און אָפֿט מאָל זיץ איך אין גאַנצן פֿאַרלאָרן אין מײַנע דערמאָנונגען, אָבער אַ קלאָר בילד פֿון דעם, וואָס איז געווען, קומט ניט צו שטאַנד.

„וואָס האָב איך געטאָן, בעת ער האָט נאָך געלעבט, אין אַזאַ ווינטערדיקן, זוניקן פרימאָרגן, לאָמיר זאָגן — עטלעכע מינוט נאָך דעם ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן פרישטיק?"

אויסגעוואַשן די פּאָר טעלער. אַנידערגעשטעלט דאָס פּאַר־פרוירענע פליייש אויפן פענצטערברעטל ס׳זאָל אָפּגיין דאָס אײַז. צוגעגרייט מיר דאָס גרינוואַרג. די טעפּלעך. אָפּגעווישט די לעצטע שפּורן פון עסן און אַפילו, איך דערמאָן זיך אין דעם, אַ מאָל שוין געדעקט פאַר דעם אָנבײַסן.

נו, און דערנאָך? איך ווייס ניט מער. עס האָט זיך מיר אויס־געוויזן דעמאָלט און איצט, אין מײַן זיכּרון, נאָך מער, אַז די טעג זענען געווען אָנגעפּילט ביז צום ברעג מיט אַקטיוויטעט, מיט אַרבעט, הויזלעכע און אַנדערע, מיט לייענען, געשפּרעכן, אַז יעדע מינוט פונעם טאָג איז געווען אַזוי וויכטיק און געלעבט און געאָ־טעמט איר אייגענעם, קורצן — אָבער פולן לעבן. אַז איך דערמאָן זיך אין „יענע טעג און נעכט" — שטייט אויף פאַר מיר אַ ריי פון אָנגעפּילטע, אינטערעסאַנטע, באַוועגלעכע צײַטן... דאָס איז מײַן אַלגעמיין געפיל. אָבער אַז עס קומט מיר אויס זיך וועלן דער־מאָנען אין דעטאַלן — בלײַבט אָפט מאָל בײַ מיר אַ לאָך אין מײַנע דערמאָנונגען, אָדער איך זיץ און קלער און קאָן בשום־אופן ניט דערגיין צו דעם, וואָס איך האָב טאַקע געטאָן מיט מײַנע טעג און נעכט און יאָרן... ווּהין זײַנען זיי אַלע אַנטרונען געוואָרן? מיט וואָס האָב איך זיי אָנגעפּילט? ווי אַזוי איז אַ שעה אין מײַן טאָג דעמאָלט פאַרגאַנגען? פאַר וואָס קאָן איך זיך קוים־קוים דערמאָנען? פאַר וואָס בלײַבט בײַ מיר אין קאָפּ נאָר אַ טומאַן, אַז איך וויל אומבאַדינגט צוריקברענגען שעהען פון מײַן פריערדיקן לעבן? נאָך וואָס טרויער איך? וואָס האָט זיך פאַרענדערט אין מײַן טאָג־טעגלעכן אָפּלויף פון שעהען? איז ער און טאַקע נאָר ער געווען מײַן טאָג, מײַן נאַכט, מײַן לעבן און דער זין פון מײַן גאַנצער וועלט? האָב איך ניט, אין טויזנט געשפּרעכן מיט פרײַנד און טאַקע מיט אים אַליין אויך, באַטאָנט און דערציילט, אַז איך,

ווי אַן „אינטעלעקטועלע פּרוי״, ניט סתּם אַ הויזפרוי מיט טעפּלער און קוכן־רעצעפּטן, אַז איך האָב אַ לעבן פאַר זיך אַליין אויך, אומאָפּהענגיק פון אים און פון זײַן לעבן. איך פלעג דערציילן מיט שטאָלץ (ווייַן) גאָר־גאָר גדלותדיק, זיך באַרימען מיט מײַן „פּערזענלעכער פרײַקייט״. מיט דעם וואָס איך האָב, אינטעלעק־טועל־קאָקעטיש, אָנגערופן מײַן אייגענעם „עגאָ״, האָב דיסקוטירט אויף דער טעמע מיט אַנדערע פרויען פון אונדזער אינטימען קרײַז און האָב זיי אַלע געוואָלט באַווײַזן, אַז איך האָב מײַנע אייגענע אינטערעסן, וועלכע איך באַשיץ מיט מײַן אייגענעם כּוח און איך האָב זיך זייער באַמיט צו ווײַזן „זיי אַלע״, אַז די דאָזיקע אינטערעסן מײַנע זײַנען ניט אומבאַדינגט אַזעלכע, וואָס ער האָט אָנטפּלעקט פאַר מיר.

אים אַליין האָב איך דאָס אַלץ אויך געוואָלט אָפּט מאָל באַווײַזן: איך לייען ביכער, וואָס ער ווייסט אַפילו ניט פון זיי און צו וועלכע ער האָט ניט קיין באַציונג. איך שטודיר ענינים, וואָס זײַנען ניט פון זײַן געביט. איך לערן זיך, איך קלער, איך פאָרש, איך זון, איך לייען, איך רייד מײַן אייגן לשון, איך האָב דאָ מײַנע אייגענע ענינים.

איך האָב זיך מסתּמא אויך אײַנגערעדט, מיט דערפאָלג, אַז מײַן אינערלעך לעבן איז מײַנס אַליין; אַז איך בין ניט איינע פון יענע „שקלאַפן־נאַטורן״, וואָס לעבן נאָר אין דעם שאָטן פון זייערע באַרימטע מענער, אַז איך בין אַ מענטש, אַ „האָמאָ סאַ־פּיענס״ מיט מײַן אייגענעם רעכט צום לעבן און אַז מײַן גערדאַנק־לעכע וועלט איז טאַקע מײַנע. אָריגינעל מײַנע און ניט אומבאַ־דינגט זײַנע אויך. אָפּט מאָל, מערסטן טייל אַז מיר ביידע האָבן זיך געפונען אין אַ קרײַז פון מענטשן, ווו אַלע האָבן געוואָרט אויף אַ וואָרט פון אים, דעם באַרימטן שריפטשטעלער, וועמענס ביכער די נאָענטע אונדזערע האָבן געדרעכנט ווי זייער אייגענעם פאַרמעגן, ווײַל זיי האָבן אים געקענט און זיך מיט אים געטראָפן אין אינטימע שעהען — אָפּט מאָל, ווען זיי האָבן אונדז אַרומגע־

רינגלט און זשעדנע געכאַפּט יעדער וואָרט, וואָס ער האָט אַרויס־געריידט (אָבער מײַן מאַן איז ניט געווען קיין רעדעוודיקער), האָב איך פּלוצעם, מיט עפּעס אַן אינעווייניקסטן ווייטאָג, פֿאַר וועלכן איך האָב ביז הײַנט ניט געפֿונען אַ דערקלערונג, אָנגעהויבן צו דיסקוטירן און זיי און מיר אַליין באַווײַזן, אַז איך קלער מיר סעפּאַראַט, אַז איך בין ניט מסכּים, אַז ער זאָל פֿאַר זיך טאָן וואָס ער קלערט, אָבער איך רייד פֿאַר מיר, וואָס איך קלער און איר, אונדזערע ליבע, איר זאָלט אויסקלײַבן — וועלכע פֿון די צוויי טעאָריעס איז גערעכט אין אײַערע אויגן... אָבער, איך בעט אײַך, קלײַבט לאַנגזאַם, אָביעקטיוו, זײַט ניט פֿאַרפֿירט פֿון זײַן נאָמען, פֿון דעם פֿאַקט, אַז ער דרוקט ביכער און אַז אַ וועלט פֿון קריטיקערס זאָגן וועגן אים, אַז ער איז געניאַל... אאַז״וו.

איך דערמאָן זיך איצט, אַז אין אַזאַ מין אָוונט, ווען איך בין געווען גאָר־גאָר עקשנותדיק פֿאַרחלשט צו „באַווײַזן״, צו דערקלערן, צו מאָטיווירן אַ נײַעם געדאַנק מײַנעם, האָט מען אויף איין מאָל אויפֿגעהערט צו רעדן: מען האָט מיך אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן און זיך טאַקע צוגעהערט צו מײַן אויפֿגערעגטער שטים. מײַן מאַן, געדענק איך, איז שטיל, מיט אַ פּנים, שטילן שמייכל, וועלכן איך האָב געוויינטלעך אַזוי ליב געהאַט, אַוועק אין אַ זײַט, זיך צוגעקוקט און איך געדענק, אַז פּלוצעם האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער שמייכל זײַנער איז אַן איראָנישער, אַ סאַרקאַסטישער, אַן איבער קלוגער, אַן אַראָגאַנטער, אַ פּראָטעקטיווער, אַז ער הערט זיך אײַן אין מײַנע רייד, ווי אַ פֿאָטער הערט זיך אײַן אין דעם פּלאַפּלען פֿון זײַן קינד... ניט אַנדערש. איך דערמאָן זיך איצט, אַז אין מיר איז ממש אויפֿגעקומען אַ שׂינאה צו אים; איך האָב אויפֿן אָרט פֿײַנט געקראָגן דעם שטילן, סובטילן שמייכל זײַנעם און מײַן שטים איז אויף איין מאָל געוואָרן אַגרעסיוו און מײַן גאַנצע האַלטונג איז געוואָרן מיליטאַנטיש.

דער מאָרגן קריכט ווײַטער. אַט, דאַכט זיך, האָב איך דורכגעטראַכט גאַנצע יאָרן, אָבער ס׳איז אַלץ נאָך פֿרי און דער טאָג

האָט זיך ערשט קוים-קוים אָוועקגערוקט פון זײַן אָנהייב. עס ליגן נאָך פֿאַר מיר שעהען פון עקזיסטענץ... ווי אַזוי זיי דורכלעבן.

דו וועסט געוויס וועלן פרעגן, טײַערער פרײַנד, פֿאַר וואָס איך רוף אָן אָט דעם טייל פון מײַן מגילה (וואָס, זעט אויס, וועט אויסוואַקסן אונטער מײַנע הענט צו אַן עפּאָס) „נאָכמיטאָג פון אַן אַלמנה", ווען איך שרײַב נאָר וועגן דעם מאָרגן און קום אַלץ נאָך ניט צו דעם נאָכמיטאָג? און וואָס איז טאָקע אַזוי ספּעציעל אינטערעסאַנט און אַנדערש מיט דעם נאָכמיטאָג, ווי מיט דעם מאָרגן?

נו, לאָמיך דיר זאָגן: דער מאָרגן, ווי אַזוי פּאַוואָליע ער וואָלט ניט געשלעפּט זיך, גייט ער דאָך אַוועק, ער שטרעבט כּלומרשט אַוועקצוגיין, כּדי דער נאָכמיטאָג זאָל קאָנען אָנהייבן. אין דעם נאָרמאַלן טאָג פון אַ פרוי, וואָס פאַרברענגט איר טאָג-טעגלעכן לעבן אין דער היים — איז דער מאָרגן געווידמעט דער קורצערער טייל פונעם טאָג און אָנגעפּילט מיט הויזלעכער אַרבעט: וויל יאָ, וויל ניט — ס'איז פאַראַן וואָס צו טאָן.

אויך אין דעם ליידיקן לעבן פון אַן אַלמנה גייט דער מאָרגן פאַרבײַ מיט עפּעס אַזוינס, וואָס מען וואָלט געקאָנט אָנרופן — פליכטן, אַרבעט, רעגלמעסיקייט.

אָבער, אָט זײַנען אַלע שטיבער שוין ריין, די קיך אויפגעראַמט, דאָס עסן צוגעגרייט... עס הייבט זיך אָן דער צווייטער, דער וויכטי-קער טייל פונעם טאָג. אין די פרײַע שעהען פונעם נאָכמיטאָג (און איך רייד איצט וועגן מײַן לעבן ווי אַלמנה, פאַרשטייט זיך) גיי איך אַרײַן אין דעם וווינצימער. דאָרטן, אויף די פּאָלקעס אַרום אַלע פיר ווענט שטייען אונדזערע ביכער. אין די יאָרן פון אונדזער געמיינזאַמען לעבן האָט זיך בײַ אונדז אָנגעזאַמלט אַ היפּשע צאָל פון וווּנדערלעכע, גוטע, טײַערע ביכער. אַ ביבליאָטעק פון גרויסן ווערט. ביכער אין 5 שפּראַכן. אונדזער שטאָלץ. אונדזער גאַנצער פאַרמעג.

איך פלעג זיך אַוועקזעצן מיט אַ בוך און שעהען, גאַנצע

וווּנדערלעך רויִקע, מעדיטאַטיוו לאַנגזאַמע שעהען פון לייענען זע־נען געווען מײַן חיות... פון זײַן קאַבינעט האָב איך שוואַך געהערט דאָס קלאַפּן פון דער מאַשינקע. איך האָב געוווּסט, אַז אין צווייי־דרײַ שעה, פון איצט, וועט ער אַרויסקומען פון זײַן „בערלאָגע״, ווי ער האָט עס אָנגערופן, מיט אַ סך בלעטער אין זײַן האַנט און מיט אַ מידן, עקסטאַטיש־פאַרשעמטן שמייכל אויף זײַנע בלייכע, מידע ליפּן און אַזוי זאָגן:

„אַ חיות, אַ גלעזעלע טיי פאַר דעם שווערן אַרבעטער, אַ? מיט לימענע. און דאָס, ליבע, דאַרפסטו איבערדרוקן, יאָ? ביסט אפשר מיד אָדער האָסט אַליין עפּעס וויכטיקערעס צו טאָן, איז זאָג מיר ניין...״

שטענדיק אַזוי העפלעך, אַזאַ דזשענטלמאַן, זיך ניט געוואָלט אַרויפוואַרפן אויף מיר, ניט געוואָלט מיך „דערשטיקן״ מיט אַרבעט...

איך פלעג אַרײַנברענגען אונדזער טיי מיט ביסקוויטן און מיר פלעגן זיצן און טרינקען... ער איז געווען מיד און זײַן פּנים האָט געוויזן, אַז ער איז ערגעץ ווײַט. ער האָט אָפט מאָל געוואָלט, אַז איך זאָל אים איבערלייענען, הויכערהייט, וואָס ער האָט אָנ־געשריבן דעם פרימאָרגן. און איך האָב עס געטון, מיט אַ ווילן געפיל פון דער וויכטיקער ראָלע, וואָס איך שפּיל אין דער דראַמע פון זײַן שעפערישן לעבן.

אַ סך שעהען פון מײַן טאָג זענען געווען אָנגעפילט מיט איבערשרײַבן זײַן ווערק. מײַן לעבעדיקער גײַסט אָבער האָט ניט געקאָנט טון אַן אויטאָמאַטישע אַרבעט און עס האָט זיך שטענדיק אַזוי געמאַכט בײַ מיר, אַז פון צײַט צו צײַט בין איך ווי אַ געטראָ־פענע אויפגעשפּרונגען פון דער מאַשינקע, וואָס איז געשטאַנען אין אונדזער שלאָפצימער און בין אַרײַן צו אים אין זײַן טונקע־לער, פאַרהאַנגענער שטוב, ווו ער האָט געאַרבעט, און פלעג אַרויסשרײַען: „אָבער דאָס איז וווּנדערלעך... דאָס איז דער שענס־טער טייל פון דעם גאַנצן, דאָס איז פּשוט הערלעך״...

אָדער:

„חיים, חיים לעבן, ניין סערדצע. איך בין זיכער, אַז דאָ איז אַ פעלער. אַז ניט דאָס ביסטו אויסן געווען אַרויסצוזאָגן; הער זיך איין, מיין פריינד, דאָס קאָן דאָך ניט אַזוי זיין, האַ?"

און דאָס האָב איך אָנגערופן פאַר אַלע אונדזערע פריינד און פאַר די קינדער „אונדזער צוזאַמענאַרבעט".

„איער פאָטער און איך האָבן היינט ,צוזאַמען' געאַרבעט איבער איינס פון זיינע קאַפּיטלען" און איך האָב דערוואַרט און אויך געפונען ביי זיי אַלע דעם נייטיקן דרך־ארץ פאַר אַט דער פּרוי, וואָס איז אַזאַ וויכטיקער פאַקטאָר אין זיין שעפערישן לעבן. עס האָט זיך מיר שטענדיק אַזוי שטאַרק געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן צווישן זיך זאָגן: „ווען ניט זי, וואָלט ער קיין מאָל ניט געוואָרן דאָס, וואָס ער איז. זי איז אַ וווּנדערלעכער שטיץ פאַר אים. אָן איר וואָלט ער ממש ניט געקאָנט לעבן"... אאַ"וו.

די קינדער... אוי, ווּהין זענען יענע יאָרן אַנטלאָפן, אַז מיר האָבן נאָך געהאַט קינדער? זיי זענען שוין ביידע ווייט, ווייט אַוועק פון דער היים. ביידע פאַרהייראַט און ביידע נאָר געסט אין דער שטוב. בייביידן האָבן מיר באַמערקט, אַז זיי האָבן אַ סך שוין ממש פאַרגעסן, וואָס בנוגע דער שטוב. טאַניע האָט אַנומלט, בעת ער האָט נאָך געלעבט, געזוכט אירע ביכער, וואָס זי האָט צוגע־זאָגט אַ פריינד, און זיי געזוכט אויף פאָלקעס, ווו זיי זענען קיין מאָל ניט געשטאַנען: יעדער פון אונדז האָט זיך געהאַט זיינע עקסטראַ פאָלקעס מיט זיינע אייגענע ביכער. אונדזער בן־יחיד האָט פאַרגעסן, ווו ער איז געשלאָפן און האָט איין מאָל, ניט לאַנג, געוויזן אַ חבר, וואָס ער האָט אים מיטגענומען צו אונדז — אַז אָט דאָ (און געוויזן אויף טאַניאַס צימער) האָט ער פאַרבראַכט זיינע „גאָלדענע קינדער־יאָרן"... ביידע קומען זיי זעלטן. צייט זיין טויט, קומען זיי נאָך זעלטענער. זיי רופן מיך צום טעלעפאָן און זייערע יונגע, זיסע שטימען קלינגען פונקט אַזוי שווער, אומנאַטירלעך און שולדיק, ווי די פרעמדע שטימען פון באַקענטע און פריינד.

זיי פילן זיך שולדיק: ווייל זיי לעבן ווייטער און ווייל זיי

געפינען זיך דערשטוינט פאַר דעם מאָדנעם פאַקט, אַז זיי זענען ווײַטער פריילעך, פאַרליבט אין זייערע פאַרטנערס, אינטערעסירט אין אַלץ, אין וואָס זיי זענען געווען אינטערעסירט פאַר דעם שוואַרצן טאָג פון זײַן טויט; זיי פילן זיך ווי פאַרברעכערס, וואָס זיי קאָנען ניט באַווײַזן צו קומען עפּטער און אָנצופילן די ליידיקע שעהען מיט זייער הערלעכן, טריומפאַלן לעבן... זיי פילן זיך שרעקלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מײַן אויסגעניצטער, ליידיקער, טרויעריקער עקזיסטענץ. און פון דער אַנדער זײַט: מײַן ליידיק געוואָרענע שטוב מאַכט זיי דעפּרימירט און פילט זיי אָן מיט אַ שווערן געפיל פון זייער עגאָיסטישקייט און זיי געפינען זיך פאַר דעם אייביקן סוד פון צוויי דורות: זיי פילן זיך פרעמד מיט מיר און באַשולדיקן זיך אַליין אין דעם און מיך אויך פאַר דעם, וואָס איך פאַרשאַף זיי דאָס געפיל פון שולד.

און צווישן מײַנע אייגענע קינדער און מיר אַנטשטייט פונקט אַזאַ פאַרשאָלטענער צירקל פון שולדגעפילן און שינאה, ווי צווישן מיר און די פרײַנד מײַנע.

זעט אויס, אַז איך פאַרשאַף יעדן צרות מיט מײַן טיפן טרויער און דאָס קאָן מען מיר ניט מוחל זײַן.

מײַנע טעלעפאָנישע געשפּרעכן מיט טאַניען (דער זון רופט זיך אָן גאָר זעלטן — ער לאָזט עס איבער זײַן ווײַב, און מיט איר האָב איך דאָך פון אָנהייב אָן ניט קיין סך געמיינזאַמעס) זענען אַן אָפּקומעניש פאַר איר און פאַר מיר. עס אַנטשטייען לאַנגע איבער־רײַסן און עס הענגט אין דער לופטן צווישן אונדז אַ שווער שווײַגן.

איך האָב זיך שטענדיק גערימט פאַר יעדן, אַז מײַנע קינדער זענען ניט „סתם קינדער" פאַר אונדז — ניין, דאָס וואָס איז בײַ אַנדערע, האָט ניט געטאָרט זײַן דאָס זעלביקע בײַ אונדז: מיר זענען גאָר־גאָר „אַנדערע מענטשן" און דערפאַר איז אונדזער באַציונג צו די קינדער אויך גאָר־גאָר „אַן אַנדערע" און מען קאָן דאָס חלילה מיט קיינעמס באַציונג ניט פאַרגלײַכן — מיר

זענען ממש חברים מיט אונדזערע קינדער, זיי באַדאַרפֿן ניט האָבן קיין אַנדערע פֿרײַנד, ווײַל זיי האָבן געפֿונען אין אונדז אַזעלכע „פֿאַרשטאַנדיקע עלטערן". מיר רעדן מיט זיי וועגן אַלץ וואָס באַוועגט זייערע יונגע נשמות. מיט אַלץ קומען זיי צו לויפֿן טאַקע נאָר צו אונדז. וואָס באַדאַרפֿן זיי האָבן אַנדערע פֿרײַנד, אַז דאָ, אין שטוב, לעבן אַזעלכע זעלטענע, אינטעליגענטע, ווונדערלעכע, יונגע עלטערן, וואָס פֿאַרשטייען אַזוי גוט אַלץ וואָס אינטערעסירט זיי ביידע? אָט מיט דער אילוזיע האָבן מיר געלעבט אַלע יאָרן. מײַן מאַן, כאָטש ער איז געווען באַרימט גראָד מיט זײַן טאַלאַנט פֿאַר טיפֿער מענטש־קענטעניש און פּסיכאָלאָגיע, האָט אויך טיף געגלייבט אין דעם, אַז מיר זענען די בעסטע און נאָענטסטע חברים מיט אונדזערע צוויי אוצרות.

איצט, אַז אַלץ זעט אויס ווי אין טיפֿסטער פֿאַרגאַנגענהייט, אַזוי ווי הונדערט יאָר וואָלט געווען שוין פֿאַרבײַ, זיץ איך דאָ און קלער וועגן אַלעמען און זע, דאַכט מיר, אַז מיר האָבן זיי ביידן קיין מאָל ניט געקענט, קיין מאָל גוט ניט פֿאַרשטאַנען.

עס דערמאָנט זיך מיר איצט... אין דער טיפֿעניש פֿון די איינזאַמע, ליידיקע, לאַנגע שעהען — אַז איין מאָל זענען מיר אַלע געזעסן אַרום דעם טיש און געגעסן. דער טאָג איז געווען פֿאַרענדיקט, יעדער פֿון אונדז האָט זײַן פֿאַרציע אַרבעט שוין געהאַט געטאָן און פֿאַר אונדז האָט זיך געשטרעקט אַ לאַנגער פֿײַער־אָוונט — אַ ווינטערדיקער, וואַרעמער, געמיטלעכער אָוונט... „געמיטלעך" — דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס קומט מיר איצט אין זינען, אַז איך דערמאָן זיך פֿון דעם טאָג־טעגלעכן, מיט גאָרניט באַזונדערן מאָמענט.

„וואָס וועלן מיר טאָן הײַנט אויף דער נאַכט?" האָב איך געטאָן אַ פֿרעג, קיינעם ניט ספּעציעל, נאָר סתּם אַזוי אַרויסגע־וואָרפֿן די פֿראַגע אויפֿן טיש. ס׳איז שטענדיק געווען מײַן גע־ווינקייט, האָט מײַן מאַן אַ סך מאָל באַמערקט, צו אַראַנזשירן, צו אָרגאַניזירן אַלצדינג און פֿאַר יעדן פֿון דער שטוב.

עס האָט זיך מיר מן־הסתם געדאַכט, אַז טאָמער איך וועל ניט נעמען די זאַך „אין מײַנע הענט״, וועט גאָרניט ניט ווערן דערליידיקט.

שווײַגן. ווי הײַנט פיל איך דאָס שווײַגן, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך מײַנע ווערטער. דערשטוינט קוק איך אויף זייערע פּנימער. טאַניאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איך קאָן ניט לייענען פון איר פּנים. מײַן זון קוקט גלײַך אויפן פּאָטאָלאָק. מײַן מאַן שפּילט מיט ברוינבערעקלעך אויפן טיש, קײַקלט זיי מיט זײַנע דינע, ווײַסע פינגער און אויף זײַן פּנים שטייט געשריבן אַ מאָדנער אויסדרוק פון פּראָטעסט און פון צאָרן אַפילו.

קיינער זאָגט גאָרניט.

„נו, וואָס זיצט איר אַלע אַזוי ווי קאָנספּיראַטאָרס? קאָנס־פּיראַטאָרס קעגן מיר, האַ?״ זאָג איך לאַכנדיק און איידער מײַן געלעכטער קײַקלט זיך אין גאַנצן אַרויס פון מײַן ברוסט, דערפיל איך שוין אַ מין פרעמדקייט, אַ קאַלטקייט אַרום מיר און עס ווערט מיר אויך קאַלט אויף דער נשמה.

טאַניאַ הייבט זיך אויף פונעם טיש, זאָגט גאָרניט, גייט אַרויס און איך הער זי אין דרויסן זינגען עפּעס אונטער דער נאָז און באַלד לויפט זי טאַקע אַרויס אין דרויסן — אָן אַ זײַ־געזונט. דער בחור גייט, קריכט לאַנגזאַם אַרויף צו זיך און ווערט אַנטשוווּנדן פאַר דעם גאַנצן אויפדערנאַכט, אָן אַ וואָרט, אָן אַ דערקלערונג. מײַן מאַן נעמט אַרויס אַ נאָטיצביכעלע און שרײַבט עפּעס אַרײַן... און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס אַלץ טוען זיי אַלע דרײַ אויף צו להכעיס מיר און טאַקע נאָר מיר און עס שטייט אויף אין מיר אַ צאָרן קעגן זיי אַלע, קעגן מײַנע אייגענע „שונאים״ און איך ברען, איך וויל אויסשרײַען מײַן צער, אָבער איך האַלט זיך אײַן: איך דערמונטער זיך אַליין און זאָג צו זיך אַליין, אַז איך בין אין דעם שולדיק, וואָס זיי באַנעמען זיך אַזוי פרײַ פון העמונגען און אַז איך האָב זיי אַלע אַזוי געבאַלעוועט און אַז איך האָב צו לאַנג געפּריידיקט „פּערזענלעכע פרײַהייט״... אאַ״וו.

די גאַנצקייט פון אונדזער קליינער משפּחה איז לאַנג שוין געוואָרן דעסינטעגרירט און מײַן איינזאַמקייט איצט איז נאָר אַ טייל פון אונדזער ביידנס איינזאַמקייט וואָס האָט זיך אָנגעהויבן — לאַנג, לאַנג איידער זיי האָבן פאַרלאָזן די שטוב און חתונה געהאַט.

אָבער אַזוי לאַנג ווי ער האָט נאָך געלעבט, האָבן זיי ניט פאַרלוירן קיין איין געדאַנק וועגן אונדזער לעבן: זיי האָבן זיך געלעבט זייערס און אונדז רויִק איבערגעלאָזט צו לעבן אונדזערס. און מיר זענען פאַר זיי קיין פּראָבלעם ניט געווען.

אָבער איצט: זיי ווייסן אַז איך בין אַליין אויף דער גאַנצער גרויסער וועלט. זיי ווייסן, אַז איך האָב נאָר זיי. און זיי ווייסן אין דער זעלבער צײַט, אַז זיי האָב איך אויך ניט. טיף אין האַרצן ווייסן זיי, אַז ס'איז אַ ליגן, דאָס וואָס זיי פריידיקן מיר דורכן טעלעפאָן כּמעט טעגלעך.

„מאַמאַ, וואָס זיצסטו דעם גאַנצן טאָג אַליין אין שטוב? פאַר וואָס קומסטו ניט צו אונדז? וויפל מאָל דאַרף איך דיר זאָגן, אַז דו קאָנסט קומען, ווען נאָר עס גלוסט זיך דיר... מיר ווילן זייער, זייער אַז דו זאָלסט קומען... פאַר וואָס ביסטו אַזוי אומוויליק צו קומען? דו שטערסט אונדז מיט גאָרנישט, ווי אַזוי קאָן אַ מאַמע שטערן?" „איך ווייס, קינד מײַנס, איך ווייס, אַז דו מיינסט דאָס ערלעך. איך ווייס, אַז דו ווילסט, אַז איך זאָל קומען עפּטער... אָבער מיר איז בעסער דאָ... דאָ זיץ איך מיט מײַנע מחשבות און פאַל קיינעם ניט צו לאַסט. לאָז מיך בלײַבן דאָ..."

„פאַלן צו לאַסט. זעסט, זעסטו, זאָג אַליין — פאַר וואָס קלערסטו, אַז דו פאַלסט מיר צו לאַסט? האָב איך דיר כאָטש איין מאָל געגעבן אַ גרונד אַזוי צו קלערן, אַ? פאַר וואָס ווילסטו נאָר, אַז איך זאָל זיך פילן ווי אַ פאַרברעכער אַקעגן מײַן אייגע-נער מאַמען. פאַר וואָס האָסטו פאַרגעניגן דערפון, אַז איך זאָל אַוועקגיין פונעם טעלעפאָן וויינענדיק, ווײַל מײַן מאַמע באַשול-דיקט מיך אין קאַלטקייט? וואָס מיינסטו, איז דער טאַטע ניט געווען אויך פאַר אונדז דער טײַערסטער מענטש אויף דער וועלט?

קלערסטו, אַז מיר בענקען ניט נאָך אים פּונקט אַזוי, ווי דו? אָבער דאָס לעבן גייט ווײַטער און איך מוז דאָך זײַן מיט מײַן מאַן, מיט מײַן אַרבעט״... אאַ״וו. און דאָס געשפּרעך ענדיקט זיך מיט דעם, אַז זי צעוויינט זיך און איך טרייסט זי און איך גיי אַוועק פונעם טעלעפאָן אַ שולדיקע, אַ בייזע, אַ צאַרנדיקע, אַ פרעמדע.

אַ נאָכמיטאָג פון אַן אַלמנה. אין דערמאָנען זיך ווערט אַלץ קלאָר און יעדער טאָג קלערער. מען האָט געלעבט אַן אַ סך גע־דאַנקען ווײַל לעבן הייסט — לעבן, ניט קלערן. פאַר וואָס דאַכט זיך מיר איצטער? פאַר וואָס קאָנען מיר, מענטשן, ניט לעבן דעם הײַנט אַזוי, ווי מיר דערמאָנען זיך וועגן אים דעמאָלט ווען ס׳איז שוין געוואָרן אַ נעכטן פון אים?

אָט זיץ איך דאָ אין מײַן אַלטער שטוב פון רויטן סאַמעט און איך דערמאָן זיך: סאַראַ וווּנדערלעכער נאָכמיטאָג איז דאָס געווען, עטלעכע יאָרן צוריק, אויך אין אַ קלאָרן, גאָלדענעם ווינטערדיקן טאָג, ווי הײַנט. ער האָט גראָד געהאַט פאַרענדיקט אַ גרויסע אַרבעט. צופרידן מיט זיך און דער גאַנצער וועלט, איז ער אַרײַנ־געקומען, ביז צום ברעג אָנגעפילט מיט אַ זיסער, אָנגענעמער מידקייט, זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דעם שבנותדיקן שטול לעבן מיר, אַרויפגעוואָרפן אויף מײַן שויס די לעצטע בלעטער פון זײַן אַרבעט, אַ טיפן, צופרידענעם זיפץ געטון, אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו מיר, אָנגענומען מיט קאַלטע, פאַרשטאַרטע פינגער מײַנע וואַרעמע, זיי אַ שוואַכן, מידן קוועטש געטאָן, אויסגעשטרעקט זײַנע לאַנגע, מאָגערע פיס פאַר זיך און געברומט עפּעס פריילעכס, ייִנגלש אונטער דער נאָז...

הײַנט, זיצנדיק אַליין דערפיל איך נאָך אַ מאָל דאָס וואַרעמע גליק פון יענע נאָכמיטאָגלעכע שעהען... אָבער דעמאָלט... וואָס האָב איך דעמאָלט געפילט? גאָרניט... גאָרניט. דער זייגער האָט פאַמעלעך טיק־טאַקעט אויף דער וואַנט: פון ערגעץ ווו האָט זיך געהערט שפּילן פּיאַנע, עמעצער פון אונדזערע שכנים האָט אַ פּנים געעפנט זײַן ראַדיאָ אויף אַ קול... דורך די זילבערדיקע

פּאַרטיערן איז אַריַין צו אונדז אַ שמאָלער שטראַל פון זון... איך האָב פויל און שלעפעריק געקוקט אויף די וויַיסע בלעטער, וואָס זענען געלעגן אויף מיַין שויס און געטראַכט:

„דיר איז גוט... דו ביסט פּאַרטיק, איך אָבער בין פויל און שלעפעריק און אַנדערע פרויען באַוויַיזן צו שלאָפן אַ מאָל נאָך מיטאָג, אָבער איך מוז איצט זיך אָוועקזעצן און איבערשריַיבן דיַינע לעצטע בלעטער... דו זיצסט און וואַרטסט אַז איך זאָל זאָגן, אַז איך וויל הערן דעם סוף... בעטן דיך, אַז דו זאָלסט מיר פּאָר־לייענען. אָבער עס גלוסט זיך מיר ניט... סאַראַ שקלאַפעריַי איז דאָס, אַז איך טאָר ניט האָבן מיַינע אייגענע שטימונגען, אַז מיַין גאַנץ לעבן דאַרף איך שטיין אין דינסט ביַי דעם געניוס". איך געדענק אַז אין מיר איז דעמאָלט אַנטשטאַנען אַ מין געשפּאַנט־קייט. איך האָב דערוואַרט, אַז אָט־אָ־אָט וועט ער זאָגן מיט אַ צערטלעכן, העפלעכן און אַ ביסעלע פאַלשן שמייכעלע אויף זיַינע בלאַסע, דינע ליפּן:

„חיות, טאָמער דו ביסט צו מיד..."

נו פונקט אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב דאָס געקלערט, האָט זיך דערהערט זיַין העפלעכע, צערטלעכע, אַ ביסעלע פאַלשע שטים:

„חיות, טאָמער ביסטו צו מיד... אָבער עס וואָלט געווען כּדאי איצט איבערצוקאָפּירן די בלעטער, איידער איך וועל זיך ווידער צוכאַפּן צו זיי... פּאַרטיק איז פּאַרטיק און אַז דו וועסט זיי האָבן איבערגעשריבן, וועל איך זיי שוין מער ניט מוטשען מיט מיַינע אייביקע פּאַפּראַווקעס; אַ, וואָס זאָגסטו?" וואָס האָב איך געקאָנט זאָגן קעגן דעם? אין זיַינע ליבלעכע ווערטער איז געלעגן אַ באַפעל.

איצט הערט זיך אויך, ווי פון וויַיטן, דאָס ראַדיאָ וואָס שפּילט ביַי די שכנים.

דער טעלעפאָן קלינגט:

„מיר וואַרטן, זאָגט מיר אונדזער געטריַיער חבר, וואָס אַרבעט

אין דער רעדאַקציע, מיר וואַרטן, טײַערע. ווען וועט איר אונדז שוין צושיקן דעם מאַנוסקריפּט, דעם לעצטן טייל מיין איך? איר זענט דאָך פאַראינטערעסירט, אַז דאָס זאָל ווערן געדרוקט וואָס גיכער, איר ווייסט דאָך, דער לייענער פאַרגעסט, פאַרגעסט אַזוי גרויזאַם שנעל"... אָט אַזוי רעדן זיי אַלע צו מיר און אַלע דער־וואַרטן זיי פון מיר, אַז איך זאָל האָבן פאַר אַ ציל אין מײַן ווײַטערדיקן לעבן — די אויפגאַבע פון רעדאַגירן, אַרויסגעבן, עדיטירן זײַנע פאַרבליבענע ווערק... אַלגאַ, זײַן גרעסטע חסי־דעסטע, וואָס ווייסט בעסער פון מיר אַלע זײַנע ביכער אויסנווייניק און וואָס לאָזט ניט פאַרגיין איין אויפדערנאַכט, ווען מען קומט זיך צוזאַמען מיט פרײַנד, אַז זי זאָל ניט ציטירן גאַנצע זײַטלעך אויסנווייניק, איז אָט די אַלגאַ, וואָס איז אַלע יאָרן מיר געווען ניט ליב, זי האָלט עס פאַר איר פליכט מיך אַלע מאָל צו דער־מינטערן און מיך צו דערמאָנען אויפן טעלעפאָן, אַז איך לעב אויף דער וועלט נאָר פאַר איין צוועק: צו פאַרענדיקן דאָס, וואָס ער האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן.

„מײַן טײַערע, זאָגט זי מיר מיט דער זיסינקער, שוואַכינקער, קרענקלעכער שטים, מײַן טייערע, ווען איך וואָלט געווען אויף דײַן אָרט, וואָלט איך..."

„אָבער דו ביסט, גאָט צו דאַנקען, ניט אויף מײַן אָרט, אַלגאַ, זאָג איך מיט אַ קורצן לאַך, וואָס וואָלט באַדאַרפט צו קלינגען פרײַנדלעך, אָבער עס קלינגט אַזוי, ווי עס וואָלט אַרויס פון מיר פינצטער און אומפרײַנדלעך — ביסט חלילה ניט איך: דו האָסט דײַן מאַן, אַז לעבן זאָל ער הונדערט יאָר, און דערפאַר קאָנסטו זיך מיט מיר ניט גלײַכן"... איך שנײַד איר אָפּ אירע רייד, אָבער זי לאָזט זיך ניט.

„יאָ, יאָ, יאָ. אָבער... דאָ איז דאָך פאַראַן דער אַלטער אַרטיקל, געדענקסט, איבער קאַפקאַס השפּעה אין זײַן שאַפן; ער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז מיר זענען געווען בײַ די וואַנסקיס, אַז ער וואָלט זייער געוואָלט זיך נעמען צו די קאַרעקטורן פון דעם

דאָזיקן עסיי, אָבער... נו, דו האָסט עס דאָך דאָרטן בײַ דער האַנט, מען בעט בײַ דיר מאַטעריאַל פון אים... וואָס זשע שווײַגסטו? דער גאַנצער אינהאַלט פון דײַן איצטיקן לעבן דאַרף דאָך זײַן נאָר זײַנע ווערק, ניט אַזוי?"

„ניין, ניין, מײַן לעבן האָט ניט קיין אינהאַלט און אַפילו אַרבעטן איבער זײַן ליטעראַרישער ירושה וועט אויך ניט אָנפילן מײַן ליידיק געוואָרענעם טאָג. לעבן איז לעבן און דאָס זענען בלעטער... ווײַסע, טויטע, קאַלטע בלעטער".

אַזוי ווילט זיך מיר אויסשרײַען אויף אַ קול און עס ווילט זיך מיר אָוועקלייגן דעם טעלעפאָן מיט אַ שטאַרקן קנאַק... אָבער איך טו דאָס ניט און אַנשטאָט דעם, רייד איך לאַנג, לאַנג מיט דער אינטעלעקטועלער נודניצע, און עס ווערט מיר אין האַרצן נאָך פוסטער, נאָך ווייטיקלעכער ווי פריִער.

עס זעט אויס, אַז אַלץ וואָס קומט מיר הײַנט אין קאָפּ זענען נאָר טונקעלע, נעגאַטיווע זײַטן פון מײַן צוזאַמענלעבן מיט אים. דערמאָן איך זיך טאַקע נאָר אין דעם, וואָס האָט מיר וויי געטאָן? פאַר וואָס זשע בענק איך עס אַזוי? פאַר וואָס זשע פלעג איך דעמאָלט אויפשטיין אין דער פרי אַזאַ לוסטיקע, אַ פריילעכע, גרייט אָנצוהייבן אַ פרישן טאָג מיט אַלע זײַנע קליינע און גרויסע השגות, אָנעמען אַלץ — דאָס גוטע און שלעכטע, אַזוי ווי גאָט וועט צושיקן... איצט שטיי איך אויף פון מײַן פוסטן בעט און איך פיל אַ בלײַענע שווערקייט אין מײַנע פיס און די זעלבע בלײַענע שווערקייט אין מײַן האַרץ?

„אוי וויי, אַ נײַער, לאַנגער, פוסטער, סקוטשנער טאָג הייבט זיך אָן פאַר מיר — מיט וואָס וועל איך אָנפילן די אומענדלעכע ריי פון שעהען, מיט וואָס, רבונו־של־עולם, מיט וואָס, מיט וועמען?"

געוועזן גוטע צײַטן און שלעכטע. געוועזן זיסע, צערטלעכע מאָמענטן און מאָמענטן פון שווערקייט, פון שפּאַנונגען, פון צאָרן, בייז זײַן איינער אויפן אַנדערן...

אָבער דאָס גוטע און דאָס שלעכטע — אַלץ האָט געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון לעבן; אַלץ האָט געהאַט דעם וואַרע־מען ריח פון עקסיסטירן, אַלץ איז געווען אַזוי ווי עס דאַרף זײַן: אָטעמדיק, שטרײַטנדיק פּאָרויס, דינאַמיש, לעבעדיק... אָנגעפּילט מיט דעם דעק, וואָס מאַכט אויס דעם טאָג־טעגלעכן נאָרמאַלן שטייגער. יעדער קלייניקייט פלעגט פאָרקומען — פאַר אונדזביידן. אַפילו אַז ס'איז געווען עפּעס, וואָס האָט געהאַט אַ שײַכות נאָר מיט זײַן אייגענער, אינדיווידועלער וועלט, תּיכּף־ומיד איז דאָס געוואָרן אויך מײַן עסק און מען האָט זיך געטיילט מיט אַלעמען און מען האָט צוזאַמען געטראָגן די לאַסטן און די פריידן.

קומט אויס, אַז איינער אַליין, אַן אינדיווידוום עקסיסטירט בכלל ניט? הייסט עס, אַז „איך" איז ניט פאַראַן... נאָר אַן „איך" אין פאַרבינדונג מיט אַ „דו" — נאָר אין צווייען לעבן מיר, און ניט אַליין פאַר זיך? הייסט עס, אַז אַלע עמאָציעס, געדאַנקען, איבערלעבענישן, וואָס איך האָב מײַן גאַנצן לעבן באַטראַכט ווי מײַנע אייגענע, נאָר אַרויסקומענדיקע פון מיר, זײַענדיק נאָר אין מיר, געהערנדיקע נאָר מיר אַליין, זענען געווען אילוזיעס, ניט מער? מיר, מענטשן, קאָנען, זעט אויס, נאָר קאָמוניקירן אין דיאַלאָגן. מיר דאַרפן האָבן דעם צווייטן צו זיך, צו זײַן אַ ייחוס, דעם כּלל — צו זײַן אַ פּרט.

אין די לאַנגע יאָרן פון זײַן מיט אים צוזאַמען האָב איך אויפגעהערט צו קענען איבערלעבן עפּעס אין גאַנצן אין מיר אַליין. אַלץ איז געוואָרן אַ געמיינזאַמער פאַרמעגן אונדזערער. און איצט פיל איך, ניין, איך ווייס, אַז קיין מאָל מער וועל איך ניט האָבן אַ געפיל פון לעבן — ווײַל ער איז ניט מער דאָ און איך וועל ניט מער האָבן מיט וועמען צו פירן יענעם דיאַלאָג, וועלכן מען פירט — אין לעבן.

איך לייען אַ בוך און אַנטפּלעק אין אים אַזוינס, וואָס איך האָב ביז הײַנט נאָר אין קיין שום בוך ניט געפונען. אַ טיפע, וואַרעמע באַגײַסטערונג נעמט מיך אַרום און באַלד לויף איך שוין

צו אים אין זײַן שטוב אַרײַן און דערציילט אים, מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם, פֿון דעם וואָס האָט מיך אַזוי באַגײַסטערט. און נאָר דעמאָלט, אַז אויך ער האָט שוין געזאָגט וועגן דער טיפֿקייט און שיינקייט אין מײַן בוך, נאָר דעמאָלט ווער איך אין גאַנצן באַפֿרידיקט פֿון דעם וואָס איך האָב אַנטפּלעקט. וואָס פֿאַר אַ קאָמפּלעקטער אָרגאַניזם זענען מיר ביידע געווען. איך פֿרעג זיך, צי דאָס איז אַזוי מיט אַלע מענטשן, וואָס לעבן אָפּ איינער מיטן אַנדערן אַ לאַנגע צײַט? אָדער איז אונדזער באַציונג געווען אַן אַנדערע, שענער פֿון אַלע וועלכע איך זע אַרום מיר? בשעת מיר האָבן געלעבט — האָב איך וויניק געקלערט וועגן אונדזערע באַציונגען — איך האָב זיי געלעבט. אָבער איצט — אַז די שעהען קריכן אַן אַ סוף, אַז די צײַט הענגט שווערער און אומבאַגרענעצט אַרום מיר און איך זיץ אָפּ לאַנגע שעהען, כּמעט אָן אַ באַוועגונג... אין דער פּוסטקייט פֿון מײַן נײַער עקזיסטענץ, דאַכט זיך מיר אויס, אַז דאָס וואָס מיר ביידע האָבן געהאַט צווישן זיך — איז געווען אַ פֿענאָמען פֿון אַן איינציקאַרטיקער, ווונדערלעכער, פֿולקומער ליבשאַפֿט און אַז קיינער פֿון מײַנע באַקאַנטע פֿאַרמאָגט דאָס ניט.

עטלעכע וואָכן צוריק האָט מיר פּלוצעם אָנגעהויבן וויי טאָן די ברוסט. גאָר פּלוצעם אַ שטאַרקן, איבעררעשנדיקן צי געטאָן און זיך דאָן אַזוי צוזאַמענגעצויגן, אַז ס'איז מיר געוואָרן שווער צו אָטעמען. איך וועל קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן דאָס שרעקלעכע געפֿיל פֿון אַ שווערער, מורה־שחורהדיקער פּאַניק, וואָס האָט מיך אַרומגענומען... מאָמענטנווײַז האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז מײַן וועלט, אָט די פֿאַריתומטע וועלט, פּוסטע וועלט מײַנע גייט צו אַ שרעקלעכן סוף... אַז אָט־אָט־אָט שטאַרב איך און אַרום מיר האָט זיך באַוואָלקנט די שטוב מיט שוואַרצע, שווערע כּמאַרעס און איך האָב געגוסטט און געוואַרט אויף אַ העלישן, טראַגישן, אומ־באַקאַנטן טויט... עס האָט מיך געשראָקן דאָס וואָס איך וועל שטאַרבן אַליין, וואָס ער איז ניטאָ בײַ מײַן זײַט און עס האָט זיך מיר דעמאָלט געדאַכט, אַז ווען ער וואָלט נאָר דאָ געזעסן לעבן

מיר, וואָלט אַפילו דער טויט ניט געווען אַזוי שרעקלעך... דער ווייטאָג אין דער ברוסט איז דאָן פּלוצעם פאַרגאַנגען, ווי געקו־מען — אָן אַ פּאַרוואָס. אָבער דאָס פּאַנישע געפיל פון אַ טאָטאַלער איינזאַמקייט, פון זײַן אַליין, אַליין אויף דער גאַנצער וועלט, האָט מיך שוין לאַנג ניט מער פאַרלאָזט און מיטן בײַנאַכט האָב איך אַלע מאָל דערפילט דאָס בײַזײַן פון טויט, פון שמערץ, פון פאַר־גיין, און די דאָזיקע אַליינקייט איז געוואָרן פון דעמאָלט אָן די גרעסטע פּלאָג אין מײַן ווײַטערדיקן לעבן. באַזונדערס די נעכט... אָט ליג איך זיך אין בעט, פאַרמאַך דאָס ליכט, דעק זיך איבער מיט דער ווייכער קאָלדרע און... און אין דער טונקל דערפיל איך דעם פּחד, יענע מרה־שחורהדיקע פּאַניק, וואָס טרײַבט מיך פון זינען אַראָפּ. באַלד, באַלד, אַזוי פיל איך ליגנדיק אײַנגעקנײַקלט, מיט אײַנגעצויגענע, קאַלטע פיס אין מײַן גרויסן בעט, באַלד וועט דאָס ווידער קומען און איך וועל אַוועקשטאַרבן, דאָ, אַליין, אין טונקעלן...

טעג און נעכט... טעג און נעכט... וואָכן און חדשים... און גאַרניט ווערט אַנדערש, גאָרניט פאַרבעסערט זיך פאַר מיר — מײַן ליידיקע עקסיסטענץ גייט ווײַטער איר זינלאָזן, לאַנגזאַמען, שווערן גאַנג.

אָט בין איך דעם גאַנצן נאָכמיטאָג אָפּגעזעסן אין מײַן וווינ־צימער און איבערגעקליבן מײַן גאַנץ לעבן, און דאַך זענען פאַרגאַנגען נאָר דרײַ שעה און אפשר נאָך ווייניקער. פּלוצעם קען איך דאָס ניט מער אויסהאַלטן און עס קומט מיר פאָר, אַז טאָמער וועל איך תּיכּף ניט אויפשפּרינגען און אַרויסלויפן אין גאַס — וועל איך ממש דערשטיקט ווערן אין מײַנע אייגענע פיר ווענט. איך דערפריי זיך מיט דער אידייע. איך לויף זיך אָנטאָן, קוק אַרויס פונעם פענצטער — סאַראַ וועטער עס איז, און זע אַז ס'איז זוניק און פראָסטיק און שיין אין דרויסן. איך טו זיך אָן מײַן פעלץ און לויף אַרויס. מײַנע שריט ווערן אויף איין מאָל אַזוי לײַכט, איך פיל זיך אַזוי ווי ס'וואָלטן בײַ מיר פּלוצעם אויסגע־

וואַקסן פליגל — איך דערפיל אַ האָפענונג, אַז אין דרויסן וועט אַלץ ווערן אַנדערש: ס'וועט מיר ווערן אויף איין מאָל גאָר־גאָר לײַכט אויפן האַרצן, מענטשן וואָלטן פאַרבײַגעגאַנגען פאַרבײַ מיר, אַ פרײַנדלעכן קוק געוואָרפן אויף מיר, אפשר אַפילו זאָגן אַ „גוטן־טאָג" צו מיר, ווײַטער לויפן, און איך וועל „אָנטאָן" מײַן באַשעפטיקט פּנים, אַז מען זאָל מיינען, אַז איך האָב עפּעס וויכטיקס צו טון, אַז איך לויף אַרבעטן אָדער זיך זען מיט פרײַנד און ווען מען וועט דאָס זען, וועט מען נאָך פרײַנדלעכער אַ קוק טאָן אויף מיר און מיר צושאָקלען מיטן קאָפּ, ווי מען זאָגט: „דו לויפסט? נו, לויף, לויף, ליבינקע; מיר דאַרפן אויך דערלייזיקן אַ פּאָר וויכטיקע זאַכן... ביסט איינע פון אונדז..." איך ווער ממש פאַר־שיכּורט פון מײַנע אייגענע פאַנטאַזיעס און לויף אין איין אָטעם אַרויס אויף דער גאַס.

דער פראָסט נעמט מיך פריילעך אַרום און קנײַפּט מיר מײַנע באַקן. איך פיל זיך גוט, געזונט, מונטער און לויף, לויף... אַט בין איך שוין אויפן בראָדוויי... קענסטו בראָדוויי אין אַ ווינטערדיקן, פּראָסטיקן שפּעטן נאָכמיטאָג? דער טראָטואַר איז האַרט ווי מאַר־מאָר און ווערט וואָס אַ מאָל גליטשיקער... מען מוז גוט, גוט אויפּפּאַסן, זיך ניט אויסצוגליטשן, און דאָס אַליין מאַכט מיר אויך אַ גוטע, מונטערע, קינדעריש־שפּילערישע שטימונג. די וויטרינעס הייבן שוין אָן צו ביסלעך אָנצוצינדן זייער ליכט. פון די באַלויכ־טענע שויבן פאַלן געלע פלעקן אויף דעם האַרטן, שנייִיקן גאַנג. מענטשן, מענטשן, פאַרוויקלטע אין פעלצן, אין שווערע מאַנטלען לויפן מיט באַשעפטיקטע, ערנסטע, פאַרנומענע פּנימער פאַרבײַ מיר... נאָך אַ פּאָר מינוט ווערט מיר קלאָר, אַז קיינער קוקט ניט אויף מיר, ניט פרײַנדלעך און ניט אומפרײַנדלעך. די גאַס לויפט מיט בלינדע, פאַרנומענע, קאַלטע אויגן. קיינער קען מיך ניט און קיינער קוקט זיך ניט אום אויף דעם צווייטן. ווען איך וואָלט געהאַט אַ ציל דעם נאָכמיטאָג, וואָלט איך אויך אַזוי גיך פאַר־בײַגעגאַנגען פאַרבײַ יעדן, וואָס וואָלט געקומען אין מײַן וועג.

ניטאָ קיין צײַט. בראָדווײַ איז ניט קיין קאָרסאָ, ס׳איז דיר ניט קיין פּאַרק פאַר לײדיקגײערס, ווי איך. פרויען שלעפּן פּאַפּירענע זעק מיט עסנוואַרג. קינדער טראָגן ביכער אין זײערע פאַרפרוירענע הענט. מענער זעט מען ווייניק — ס׳איז נאָך ניט די „רוש הויר״, מען קומט נאָך ניט אַרויס פון דער אַרבעט. און אַז מען זעט אַ מאָל אַ מאַן פאַרבײַגײן, גייט ער געווײנטלעך פּאַװאָליע, קוקט אונטער די פיס, ברומט עפּעס אונטער דער נאָז... אפשר קומט ער אַרויס פון אַ שענק דאָ ניט ווײַט? אפשר האָט ער פאַרטרונקען דאָרטן זײַנע לעצטע פּעני צוזאַמען מיט זײַן שווערן ווייטאָג? איך קוק זיך אײַן אין די פרעמדע, קאַלטע, בלינדע פּנימער און עס גלוסט זיך מיר אַזוי שטאַרק זיי צו פאַרשטיין, צו וויסן, אָדער מינדסטנס כאָטש וויסן — וווּהין לויפן זיי? וואָס טראַכטן זיי? צו וועמען געהערן זיי אַלע? אָדער בין איך אַליין נאָר אַזאַ פאַרשאָלטענע, אַז איך געהער צו קײנעם ניט, אַז איך גיי אין ערגעץ ניט, נאָר גלײַך אַזוי, אין דער פוסטער וועלט אַרײַן?... די גאַס טרייסט מיך אויך ניט, מײַן לעצטע האָפענונג דעם נאָכמיטאָג ווערט צערונען און עס ווילט זיך מיר ניט מער גײן. אָבער דערווײַל בין איך שוין ווײַט דערגאַנגען, ווײַט אַוועק פון מײַן שטוב און איך גיי אויטאָ־מאַטיש ווײַטער און ווײַטער, אַ בלאָק נאָך אַ בלאָק... אַ פרעמדע צווישן פרעמדע, אַ פאַרגעסענע, פון קײנעם ניט געזוכטע, אַ לעבערלעבע געשטאַלט, וואָס האָט געגלייבט, אַז די גאַס וועט איר ווידערגעבן דעם פאַרלוירענעם תּיקון אין איר אָרעמען, אויס־געליידיקטן לעבן... פאַרפאַלן, עס וועט שוין קיין מאָל אַנדערש ניט זײַן — ניט אין דער שטוב און ניט אויסער דער שטוב. „אַן אַלמנה״ זעט אויס צו זײַן דאָס ביטערסטע וואָרט אין דער מענטש־לעבער שפּראַך. „אַן אַלמנה״. עס הייבט אָן גאָר שטאַרק צו שנייען. אָבער איך גיי ווײַטער. איך בלײַב שטיין בײַ אַ פענצטער — אַ בלומען־געשעפט. שלאַנקע, ברוינע, גאָלדענע כריזאַנטעמעס שטייען דאָרט לאָקנדיק און װונדערלעך אין אַ הויכער, כינעזישער וואַזע. און אויך אַנדערע, אומבאַקאַנטע בלו־

מען, ווײַסע, בלאַסע, עלעגאַנטע, קאַלטע, איראַנישע, גראַציעזע... איך ווייס ניט מער וואָס איך טו: איך גיי אַרײַן אין דעם געשעפט. אַ וואַרעמע, פאַרפומירטע כוואַליע פון איבער׳געהייצטער לופט שווימט מיר אַנטקעגן און איך פיל אַז עס נעמט מיך אַרום אַ מין פערפומירטע חלשותדיקייט און אַז באַלד, באַלד וועל איך אַוועק־פאַלן... און איידער דער פאַרקויפער איז אַפילו צוגעקומען צו מיר, בין איך שוין ווידער אויף דער פראַסטיקער, איצט שוין גאַנץ טונקעלער גאַס.

איך ווייס ניט ווען און ווי אַזוי איך בין צוריקגעקומען אין שטוב. דאָרט האָט מיך דערוואַרט פינצטערניש, אַ וואַרעמע, היימ־לעכע, פוסטע לאַנגווײַליקייט, אַ לאַנגער אָוונט מיט טעלעוויזיע... סאַראַ פרײַנד איז אָט דאָס נאַרישע קעסטעלע געוואָרן פאַר מיר! ווי פלעג איך סאַרקאַסטיש לאַכן און חוזק מאַכן פון יענע אונד־זערע פרײַנד, וואָס האָבן געוואָגט ליב האָבן צו קוקן טעלעוויזיע... איצט עפן איך דאָס קעסטעלע אין דעם מאָמענט, ווען איך געפין זיך אין דעם צימער, ווו עס שטייט... איך קוק אָפט מאָל אַפילו ניט אַהין, אָבער איך הער מענטשלעכע שטימען, גוטינקע, פרײַנד־לעכע, וואָס ווענדן זיך נאָר צו מיר אַליין און ס׳ווערט מיר היימלעכער אויף דער אויסגעמוטשעטער נשמה.

אָט אַזוי זיץ איך נאָך אָפּ שעהען... איך ווייס ניט ווי לאַנג... דאַן שלעפּ איך זיך מיד, ווי ווען איך וואָלט געהאַט אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן טאָג מיט שווערער אַרבעט און לייג זיך אין מײַן בעט... און ס׳הייבט אָן די נאַכט, דער פּחד פאַר דעם טויט, פינצטערניש און דאָס גיהנום ציט זיך ביז פרימאָרגן... דאַן אויף ס׳נײַ אַ נײַער טאָג הייבט אָן.

אָט האָב איך דיר דערציילט, פרײַנדינע מײַנע, געטרײַע, וואָס דאָס מיינט זײַן אַן אַלמנה. איך האָב דיר אַפילו אַ טויזנטסטע טייל ניט דערציילט. איך פאַרמאָג ניט די ריכטיקע ווערטער. מײַן בריוו איז געוואָרן צו לאַנג.

זאָלסט קיין מאָל פון אַזאַ זאַך ניט וויסן. באַשרײַבן דאָס אַלץ

קאָן מען ניט. די ווערטער גיבן צו עפּעס אַ זין צו דעם זינלאָזן צושטאַנד... ס'איז אַ וואַקום און ס'פרעגט זיך נאָר איין שאלה: עד־מתי, גאָטעניו, עד־מתי? זיי האַרציק געקושט פון מיר, פאַרלאָז מיך ניט. דו ביסט מײַן איין און אײנציקער געדולדיקער צוהערער. אפשר ווען דו וואָלטסט געווען דאָ מיט מיר — וואָלטסטו, ווי אַלע אַנדערע — אויך ניט געוואָלט הערן... אפשר וואָלט איך דיך אויך פאַרטריבן פון מיר מיט מײַן געוויין, מיט מײַן צער, האַ? וואָס מיינסטו? אָבער אין אַ בריוו קאָנסטו דאָס אַלץ נאָך דערטראָגן און דו הערסט זיך צו צו מיר. אַ דאַנק.

מײַן טײַערע פרײַנדינע!

וויפל חדשים זענען פאַרגאַנגען זינט מײַן ערשטן בריוו צו דיר? דײַנע בריוו, אַזוי ליבלעך באַזאָרגט וועגן מיר און מײַן ביטערן גורל, האָב איך אַלע באַקומען. און פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב דיר ביז הײַנט ניט געענטפערט, ווערסטו שוין אַליין פאַרשטיין ווי ביטער ס'איז מיר.

דעמאָלט ווען איך האָב דיר באַשריבן „דעם נאָכמיטאָג פון אַן אַלמנה" איז מײַן לעבן נאָך געווען... לאָמיר זאָגן — אַ לעבן מיט ווערדע. איצט... האָב איך שוין דאָס אויך אָנגעוואָרן. ווי אַזוי? נו, מײַן צווייטער און אפשר לעצטער בריוו וועט דיר דאָס אַלץ דערציילן און אָנרופן וועל איך דעם בריוו:

דער נאָכמיטאָג פון אַ פרוי

וואָס לענגער אַליין, האָב איך זיך מער און מער געשראָקן פאַר דעם טיפן שווײַגן שעהענווײַז, וואָס האָט מיך אַרומגערינגלט. איך, וואָס פלעג אַזוי האַסן דעם טעלעפאָן, האָב זיך אַליין געפונען שטיין אין צימער בײַ דעם אַפּאַראַט און ציטערן אַז זיי דאָרט, אויף דער צווייטער זייט דאָרט, דאָרטן ווו ס'איז נאָך פאַראַן אַ

לעבן, פאַראַן מענטשן, באַוועגונג, אַז זיי זאָלן, חלילה, ניט פאַרמאַכן דעם טעלעפאָן, און איך האָב זיך אויסגעלערנט צו פאַרלענגערן דעם געשפּרעך מיט תּירוצים פון דער מה־נשתּנה. ס'איז מיר געוואָרן גלײַכגילטיק, ווער עס רופט מיך אָן. איך האָב דעם טעלעפאָן־פּאַרטנער געהאַלטן און געהאַלטן בײַ דעם אַפּאַראַט און ניט געלאָזט אַוועקלייגן. עס האָט זיך שוין צווישן די פרײַנד אַרומגערעדט, אַז איך בין ממש געוואָרן אַ נודניק, אַז איך בין אַ שווערער מענטש, אַז מען דאַרף זיך פון מיר אָפּרוקן.

נאָר מיט מײַנע קינדער בין איך געבליבן פאַרזיכטיק און גערעדט מיט זיי קורץ און אַלץ קירצער. פאַר זיי האָב איך מער און מער מורא געהאַט. זיי האָבן מיך מער און מער פאַרלאָזן, זיך וואָכן לאַנג ניט געלאָזט זען בײַ מיר, אָפּגערופן מיט אַ מין פרייי־לעכקייט, וואָס האָט געקלונגען פאַלש און היפּאָקריטיש און מיך געלאָזט וויסן, אַז טאָמער וועל איך ווײַטער אויך זײַן אַזוי שווער און אַזוי „קאַפּריזנע״, וועלן זיי מוזן איבער הויפּט אויפהערן מיט דעם טעלעפאָן. מענטשן האָבן אָנגעהויבן מיך אויסמײַדן. מען האָט מיך ווייניקער און ווייניקער גערופן צו זיך. ס'איז סײַ ווי סײַ געוואָרן אַ פּראָבלעם קומען צו דער אַלטער גרופּע: אין אָוונט אַליין צוריקגיין אין מײַן רו אַרײַן — איז געפערלעך. ניו־יאָרק איז ניט פאַר איינזאַמע אַלמנות, מען טאָר ניט גיין אויף די נאַכ־טיקע גאַסן, מען טוט אויס מאַנטלען, מען איבערפאַלט. יעדער פון אונדזערע פריערדיקע חברים האָט עס געפונען פאַר זײַן הייליקער פליכט מיך צו וואָרענען, אַז ווי זייער זיי וואָלטן דאָך געוואָלט מיך זען בײַ זיך דעם אויפדערנאַכט, וואָלטן זיי דאָס ניט געקאָנט פאַרענטפערן פאַר זייער צאַרטן געוויסן, ווײַל ווי אַזוי וועל איך קומען צוריק אַהיים? און מײַן לעבן איז געוואָרן מער און מער איזאָלירט פון יעדער לעבעדיקן פאַרשוין אַרום מיר.

אָלגאַ, מײַן מאַנס הייסע חסידעסטע, רופט אָן:

„דו וואָלסט געדאַרפט עפּעס אָנהייבן אַרבעטן. איך ווייס, אַז ער האָט דיך גוט פאַרזאָרגט מיט דעם נייטיקן. אָבער אַ מענטשלעך

לעבן דאַרף זײַן נוצלעך פאַר אַנדערע. אפשר גייסטו אַרבעטן אין אַ קינדער־שפּיטאָל? העלפן אַנדערע — וועט מאַכן דײַן לעבן ווידער אינטערעסאַנט. זיצסט דאָרטן גאַנץ אַליין, טאָג־אײַן — טאָג־אויס, אַ וואָך נאָך אַ וואָך און וואָס וועט פון דיר זײַן? מען רעדט איבער דיר און מען הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס איז אַזוינס פון דיר געוואָרן? אַזאַ קלוגע, אינטעליגענטע ווי דו... וואָס זיצסטו טאָג־אײַן טאָג־אויס און וואַרטסט אַז מען זאָל דיך רופן צום טעלעפאָן, אַזוי ווי דער טעלעפאָן וואָלט געווען דײַן גאַנץ לעבן? ווען ער וואָלט דיך אַזאַ געזען, וואָלט ער געוואָרן אַנטוישט אין דיר. צו דעם האָט ער דיך דערצויגן? האָט אומזיסט אָפּגעלעבט אַ לעבן מיט אַזאַ גרויסן מענטשן און זיך גאָרניט פון אים אויסגעלערנט?"

איר קרענקלעכע, זיסינקע, שטילע שטים גיסט זיך ווי בוימל דורכן טעלעפאָן. איך ווער מיט דער צײַט אומבאַליבט בײַ אַלע. אומפּאָפּולער. מען הערט אויף זיך צו זאָרגן וועגן מיר: אַז איך קאָן זײַן אַזוי טרויעריק, אַזוי נאָכגעלאָזט, אַזוי פּאַסיוו און אָן לעבן — איז ניט כּדאַי זיך מיט מיר אָפּגעבן. האָפענונגסלאָז.

און וואָס מער איך בלײַב אַליין — וועט מיר זײַן דאָס „אַליין" שווערער און שווערער. איך קאָן זיך ניט צו דעם צוגעוווינען, אַז אַזוי דאַרף טאַקע דער טאָג פאַרגיין און אַז דער קאָשמאַר פון טויט אין דער פינצטערניש פון נאַכט — וועט שוין ביז צום סוף פון מײַנע יאָרן בלײַבן מײַן שטענדיקער באַגלייטער. יעדער נאַכט פאַלט אויף מיר דער זעלבער שוואַרצער פּחד און יעדער מאָרגן דערשרעק איך זיך פאַר דעם נײַעם, פּוסטן טאָג. איך פאַרליר יעדער טאָג אַ ביסעלע מער און מער פון מײַן שטאָלץ: איך רוף זיי אַלע אָן און ווייס אַפילו ניט, וואָס צו רעדן, אַבי נאָר הערן מענטשלעכע שטימען.

„וואָס טוט זיך בײַ אײַך, האַננאַ, האַ? ווי פילט זיך דײַן מאַן? עפּעס איז ער דאָך געווען ניט אין גאַנצן פאַר עטלעכע טעג, ניט אַזוי?"

אַ קאַלטע, דינטלער אומצופרידענע שטים ענטפערט מיר:
„ווער האָט דיר געזאָגט אַז הערש איז געווען ניט אין גאַנצן? ער איז גאָט צו דאַנקען געזונט".

„ס'האָט זיך מיר מן־הסתּם אויסגעדאַכט... און האַלט קראַמפּיק דעם טעלעפאָן, כּלומרשט ווי ווען איך האַלט אַזוי ווײַטער, וועט זי דאָרט באַקומען רחמנות און ניט אויפהענגען דאָס טרײַבל, מען האָט מיר מן־הסתּם געזאָגט וועגן עמעצן אַנדערש". האָב איך בײַ מיר געקלערט: „איך גיי אָנרופן מאָניען, וועל איך וויסן".

איך פיל, אַז זי דאָרטן, בײַם אַנדערן עק, איז גרייט שוין צו פאַרענדיקן דעם אידיאָטישן דיאַלאָג.

„ווייסטו וואָס דאָ האָט פּאַסירט, שרײַ איך פאַרצווייפלט אַרײַן אין דעם טרײַבל, ס'איז דאָ בײַ אונדז פּלוצעם אַוועקגעשטאָרבן אונדזער סופער, אַזאַ יונגער..."

„יאָ, זאָגט זי, לאַנגזאַם, מיט אַ גענעץ, אוי".

„וואָס טוט דײַן טעבעטערל? שוין אין קאַלעדזש? וואָס הערט זיך מיט איר יונגן־מאַנטשיק... האַ? די ליבע איז גרויס, ברענט ווי אַ פֿײַער, האַ?" און איך גיב אַ קורצן, אומנאַטירלעכן לאַך... איך ווייס פון דערפאַרונג, אַז ווען איך באַריר מיט אַ פראַגע די קינדער, ווערט מען לעבעדיק אויפן אַנדערן ענד און מען רעדט אַ ביסל לענגער.

„זי איז שוין ניט מער מיט אים צוזאַמען. ניין, איך ווייס ניט פאַר וואָס. מיר מישן זיך ניט צו איר..." און ווידער איז ניטאָ פון וואָס צו ריידן און ניט ווילנדיק מוז איך זי אָפּלאָזן. איך בין ווידער אַליין.

דרײַ מאָל אין דער וואָך גיי איך אין דער רעדאַקציע. איך האָב דאָרטן גאָרניט וואָס צו טאָן און איצט באַמערקן מיך די אַלטע פרײַנד גאָרניט ווען איך קום אַרײַן. איך ברענג מיט זיך עפּעס אַ מאַנוסקריפּט, אָבער מען ווייס שוין, מען האָט שוין לאַנג געפּסקנט, אַז איך קום אַהין ווײַל איך בין איינזאַם, און ניט צוליב תּכלית.

אין אָנהייב האָט מען מיר נאָך געהייסן זיצן, מען האָט מיר אַפילו דערלאַנגט אַ גלעזל טיי, וואָס מען האָט אַרײַנגעבראַכט פון רעסטאָראַן. איצט זאָגט מען מיר שוין גאָרניט. איך שטיי און שטיי און קיינער גייט ניט צו צו מיר. אַ מאָל — אַ מאָל האָט עמעצער נאָך אַ ביסל רחמנות און זאָגט:

„אוי, וואָס איך האָב געוואָלט פרעגן, האָסטו שוין געפונען זײַנע בלעטער מיט דעם ביאָגראַפישן דעטאַל וועגן פרוידס חבר אין פּאַריז”...

איך כאַפּ זיך אָן אין דעם ווי איינער וואָס האַלט אין דערטרונקען ווערן און הייב אָן צו גיסן מיט לײדיקע ווערטער... באַלד באַדויערט שוין דער פּאַרשוין, נאָך וואָס ער האָט אָנגעהויבן דעם געשפּרעך און ס׳ווערט ווידער שטיל און שטום אַרום מיר. איך האָב אָבער פאַרלוירן דאָס געפיל פון בושה, וואָס פלעגט מיך דורכנעמען אין אַזעלכע מאָמענטן. אַבי ניט זײַן אַליין. אַבי שטיין דאָ אין דער וואַרעמער שטוב אָנגעפילט מיט אַרבעטנדיקע מענטשן, הערן ווי זיי רײדן אין טעלעפאָן אָדער איינער מיט צווייטן און ניט מוזן אַוועקגיין. אָבער סוף־כּל־סוף מוז איך דאָך אַוועקגיין, ס׳איז פּשוט ניטאָ קיין תּירוץ צום בלײַבן, און שטיין ווי אַ פאַרגעסענע, צעבראָכענע כּלי. איך זאָג מיט אַ כּלומרשט גוטמוטיקן לאַך:

„נו, איך זע, איר האָט גענוג צו טאָן אָן מיר: וואָס דאַרפט איר דאָ האָבן אָן אַלטע ייִדענע, וואָס שטערט אײַך נאָר בײַ אײַער וויכטיקער אַרבעט, האַ?”

כאָטש פאַר רחמנות זאָל עמעצער ענטפערן, געבן אַ שמייכל, זאָגן אַ פרײַנדלעך וואָרט... עס שטייט דאָך פאַר זיי די אַלמנה פון זייער אָפּגאָט, פון זייער שטאָלץ — איז פאַרט, וואָס זשע געפינט זיך ניט איינער צו שענקען איר אַ ביסל אויפמערקזאַמקייט — פאַר וואָס זשע ווײַזן זיי אַרויס אַזוי פרײַ און אָפן, ווי איבעריק איר באַזוך איז און ווי באַשעפטיקט זיי זענען.

איך קאָן זיך ניט דערמאָנען: זענען מיר, איך און מײַן מאַן,

אויך געווען אַזוי וויינִיק אויפמערקזאַם צו אַלמנות? מן־הסתם... ס'איז שוין אַזאַ עסק מיט זיי — קיינער דאַרף זיי ניט, קיינער וויל זיי ניט.

אין די לעצטע חדשים האָב איך זיך אַליין באַטראַכט אַפּט מאָל, אַז איך געפין זיך צווישן פּאַרלער, זייער זעלטן, אָבער אַ מאָל, אַ מאָל — ווען זיי דערמאָנען זיך מיך איינצולאַדן צו זייערס אַ „פּאַרטי", דערזע איך זיך אַליין אין אַ מין „אינער־לעכן שפּיגל" און וואָס זע איך? איך זע אַז, ניט באַוווּסטזיניק, האָב איך לעצטנס אָנגעהויבן רעדן מיט מענער אַנדערש ווי מיט זייערע פרויען: איך האָב באַמערקט מיט אַ שריעק, אַז איך רעד מיט זיי קאָקעטיש, אַז איך בייג זיך אָן נענטער צו זיי, פאַרשטעלנ־דיק זיך, אַז איך האָב ניט דערהערט וואָס זיי האָבן געזאָגט. איך איבערראַש זיך אַליין דערביי, אַז ווי די מענער הייבן אָן מאַכן וויצן קעגן זייערע אייגענע פרויען (ווייל אַזעלכע וויצן זענען שוין פון שטענדיק דער טאָן אויף די צוזאַמענקומען) — לאַך איך אַזוי, ווי איך וואָלט געווען אויף דער זייט פונעם מאַנספּאַר־שוין.

דאָס אַלץ, אי מיין זיך נייגן נאָענט צו דעם מאַן, אי מיין קאָקעטישער געלעכטער ביי אַ וויץ געצילט קעגן דער פרוי — דאָס אַלץ איז אַ נייע דערשיינונג ביי מיר. די גאַנצע פאַלשע, אומווערדיקע פּאַרטיזאַנשאַפט מיט מענער־קעגן־פרויען — איז געוואָרן ביי מיר כמעט אַ געוווינהייט. אַלע נעמען דאָס אָן כלומרשט ווי אַ וויץ פון מיין זייט. אָבער וויצן אָדער — ניט וויצן: די פרויען, וואָס פלעגן האָבן פאַר מיר טיפן, עכטן דרך־ארץ, אי ווייל איך האָב אַ שם געהאַט פון אַ קלוגער, אינטעלי־גענטער פרוי, וואָס ווייס וואָס זי רעדט און וואָס פלאַפּלט ניט נאָך דאָס וואָס איר באַרימטער, געניאַלער מאַן זאָגט. זיי זענען מיר ערשט אַזוי ניט לאַנג מקנא געווען פאַר דעם, וואָס מיין געמיינזאַם לעבן מיט אים האָט באַדייט: כבוד. און ווען מיר ביידע זענען ערגעץ ווו אַריינגעקומען, איז אונדזער אַריינקום שטענדיק

געוועזן דראַמאַטיש: מײַן מאַן האָט פון פאַרשעמטקייט, פון עכ־טער, ניט געפעלשטער באַשיידנקייט ניט געוווּסט וווּהין אַהינצוטאָן זײַנע באַברילטע, טונקעלע אויגן; איך אָבער פלעג אַרײַנקומען אין דער שטוב מיט אַ שטאָלצן גאַנג, זיכער אין זיך אַליין, מיט אַן אויסדרוק אויף מײַן פּנים וואָס האָט אויסגעדריקט קאָמפּליצירטע, פײַנע געדאַנקען און עמאָציעס, למשל אַזעלכע:

„איר קוקט אויף אונדז, האַ יאָ? איר קלערט בײַ זיך: ווי אַזוי לעבט זיך עס מיט אַזאַ באַרימטן, גרויסן מענטשן? ווי אַזוי טראָגט זי איבער די גרויסקייט?"...

און מיט מײַן שטאָלצן, פרײַען גאַנג, מיט מײַן פריילעכן געלעכטער האָב איך זיי כּלומרשט אַזוי געענטפערט:

„לײַכט איז מײַן לעבן מיט אים ניט; איך גיב אײַך צו, אַז ס'זענען פאַראַן קאָמפּליצירטע, שווערע מאָמענטן. אָבער ס'איז אַלץ ווערט, נאָר צו ווערן געליבט פון אַזאַ מאַן ווי ער. איך האָב גענוג כּוח אין זיך איבערצוטראָגן דאָס שווערע און האָב גענוג ליבע אין מײַן האַרצן צו געניסן פונעם גוטן".

איצט, ווען איך קום אַרײַן צו זיי — ווערט עס שטיל אין שטוב. מען האָט ערשט גערעדט, איך האָב געהערט זיי רעדן און לאַכן. איצט אָבער שטייען זיי, קוקן אויף מיר, און אַ לענגערע צײַט הערט מען ניט אַ וואָרט. דערנאָך דערמאָנט זיך עמעצער פון זיי צו זאָגן:

„קוק אָן ווער ס'איז געקומען! וואָס מאַכט איר? וואָס זעט מען אײַך ניט, איר ניט־גוטינקע, האַ?"

און דאָס אַלץ מיט אַ זיסלעכער פאַלשקייט, וואָס שלאָגט צום האַרצן און וואָס איז דער ערשטער שריט צו יענע פּראָוואָקאַטאָרישע שטימונגען וואָס מאַכן מיך צערייצט קעגן אַלע, בכלל קעגן די פרויען, די פּראָטעזשירטע און באַשיצטע און איך הייב אָן פירן דאָס געמיינע, נידעריקע, קאָקעטישע שפּיל ביז גאָר און גאָר. מיט דער צײַט אַרבעט זיך אויס אַ מאָדנער קלימאַט אַרום מיר: די מענער פאַרזאַמלען זיך אַרום מיר, לאַכן און פילן

אַז זיי האָבן אומדערוואַרט געפונען אין מיר אַ שותּף צו זייער אַלטן קאַמף קעגן פּרויען. די סיטואַציע געפעלט זיי: איך בין דאָך אויך אַ פרוי, אָבער פונדעסטוועגן געפינען זיי פּלוצעם אין מיר אַ שותּף און נאָך דערצו אַזאַ לאָיאַלן, געטרײַען שותּף, אַז ס'איז גאָר אַ מחיה.

פון דער צווייטער זײַט — זייערע פרויען ווערן וואָס אַ מאָל קעלטער און פאַרזיכטיקער צו מיר. איך דערפיל זייער גערעכטן אַנטאַגאָניזם און האָב אי מורה פאַר דעם, אי איך געניס מיט אַ פּערווערזן געפיל פון... אַ מין ביליקן טריומף איבער זיי אַלע. אַז דער אָוונט נייגט זיך דאָן שוין צום סוף, זע איך זיי אַלע אויפשטיין ווי אַ מויער קעגן מיר און איך הייב אָן צוריקצודריי־ען דאָס רעדל און ווער ליבלעך צו זיי אַזוי ווי גאָרניט האָט פּאַסירט, גיי צו צו יעדער פון זיי און זאָג יעדער עפּעס גוטס:

„דעם גאַנצן אָוונט האָב איך געקוקט אויף אײַך און האָב קאָנסטאַטירט, אַז איר האָט אַראָפּגעוואָרפן געוויכט...״

אָדער:

„אײַער נײַ קליידל פּאַסט אײַך אויסגעצייכנט, איר זעט אויס אַזוי פריש און יונג אין דעם, האַ יאָ, האַררי?״ (דאָס לעצטע — ווענדנדיק זיך צו איר מאַן). מיט די פאַר אָרעמע, נאַרישע, דורכ־זיכטיקע קאָמפּלימענטן וויל איך זיי ווידער אָפּקויפן, זיי ווידער געווינען אויף מײַן זײַט. אָבער ס'געלינגט מיר ניט. מען הייבט שוין אָן אַלץ ווייניקער און ווייניקער מיך רופן צו זיך און איך פיל, אַז איך ווער אַלץ איינזאַמער און איינזאַמער.

דו, פרײַנדינע מײַנע, געטרײַע, ווילסט וויסן, וואָס טוט אַן אַלמנה כּדי זיך צו באַפרײַען פון דער שרעקלעכער איינזאַמקייט? זי טוט אַלץ וואָס עס לאָזט זיך און זי וואָלט געטון נאָך מער — אַפילו אַזעלכע זאַכן וואָס זענען אַ מאָל געווען טאַבו פאַר איר מאָראַלישן גלײַכגעוויכט. און דאָ הייבט זיך אָן דער ווייטיקסטער טייל פון מײַן בריוו, וואָס איך וועל אָנרופן מיט דעם נאָמען:

דער נאָכמיטאָג פון אַ פאַון.

אָלגאַ. עטלעכע מאָל אין מײַנע בריוו האָב איך דיר שוין דערמאָנט איר נאָמען. זי און איר מאַן, גרישקאַ, זענען אָנגעקומען אין אַמעריקע כּמעט גלײַכצײַטיק מיט אונדז. זיי זענען באַלד געוואָרן גוטע פרײַנד אונדזערע. גרישאַ איז אויך אַ שרײַבער. ער איז אַ קריטיקער, פּאָלעמיקער, זשורנאַליסט, רעפּאָרטער, אָבער אַ מאָל שרײַבט ער אויך בעלעטריסטיק און ער שרײַבט נישקשהדיק, גאַנץ פײַן. מײַן מאַן, אין זײַן ברייטהאַרציקייט האָט אים זייער געלויבט און שטענדיק דערמוטיקט ווײַטער צו שרײַבן נאָוועלעס. אָבער איך האָב קיין מאָל פון זײַן ליטעראַרישן טאַלאַנט קיין סך ניט געהאַלטן. ער אַליין — נו, דאָ מוז איך זיך שוין אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע און דיר דערציילן פון דעם מאָדנעם פּאָרפאָלק. אָלגאַ איז אַ ביסעלע עלטער פון אים. אָבער זי איז אַזוי קליין, דין און ליבלעך, אַז פאַר דעם אויג זעט זי אויס צו זײַן אַן אייביק שוואַכינקע, צעברעקלטע, אַ קינד און ער — איר אייביקער, שטאַרקער באַשיצער. אָלגאַ איז קליין אין וווקס. בלאָנדע זײַדענע האָר רינגלען זיך ווייך אַרום איר האַלדז, פײַן פּנימל. זי רעכנט זיך קיין מאָל ניט מיט דער מאָדע. איך זע זי פאַר מיר: שטענדיק געטרײַ איר אייגענעם „סטיל" — אַ ביסעלע אַלטמאָדיש, אַ ביסעלע ווי אַ פאַרזעסן, אַלט מיידל אָדער אַ לערערקע — די האָר געשאָרן קורץ אַרום דעם קאָפּ, מיט פראַנדזן אויף דעם בלייכן, נידעריקן שטערן, די ליפּן קוים־קוים באַרירט פון ליפּנשטיפט, די קליידער געניייט ווי יאָרן צוריק, מערסטן טייל ווײַסע בלוזקעס מיט רעק פון וואָל. מיט איין וואָרט: אַן אָריגינעלע דערשײַנונג, סטאַטיש אין מיטן פון דער דינאַמישער וועלט פון מאָדעס און מעטאַמאָרפאָזעס. איר שטים איז שטאַרק, קינדעריש און זי האָט אַ געוווינהייט צו צעציִען די ווערטער.

אָלגאַס בלויע אויגן קוקן מיט אַ טיפן, נאַיִוון צוטרוי אויף דיר און איר בליק בלײַבט שטיין אויף דיר, אַפילו ווען דו אַליין ביסט שוין לאַנג אַוועק אין אַן אַנדער ווינקל. זי איז בכלל אַ

מאָדנע פרוי: געמיטלער, לאַנגזאַם, אָן אײַלעניש — עפּעס ווי ניט פון דער וועלט. אַ מין פרוי, וואָס יעדער מאַן וואָלט געוואָלט פּראָטעזשירן, באַשיצן קעגן שטורעמס פון לעבן, און מיט אָט דער ווייכקייט דערגרייכט זי ניט ווילנדיק, אַז יעדער מאַן, וואָס דערנעענטערט זיך צו איר ווערט מיט אַ מאָל אַ קאַוואַלער, אַ ריטער.

זי זעט אויס אַזוי ווי זי וואָלט ניט געקאָנט ציילן ביז צוויי. יעדער פילט, אַז ער איז שטאַרקער, בעסער, קליגער פאַר איר. אָבער מיט די יאָרן האָט זיך אונדזער ערשטער רושם פון אָלגאַן אין גאַנצן געביטן: מען זעט ניט מער אין איר יענע „קינד־פרוי", אַ שטילע, צעבראָקלטע. אין אָנהייב האָט מען געהאַלטן אין איין פרעגן: וואָס האָט אַזאַ מאַן ווי גרישאַ דערזען אין אַזאַ פרוי ווי אָלגאַ? זיי זענען באמת ניט קיין פּאַסיק פּאָרפּאָלק. ער — אַ גרויסער, געזונטער, מיט פלאַמענדיק רויטע, קוטשעראַווע האָר, מיט אַ בלייכן, לאַנגן על־גרעקאָ־פּנים, מיט גרינע פריילעכע, איראָ־נישע, גלאַנצעוודיקע אויגן, מיט זומער־שפּרענקעלעך אויף דעם פּנים און אויף די שיינע, ווײַסע הענט — אָט דער אינטערע־סאַנטער, דינאַמישער, בחוריש יונגער, אינטעליגענטער מאַן, וואָס האָט דעם אויסזען פון אַ פּאַן — געדענקסט יענע מיטאָלאָגישע געשיכטע, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך האַלב אַ גאָט און האַלב אַ חיה — אַ סאַטיר, וואָס שפּילט ווילד און אָן רחמנות מיט אַנט־לויפנדיקע, אָבער אין אים שטאַרק פאַרליבטע נימפעס, דער באַ־גאַבטער, סאַרקאַסטישער קאָנווערסער — וואָס יעדער וואָרט פון זײַן מויל ווערט באַלד אַ שפּריכווערטל, אַ זאָגעכץ בײַ אונדז אַלע — אָט דער פאַרכאַפּנדיקער גרישאַ און די בלייכע, אַנעמיש אויסגייענדיקע, שוואַכע, קרענקלעכע, שטילע אָלגאַ? עפּעס איז דאָ ניט קלאָר. אַ רעטעניש. מען האָט איינער דעם צווייטן געפרעגט (באַזונדערס, נאַטירלעך, מיר, פרויען), וואָס האָט אַזוינס געקאָנט צובינדן דעם שטורעמווינט פון אַ מאַנספּאַרשוין צו דער אַלטפרענ־קישער אָלגאַ? אָבער מיט דער צײַט האָט מען זיך אויפגעהערט

צו וווּנדערן: מען האָט אַנטפּלעקט אַ מין געהיימען כּוח אין איר, אַ שטאַרקייט, וואָס מען האָט ניט געקאָנט „זען מיט דעם פּריַיען בליק", נאָר דערקענט נאָך יאָרן צוזאַמענזיַין מיט זיי. אַלגאַ האָט ניט מורא געהאַט צו בליַיבן, וואָס זי איז געווען. קיין שום ניַיע מאָדעס, ניט אין קליידונג און ניט אין אַנדערע זאַכן האָבן ניט געמאַכט אַן איַינדרוק אויף איר. זי איז שטענדיק געבליבן געטריַי זיך אַליין. אויף איר שטילן, ניט אויפפאַליקן אופן האָט זי אים באַהערשט. מיט אַ צאַרטן, קינדעריש־זיסן שמייכל פלעגט זי פועלן אַלץ וואָס זי האָט נאָר געוואָלט. אין אַ דיסקוסיע איז זי צום מיינסטן נאָר שטיל געזעסן און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו יעדן. גרישאַ אָבער האָט גערעדט און גערעדט, און האָט מיט דער גאַנצער היץ פון זיַין אייביק יונגן טעמפּעראַמענט דיסקוטירט. זי פלעגט נאָר צושאָקלען מיט דעם קאָפּ און שוויַיגן. מען האָט אין אָנהייב אַלץ נאָך געמיינט, אַז דאָס וואָס גרישאַ זאָגט שטעלט פאָר איר מיינונג אויך. גאָר זעלטן האָט זיך עמעצער געווענדט צו איר און געפרעגט, וואָס איז איר מיינונג בשיַיכות מיט דעם? ווי דערשטוינט זענען מיר אָפט מאָל געווען ווען פון אירע בלאַסע, דינע ליפּן איז אַרויס אַן ענטפער, וואָס האָט ניט פאַרטראָטן גרישעס שטאַנדפּונקט, נאָר דעם היפּוך, איר אייגענעם, וואָס האָט זיך ניט אידענטיפיצירט מיט זיַינע טעאָריעס איבער דעם דאָזיקן סוביעקט. אָבער ווי געזאָגט: מיט יאָרן האָבן מיר אַלע, ניט ווייסנדיק אַליין, זיך צוגעוויינט צו זען אין אַלגאַן אַן אינדיווידוום, אַ זעלבּ־שטענדיקע פּערזענלעכקייט, ניט שטאַרקער פון אים און פון אונדז אַלע, אָבער געוויס ניט שוואַכער. אָט די מישונג פון וויַיבלעכקייט און נאַיִוויטעט מיט דעם דאָזיקן אינערלעכן כּוח — האָבן אַלגאַן געמאַכט פאַר אַ סוביעקט פון אונדזער אַלעמענס אויפריכטיקן אינטערעס און אָפט מאָל דעם אינהאַלט פון אונדזערע געשפּרעכן.

גרישאַ. איך וויל פּרוּוון אים דיר געננוי באַשריַיבן. כאָטש איך ווייס באמת ניט — ווי אַזוי דאָס באַוועלטיקן. מיר פעלן ווערטער איבערצוגעבן, אַריַינצונעמען אין ראַמקעס פון דעפיניציעס דעם

אייגנאַרטיקן, אָריגינעלן מענטש. נאָך שווערער איז מיר צו באַשרײַבן דעם מאַנספּאַרשוין אין אים. פול מיט סתירות, פול מיט קאָנטראַסטן — ער איז אין גאַנצן ווי אַ בינטל ווילדע פּאַראַ־דאָקסן... אָבער דער נאָמען „פּאַון", וואָס איז מיר אײַנגעפאַלן דעמאָלט, ווען מיר ביידע, ער און איך האָבן זיך צוגעהערט צו דעביוסיס „פּרעלודיע פון אַ נאָכמיטאָג פון אַ פאַון" — דאָס איז טיילווײַז אַ פּאַסיקער נאָמען פאַר אים.

אין דער מלחמה־צײַט איז גרישאַ געווען אַ פּאַרטיזאַן אין די פּוילישע וועלדער. מען דערציילט זיך מעשיות און מען טראַכט אויס ממש לעגענדעס פון זײַן מוט! אָלגאַ איז, זעט אויס, אויך געווען מיט אים. פון איר און איר טעטיקייט אין די וועלדער ווייסט מען גאָרניט. מען האָט זי גראָד אייניקע מאָל דעריבער געפרעגט, אָבער זי רעדט ניט גערן וועגן זיך און אונדזערע פּראַ־געס זענען געבליבן אָן אַן ענטפער.

גרישאַ דערציילט אויך ניט וועגן זײַנע העלדנטאַטן. אין אים איז ניטאָ אַפילו אַ שפּור פון באַרימען זיך. אָדער בכלל לויבן זיך אַליין. להיפּוך: אַז ער רעדט שוין יאָ וועגן זיך, רעדט ער מיט איראָניע, מיט סאַרקאַסטישע שפּאַסן, לאַכנדיק און פאַרמײַדנדיק יעדער פּאַטאָס. אי אין אים, אי אין איר איז פאַראַן אַ מין נאָבעלע באַשיידנקייט, ווען עס קומט צו זיי אַליין. און נאָך עפּעס, נאָך מער טשיקאַווע: ניט ער און ניט זי האָבן ניט ליב צו רעדן איינע וועגן צווייטן. זיי זענען אין דעם פּרט ביידע פאַרשלאָסן אין זיך, ווי ס'טרעפט זיך נאָר בײַ מענטשן, וואָס האָבן זיך זייער ליב אָדער וואָס האָסן זיך ביז צום טויט. ווערטער פעלן ניט בײַ אַזעלכע מענטשן. אָבער דאָך איז צווישן אונדז אַנטשטאַנען אַ גאַנצע מיטאָ־לאָגיע וועגן זײַנע הערקולאַנישע מעשים־טובים בשעת דער מלח־מה. ס'איז אויך אויפגעקומען דער מיטאָס, אַז אָלגאַ איז געווען דאָרט אַ קראַנקן־שוועסטער און האָט געראַטעוועט אַ סך פאַר־ווונדעטע מיט איר געטרײַען דינען זיי. אויף וויפל דאָס אַלץ איז געווען אמת, און וויפל נאָר אונדזער אייגענע אינטריגירטע פאַנ־

טאַזיע, דאָס ווייס איך דיר בפירוש ניט צו זאָגן. אָבער זיי ביידע זענען געווען דאָס אינטערעסאַנטסטע פּאָרל צווישן אונדז אַלע. אַפילו מײַן מאַן — אַ מענטש אָן אַ שפּור פון נײַגער, איז געוואָרן אינטריגירט פון דעם מאָדנעם פּאָרפאָלק און האָט אָפּט מאָל געזאָגט: „צווישן זיי לעבט דער גײַסט פון אַ גרויסער לײַדנשאַפט אָדער... פון דעם ווידעראַנאַנד. איך אָבער ווועט זיך, אַז אָט דער יאָלד, דער דאָן זשואַן, דער מאַן וואָס פרויען זענען משוגע פאַר אים, האָט באמת ליב נאָר אַלגאַן אַליין..."

איך געדענק, אַז דעמאָלט האָב איך זיך ממש אָנגעכאַפּט אָן דער טעמע. איך האָב זיך צוגעהערט מיט אינטערעס צו מעשׂיות, וואָס האָבן קורסירט אין אונדזער קרײַז וועגן די צוויי. גרישאַ האָט מיך זייער אינטערעסירט און איך האָב געפילט אַז אין אים און אין אַלגאַ איז דאָ אַ סך מער, ווי דאָס פרײַע אויג קען זען.

„פאַר וואָס מיינסטו אַזוי? האָב איך געפרעגט מײַן מאַן, וואָס זעסטו בײַ זיי אַזוינס, וואָס איז אַנדערש ווי בײַ אַנדערע פאַר־הייראַטע פּאָרלעך פון אונדזער קרײַז? איך האָב נאָך קיין מאָל למשל ניט געזען אַז ער זאָל זי צערטלען, אַרומנעמען אָדער איר אַ קוש טאָן... זיי זענען פאַר מיר באמת אַ רעטעניש". ס'איז פאַראַן פונקט בײַ אַזעלכע מענערישע, עראָטיש שטאַרקע מענער, וואָס מאַכן אַן אײַנדרוק פון פרויען־יעגערס, פאַראַן בײַ זיי אַן אויסנאַם־שטעלונג, געוויינטלעך נאָר צו איין פרוי אין זייער גאַנצן לעבן. די אויסנאַם־שטעלונג איז — ליבע. און די ליבע נעמט בײַ זיי אָן אַ פאָרעם, וואָס קיינער וואָלט ניט געגלייבט פאַר מעגלעך. אָבער יענע דאָן־זשואַנען זענען לײַדנשאַפטלעך, פרײַ, ווילד סענסועל מיט אַלע אַנדערע פרויען, מאָמענטנווײַז גיך פאַרליבט, פול מיט זשעסטיק, פול מיט ווערטער; אָבער מיט דער איינער פרוי, וואָס האָט דורך עפּעס וואָס געהיימעניספול פאַרכאַפּט זייער האַרץ און אָנגעפילט עס מיט ליבע, יענע פרויען האַלטן זיי נאָר פאַר זיך אַליין און זיי טראָגן זייער ליבע ווי אַ הייליקטום, טיף־טיף באַ־האַלטן אין זייער האַרצן און זיי ווײַזן עס ניט אַרויס. ס'איז אַ מין

שעמעוודיקייט בײַ זיי, בײַ אָט די זעלבע פּרעכע, אומפאַרשעמטע. אַ שעמעוודיקייט און אַ פאַרשלאָסנקייט, וואָס געהערט נאָר דער איינער פרוי און קיינעם ניט מער. און דאָס, דאַכט מיר, איז דער פאַל גרישאַ און אָלגאַ. איך געדענק, אַז מײַן מאַנס ווערטער האָבן מיך דעמאָלט געגעבן עפּעס אַ שטאָך און איך האָב זיך נאָך לאַנג נאָכדעם געוווּנדערט, וואָס איז מיט מיר? פאַר וואָס אָט די רעאַקציע מײַנע? וואָס באַדײַט פאַר מיר דער בחור? בין איך חלילה פאַרליבט אין דעם רויטן קאָפּ זײַנעם?

דער אמת איז, אַז מיר זענען אַלע געווען אַ ביסעלע פאַרליבט אין אים. מיר האָבן געקוקט אויף אים מיט אַן אַנדער בליק ווי אויף אַנדערע מענער. ווען אָלגאַ און גרישאַ פּלעגן אַרײַנקומען, פלעגט די גאַנצע אַטמאָספער פון דעם אָוונט ווערן אַ פריילעכע, אַ פרײַע, אַ ביסעלע ווילד און זייער אינטערעסאַנט. גרישאַ האָט געווויינהייטן: ער זאָגט גאַנץ אומדערוואַרטע, איבערראַשנדיקע זאַכן, און שפּאַרט זיך מיט יעדער איינעם, וואָס וויל אַרײַנברענגען לאָגיק אָדער עמפּיריק אין דעם געשפּרעך, וועלכן ער, גרישאַ, האָט גראָד דעם מאָמענט אָנגעפילט מיט פּאַראַדאָקסן. למשל:

„און איך זאָג אײַך, מײַנע דאַמען און הערן, אַז אַזאַ זאַך ווי די ,הייליקע מוטער־ליבע' איז אין גאַנצן ניט פאַראַן אויף דער וועלט. דאָס איז איינע פון טויזנטער ליגנס, פאַנטאַזיעס, ווונטש־חלומות, וואָס מיר, הונגעריקע, אָרעמע באַשעפענישן האָבן אויס־געטראַכט כּדי צו פאַרטיידיקן דעם גרעסטן עגאָיזם פון דער גאַנ־צער וועלט — דעם עגאָיזם, וואָס רופט זיך אַן מוטער־ליבע"... אאַז"וו.

אָדער:

„ליבע, די אמת גרויסע, איינמאָליקע ליבע איז שטענדיק נאָר פּלאַטאָניש. דאָרט, ווו עס מישט זיך אַרײַן דאָס עראָטישע, גע־שלעכטלעכע, דאָרט הייבט זיך אָן דער טויט פון דער ליבע". און אַז מיר אַלע זענען ממש אויפגעשפּרונגען צו דערווידערן זײַן איבערראַשנדיקן געדאַנק, האָט ער מער און מער זיך פאַרוויקלט אין

סתירות, אין פּאַראַדאָקסן, אין אומלאָגישע אָבער אינטערעסאַנטע אַרגומענטאַציעס און האָט לײַדנשאַפטלעך פּאַרטיידיקט זײַן עזאַ־טערישן פּאָסטולאַט.

וואָס פּאַראַדאָקסאַלער זײַן דיסקוסיע איז געווען, אַלץ אינטערעסאַנטער דער אָוונט. יעדער פון אונדז, באַזונדערס מיר, פרויען, האָבן שטענדיק געפרעגט בײַ יענער, וואָס האָט אונדז אײַנגעלאַדן: „ווער גרישאַ אויך זײַן בײַ אײַך?״

וועגן אָלגאַן האָט מען שוין ניט באַדאַרפט פרעגן: זיי זענען ביידע געווען אומצעשיידט. און אויסער דעם: אָלגאַ האָט קיינעם ניט שטאַרק אינטערעסירט: זי איז געזעסן שטיל, די בלויע אויגן אויסגעשטאַרצט אויפמערקזאַם אויף דעם וואָס האָט גראַד גערעדט, אָבער אַליין האָט זי גאָר זעלטן געלאָזט הערן אַ וואָרט פון זיך.

פון אָנהייב אָן, אַזוי באַלד ווי מיר האָבן זיך נענטער באַקענט מיט דעם מערקווערדיקן פּאָרל (און דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם ווי מיר זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע), האָט זיך צווישן מיר און גרישאַן אײַנגעשטעלט אַ מין געשפּילטער, קאָקעטיש־וויציקער, פלירט־טאָן. ער האָט ניט געקענט זיך ווענדן צו מיר אַנדערש, ווי מיט אַ שמייכל און אין זײַנע ווערטער איז שטענדיק געלעגן אַן איראָניש־פאָדערנדיקע, מענערישע אויפפאָדערונג צו דעם אייביקן שפּיל פון ליבע, פלירט, עראָטיק... איך ווייס אַליין ניט וואָס.

און איך, די ערנסטע, די אינטעליגענטע, וואָס האָט זיך שטענדיק באַרימט מיט איר אינטעלעקטועלן כּוח און מיט דעם כּוח פון איר געדאַנקלעכן פּאָטענציאַל, איך, וואָס האָב אַזוי פאַראַכט פּרוויִשע ביליקייט, וואָס האָב אַזוי הויך געטראָגן די פאָן פון פרוייִשער ווערדע, פון שטאָלץ און ערלעכקייט — איך, וואָס האָב אַזוי טיף און גרויס ליב געהאַט מײַן מאַן — איך בין אײַנגעגאַנגען אויף די דאָזיקע שפּילן און זיך דערנאָך, אין דער פאָלגנדיקער נאַכט געוואָלט ממש אויפפרעסן פאַר חרטה און בושה: בושה פאַר זיך אַליין.

„אַט גייט זי, די געטלעכע, קוקט נאָר קוקט, ווי זי גייט, ווי שטאָלץ, אַראַגאַנט און אין דער זעלבער צייט — אַזוי לאַקנדיק — ווי אַ נימפע. וואָס טוט איר, נימפע?״ אַט אַזוי און ענלעך פלעגט ער אויסרופן, ווען מיר זענען ערגעץ ווו אַריינגעקומען, און טאָמער אַ מאָל ס׳האָט זיך דווקא געטראָפן, אַז מיין אַריינקומען האָט ניט אַרויסגערופן זיינע לאַכנדיקע פלירט־קאָמענטאַרן — האָב איך ממש געפילט, אַז עפּעס פעלט מיר, אַז דער אָוונט האָט זיך אָנ־געהויבן ניט אַזוי ווי ס׳וואָלט זיך מיר געוואָלט... אַזוי ווי איך וואָלט ממש געוואַרט אויף זיין פּראָוואָקאַציע. איך ווייס אַפילו ניט, צי איך האָב אים אַזוי האָלט געהאַט. ער איז פּשוט געווען דער אינטערעסאַנטסטער מאַן צווישן אַלע. מען האָט תּיכּף גע־מוזט באַמערקן זיין רויטע טשופּרינע, זיינע שלאַנקע ווייסע הענט, באַדעקט מיט זומער־שפּרענקעלער. זיין שטים איז דווקא ניט געווען זייער מענלעך: להיפּוך — ער האָט גערעדט מיט אַ דינער, כּמעט מיידלשער שטים. אָבער אַפילו דאָס האָט נישט געשטערט ביי אים: ס׳איז אַלץ געווען אי ווילד, אי האַרמאָניש אין דער זעלבער צייט, אַלץ האָט פאַרפולקומט דעם כּישוף פון זיין פּערזענלעכקייט. דאָס שענסטע ביי אים איז אָבער געווען זיין באַציונג צו פרויען: קיין מאָל האָב איך ניט געהערט אים מאַכן אַ פּוילן, שמוציקן וויץ איבער אַ פרוי, אָדער רעדן ציניש, נעגאַטיוו, נידעריק וועגן פרויען. זיין עכטע, ייִנגלשע באַוווּנדערונג פאַר פרויען, פאַר זייער אינטעליגענץ, פאַר זייער שיינקייט און ליבלעכקייט האָבן אונדז פרויען (אַזוי צוגעוווינט צום מענלעכן ציניזם) גערירט און באַ־גייסטערט.

„וואָס וואָלט די וועלט געווען אָן פרויען? אַ פעלד אָן בלו־מען.. אַ מידבר״.

מיר האָבן לאַכנדיק זיך צוגעהערט צו זיין ליידנשאַפטלעכער און אויפריכטיקער טיראַדע און געפילט אין זיך אַ דאַנקשאַפט און אַ וואַרעמע, האַלב־מוטערלעכע האַלב־פרוייִשע סימפּאַטיע צו אים, צו אונדזער פאַרטיידיקער, אונדזער ריטער.

אַלגאַ פלעגט דערביי זיצן און קוקן אויף אים מיט אַ שטילן, זיסן שמייכל. זי האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט אַן ווערטער גערעדט צו אים:

„רייד, רייד, מײַן מאַן, רייד וועגן אַנדערע פרויען, ווײַז אַרויס דײַן גאַנצן ברענענדיקן טעמפּעראַמענט, פאַרשאַף פאַר זיך אַ שם פון אַ קאַזאַנאָוואַ — ווען אַרט עס? דעם אמת ווייסן נאָר מיר ביידע, דו און איך, אַז די איינציקע פרוי אין דײַן לעבן — בין נאָר איך אַליין, אַט די בלייכע, בלאָטאַרעמע, קרענקלעכע, פלאַ־טשיקע אַלגאַ, וואָס קיינער קוקט זיך ניט אום אויף איר... רייד נאָר, רייד, ס׳מאַכט מיר ניט אויס; איך הער זיך צו און ווייס מיר מײַנס".

ווען און ווי אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס וואָס איך בין שוין אַ גאַנצע שעה אויסן דיר צו דערציילן? דאָס וואָס איך רוף אָן מײַן פאַל, מײַן שאַנדע... איך קום איצט אַלץ נענטער און נענטער צו דעם שווערסטן קאַפּיטל פון מײַן מגילה. צו דעם „נאָכמיטאָג פון אַ פאָון". דער נאָמען „פאָון" איז ניט אין גאַנצן פּאַסיק פאַר אים. אַ פאָון איז אַ סאַטיר, וואָס שפּילט גרויזאַם מיט פרויען, ניט אַכטנדיק אויף זייער פּײַן, זייער לײַדן. גרישאַ שפּילט אויך מיט פרויען, אָבער ער האָט זיי ליב און האָט אויך ליב זײַן אייגענעם שפּיל מיט זיי. ער איז אין דער זעלבער צײַט אי זייער אומגליק, אי זייער ריטער. זייער פאַרטיידיקער קעגן זיך אַליין... קלינגט עס ניט ווי אַ פּאַראַדאָקס? האָב איך דיר שוין ניט געזאָגט, אַז ער איז פול מיט פּאַראַדאָקסן און גראָד אַז דאָס מאַכט אים אַזוי איינמאַ־ליק, אַזוי אייגנאַרטיק? עס אַרט אים, ווען ער זעט אַ פרוי לײַדן צוליב אים אָדער אַפילו צוליב אַן אַנדערן און ער איז באַלד גרייט אַליין צו פאַרגיסן טרערן מיט איר צוזאַמען. און, גלייב מיר, טײַערער פרײַנד מײַנער, דאָס זענען בשום־אופן ניט קיין טרערן, וואָס מען רופט אָן „קראָקאָדילאָווע"... ער איז אויפריכטיק און עכט אין אַלץ, וואָס ער טוט, זאָגט און פילט. ער איז אַ שטיק נאַטור,

אין אורפּאַרעם, וואָס האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין אונדזער ציוויליזירטן יאַרהונדערט אַרײַן.

מיט עטלעכע חדשים צוריק בין איך אין אַ נאָכמיטאָג, אין מיטן דער וואָך, געווען בײַ אַלגאָן. זי האָט מיך ניט גערופן; איך האָב פאַרוואָנדערט צו איר אויף איינעם פון מײַנע איינזאַמע, ביטערע, אַלמנישע שפּאַצירן... ס'איז געווען ווינטער און די קעלט האָט מיך אַרײַנגעטריבן צו איר. זיי ווינען ווײַט פון אונדז... איך בין אַרומגעפאָרן אָן אַ ציל עטלעכע שעה מיטן סאָבוויי... ניט געוווסט, פאַר אומעט, ווו זיך אַהינצוטון.

אַז איך בין אַרויס פון דער אונטערערדישער שלאַנג, האָב איך זיך דערזען גאָר נאָענט צו זייער ווינונג און בין אַרײַן צו אַלגאָן. זי האָט זיך אויפריכטיק דערפרייט מיט מיר. זעט אויס, זי האָט זיך אויך געפילט איינזאַם און מײַן אומדערוואַרטער באַזוך האָט זי דערמונטערט. מיר זענען געזעסן אין איר אַלטמאָדישער ווינונג, באַשטעלט מיט אַלטמאָדישע, טײַערע מעבל און האָבן געטרונקען טיי פון פּאָרצעלאַנענע, טײַערע שעלכלער פון דער באָבעס צײַטן. אונדזער געשפּרעך האָט זיך געצויגן רויִק און וואַרעם. איך האָב זיך שוין לאַנג, לאַנג ניט געפילט אַזוי געמיטלער ווי איצט, זיצנדיק מיט איר.

„איך קלער אָפט וועגן אײַך, זאָגט זי, עס דאַרף אײַך זײַן גאָר־גאָר ביטער. אײַערע קינדער זענען דאָך שוין לאַנג אַרויס פון אײַער לעבן און פירן זייער אייגענע עקסיסטענץ. מען האָט גרישאַן און מיך אַ סך מאָל געפרעגט — פאַר וואָס מיר האָבן ניט קיין קינדער? נו, אי גרישאַ, אי איך האָבן זייער געוואָלט האָבן קינדער. ס'איז פשוט ניט אויסגעקומען. אָבער מיר האָבן זיך קיין מאָל ניט אָפּגעגעבן דין־וחשבון, פאַר וואָס מיר בענקען אַזוי שטאַרק נאָך קינדער? איך טראַכט, אַז אפשר ד'ערפאַר, ווײַל אַלע מענטשן זאָגן, אַז ווען מען האָט קינדער — איז מען קיין מאָל ניט אין גאַנצן אַליין אויף דער וועלט; אַפילו ניט ווען עמעצער פון אונדז שטאַרבט אַוועק. אָבער איך זע איצט, אַז דאָס איז ניט

אמת. איר זענט אַליין, אין גאַנצן אַליין. נאַטירלעך, ניט געדעדט פון אײַערע אַלטע פרײַנד, און איר מעגט פאַררעכענען מיך און גרישאַן צו אײַערע געטרײַסטע...״

פּלוצעם, צו אַלגאַס און צו מײַן איבערראַשונג, איז גרישאַ געקומען אַהיים. ער איז געווען, ווי אַלע טאָג, אין דער רעדאַקציע און זי האָט אים ניט דערוואַרט אין דער צײַט.

„ניין, ניין, ניין, שרײַט ער אויס מיט זײַן דינער, מיידלשער שטים, דערשרעקט זיך ניט, איך בין ניט חלילה קראַנק... איך האָב פאַרענדיקט אויף הײַנט און בין געקומען אַהיים אויף אַ גלעזעלע טיי״...

אַזוי זענען מיר זיך געזעסן זאַלבע דריט און געטרונקען טיי, פאַרביסן מיט טרוקענע ענגלישע ביסקוויטן, וואָס מען געפינט נאָר אין ווייניקע, אַלטפרענקישע געשעפטן מיט אויסטערלישע דעליקאַטעסן און וואָס איך אַליין האָב נאָך געגעסן אין שטוב בײַ מײַנע עלטערן. מיר האָבן גערעדט. דאָס געשפּרעך איז גע־פלאָסן ווי אַ רויִקער שטראָם. די ווינטערדיקע זון איז אַרײַן אַ גאָלדענע און געצייכנט קײַלעכדיקע, גילדענע קרײַזן אויפן פּער־סישן טעפּעך. איך האָב זיך געפילט אַזוי גוט, אַזוי באַרויִקט און נשמהדיק וואַרעם בײַ זיי, ווי שוין לאַנג ניט — זינט מײַן מאַנס טויט.

מיר האָבן גערעדט טאַקע וועגן אים. גרישאַ, מיט זײַן געוווינ־טער אָפנקייט, האָט גערעדט און אַפילו לײַכט קריטיקירט עטלעכע זײַנע ביכער. ער האָט גערעדט פרײַ און קריטיש, אַזוי ווי וועגן אַ לעבעדיקן, ניט אַרויסגעוויזן קיין לאַנגווײַליקן פאַלשן טאַקט, פון וועלכן איך האָב דיר שוין דערציילט אין מײַנע פריִערדיקע בריוו. און טאַקע דערפאַר ווײַל זײַנע ווערטער זענען געווען אַזוי אָפנ־האַרציק, אָן שום באַגרענעצונג צוליב וואָסערע ניט איז קאָנווענצ־יאָנעלע סיבות, איז מיר טאַקע געווען אַזוי היימלעך מיט זיי און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ענדלעך האָב איך געפונען פרײַנד,

אַ מקום־מנוחה, אַ הויז, וווּ איך, פון הײַנט אָן, וועל שטענדיק זײַן אַ ליבער גאַסט.

גרישאַ האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ מאָדנעם, שטילן בליק פון — ווי אַזוי זאָל איך דעפינירן דעם בליק זײַנעם? מיט רחמנות, אָבער ניט מיט קיין ביליקן, דערנידעריקן רחמנות, וואָס דער־נידעריקט און פון וועלכן עס ווערט נאָך אומעטיקער, נאָך ווייטיק־דיקער אויף דער נשמה. ניין, מיט אַ שיינעם, נאָבעלן, עכטן רחמ־נות האָט ער געקוקט אויף מיר, פון וועלכן עס ווערט גרינגער אויף דעם האַרצן, און וועלכן עס ווילט זיך שפּירן מער און מער.

„איר זעט אויס אַזאַ טרויעריקע, אַזוי טרויעריק נעבעך", האָט ער פּלוצעם אין מיטן דעם געשפּרעך אַרויסגעזאָגט, צוגעגאַנגען צו מיר, אַרויפגעלייגט זײַן וואַרעמע, ווײַסע האַנט אויף מײַן קאָפּ, אַ שטילן גלעט געטאָן איבער מײַנע האָר, און זיי פאַרריכט, ווען ער האָט באַמערקט, אַז ער האָט זיי צעשויבערט. זיך דאָן ווידער רויִק אַוועקגעזעצט. אָלגאַ האָט אַ שטילן שמייכל געטאָן און אים אָנגענומען בײַ זײַן האַנט, אַזוי ווי זי וואָלט געזאָגט צו אים:

„גוט אַזוי, טײַערינקער, גוט אַזוי. אָט אַזוי האָב איך דיך ליב. מען דאַרף זײַן גוט צו אַלמנות און יתומים. אָט אַזוי האָב איך דיך געלערנט".

שפּעטער האָט ער פאַרגעשלאָגן מיך באַגלייטן אַהיים. ס'איז געוואָרן שפּעט, אַרום 6 אַ זייגער אויף דער נאַכט און ער האָט געזאָגט, אַז עס וואָלט געווען נאַריש פון מיר, צו פאָרן אַהיים אַליין. עס טוט זיך דאָך אַזוי פיל אין די לעצטע צײַטן, אַז אַ פרוי איז ניט זיכער מיטן לעבן, אַליין אויף די נאַכטיקע גאַסן.

„אָלגאַ, מיר וועלן האָבן אַ ביס ערגעץ ווו, וואַרט ניט אויף מיר מיטן עסן, יאָ, טײַבעלע?"

„יאָ, יאָ, גיי באַגלייט זי אַהיים, אַ לעבן אויף דײַן קעפּעלע. איך האָב אַליין פון דעם געטראַכט", זאָגט זי און באַגלייט אונדז ביידן אַרויס אין דעם טונקעלן קאָרידאָר. ער טוט מיר אָן מײַן

מאַנטל, בייגט זיך אָן מיר אַרײַנהעלפן אין די שניישיך און גיט אַ לײַכטן קוש אָלגאַן.

„טאָמער בין איך לאַנג ניט צוריק, מאַך זיך ניט קיין יסורים, אָלגאַ, הערסט?" און דאַן זיך געוואָנדן צו מיר מיט אַ גוטמוטיקן לאַך: „זי איז בײַ מיר אַ פּראָפעסיאָנעלע זאָרגערין, ניט אַזוי?" ער האָט זי גיך אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און מיר זענען אַרויס.

דער פראָסט פון דעם פריען ווינטער־אָוונט נעמט אונדז תיכּף שטאַרק, בײַסנדיק און געשמאַק אַרום. אָבער מיר איז ניט קאַלט, איך מאַרשיר פריילעך, אַנימירט לעבן אים. ער איז זייער הויך, און איך דערהער אָפט מאָל ניט וואָס ער זאָגט.

„רעדט העכער, גרישאַ, איך הער אײַך ניט, איר זײַט אויבן און איך אונטן"... זאָג איך. מיר לאַכן און נעמען זיך אָן בײַ די הענט. דער ווינט וויל מיך אָוועקטרײַבן אין אַ זײַט, אָבער ער האַלט מיך שטאַרק און מיר קעמפן לאַכנדיק קעגן דעם ווינט.

אוי, ווי ריין, ווי ציכטיק, קינדעריש־פריילעך און אומשולדיק האָט יענער פאַטאַלער נאָכמיטאָג זיך אָנגעהויבן! מיר האָבן ביידע געפילט, אַז צווישן אונדז האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע פרײַנדשאַפט, נאָך בעסער און נענטער פון יענער, ווען ער פלעגט פלירטעווען מיט מיר, ווי מיט אַנדערע פרויען פון אונדזער גרופּע. דער פראָסט, די שנייִיקע גאַסן, דער פריילעכער, שפּילעוודיקער ווינט טרײַבט אונדז אונטער, מיר לויפן און אונדזערע הענט האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט צוזאַמען אין אַ בונט קעגן דעם וועטער און קעגן דעם ווינט... אַזוי זענען מיר גיך, גיך געגאַנגען איבער די גאַסן. ליכט פון געשעפטן האָבן אָנגעהויבן אויפצולײַכטן און ס'איז געוואָרן יום־טובדיק אויף דער ווינטערדיקער גאַס.

איך דערמאָן זיך ניט גענוי דעם מאָמענט, ווען איך האָב דער־פילט, אַז אין אים האָט זיך עפּעס אָנגעצונדן... יענער פלאַם וואָס האָט אין פאַרלויף פון ווײַטערע טעג, וואָכן, חדשים צעשטערט די ריינקייט, די אומשולדיקע שפּילעוודיקייט פון יענער שעה און אַרײַנגעבראַכט אין אונדזער באַציונג אַט יענעם פאַנישן מאָטיוו,

פון וועלכן ניט ער און ניט איך וועלן זיך שוין קיין מאָל ניט קאָנען באַפרייַען. ס'וועט שוין קיין מאָל ניט מער הערשן יענע רויִקע האַרמאָניע צווישן אונדז. ברענענדיק אין יענעם פלאַם וועלן מיר אויך זייַן די שולדיקע, באַשמוצטע, הילפלאָזע קרבנות.

אין דער סאַבוויי האָבן מיר ביידע דערפילט אַט דעם נייַעם אָנהייב. ס'איז געווען הייס און מענטשן זענען געזעסן שלעפעריקע און מידע. עס האָט אַזוי געשאָקלט די וואַגאָנען אַז מען האָט קוים געקאָנט אייַנזיצן. ער האָט געקוקט אויף מיר — אָבער שוין אַנדערש. אַנדערש. מייַן פריילעכקייט איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. איך בין געזעסן שטיל און האָב געפילט אַז איך ציטער און ווייס אַליין ניט פאַר וואָס. אַ שווערער, ציטער־נדיקער, צאַפּלענ־דיקער פּחד האָט אַרומגענומען מייַן נשמה. איך בין דערמאָלט, זיצנדיק אין דער איבערגעפולטער, טרייסלענדיקער סאַבוויי גע־וואָרן אַ געפאַנגענע אי בייַ אים, אי בייַ זיך אַליין. דעם נאָמען פון מייַן תפיסה האָב איך דערמאָלט נאָך ניט געוווּסט. אָבער ס'איז שוין געווען אַ תפיסה און איך האָב געפילט, אַז איך וועל ניט אַזוי גרינג קאָנען אַרויס פון דער געפענגעניש.

אין מייַן שטוב זענען מיר ביידע אַ ווייַלע געבליבן שטום. איך האָב אים געפרעגט, צי ער וויל עפּעס איבערכאַפּן. ער האָט געזאָגט, אַדרבה, פאַר וואָס ניט. איך בין אַוועק אין דער קיך.

„מעג איך אַרויפלייגן אַ פּלאַטינקע ? איך זע, איר זענט רייַך מיט מוזיק"... רופט ער זיך אָן צו מיר און איך ענטפער פון דער קיך, אַז יאָ, זאָל ער אויסקלייַבן, וואָס ער וויל. באַלד דערהער איך דעביוסיס בריליאַנטענע, פייַן געוועבטע דיכטונג „נאָכמיטאָג פון אַ פאַון". עראָטישע, לייַכטע, רופנדיקע קלאַנגען. איך זאָג אים, אַז איך האָב די קאָמפּאָזיציע זייער ליב.

די טענער פליסן ווי אַ וואַסערל פון אַ באַרג־אַראָפּ און פילן אָן די שטילקייט פון מייַן וווינונג מיט יענער שטימונג, וואָס האָט באַהערשט אונדז ביידן בעת מיר זענען נאָך געווען אין דער סאַבוויי.

וואָס זאָל איך דיר אַ סך דערציילן? יענעם נאָכמיטאָג בין איך באַלד, באַלד געוואָרן זײַנע.

אַט ליגן מירביידע, שולדיקע, אומעטיקע, צעמישטע און ער נעמט מיך אַרום מיט זײַן אָרעם. די דרינגלעכקייט און וואַרעמקייט פון פריִער איז שוין ניטאָ אין זײַן אַרומנעמען. ס'איז איצט קאַלט און טרויעריק צווישן אונדז. מען רעדט ניט. ס'איז טונקל אין שטוב. איך זע זײַנע רויטע האָר, זיי לויכטן אַפילו אין דער טונקלקייט. עס גלוסט זיך מיר זיי אָנרירן, אַ גלעט טאָן, ניט אויפהערן... ניט אַזוי שטורמיש, ווי מיט מאָמענטן צוריק, אומקערן כאָטש עפּעס פון יענער אומשולד מיט וועלכער אונדזער הײַנט האָט זיך אָנגע־הויבן. אָבער איך ליג ווי געליימט אין זײַנע מידע, קאַלטע אָרעמס און זאָג גאָרניט. ווי וואָלקנס ציִען שווערע, אומעטיקע מחשבות דורך מײַן קאָפּ: וואָס וועט איצט זײַן מיט מיר, מיט אונדז ביידן? וואָס באַדײַט דאָס אַלץ? האָב איך זיך דען פאַרליבט אין דעם רויטהאָריקן טײַוול אָדער ס'איז די שולד פון מײַן איינזאַמקייט? אַט ליגט ער דאָ, אין דער בעט פון מײַן מאַן, געזעטיקט, מיד, צו־פרידן מיט זיך און מיט דער וועלט, אַ געזונטער פאַון, אַ לעבע־דיקער — אין דעם בעט פון אַ טויטן. און וואָס פיל איך? ווער בין איך. בין איך נאָר אַלץ אַ קילע, באַלעבאַטישע פרוי, וואָס האָט אַ גאַנצן לעבן לאַנג, פעסט געגלייבט אין זיך, אין איר אינערלעכן כוח, אין איר ריינקייט, ווערדע, ווײַבלעכן שטאָלץ, אומבאַרירטקייט און קודם־כּל, וואָס האָט אַזוי לאַנג געלעבט מיט אַ מאַן, וואָס זי האָט געליבט אָן סוף... בין איך נאָר אַלץ די וואָס האָט געגלייבט אין זיך, אָדער האָב איך אָפּגעלעבט אַ האַלבן לעבן פאַרנעפּלט, אין אַ ליגן? און דאָס וואָס איך בין טאַקע באמת, דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ערשט הײַנט, דעם נאָכמיטאָג...

געדענקסט בײַ טאָלסטאָי, אַננאַ קאַרענינאַ? בשעת זי איז שוין געלעגן אונטער די רעדער, שוין גאָר־גאָר נאָענט צו איר טויט, האָט זי געזען אין אַ פלאַקערנדיקער ליכט איר גאַנצן לעבן פאַר־בײַציִען אין איין סעקונדע פאַר אירע זיך פאַרלעשנדיקע אויגן. אַט

אַזוי האָב איך אויך דורכגעלעבט אין איינציקע קורצע מינוטן, ליגנדיק לעבן דעם פרעמדן, מײַן גאַנצן לעבן, מײַן אַמאָל, און מײַן שרעקלעכע, קאָשמאַרנע קעגנוואַרט, און אַפילו געזען, ווי אויף אַ בינע — מײַן צוקונפט: אַ פרוי וואָס האָט שוין עפּעס צו באַהאַלטן פון דער וועלט. עפּעס וואָס שמעקט מיט זינד, מיט בושה, מיט גניבה, מיט אומריינע סודות, אַלץ האָב איך דורכגעטראַכט אָדער דורכגעפילט אין יענע שרעקלעכע אַפּאָקאַליפּטישע מינוטן. איך האָב אַפילו געפּרוּווט זיך פאָרשטעלן זײַן געפיל און וואָס ער טראַכט וועגן מיר, וועגן אונדז ביידן, וועגן דעם וואָס וועט פון הײַנט אָן זײַן אונדזער געמיינזאַמע, שולדיקע צוקונפט.

וועגן אַלץ האָב איך געטראַכט מיט האַרצקלאַפּעניש און מיט אַ מאָדנעם, נײַעם, שאַרפן ווייטיק. דער טויט פון מײַן מאַן איז געווען דאָס שרעקלעכסטע וואָס האָט געקאָנט טרעפן מיט מיר. אָבער... ס'איז געווען אַ בכבודיקער, נאָרמאַלער, נאַטירלעכער ווייטיק. קאַלטע טרערן האָבן זיך געקײַקלט פון מײַנע פאַרשלאָסענע אויגן.

איך בין מן־הסתם ניט די ערשטע און ניט די לעצטע, וואָס מאַכט דורך דעם קאָשמאַר פון ליגן לעבן אַ פרעמדן, אָנגעזעטיקטן, מידן מאַן, וועלכן זי האָט מיט עטלעכע שעהען צוריק קוים־קוים געקענט... וועגן אַלגאַן האָב איך ניט געטראַכט. איר בלאָס פּנים איז מיר ניט געקומען אויפן געדאַנק. זי איז געווען ערגעץ גאָר ווײַט, ווײַט פון אונדזער סדום ועמורה. געזעסן מן־הסתם, אין דער זעלבער צײַט, אין איר אַלטמאָדישן סאַלאָן, מיט די פּלושענע מעבל, געטרונקען טיי פון אַ צאַרטער פּאָרצעלײַענער שאָל און ניט געוווּסט ווו עס געפינט זיך איר מאַן. זיך געפילט זיכער און וואַרעם.

„איך האָב ניט באַמערקט פריִער, אַז דו ביסט אַזוי שיין, זאָגט ער שטיל און רירט אָן מײַן האַלדז. דו ביסט וווּנדערלעך שיין, עס פאַרכאַפּט אַזש דעם אָטעם...״ און ער בייגט זיך אָן צו מיר. איך דערפיל ווידער זײַן פײַערדיקן גוואַלטיקן כּוח איבער מיר... שפּע־

טער, בײַם אַוועקגיין, בין איך געשטאַנען אין מײַן קאָרידאָר אַ דערהרגעטע, אַ שטומע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָב צוגעקוקט ווי ער טוט אָן דעם מאַנטל, ווי ער בלײַבט אַלע מאָל שטיין און ווייסט ניט וואָס צו זאָגן, ווייס ניט ווי אַזוי צו פאַרענדיקן דאָס, וואָס ער האָט דאָ אָנגעהויבן...

„ביסט ברוגז אויף מיר? זאָג מיר, ביסט ברוגז? איך האָב אַנדערש ניט געקאָנט. איך האָב קיין מאָל אין לעבן ניט געהאָט אין זיך די מאַכט צו קעמפן קעגן שיינקייט. שטענדיק פאַל איך אַרונטער אַ געטראָפענער, ווען איך דערזע שיינקייט. פרויען, פרויען זענען מײַן פאַל. אָדם הראשון און חוה, ווייסט וואָס איך בין אויסן? זײַ ניט בייז, ליבע, זיי מיר מוחל, האָ?"

„אַלע שיינע פרויען, אַלע???" הער איך זיך אַליין אים פרעגן און איך ווייס, אַז איך פיל גאָרניט דערבײַ, אַז איך שפיל נאָר די „אייפערזיכטיקע", אָבער אין דער אמתן רירט זיך גאָרניט אין מיר; עס הערשט פינצטערניש און פּײַן אין מײַן האַרצן און מער גאָרניט. דאָס שפּיל גייט ווײַטער: ער לאַכט און ענטפערט מיט יענער באַזונדערער פרייִלעכקייט אין זײַן שטים, מיט וועלכער ער רעדט געוויינטלעך מיט פרויען.

„נו, שוין אויסגעטראַכט אויף מיר. פון אַ וואָרט געמאַכט אַ גאַנצע טעאָריע. נײַן, זיסע, נײַן, ניט אַלע פרויען. יעדע באַזונ־דער, און דו ביסט טאַקע גאָר־גאָר באַזונדערש..."

„באַזונדערש, ווײַל איך בין הײַנט, איצט, דאָ?"

וואָס פרעג איך אים? וואָס דערוואַרט איך פון אים? די אייביקע, זאַטע, זיסע ליגנס, יענע ליגנס וואָס קומען פאַסט פאַקטום און קיינער גלייבט ניט אין זיי און אַלע באַנוצן זיך מיט זיי... איך האָב אים געלאָזט אַוועקגיין פון מיר און האָב אים אַפילו ניט געפרעגט, צי ער וועט ווידער קומען. איך האָב אַליין ניט קלאָר געוווּסט, צי איך וויל, אַז ער זאָל קומען... ס'האָט אין מיר נאָך דעמאָלט ניט דערוואַכט יענער פײַער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַזאַ שרעקלעכער טייל פון מײַן גאַנצן זײַן.

נאָך זײַן אַוועקגיין האָב איך זיך דערפילט פרײַ. פאַר וואָס זשע איז דאָס אַלץ פאַרגעקומען? גאַנצע נעכט ליג איך און טראַכט און טראַכט און וויל באַקלערן יענעם נאָכמיטאָג: איך האָב אים ניט געוואָלט. זײַן ערשטער אויפפלאַם האָט מיך געלאָזט אַ פרעמדע, קאַלטע לעבן אים. אָבער איך האָב דאָך שוין געוווּסט פאַרנדיק מיט אים צו מיר, אַז דאָס וועט זײַן דער סוף פונעם נאָכמיטאָג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי שיין, אַזוי ריין און ציכטיק? הייסט עס, אַז איך האָב דאָס פאַרט געוואָלט? יאָ און ניין, טײַערע פרײַנדינע מײַנע — יאָ און ניין: ניט געוואָלט, ווײַל איך האָב נאָך דעמאָלט ניט געענטפערט אויף זײַן דרינגלעכן רוף; ניט געוואָלט, ווײַל אין מיר האָט נאָך געלעבט יענע ווערדע, ווי עס האָט זיך מיר דעמאָלט געדאַכט. ניט געוואָלט, ווײַל ער איז אַלץ נאָך געווען אַ פרעמדער פאַר מיר... אָבער יאָ געוואָלט, ווײַל איך האָב זיך געשראָקן פאַר דעם מאָמענט, ווען ער וועט אַוועקגיין פון מיר און מיך איבערלאָזן ווידער אַליין. אַליין אויף דער גאַנצער וועלט. די ווונדערלעכע שעהען אין זײַן שטוב, מיט אָלגאַן, אין דער וואַרעמקייט פון זייער פרײַנדלעכער היים, האָבן מיך, ווי קורץ זיי זענען ניט געווען, שוין „אָפּגעוווינט" פון זײַן אַליין. אין יענע קורצע שעהען האָב איך זיך אַזוי אינטים צוגעטוליעט צו זיי, אַז ס'איז געוואָרן פאַר מיר אוממעגלעך צו בלײַבן ווידער אַליין. איך האָב אים פאַרבעטן אַרויף צו מיר און דאַן אויפגענומען די שרעקלעכע קאָנסעקווענצן, אַבי ניט בלײַבן אַליין...

ליגנדיק אין דעם הייסן, צעוואַליעטן, פאַראומרייניקטן בעט מײַנעם, האָב איך געטראַכט וועגן דעם, אַז עס קאָן זייער גוט זײַן, אַז איך וועל זיך צובינדן צו אים... ניט מיט ליבע... די ליבע איז געשטאָרבן מיט מײַן מאַן צוזאַמען. ניין, ניט מיט ליבע, נאָר צוליב איינזאַמקייט: זײַן מיט אים, אים זען, ליגן אין בעט מיט אים. איך האָב דעמאָלט דערזען, ווי אין אַ שפּיגל — זיך און אים און אונדזער גאַנצע קאָמפּליצירטע, ליגנערישע צוקונפט. אָבער, מאָדנע: פון אָלגאַן און פון דעם, ווי אַזוי זי וועט רעאַגירן אַז זי

וועט זיך דערוויסן אָדער וועט דערפילן מיט דעם אינסטינקט פון אַ פרוי וואָס ליבט איר מאַן... פון דעם האָב איך אין יענע מאָמענטן ניט געקלערט. איך האָב פאַרטריבן יעדער געדאַנק פון איר. צו שוואַרץ די נאַכט, צו ליכטיק דער טאָג פאַר אַזאַ שולד. מײַן גיהנום האָט זיך אָנגעהויבן אין יענער נאַכט. חדשים זענען פאַרבײַ זינט דעמאָלט. ער קומט זעלטן, אָבער ער קומט. געוויינטלעך אין אַ נאָכמיטאָג, דעמאָלט ווען אָלגאַ מיינט אַז ער איז בײַ דער אַרבעט. אין מיטן דער וואָך, ניט יום־טובדיק, ניט פרײַ, נאָר בגניבה, שטיל און פאַרבאָרגן טרעפן מיר זיך. אַ מאָל אויך אין אַ קאַפע. אָבער עפטער קומט ער צו מיר אַהיים. און ווי באַלד ער איז דאָ, ליגן מיר שוין אין די בעטן.

ס'איז ניטאָ פון וואָס אַ סך צו רעדן. מיר ביידע ווייסן, וואָס מיר ווייסן. מיר ווייסן, אַז עס מוז זיך ענדיקן. אַז עס קאָן אַזוי ניט גיין ווײַטער. אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט די וועלט, מיט וועלכער מיר ביידע רעכענען זיך, זיך דערוויסן פון אונדזער שאַנדע. יאָ, שאַנדע, ווײַל מיר ביידע פילן אַ שטומע שאַנדע. אַלע אונדזערע געמיינזאַמע אינטערעסן זענען אַנטשוווּנדן געוואָרן, זיך באַהאַלטן אונטער דער שוואַרצער כימערע, וואָס האָט אונדז ביידן אַרומגענומען. כאָטש איך האָב אין די חדשים קיין מאָל ניט איבערגערעדט מיט אים וועגן אונדזער לאַגע, ווייס איך גאַנץ גענוי, אַז כאָטש איך בין בפירוש ניט די ערשטע און ניט די לעצטע אין זײַן לעבן, אין דעם געהיימען פאַנישן לעבן זײַנעם, אין וועלכן אָלגאַ ווערט ניט באַרירט — כאָטש איך ווייס, אַז ער האָט קיין מאָל קיין חרטה ניט געהאַט, ווייס איך אַז עס פּלאָגט אים אי אַ שווער געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט לגבי מיר, אי אַ געפיל פון שולד. מיט איין וואָרט: איך האָב דעם טרויעריקן באַוווּסטזײַן צו זײַן אַן „אויסנאַם" בײַ אים, ניט „ווי אַלע"... ער האָט חרטה, וואָס ער האָט אָנגעהויבן גראַד מיט מיר. מיט אַ הילפלאָזער אַלמנה, אַזוי צו זאָגן. און דווקא מיט דער אַלמנה פון זײַן מײַסטער. מיט אַ פײַנער פרוי, וועלכע האָט אַזוינס ניט דערוואַרט ניט פון זיך אַליין

און אויך ניט פון אַ חבר, וועלכער האָט זי געקענט אַ סך שיינע, זויבערע, באַלעבאַטישע יאָרן.

ניין, איך בין ניט פּאַר אים אַ פרייַלעכע אַוואַנטורע: אים באַשוועערט זײַן געוויסן, זײַן נאַטירלעכע גוטסקייט לאָזט אים ניט צו רו וועגן מיר. פון איין זײַט ציט עס אים צו קומען — ער האָט זיך פאַרליבט אין מײַן גוף, אין מײַן פּרוויִשער שיינקייט און האָט זיך דערווײַל נאָך ניט אָנגעזעטיקט מיט דעם. פון דער אַנדערער זײַט, פילט ער זיך מער שולדיק, ערגער ווי בײַ אַנדערע. איך פיל, אַז אויך קעגן אַלגאַן פילט ער זיך אין דעם דאָזיקן פאַל שולדיקער ווי פריִער ווען דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט אַנדערע: איך בין דאָך איינע פון זיי, אַ טייל אויך פון אַלגאַס קליין, אינטים וועל-טעלע. איך האָב געלעבט ווי זי, געגאַנגען צו די זעלבע קאָנ-צערטן, פּאַרטראַגן, טעאַטערס, זיך מיט איר תּמיד געטראָפן אי בײַ אונדז, אי בײַ זיי, אי בײַ אַנדערע. די זעלבע זיטן, די זעלבע געוווינהייטן... אַז ער קוקט אויף מיר, זעט ער אַלגאַן.

קיין מאָל באַרירן מיר זי ניט אין אונדזערע קאַרגע, זעלטענע געשפּרעכן. עס הערשט בכלל אַ מין שטומקייט צווישן אונדז.ביידע זענען מיר טראַכטנדיקע מענטשן, אינטעליגענטן. פונדעסט-וועגן אָבער גייען מיר תּיכּף אַרײַן אין בעט מיט חיהשן אימפּעט. דערפאַר ווײַל דער חשק ווערט אַלץ גרעסער און ברענענדיקער, רעדן מיר ניט... ווײַל טאָמער רעדן, וואָלט מען געמוזט רעדן וועגן דעם, וואָס עס וועט זײַן דער סוף מיט אונדז? און פאַר דעם האָבן מיר ביידע מורא און יעדער צוליב אַנדערע סיבות: איך — וויל ניט בלײַבן ווידער אַליין; ער — ווײַל ער וויל מיך און ווײַל ניט אַזוי גרינג וועט דער סאַטיר אין אים אויפגעבן דאָס וואָס ער האָט באַזיגט און וואָס ליגט שטענדיק גרייט פאַר זײַנע אָרעמס...

צוויי פאַרשיידענע שטימונגען, צוויי פאַרשיידענע, פרעמדע מענטשן, אָבער אַ ווינטערדיקער נאָכמיטאָג האָט זיי צוזאַמענ-גענומען, און אָט ליגן זיי, שולדיקע, ברענענדיקע, פאַרלוירענע...

פרײַנד מײַנער, אין נאָמען פון אונדזערע געמיינזאַמע קינדער-

יאָרן, ווען מירביידע זײַנען נאָך געווען פאַרחלומטע מיידלער, וואָס האָבן געטרוימט פון ראַטעווען די וועלט, אויפבויען ארץ־ישׂראל, פאָרן אין דער וועלט אַרײַן און היילן די ווונדן פון דער גאַנצער מענטשהייט, אין נאָמען פון אונדזער ריינער, מיידלשער קעגנזײַטיקער ליבע, פון דעם וואָס דו האָסט אַ מאָל ליב געהאַט אין מיר, דעמאָלט ווען מיר ביידע האָבן נאָך געפלאָכטן צעפּעלער און זײַ געמאָסטן, וועמענס איז לענגער; אין נאָמען פון אונדזער פרײַנדשאַפט — וואַרף מיך איצט ניט אַוועק, נאָך דעם ווען דו וועסט איבערלייענען מײַן „וידוי״. איך בעט דיך, בלײַב מיט מיר. לאָז מיך ניט איבער. זײַ ווײַטער מײַן פרײַנד. דו ביסט איצט די איינציקע אַחוץ מיר און אים, וועלכע ווייסט פון אונדזער סוד. בײַ דיר בעט איך זיך רחמים. בײַ דיר וואַרט איך אויף פאַרגעבונג. איך וועל שליסן מײַן הײַנטיקן עפּאָס מיט אָט דעם טאָן, ווײַל איך קען זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס פון מיר וואָלט געוואָרן, טאָמער איך וואָלט דיך אויך פאַרלאָרן! אין מײַן פאַר־צווייפלונג בעט איך דיך, טאָמער ווילסטו, אַז איך זאָל לעבן בלײַבן — שרײַב מיר תּיכּף־ומיד, אַזוי באַלד ווי דער שולדיקער, ברענענ־דיקער בריוו מײַנער וועט נאָר זײַן אין דײַנע גוטע הענט. שרײַב מיר כּדי איך זאָל זען, אַז דו פאַרלאָזסט מיך ניט, אַז דו בלײַבסט אויך אויף ווײַטער: מײַן טײַערער פרײַנד.

איך קוש דיך.

עפּילאָג

מײַן בריוו ליגט פאַר מיר שוין לאַנג אַן אָנגעהויבענער און, פּשוט, ניטאָ קיין כּוח זיך אַוועקזעצן און ווײַטער דערציילן. אַ דאַנק דיר פרײַנד, געטרײַע, פאַר דעם וואָס דו האָסט דעמאָלט, מיט חדשים צוריק, אַזוי גיך געענטפערט אויף מײַן שרעקלעכן בריוו. און אַ דאַנק פאַר דעם, וואָס דו וואַרפסט מיך ניט אַוועק, נאָך

טרייסט מיך מיט גוטע, וואַרעמע ווערטער. געוויס בין איך ניט די איינציקע מיט וועמען אַזוינס האָט פּאַסירט. אָבער איך לעב דאָך אין מײַן אייגענעם גיהנום און ניט אין יענעמס. יעדער פּאַר־שוין איז פאַר זיך אַ באַזונדערע וועלט און זי שטאַרבט מיט אים צוזאַמען.

דעם דריטן בריוו מײַנעם האָב איך, ווי דו זעסט, אָנגערופן עפּילאָג, אָבער דאָס איז נאָר דער אָנהייב פון דעם סוף, אַ פּראָלאָג צו דעם עפּילאָג. איך הער און זע שוין איבער מיר די אַפּאָקאַ־ליפּטישע פערד. באַלד, באַלד, וועלן זיי מיך דערגרייכן און איך וועל צעקוועטשט ווערן אונטער זייערע אומבאַרעמהאַרציקע פּאָד־קעוועס. ס׳קומט מיר?... מסכּים. אָבער גרינגער ווערט מיר ניט דערפון.

לאַנגזאַם־לאַנגזאַם, וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער, האָט זיך צעבערענט אין מיר דאָס נײַע עראָטישע פײַער. ניט לאַנג האָט געדויערט מײַן אומאָפּהענגיקייט, זייער גיך האָב איך דערפילט די קייטן. אין טעג, ווען ער פלעגט ניט קומען, האָט אין מיר געבערענט אַ חשק, אַ שרעקלעכע בענקשאַפט נאָך זײַן באַריר, נאָך זײַן אַרומנעמען מיר, נאָך זײַן לײַדנשאַפטלעכן, הייסן אָטעם איבער מיר... אַזוי האָב איך פאַרלוירן מײַן פרײַהייט...

ס׳איז איצט שוין בײַ מיר ניט די מורא פאַר בלײַבן אַליין. ס׳איז שוין מער ווי דאָס: ס׳איז מײַן געפיל צו אים. ווי אַזוי זאָל איך דיר אָנרופן דאָס געפיל? ליבע? וואַרטן מיט אומגעדולד, אַז ער זאָל שוין קומען, אָדער פילן אַז דאָס האַרץ צערײַסט זיך פאַר בענקשאַפט, ווען ער קומט ניט; הערן זײַן שטים אין טעלעפאָן און דערפילן, אַז די שטוב הייבט אָן צו שווימען פאַר מײַנע ברע־נענדיקע אויגן; ליגן לעבן אים און וויסן אַז ערשט איצט, אַזוי שפּעט אין מײַן לעבן, האָב איך דערקענט אַ מאַן — דאָס געפיל פון באַנײַטער עראָטיק, און גלײַכצײַטיק דאָס טאָטאַלע פעלן פון בושה — דאָס אַלץ הייסט ליבע? — אויב אַזוי, האָב איך ליב צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן? מיט מײַן מאַן איז אַלץ געווען

אזוי רויִק, געגאַנגען אַ פאַרגעשריבענעם גאַנג פון אַ דערלויבטער, באַלעבאַטישער געבענטשטער ליבע. אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער תּורה.

אָבער דאָ, מיט גרישאָן... אַלץ שמעקט מיט זינד, אַלץ איז פאַרבאָטן, איז געגנבעט, בסוד־סודות... אַ נאַקטורנאָ אין מיטן העלן טאָג.

דאָס גלעזעלע טיי בײַ זיי אין שטוב איז געוואָרן אַ מין נײַע טראַדיציע זינט יענעם טאָג, ווען איך האָב זיך פאַרבלאָנדזשעט צו זיי. אָלגאַ רופט מיר אָן און פאַרבעט מיך צו קומען: „ווי דעמאָלט, גאַנץ פּשוט, אויף אַ גלעזעלע טיי און אויף אַ שמועס". חדשים לאַנג נאָך דעם וואָס איר מאַן און איך זענען געוואָרן דאָס וואָס מיר זענען הײַנט — איז איר שטים אין טעלעפאָן די זעלבע ווייכע, זיסע, פרײַנטלעכע, ווי אַ מאָל. גאָרניט ווײַזט ניט דערויף, אַז זי ווייסט. אָט זיץ איך אין איינעם אַזאַ נאָכמיטאָג אויף דעם פּלושענעם שטול, טרינק טיי און וואַרט... ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט זיך „אַרײַנכאַפּן" פון דער אַרבעט. איך רעד מיט אָלגאָן, אָבער מײַנע אויגן, אַלע מײַנע געדאַנקען זענען צוגעשפּיצט צו דער טיר. אַז איך דערהער אים אין דעם פּאַרצימער, ווער איך ממש דערציטערט. אָבער איך מוז מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך בין פונקט אַזוי איבערראַשט מיט זײַן קומען, ווי זי. און דאַן הייבט זיך אָן אַ סצענע, וועלכע חזרט זיך אַלע מאָל איבער: מיר זיצן זאַלבע דריט אַרום דעם טיש, ממש אַן אידיליע, אָבער איך פּיל די שפּאַנונג צווישן אים און מיר און עס וווּנדערט מיך ווי אַזוי זי דערפּילט עס ניט אויך. אָבער זי פּילט גאָרניט. זי זיצט אויף איר ליבלינגשטול און שווײַגט, שמייכלט ווייך, צופרידן מיט זיך, מיט אים, מיט מיר, מיטן טיי, מיט די פּליושענע מעבל און גאָרנישט שטערט זי, גאָרנישט פּלאָגט זי. אָבער מיר ביידע... ער קוקט קיין איינציק מאָל ניט צו מיר און אין מיר צעפּלאַמט זיך אַ מין אייפערזוכט, אַ מין שׂינאה, וואָס האָט ניט קיין באַרעכטיקונג און וועלכע איך אַליין פאַרשטיי ניט. וואָס ווילט זיך מיר? פאַר וואָס

קלאַפּט מײַן האַרץ אַזוי ווילד? וואָס וויל איך, אַז ער זאָל חלילה אויסגעבן פֿאַר איר אונדזער שרעקלעכן סוד. כאָטש איך ווייס געננוי, אַז זײַן דיסקרעטע, רויִקע האַלטונג איז פּונקט דאָס וואָס מען דאַרף טון, הייב איך אָן צו איגנאָרירן די סכּנה... איך ווייס, אַז איך טרעט אויף דינעם, דינעם אײַז; אָבער איך קען זיך שוין באַלד ניט מער קאָנטראָלירן.

„גרישאַ, זאָג איך און קוק פּראָוואָקאַטאָריש אויף אים, גרישאַ — זאָגט מיר, האָט איר אַ מאָל אין אײַער גאַנצן לעבן געליבט אַן אַנדער פרוי, חוץ אַלגאַן?"

ער ווערט ממש פאַרשטאַרט. אַלגאַ אָבער לאַכט, שאָקלט פריילעך מיטן קאָפּ פון איין זײַט צו דער צווייטער און ענטפערט פאַר אים:

„בוודאי האָט ער געליבט אויך אַנדערע... איך בין בײַ אים ניט די ערשטע און, דאַכט מיר, אויך ניט די לעצטע, הא, מאַנספאַר־שוין מײַנער?"

קיין מאָל האָב איך זי פריִער ניט געזען אַזוי פריילעך, אַזוי קאָקעטיש מיט אים. איך האָב לאַנגזאַם־לאַנגזאַם צוריקגעשטעלט די אַטמאָספער פון שפּיל, פון קוים באַמערקטן עראָס אין אונדזער געשפּרעך.

איך קוק אויף אים מיט אַ פײַער אין מײַנע אויגן. ער זעט דאָס פײַער און ווערט אויך ממש דערציטערט. קוים גייט אַלגאַ אַרויס אויף אַ מאָמענט, שעפּטשעט ער מיט אַ ווילדן אויסדרוק אויף זײַן איבערגעשראָקענעם פּנים:

„ביסטו אַראָפּ פון זינען? וואָס הייבסטו אָן אַזעלכע געשפּרע־כן? וואָס גלוסט זיך דיר, אַרויסרופן אַ קאַטאַסטראָפע? ווילסט, אַז זי זאָל זיך דערוויסן, האַ?"

איך ווייס אַליין ניט וואָס איך וויל.

איך ווייס נאָר, אַז איר איז גוט און מיר איז שלעכט. איך ווייס, אַז מיט מיר אין בעט ברענט ער מיט לײַדנשאַפט; איך

ווייס, ווייס אויך, אַז מיט איר איז ער רויִק און געמיטלעך און אַז זײַן ליבע פאַר איר איז שוין לאַנג, לאַנג נאָר אַ וואַרעמע געוווינ־הייט און קיין פלאַמען ברעכן ניט אויס פון אים, אַז ער ליגט לעבן איר... פאַר וואָס זשע בין איך איר מקנא? פאַר וואָס זשע רופט זי אין מיר אַרויס אַ גאַנצע כוואַליע פון ביטערקייט און אייפער־זוכט???

אָט פאַר וואָס: איין מאָל, בשעת איך האָב געהאַלטן בײַם אַוועקגיין, זענען זיי ביידע געשטאַנען (העפלער און פרײַנדלער — זי, אומגעדולדיק און נערוועז — ער) אין זייער פאָרצימער און געוואַרט, אַז איך זאָל זיך אָנטאָן און אַרויסגיין. פּלוצעם דערזעט ער אַ ווײַסן פאָדעם אויף אירע פּלייצעס און נעמט דעם פאָדעם אַראָפּ מיט צוגעשפּיצטע פינגער; ער גיט אַ בלאָז און דער פאָדעם גליטשט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ אויף דער ערד. אַלגאַ באַמערקט ניט זײַן באַוועגונג. זי גיט נאָר אַ צי מיט דער באַרירטער פּלייצע און איז ממשיך איר געשפּרעך מיט מיר. אָט אין דעם מאָמענט האָב איך מיט שאַרפקייט און קלאָרקייט דערפילט, ווי קיין מאָל ניט פאַר דעם, אַז ער איז אירער און אַז זי איז זײַנע און אַז זי ווייסט דאָס און אַז ער ווייסט דאָס ניט. אָבער אין דעם מאָמענט, ווען דער אומבאַדײַטנדיקער, היימישער זשעסט זײַנער האָט מיר נאָך איין מאָל באַוויזן, ווי נאַטירלעך ס'איז פאַר זיי די באַרירונג, אַז מען דאַרף אַפילו ניט פאַרלירן אויף דעם קיין געדאַנק, אין יענעם מערקווערדיק קלאָרן און ביטערן מאָמענט האָב איך געוווּסט, אַז ער געהערט איר און איז קיין מאָל מיינער ניט געווען און וועט קיין מאָל ניט זײַן.

אין יענע פינצטערע, פאַרשעמטע שעהען, ווען מיר ביידע ליגן איינער לעבן דעם אַנדערן — דאַכט זיך מיר אָפט מאָל אויס, אַז ער געהערט מיר. קענען דען צוויי מענטשן זײַן נענטער, ווי גוף לעבן גוף? אָבער דאָס איז נאָר אַ רגע. איך ווייס אַז איך וואָלט אַוועקגעגעבן מײַן לעבן, צו האָבן אַזאַ היימישן, טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט מיט אַ מאַן, כאָטש איין מאָל אין מײַן לעבן,

ווי זי, ווען איר מאַן האָט אַראָפּגענומען אַ פּאָדעם פון איר פּלייצע.

איך ווייס ניט, פריינדינע מיינע, צי דו פאַרשטייסט וואָס איך בין אויסן דיר צו זאָגן. די אין מיליאָנען ביכער באַזונגענע „איינקייט" צווישן מאַן און פרוי — וואָס איז דאָס? אַ איין קליינעם אויגנבליק אין זייער טונקעלן קאָרידאָר בין איך אויף אַ מאָמענט געווען אַן עדות פון אַזאַ „איינקייט". איך וואָלט מיט גאָרנישט געקאָנט באַשטעטיקן מיין אַנטדעקונג, איך וואָלט אַפילו ניט געקאָנט דעפינירן אין וואָס עס באַשטייט יענע „איינקייט". איך ווייס נאָר, אַז טאָמער וואָלט דער זעלבער מאַן דאָס געטאָן ביי מיר... ווען ער רופט אָן זיין „געליבטע" (קומט ניט דאָס וואָרט „געליבטע" פונעם וואָרט „ליב האָבן"?), מיט וועלכער ער איבערלעבט מאָמענטן פון עקסטאַז, ווי אַזוי וואָלט איך רעאַגירט? איך וואָלט אַ שמייכל געגעבן צו אים, געקוקט אויף אים מיט אַ קאָקעטישן, פאַלשן דאַנק, וואָס וואָלט אים דערמאָנט אין אונדזער סוד, אין אונדזערע נאָכמיטאָגן... יאָ, מיר זענען אויך „איינס", אָבער אונדזער איינהייט איז כימערע, וואָס וועט פאַרבייגיין און פאַרגעסן ווערן, ווען ער וועט אַלץ נאָך זיין אירער, וועט אַלץ נאָך באַמערקן אַפילו אַ פאָדעם אויף אירע פּלייצעס און דעם פאָדעם זאָרגעוודיק אַוועקנעמען מיט זיינע דינע פינגער. און זי וועט ווייטער רעדן צו עמעצן... ווייל ער איז זי און זי איז ער. איינס.

אין יענעם אייגנאַרטיקן מאָמענט האָב איך דעמאָלט דערפילט די גאַנצע שאַרפקייט פון אַ נייעם, גאָר גאָר נייעם ווייטיק. קיין מאָל אין מיין גאַנצן לעבן, אַפילו שטייענדיק פאַר דעם אָפענעם קבר פון מיין מאַן, האָב איך ניט געפילט אַזאַ אַליינקייט, אַזאַ איבעריקייט. איך האָב זיך פּלוצעם געפילט גאַנץ אַליין אויף דער וועלט און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ווען איך פאַל אַנידער אַ טויטע, וואָלט ער דאָס ניט באַמערקט. זיינע אויגן האָבן גראָד דעמאָלט אַזוי אויפמערקזאַם נאָכגעקוקט דאָס לאַנגזאַמע גליטשן זיך פונעם פאָדעם ביז צו דעם דיל.

עס דאַכט זיך מיר, אַז פון יענעם טאָג אָן בין איך געוואָרן אַן אַנדערע. איך בין געוואָרן אַ פרעמדע פאַר זיך אַליין. איך האָב יעדער טאָג אַנטפּלעקט נײַע זאַכן אין מיר. ס'האָט מיך אַרומגענומען עפּעס אַ זעלבסט־איראָניע, אַ ביטערער סאַרקזאַם קעגן זיך אַליין און קעגן דער גאַנצער וועלט. איך האָב פּלוצעם אָנגענומען אַ נײַעם טאָן — רעדנדיק צו גרישאַן. גערעדט צו אים מיט אַ בייזן, שאַרפן, כּמעט טײַוולשן שמייכל אין מײַן שטים. ער האָט דאָס גאָר ניט באַמערקט. זײַן געוויסן, דאָס געוויסן פון אַ פאַון, נאָבעלן מענטש, וואָס איז ברוגז אויף דעם „מאַנספּאַרשוין" אין זיך, האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן און אים צו מוטשען מיט ווייטיקלעכע פאַרווורפן, וועלכע איך האָב געקאָנט קלאָר אַרויסהערן פון יעדער וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגערעדט. ער איז זיך אַליין געווען פרעמד, אָבער ניט מיר. עטלעכע מאָל, אַז איך האָב „דערפילט" חרטה און יענעם אינערלעכן צווייפל אין דעם וואָס מיר ביידע טוען, האָב איך געמאַכט שאַרפע, שנײַדנדיקע באַמערקונגען. ער האָט אויף מיר געקוקט מיט אויגן פון פּײַן, ווי אַ פאַרווונדעטע חיה.

„דו קומסט צו מיר אַ שטומער, וואַרפסט זיך אַרויף אויף מיר און גייסט אַוועק אַ שטומער און דאָס גאַנצע רופט מען אָן... זאָג דו מיר, איך בעט דיך, וואָס איז דער נאָמען פאַר אונדז ביידע? וואָס זענען מיר ביידע איינער פאַר דעם אַנדערן?"

„איך ווייס ניט, באמת — איך ווייס ניט. איך ווייס נאָר איינס: מײַן גאַנץ לעבן האָבן מיך פרויען געלאָקט. איך האָב קיין מאָל ניט געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן דעם כּוח, וואָס ציט מיך צו זיי. איך לײַד דערפון אַליין, איך פאַרליר דעם דרך־ארץ צו זיך אַליין. איך האָב זיי צו פיל ליב, איך וויל ניט זיי זאָלן לײַדן ווי איך, טון זיי שלעכטס, אָבער אין דער זעלבער צײַט קען איך זיך פון זיי ניט אָפּזאָגן: אַז איך דערזע אַ פרוי, למשל, ווי דו, אַ שיינקייט און אַ זיסקייט פון אַ פרוי, ווער איך ממש פאַרכּישופט, און איך רו ניט, ביז וואַנען זי ווערט ניט מײַנע"... ער רעדט און דאַן נעמט ער

מיך אַרום, און זײַן פּנים איז דערבײַ אַזוי חנעוודיק, אַזוי אומשול־דיק־שולדיק, אַז עס ווערט מיר אַזש אומעטיק אויפֿן האַרצן, מיט אַ מאָדנעם, ריינעם רחמנות... און עס טוט מיר שוין באַנג, וואָס איך מוטשע אים אַזוי מיט מײַנע נוצלאָזע ביטערע באַמערקונגען.

כאָטש ניו־יאָרק איז די גרעסטע שטאָט אויף דער גאַנצער וועלט און כאָטש איך האָב אַלע מײַנע יאָרן נאָך כּמעט קיין מאָל ניט געטראָפֿן אַ באַקענט פּנים אויף די גאַסן, כאָטש אין די ערשטע חדשים פֿון מײַן אַלמנהשאַפֿט פֿלעג איך אַרויסלויפֿן פֿון מײַנע פֿיר ווענט און זיך בעטן בײַ גאָט צו טרעפֿן עמעצן פֿון מײַנע באַקאַנטע ערגעץ ווו אויף אַ גאַס — און עס האָט זיך דאָס קיין איינציקן מאָל ניט פֿאַרווירקלעכט. איז דאָך אונדזער „זינדיקע" געשיכטע אין אַ טאָג געוואָרן באַקאַנט. אפֿשר האָט אונדז עמעצער פֿון דער „גרופּע" געזען אין איינעם פֿון די קליינע, באַהאַלטענע קאַפֿעען אָדער עמעצער איז געזעסן אין דער זעלבער סאָבוויי, נאָר מירביידע, פֿאַרטיפֿט אין אונדזערע אייגענע געדאַנקען, האָבן דאָס ניט באַמערקט — איך ווייס ניט: אָבער איינס איז זיכער — עטלעכע חדשים שפּעטער איז, ווי וואַסער דורך אַ שוואָם, דורכ־געלאָפֿן אַ נעפּלדיקער קלאַנג וועגן אונדז. ניט ער און ניט איך האָבן קיין דײַטלעכן סימן ניט באַמערקט, אָבער אי ער, אי איך האָבן דעם אונטערערדישן קלאַנג, מיט אַ מאָל, ביידע גלײַכצײַטיק, דערפֿילט. לאַנג האָבן מיר דאָס מיט קיין איין און איינציקן וואָרט ניט באַרירט. אָבער איין מאָל...

איך בין אײַנגעלאַדן געוועזן צו אַן אָוונט בײַ פֿרײַנד. זינאַ און הערש זענען געוועזן מײַן מאַנס אַלטע, גוטע חברים, צוויי פּאָעטן: זי אַן „אַבסטראַקטע", ער אַ קלאַסישער ליריקער און ביידע זענען זיי מיר ניט געוועזן סימפּאַטיש. איך האָב געהאַלטן, אַז זיי זענען אַפֿעקטירטע, אומנאַטירלעכע, ניט אויפֿריכטיקע מענ־טשן און האָב ניט געגלייבט אין זייער טאַלאַנט. אָבער מײַן מאַן, מיט זײַן גרויסהאַרציקייט און גוטסקייט, האָט זיי זייער אונטער־געשטיצט אין זייערע אַרבעטן: „טאָמער וועלן מיר אַלע פֿאַרשליסן

אונדזערע אויערן, אויגן און נשמות קעגן אלעמען וואס איז פאר אונדז נײַ, אומבאקענט, פרעמד — וועט די וועלט בלײַבן שטיין, קיין שום פראגרעס וועט ניט פארקומען און א שרעקלעכע סטאג־נאציע וועט ארומנעמען ווי מיט אן אײַזקארע אלץ וואס דארף וואקסן און ווערן אנדערש! טאמער דו פארשטייסט נאך ניט צופעליק דאס נײַע, טארסטו דאס אבער ניט פאראורטיילן, זאגן אז דאס נײַע איז אומזין, איז גארניט, א פלאפלערײַ... אאז״וו״. זײַנע ווערטער האבן מיך, ווי שטענדיק, טיף גערירט מיט זייער ריינקייט, גערעכטיקייט און גרויסקייט. אבער איך האב יענע צוויי אויך ווײַטער ניט ליב געהאט!

צו זיי בין איך דעם זונטיק געגאנגען, זיכער בײַ זיך אז פאר דעם בלאסן, קאלטן טיי, וואס מען דערלאנגט בײַ זיי אלע מאל, וועלן מיר אלע מוזן באצאלן מיט דעם, אז מען וועט מוזן זיצן שטום און אן באוועגונג און זיך צוהערן צו אירע „אבסטראקטע״ פאעמעס און דאן צו זײַנע אלטמאדישע, קלאסישע, לאנגווײַליקע ווערסן...

אבער געגאנגען בין איך דאך, ווײַל איך האב, ערשטנס, געוווסט, אז דארטן וועלן אויך זײַן אלגא מיט גרישאן, און צווייטנס — א זונטאג אליין אין מײַן וווינונג איז פאר מיר געווען נאך פריקרער ווי די פערספעקטיוו זיי צו הערן און טרינקען זייער קאלטן טיי...

מיר זענען, געוויינטלעך, געזעסן דארטן שעהען... גרישא איז קיין איינציק מאל צו מיר ניט צוגעגאנגען, אלגא האט זיך עפעס געפילט ניט אין גאנצן: זי האט זיך ארומגעוויקלט אין א וואלע־נעם שאל, וואס זי האט מיט זיך מיטגעבראכט פון דער היים און געהאלטן דאס נאזטיכל בײַ דער נאז.

„וואס איז אײַך היינט?״ האב איך זי געפרעגט.

„איך ווייס אליין ניט, האט זי מיר געענטפערט, עפעס פאר־קילט״.

איך האָב תּיכּף באַמערקט, אַז הײַנט איז איר טאָן אַנדערש ווי תּמיד. קאַלטער. זי רעדט צו מיר קוים־קוים, זייער שטיל און זייער קורץ. מיר איז געוואָרן ממש קאַלט אויפֿן האַרצן. אַ שרעק האָט אַרומגענומען מײַן גאַנצן גוף. טאַקע דעם גוף, ווײַל מײַנע געדאַנקען זענען אויף אַ ווײַלע ממש פֿאַרפֿרוירן געוואָרן אין מײַן קאָפּ. גרישאַ האָט גאָרניט באַמערקט, דאַכט זיך מיר. ער איז געשטאַנען מיט זײַן גלעזל טיי אין דער האַנט און גערעדט רויִק און גלײַכגילטיק צו איינעם פֿון די געסט.

איך בין געווען אַליין מיט מײַן שרעק.

פֿון דעם מאָמענט האָב איך אָנגעהויבן צו שטודירן די פּנימער אַרום מיר און צו מײַן טיפֿסטער שרעק האָב איך דערזען אין זיי אַזאַ מין קאַלטקייט קעגן מיר, ווי נאָך קיין מאָל ניט. מען האָט מיר קוים־קוים געענטפֿערט אויף מײַנע פֿראַגעס און וואָס מער איך האָב באַמערקט אין זיי די דאָזיקע קאַלטקייט, האָב איך זיך מער און מער געוואָנדן צו זיי מיט פֿראַגעס, מיט קאָנווערסאַציע... און וואָס מער איך האָב זיך באַמיט זיי אַרײַנציען אין אַ געשפּרעך מיט מיר, האָבן זיי מער און מער זיך אָװעקגעדרייט פֿון מיר. צו ערשט האָב איך זיך געוואָלט אַליין אײַנריידן, אַז דאָס איז נאָר מײַנס אַ פֿאַנטאַזיע, אַז עס דוכט זיך מיר נאָר אויס... אָבער דאַן, אַז דער גאַנצער מאַנעוור פֿון מײַנע פֿראַגעס און זייער קאַלט איגנאָרירן מיך, האָט זיך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איבער־געחזרט, האָב איך שוין געוווּסט אָן שום ספֿק, אַז קעגן מיר גייט דאָ אַ שטומע מלחמה. ניט קעגן גרישאַן, נאָר קעגן מיר. מיט אים האָבן זיי אַלע גערעדט און דיסקוטירט, אים געענטפֿערט און געלאַכט צו אים מיט דער אַלטער פֿרײַנדשאַפֿט. אָבער איך בין געוואָרן מיט איין מאָל, פֿון איין מינוט אויף דער צווייטער, ווי דורך אַ בייזן כּישוף, אַן אַרויסגעשטויסענע, אַן אויסוואָרפֿיקע, אַ פֿרעמדע. מײַנע באַמיונגען זיי אַלע ווידער צו געווינען אויף מײַן זײַט זענען געוואָרן אַלץ עפּטער און פֿיבערדיקער. ס'האָט מיך אַרומגענומען אַזאַ אַגאָניע, אַזאַ שוואַרצער פּחד, ווי נאָך קיין

מאָל אין מײַן גאַנצן לעבן, ביז זינאַס רוף האָט איבערגעריסן מײַנע געדאַנקען:

„מײַנע גוטע פרײַנד — צי איר ווילט יאָ, צי איר ווילט ניט, הערש וועט איצט אײַך פאָרלייענען זײַן נײַסטע זאַך, וואָס איז, לויט מײַן אָביעקטיווער מיינונג, אפשר די בעסטע פון אַלע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין די לעצטע פאָר יאָר"... און ווען זי גיט ניט אַ פּליעסקע מיט די הענט, אַז אַלע זאָלן זיך אָוועקזעצן — ווער ווייסט ווי ווײַט איך וואָלט דערפירט מײַן היסטערישע שפּיל פון פרעגן פראַגעס און ניט באַקומען קיין ענטפערס? פאַרצווייפלט האָב איך זיך אַוועקגעזעצט. און ס'איז מיר דווקא אויסגעקומען זיצן לעבן גרישאַן. ער האָט אַ קוק געטאָן אין מײַן זײַט, אַ קורצן שמייכל געטאָן צו מיר און זיך אָוועקגעדרייט, כּדי צו בלײַבן רויִק און נאַטירלעך אין דער צײַט, ווען אין מיר האָט אַלץ געשטורעמט.

אין אונדזער גרופּע האָט זיך ערשט ניט לאַנג באַוויזן אַ נײַער מיטגליד: אַ יונגע פרוי, אַן אָפּגעגטע פון אַ מאַן, אַ שרײַבער. געקומען איז זי אין דער געזעלשאַפט מיט איינעם פון אונדזערע חברים. אַ שיינע, הויכע בלאָנדינקע, אַ סך ייִנגער פון אונדז אַלע, מיט אַ פײַנער פיגור און די איינציקע פון אונדז, וואָס האָט ניט גערעדט וועגן דיעטעס, נאָר האָט פריילעך און מונטער געגעסן אַלץ, וואָס מען האָט דערלאַנגט און פאָרט געבליבן שלאַנק. געבראַכט האָט זי אַהער אונדזער אַלטער חבר, אַ מחבר פון ניט דערפאָלגרײַכע ליטעראַרישע אַרטיקלען. זײַן אייגענע פרוי איז געווען, ווי מיר אַלע, אין די מיטעלע יאָרן. אַ קראַנקע, נערוועזע, מיט אַ בלייכן, לאַנגן פּנים, מיט אַ קוויטשענדיקער, ניט אָנגענעמער שטים, מיט אייביקע טענות צו יעדן און צו דעם רבונו־של־עולם, וואָס האָט איר צוגעשיקט די אַלע קרענק מיט וועלכע זי האָט שטענדיק געהאַט צו טאָן. רעדן מיט איר איז תּמיד געווען אַן אָפּקומעניש פאַר יעדן פון אונדז און מען האָט איינער דעם צווייטן געגעבן סאָס־צייכנס, כּלומרשט ווי מען וואָלט געזאָגט:

„רחמנות, טאָמער דו ביסט אַ גוטער פרײַנד, קום און ראַטעווע מיך אַרויס פון איר״... געדעדט האָט זי שטענדיק פון דאָקטוירים, אי פון גוטע, ווונדערלעכע, אַזעלכע וואָס טוען נסים מיט זייערע מזלדיקע פּאַציענטן, אי פון אַזעלכע וואָס, להיפוך, האָבן באַגראָבן אין דער ערד אַרײַן האַלב פון זייער קליענטור. באַלד איז זי געווען אַ פלאַמיקער חסיד פון אַ „ווונדער־דאָקטאָר״ און באַלד אַן אומגליקלעכער קרבן פון אַ דאָקטאָר אַ שאַרלאַטאַן, וואָס נעמט אַוועק געלט און טוט פאַר דעם קראַנקן אַבסאָלוט גאָרניט.

סאַלאַ, איר מאַן, האָט אַרײַנגעבראַכט דעם פרישן מיטגליד, שורא, אין אונדזער נאָכמיטאָג־און אָוונט־געזעלשאַפט. באַלד נאָר ווי מיר האָבן זיך נענטער באַקאַנט מיט דער נײַער חברטע, האָבן זיך פאַרשפּרייט געשעפּטשעטע קלאַנגען, אַז סאַלאַ און שורא... מען האָט זיי געזען דאָרט און דאָ און ווידער דאָרט... אמת, זיי רעדן ניט איינער מיטן צווייטן, כמעט איין איינציק וואָרט, בעת זיי געפינען זיך צווישן אונדז... מאָדנע, זיי קוקן אַפילו ניט איינער אויפן צווייטן און פאָרט... מע פילט עפּעס אַזוינס צווישן זיי, וואָס מען קאָן ניט אָנרופן מיט אַ נאָמען, אָבער איינס איז קלאָר... זיי זענען אַ פּאָרל.

שורא האָט אַרײַנגעבראַכט מיט זיך אַ פריש לופטעלע פון עראָטיק און שפּילעוודיקייט. אין אונדזער שוין אַלט געבאַקענעם קרײַז, ווו ס׳האָט שוין לאַנג געהערשט אַ רויִקע, באַלעבאַטיש־פּאַסיווע שטימונג, ווו אַלץ האָט זיך שוין איבערגעחזרט, ווו יעדער האָט געוווּסט וואָס דער צווייטער וועט באַלד זאָגן, ווו ס׳איז געוואָרן מיט דער צײַט לאַנגווײַליק און סטאַטיש, איז שורא געווען אַ נײַער עלעמענט און יעדער איז זיך מחיה געווען מיט איר. אמת, ווער ווייסט פון איר? ווער קען זי נענטער? אָבער מען נעמט זי האַרציק צו! אַבי אַ נײַער מענטש. אַבי אַ פרישע שטים, אַ פרישע, נײַע געשטאַלט. מענער האָבן זיך אָנגעהויבן באַלד שאַרן אַרום איר. אַ געגטע, אַ לײַכטע, אַ פריילעכע... זי איז געווען ממש אַ מאַגנעט פאַר אַלע אונדזערע אויסגעהונגערטע, געלאַנגווײַלטע

מענער. אַזוי ווי סאַלאַ האָט אָפן ניט אַרויסגעוויזן, אַז זי איז „פאַרנומען״ מיט אים, האָט מען זיך געפילט פריי אַרומצושוועבן אַרום איר. מיר, פרויען, האָבן אָבער אָנגעהויבן מער און מער זי פײַנט האָבן. אין יענע ערשטע וואָכן, ווען זי איז דערשינען בײַ אונדז, זענען מיר אַלע געווען אויפמערקזאַם צו דער „איינזאַמער, שיינער, יונגער פרוי, נעבעך געגעט און איינזאַם אַליין אין דער גרויסער שטאָט״; מיר האָבן זיך אַלע באַנומען צו איר ווי מאַמעס און איר אַרויסגעוויזן גרויס פרײַנדשאַפט! זי האָט דאָס אַלץ צוגענומען, אַזוי ווי ס׳וואָלט איר געקומען. אָבער אונדזער „הומאַ־ניסטישע״ האַלטונג, אונדזער מוטערלעכע רחמנות איז באַלד אַנט־שוווּנדן געוואָרן און עס האָט זיך בײַ אונדז אַלעמען, אַזוי ווי אָפּגערעדט, באַוויזן אַ שינאה צו איר. מען האָט זי קריטיקירט פאַר יעדן וואָרט, וואָס זי האָט אַרויסגערעדט; מען האָט געפונען אין איר סאַמע חסרונות; מען האָט אויסגעפונען, אַז זי איז גאָר ניט אַזאַ שיינע, אַז זי איז גאָר ניט אַזאַ יונגע, אַז זי איז גאָר ניט אַזאַ קלוגע... מען האָט גערעדט וועגן איר אויפן טעלעפאָן, מען האָט אַפילו שוין אָנגעהויבן אָפן צו רעדן וועגן סאַלאַס „פאַרליבט־קייט״ און מען האָט באַדויערט זײַן „קראַנקע, הילפסלאָזע פרוי״ וואָס ווייסט גאָרנישט און לאָדט נאָך אײַן די צעשטערערין פון איר לעבן צו זיך.

אָבער דער לאַנגווײַל פון אונדזערע צוזאַמענקומענישן איז מיט די יאָרן געוואָרן אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז צוליב האָבן עפּעס נײַעס צווישן אונדז, האָבן מיר אַלע ווײַטער אײַנגעלאַדן דעם פרעמדן פויגל און כאָטש אונדזערע סימפּאַטיעס האָט זי שוין לאַנג געהאַט אָנגעוואָרן, האָט זי אָבער אַלץ נאָך אַרויסגע־רופן אינטערעס צו אירע שיינע, ווײַסע הענט...

מען האָט זי ווײַטער געטראָפן כמעט בײַ אַלע אונדזערע צוזאַמענקומענישן.

איך געדענק, בעת מײַן מאַן האָט נאָך געלעבט, האָב איך באַמערקט, אַז אויסער אים און אויסער גרישאַן האָבן אַלע

אונדזערע מענער זיך גרופירט אַרום שוראַן. מײַן מאַן האָט מיט קיין איינציקן וואָרט ניט געזינדיקט קעגן איר. גרישאַ האָט אויך קיין מאָל ניט גערעדט וועגן שוראַן: זי האָט אים סתם ניט אינטע־רעסירט. איך געדענק, אַז איך האָב אים דעמאָלט אָבסערווירט און באַמערקט, ווי רויִק, חבריש, געלאַסן, דזשענטלמעניש ער האָט גערעדט צו שוראַן, פּונקט אַזוי ווי ער האָט גערעדט צו אַלע אַנדערע.

איך געדענק, אַז איין מאָל אין אַזאַ נאָכמיטאָג, בעת מיר אַלע זענען געווען פֿאַרזאַמלט אַרום דעם טיש, האָב איך זיך צוגעזעצט צו אים און אים שפּאַס געפֿרעגט: „נו, גרישאַ, אַדרבא — זענט איר טאַקע באמת אַזאַ אויסנאַם צווישן אַלע מענער, אַז איר ווײַזט ניט אַרויס קיין ספּעציעלן אינטערעס אַט פֿאַר דער נײַער קראַ־סאַוויצע אונדזערער, האַ?”

ער האָט אויך אַ שמייכל געטאָן און פֿריילעך, נאַיִוו געענט־פֿערט:

„איך האָב אינטערעס, פֿאַר וואָס ניט? זי איז טאַקע שיין. אָבער איך וואָג ניט... איר ווייסט דאָך, איך בין בטבע גאָר אַ שעמעוודיקער”... און מיר האָבן ביידע געלאַכט.

איצט, אַז איך האָב זיך פּלוצעם געפֿונען אין אַ סיטואַציע, ווען איך האָב דערפֿילט אַז באַלד, באַלד וועט פֿון מיר ווערן פֿאַרער, שטויב, אַז באַלד וועלן מײַנע אַלטע פֿרײַנד, וואָס האָבן אַלע יאָרן אַרויסגעוויזן צו מיר נאָר ליבע, באַוווּנדערונג און רעספּעקט, באַלד וועלן זיי מיך אָפּשטויסן פֿון זיך און מיך אָנקוקן מיט די זעלבע קאַלטע, קריטישע אויגן, ווי זיי קוקן אויף שוראַן, איצט, אַז איך האָב זיך פּלוצעם געפֿונען אַליין אין זייער מיט, ווי אויף אַן איינזאַמען אינדזל, אָן גרישאַס הילף... איצט האָב איך זיך גאָר גיך אַליין צוגערוקט צו שוראַן און זי, די איינציקע פֿון זיי אַלע, האָט אין דעם טאָג גלײַך פֿאַרשטאַנען און אַרויסגעוויזן פֿרײַנדשאַפֿט, וואַרעמקייט און רחמנות צו מיר. ס'איז מיר פֿאָרגע־קומען, אַז זי ווייסט אַלץ. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ ווייכן,

נאַיִוון קוק אין אירע שיינע, טונקעלע אויגן. ס'איז אין איר שטים געלעגן אַ נײַע, אינטימע באַציונג צו מיר. אָן ווערטער האָט זי מיר מיטגעטיילט, אַז זי ווייסט אַלץ, אַז זי פאַרשטייט, אַז זי סימפּאַטיזירט מיר...

אירע אויגן האָבן גערעדט צו מיר:

„דערהרגע זיך ניט צוליב זיי. זיי זענען קאַלט און גרויזאַם צו דיר? נו, וואָס זשע איז דאָ פאַר אַ וווּנדער? זיי זענען דיך מקנא. ניט איינע פון זיי, אַפילו איך אויך ניט, האָב ניט געגנאַסן פון זײַן ליבע, פון זײַן אויפמערקזאַמקייט. אָבער זיי זענען אַלע פאַרליבט אין אים. לאָמיר זיך ניט נאַרן: ער איז פּאָרט דער איינציקער אין דעם גאַנצן קרײַז אונדזערן, וואָס איז אַ ריכטיקער מאַן. ביסט גליקלעך מיט אים? נו, מוזסטו זײַן גרייט צו באַצאָלן דעם פּרײַז. דער פּרײַז איז שטענדיק דער זעלבער: דער מאַן ווערט גרעסער און וויכטיקער אין די אויגן פון אַנדערע מענער; די פרוי ווערט נע־ונד, פאַרלוירן, אַ קעגנשטאַנד פון קינאה און שינאה, פון דערבאַרעמונגסלאָזער קריטיק און דאָס איז אַזוי און וועט אַנדערש ניט ווערן..."

„שוראַ, זאָג איך און רוק זיך צו צו איר, שוראַ, איר שײַנט ווי די זון הײַנט, עפּעס גוטס האָט פּאַסירט בײַ אײַך?"

זי לאַכט, ווײַזט אירע ווײַסע, שאַרפע, געדיכטע ציין און זאָגט:

„אַ זוניקער טאָג, פרײַנד אַרום מיר, אַ נײַ קליידל געקויפט, אַ מציאה, וואָס קאָן זײַן בעסער?"

איצט זיצן מיר שוין שטענדיק צוזאַמען בײַ די פּאַרטיס. ווו זי איז, דאָרט וועט מען מיך אויך געפינען. מיר צוויי זענען איין אינטעגראַלער טייל, און זיי אַלע — דער צווייטער, דער לעגאַלער, באַלעבאַטישער טייל פון דעם קרײַז. מען לאָזט אונדז ביידע צו רו, מען רעדט ניט צו אונדז, מען קוקט נאָר פון צײַט צו צײַט אַריבער צו אונדזער ווינקל און איך זע אַן אויסדרוק פון פאַראַכ־

טונג אין זייערע קאַלטע אויגן... מען באַטראַכט אונדז ביידע ווי צוויי פאַרלוירענע נשמות.

נאָך עטלעכע אַזעלכע באַגעגענישן ביַי אונדזערע געמיינזאַמע באַקאַנטע, ווו אי איך, אי זי זענען געוואָרן אַלץ מער און מער באַזיקאַטירט און שיפער און קאַלטער אָנגעקוקט פון די פרויען, האָט אין איינעם אַ באַזונדערן פינצטערן, פאַרצווייפלטן פרימאָרגן, ווען איך האָב זיך געפילט צעבראָכן און עפּעס באַזונדערש אומגליקלעך און בין אויפגעשטאַנען פון מײַן זינדיקן בעט אַ קראַנקע, מיט בליַי אין מײַנע פיס, האָט מיך שורא פּלוצעם אָנגערופן צום טעלעפאָן. איך האָב זיך דערפרייט מיט איר שטים און זיך אָנגעכאַפּט אָן דער וואַרעמקייט פון אירע ווערטער, ווי אַ זיך טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי. איך האָב געענטפערט מיט אַזאַ אימפּעט, כמעט היסטעריש אַז זי האָט מסתמא פאַרשטאַנען, אי מיט איר אינטויציע, אי מיט איר וויסן וועגן „אַזעלכע שטימונגען", אַז איר טעלעפאָן איז געקומען גראָד אין דער ריכטיקער צײַט צו ראַטעווען מײַן טאָג פון טאָטאַלער פאַרצווייפלונג. מיר האָבן, פּשוט, געפּלאַפּלט, ווי אַלטע חברטעס, פון דעם און פון יענעם, פון גאָרניט און פון אַלעמען. ניט זי און ניט איך האָבן פון דעם טאָג אָן (אונדזערע קעגנזײַטיקע אָנרופן זענען געוואָרן אַ געוווינהייט) גערעדט פון אונדזערע קאָמפּליצירטע פאַרוויקלונגען מיט די צוויי מענער פון אונדזער קרײַז. מיר האָבן זייערע נעמען ניט דערמאָנט. אָבער זיי זענען שטענדיק געשטאַנען צווישן אונדז ביידן. אויסגעאַרבעט אַ מין פערזענלעכער טאָן, האַלב ציניש־פרייִלעך, האַלב אינטים און ערנסט, מיט באַדײַטונג; כאָטש מיר האָבן קיין מאָל אין אונדזערע טעלעפאָן־געשפּרעכן ניט באַרירט „יענע טעמע", האָט יעדע פון אונדז אַרויסגערעדט פּאַראַלעל מיט דעם גערעדטן, אויך דאָס ניט דערזאָגטע און דאָך דאָס וויכטיקע, דאָס וואָס האָט אונדז ביידע צוזאַמענגעפירט.

ניט איך, ניט שורא האָבן איינע דער צווייטער צו זיך ניט גערופן. אונדזערע ווינונגען זענען געווען סטאַנציעס פון אַ פּאַר־

בײַרײַכערנדיקער באַן, וואָס מאַכט אַן אָפּשטעל און רוּיכט אַוועק ווײַטער... אי זי, אי איך האָבן שטענדיק געוואַרט... געוואַרט אויף דעם מאַן. מיר האָבן זיך אָבער געטראָפן בײַ די צוזאַמענקומע־נישן און ס'איז אונדז ביידן געווען אַנגענעם צו וויסן, אַז דאָרט ווו מיר זענען ביידע אין די לעצטע חדשים געווען כמעט אין גאַנצן איינזאַם און פאַרלאָזן, דאָרטן ווו מען האָט געקוקט אויף אונדז מיט אַנטאַגאָניסטישע, קאַלטע, שיפע בליקן, דאָרטן וועלן מיר ביידע זיך געפינען און איינע וועט העלפן דער צווייטער איבער־קומען דעם אַוונט.

איך האָב באַלד דערקענט שוראַן פאַר אַ ווױלער, פײַנער פרוי, מיט אַ פאַרשלייערטער מאָראַל, אָבער אַ גוטע, אַ נשמהדיקע. ווי אַלע זינדיקע, האָט זי אַנטוויקלט אין זיך אַ שטאַרקע טאָלעראַנץ צו מענטשן און פון איר האָט מען קיין מאָל ניט געהערט קיין שאַרפע, אומברחמנותדיקע אורטיילן וועגן פעלערן פון אַנדערע, ווי מען האָט דאָס שטענדיק געקאָנט דערוואַרטן פון יענע „געראָכטע", „הייליקע", „ריינע", „באַלעבאַטישע".

אָבער ווי אַנגענעם עס איז מיר ניט געווען מיט שוראַן, טיף אין מײַן האַרצן האָב איך געגנוי געוווּסט, אַז אונדזער פאַרבינדונג איז נאָר אַ דאַנק דעם וואָס מיר ביידע האָבן געמיינזאַמס איינע מיט דער צווייטער: אונדזער אומגליק, אונדזערע ליבעס מיט מענער, וואָס זענען נאָר פליכטיקע געסט אין אונדזערע אַלמנהשע לעבנס. איר און מײַן עקסיסטענץ זענען געוואָרן כמעט אידענטיש, פאַר־בונדן מיט אַ געפיל פון שולד און בושה, אָבער ביז צום ברעג אָנגעפילט מיט אַ הייסער פּאַסיע. דאָס איז געווען דאָס בינדנדיקע צווישן אונדז ביידן. און גאָרניט מער.

מײַנע קינדער האָבן זיך אָנגערופן וואָס זעלטענער און זעל־טענער. איך האָף אַז זיי האָבן ביז הײַנט קיין שום אַנונג ניט וועגן דעם וואָס טרעפט זיך מיט זייער מוטער. אָבער זיי האָבן דערפילט מיט דעם זעקסטן חוש פון קינדער וואָס זענען אַ מאָל געווען נאָענט צו זייער מאַמען, אַז די מאַמע איז עפּעס ניט אין גאַנצן דאָ

פאַר זיי, אַז זי איז מיט עפּעס פאַרנומען, אַז זי וואַרט שוין ניט מער אויף זיי — זי איז איצט אַליין, אָבער שטאַרקער און זעלבשטענדיקער ווי פריִער. איך ווייס, אַז אי די טאָכטער, אי דער זון האָבן זיך געפילט ממש באַפרײַט פון דער שווערער פליכט צו טעלעפאָנירן און צו זאָרגן וועגן מײַן לאַגע. ניט איך האָב זיי געפעלט און ניט זיי מיר. ס'איז אַנטשטאַנען צווישן אונדז אַ וואַקום. די נאַטירלעכע דיסטאַנץ צווישן אונדז, וואָס האָט געזאָלט לאַנג שוין האָבן פאַרגעקומען, האָט זיך איצט ערשט געלייגט צווישן אונדז אָן שום ווייטיק, אָן שום שוועריקייטן. מײַן לעבן איז איצט געווען אָנגעפילט מיט... לעבן. מיט גרישאָן. מיט מײַן ספּעציפישער לאַגע, וואָס איז געווען נײַ, שפּאַנענדיק, און פאַרנומען מײַנע געדאַנקען. איך האָב זיך געשפּירט גוט אין דער אַרבעט, ווי מען זאָגט.

איך געדענק ניט גענוי ווען איך האָב דערפילט אַז אָלגאַ ווייסט.

איך האָב זי איין מאָל גערופן צום טעלעפאָן:

„אַ גוטן אײַך, אָלגאַ לעבן, וואָס טוט איר?" פרעג איך מיט יענער שולדיקער, פאַלשער פריילעכקייט אין מײַן שטים, וואָס איך האָב לאַנג שוין אָנגענומען פאַר דעם שטענדיקן טאָן ווען איך האָב גערעדט מיט איר.

אַ לאַנג שווײַגן פון יענער זײַט. אין מיר איז פאַרחלשט געוואָרן מײַן האַרץ און איך האָב דערפילט אַ קאַטאַסטראָפאַלע קאַלטקייט אַרום מײַן ברוסט.

„אָלגאַ, זאָג איך, אָלגאַ, ווו זענט איר?"

„איך בין דאָ", זאָגט זי שטיל, לאַנגזאַם, צעצויגן. תּמיד רעדט זי צעצויגן, אָבער דאָס מאָל נאָך מער און ס'קלינגט אומנאַטירלעך און שטרענג.

„וואָס טוט איר הײַנט? איך האָב אײַך געוואָלט זאָגן, אַז איר זאָלט מיך דערמאָנען, ווען איך וועל דאַרפן קומען צו אײַך די וואָך צו אַ גלעזעלע טיי, איך זאָל פאַר אײַך מיטברענגען אַ ביכל וואָס

וועט אײַך זייער אינטערעסירן...״ רעד איך און איך הער אַליין אַז מײַן שטים ווערט אַלץ דינער און דינער און פאַרצווייפלטער.

אַ לאַנגע פּויזע. זי ענטפערט מיר ניט. אָבער איך הער איר דעכן. איך רעד אויך ניט. ביידע זענען מיר פאַרשטאַרט געוואָרן, יעדע אויף איר זײַט טעלעפאָן, צווישן אונדז הענגט אַ מידער דראָט און מיר ביידע הערן זיך צו, יעדע צו דעם אָטעם פון דער צווייטער. אָבער עס פאַרגייט אַ שווערע, אומענדיקע מינוט און דאַן הער איך איר קול:

„די וואָך קען איך אײַך ניט זען בײַ אונדז... זאָגט זי, איך בין פאַרנומען״.

איך הייב אָן פון עפּעס צו פּלאַפּלען. איך ווייס אַליין ניט וואָס. פּלוצעם ווער איך מיר געוואָר אַז זי האָט שוין לאַנג אַוועק־געלייגט דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און אַז איך שטיי דאָ מיט דעם הער־אַפּאַראַט אין מײַן פאַרגליווערטן האַרצן און הער זיך צו צו גאָרנישט.

די טעג וואָס זענען געקומען נאָך דעם פּאַטאַלן געשפּרעך קאָן איך דיר ניט באַשרײַבן — איך האָב ניט קיין פּאַסיקע ווערטער איבערצוגעבן דיר די פּאַניק, מײַן שרעק. איך האָב דערציילט גרישאָן דערפון. ער האָט שווער, שווער געזיפצט, אויפגעהויבן זײַנע ברייטע פּלייצעס און געזאָגט:

„איין מאָל האָט דאָס דאָך געמוזט אַרויס אויפן ליכטיקן טאָג, פריִער אָדער שפּעטער״. ער האָט בײַ זיך, זעט אויס, געפּועלט אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט ער דאַרפן טאָן תּשובה פאַר זײַן ווײַב און ס׳זעט אויס, אַז די סיטואַציע איז פאַר אים געוועזן ניט אין גאַנצן קיין נײַע, כאָטש איך האָב געפילט אַז ער איז אומעטיק צוליב דעם, אָבער ניט איבערגעשראָקן. ער וועט איר זאָגן ליגנס, זי טרייסטן מיט זײַן ליבע, זי קושן, אַרומנעמען און זײַן באַזונדערס צערטלעך צו איר עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד און זי וועט זיך באַ־רויִקן און אים מוחל זײַן און זייער געמיינזאַם לעבן וועט גיין ווײַטער אַזוי ווי גאָרניט איז געשען, וואָס וואָלט געקאָנט צעשטערן

זייער צוזאַמענגעלעב. אָבער מיר, מיר וועט זי דאָס קיין מאָל ניט מוחל זײַן. איך פיל פון יענעם טאָג אָן אַז איך פאַרליר דעם באָדן אונטער מײַנע פיס.

מיר האָבן אין אונדזער גרופּע איינע וועלכע אַלע רופן „אַ נאַר, מיט אַ פּוסטן קאָפּ״, אָבער אַלע האָבן דרך־ארץ פאַר איר און אַפילו אַ ביסעלע מורא פאַר איר צונג. די זאַך איז, אַז ביילקע רעדט דעם ריינעם אמת אַרויס און זאָגט אַלץ וואָס ס׳איז איר אויפן האַרצן בקול רם. דאָס וואָס קיינער פון אונדז וואָלט ניט געוואָגט אַרויסרעדן, רעדט זי אַרויס אַזוי פרײַ, אַזוי אויפריכטיק, אַז ניט מען קאָן זײַן ברוגז אויף איר, ניט מען קאָן דאָס פאַרלײַדן.

„אַז איר קאָנט ניט באַקן, וואָס זשע דאַרפט איר זיך אונטערנעמען? בעסער קויפט בײַ דער רומענישער בעקערין, ווײַל דאָס וואָס איר גיט אונדז — איז ניט צום צעקײַען״, זאָגט זי ערנסט און אָפן צו אַ פרוי פון אונדזער קרײַז. יענע ווערט רויט, בלאַס, ווייס ניט וווהין זיך אַהינצוטון פאַר בושה און אַלע לאַכן, אָבער לאַכן מיט קלעמעניש, ווי מען זאָגט, ווײַל ווער ווייסט ווען עס וועט באַלד טרעפן איר שאַרפע צונג?

אָט די ביילקע טרעפט מיך אַ מאָל אין דער ביבליאָטעק, גייט צו צו מיר און זאָגט מיר מיט אַן ערנסטן, שטראָפנדיקן אויסדרוק אויף איר רויטן, אָפענעם פּנים: „אַ פרוי ווי איר... אַאַ״וו, איר באַקלערט ניט וואָס פון דעם קאָן ווערן, האַ?״

איך ווער דערשיטערט און וואַג אַפילו ניט צו פרעגן וואָס זי מיינט מיט דעם. ערשטנס ווייס איך גאַנץ גוט וואָס זי מיינט, און צווייטנס האָב איך מורא צו הערן איר ענטפער... איך מאַך זיך ניט הערנדיק און לויף אַוועק פון איר ווי אַן אָפּגעשפּאַרטע... אָבער איך וועל זי טרעפן אַ סך מאָל און וואָס וועט זײַן דעמאָלט מיט מיר?

ניט לאַנג זענען מיר געזעסן אין „אונדזער״ קאַפע, איך און גרישאַ, ביידע שווײַגנדיקע, שטומע... מיר האָבן ביידע געוווּסט, אַז די וואָלקנס ציִען זיך צוזאַמען איבער אונדזערע שולדיקע קעפּ;

ביידע געטראַכט וועגן אַלגאַן און ביידע ניט געוווּסט ווי אַזוי דאָס שפּיל צו פאַרענדיקן. מיט אַ מאָל דערהערן מיר אַ באַקאַנט קול: עס שטייט איינע פון אונדזערע באַקענטע פרויען פאַר אונדזער טישעלע. זי קוקט אויף אונדז מיט אַ פריינדלעכן, אָבער אַ מין שפּאָטישן שמייכל. אָבער זי זאָגט גאָרניט און ווען איך וואָלט נאָר זיך געהאַלטן רויִק, וואָלט די פאָלגנדיקע, פאַרדריסלעכער סצענקע ניט פאָרגעקומען.

איך דערהער זיך אַליין רעדן, גיך־גיך, אַ מיַיל אין אַ מינוט, רעדן וועגן גאָרניט, גיסן מיט ליידיקע, פּוסטע, נאַרישע ווערטער. „אוי, איר האָט מיך דערשראָקן, וואָס טוט איר דאָ? איך זיץ דאָ אָפט מאָל און שטענדיק אַליין, אַליין, קיינער קומט ניט, קיינעם טרעף איך ניט... און קוקט אָן, סאַראַ מזל: היַינט טרעף איך אײַ גרישאַן, אי איַיך, ביידע אויף איין מאָל... איך זאָג ערשט צו גרישאַן אַז קיין מאָל טרעף איך דאָ קיינעם ניט און זיץ דאָ און ס'איז מיר אַזוי אומעטיק און איינזאַם און היַינט — קוק איך און ווער איז דאָ? גרישאַ. און ער זאָגט אַז ער קומט אַהער צום ערשטן מאָל. און וועמען דערזעט ער? מיך. און איצט זענט איר אויך געקומען, סאַראַ מזל איז דאָס היַינט מיט מיר...” און איך קאָן ניט אויפהערן צו שיטן מיט ווערטער. גרישאַ זיצט און רופט זיך ניט אָן און מיט איין מאָל, אין מיטן מיַין רעדן, שטייט ער אויף און זאָגט אַ „גוטן” און גייט אַוועק.

דאָראַ שטייט, קוקט אים נאָך מיט אַ מאָדנעם שמייכל אין אירע אויגן, דרייט זיך אום צו מיר און זאָגט, אַזוי ווי זי וואָלט גאָרניט געהערט ביז איצט וואָס איך האָב גערעדט:

„דאַכט זיך מיר, אַז מיט מיַין קומען האָב איך איַיך פאַרטריבן איַיער קאַוואַלער? נו, זיַיט מיר מוחל, איך האָב דאָס גאָרניט אין זינען געהאַט”, זאָגט דאָס, דרייט זיך אום און גייט אויך אַוועק... איך בליַיב אַליין, פאַרשעמט, אויסגעליידיקט פון דעם פאַנישן רעדן און מיט געפיל פון אַבסאָלוטן אַבסורד אין מיַין האַרצן.

דער ווינטער גייט שוין צו ענדע. באַלד וועט עס ווערן אויף

איין מאָל וואָרעם אין דרויסן. דער קריַיז פון בייזן פּישוף אַרום מיר ווערט אַלץ ענגער און ענגער. מען רעדט ניט מיט מיר, אָבער מען רופט מיך נאָך אַלץ צו די פּאַרטיס. דאָרטן זיץ איך אָדער אַליין, אָדער לעבן שוראַן, אָדער איך שטופּ זיך אַריַין צווישן מענער. פרויען לאָזן מיך אָבער אַליין מיט מײַן ביטערן גורל. אָלגאַ זיצט וויַיט פון מיר, קוקט ניט אויף מיר. קיין מאָל האָט זי אין די לעצטע חדשים מיך מער ניט פאַרבעטן צו זיך אויף אַ גלעזעלע טיי: די דאָזיקע טראַדיציע האָט אויפגעהערט.

גרישאַ, יאָ, דער זעלבער: אַ געליבטער, פול מיט פײַער. ער קומט, צינדט מיך אָן, ברענט אַליין אויך מיט טויזנט פורפּור־פלאַמען און גייט אַוועק.

נעכטן האָב איך אין ביבליאָטעק געטראָפן איינע פון אונדזער קריַיז. איך האָב זיך געלאָזט גיין צו איר און האָב גאַנץ קלאָר באַמערקט, אַז זי דרייט זיך אויס מיטן רוקן צו מיר און מאַכט דעם אָנשטעל אַז זי זעט מיך ניט. דאָס פּאַסירט שוין ניט דאָס ערשטע מאָל... די לופט אַרום מיר ווערט אַלץ דינער און דינער. באַלד וועט אַנטשטיין אַ וואַקום.

מײַן נײַער טאָן, ווען איך רעד מיט מענער, ווערט אַלץ פּאַונישער און קאָקעטישער און פאַלשער. איך האָב אָנגעהויבן צו טראָגן אַנדערע קליידער, פאַרביקע, מיט אַ סעקסאַפּיל, מיט אַן אָפענעם האַלדז — אַזעלכע ווי שוראַ.

מענער מאַכן וויצן מיט מיר. זיי דערציילן מיר אַנעקדאָטן מיט אַ שמוציקן אינהאַלט און שעמען זיך שוין לאַנג ניט מער פאַר מיר. איך בין, זאָגן זיי, אַ מאָלאָדיעץ, ניט פאַרשעמט און פּוריטאַניש ווי זייערע אייגענע ווײַבער. אָבער זיי גייען אַהיים מיט די פּוריטאַנקעס און איך... איך שטיי אויפן עק און וואַרט אויף אַ טאַקסי און פאַר אַהיים אַן איינזאַמע, פאַרגעסענע, איבעריקע, פאַרשאָלטענע...

באַלד וועט זײַן פרילינג. אין צענטראַלפּאַרק צעבליִען זיך שוין באַלד די אַלטעביימער. פּאָרלעך וועלן גיין אין די אַלייען,

אַרומגעגנומען, יונג, פאַרליבט און גרייט אײַנזאַפּן אין זיך דעם פרישן, גרינעם צויבער פון דעם נײַעם פרילינג. די שפּערלען וועלן טשיריקען, ווי פרייליכע געוואָרענע ווײַבער, אויף אַ קול, און אַרומשפּרינגען אויפן פרישן גראָז. איך וועל אויך גיין אין פּאַרק. אָבער אַליין...

נעכטן האָב איך געזאָגט צו גרישאַן:

„לאָמיר גיין אין דעם צענטראַלפּאַרק, ס'דאַרף דאָרטן שוין זײַן זומערדיק... ווילסט?" ער האָט זיך אַ פּוילן שטרעק געגעבן, געגענעצט, מיך גיך און נאָס געקושט מײַן האַלדז און שלעפעריק געזאָגט:

„אָדער ביילקע אָדער דאָראַ אָדער ווער ווייסט ווער וועט דאָרטן זײַן און וואַרטן אויף אונדז, כּדי אונדז צו דערטאַפּן אויפן אָרט פון אונדזער פאַרברעכן... שלאָף, קליינינקע, ס'איז גוט צו שלאָפן צוזאַמען, האַ?" און איידער איך האָב געפונען וואָס צו ענטפערן, האָב איך שוין דערהערט זײַן טיפן שלאָפעדיקן, קינ־דעריש־שטאַרקן אָטעם...

דאָס איז, ווי געזאָגט, ערשט דער פּראָלאָג צו דעם עפּילאָג. דער עפּילאָג איז ניט ווײַט... עפּעס וועט געשען מיט אונדז. עמע־צער וועט עפּעס זאָגן און נאָכדעם וועט עס ווערן ממש אוממעגלעך ווײַטער צו בלײַבן צוזאַמען. וואָס וועט זײַן דאַן מיט דײַן פרײַנד? ווער ווייסט? און וואָס איז דער אונטערשייד? גאָרנישט. גאָרנישט וועט זײַן. יאָרן וועלן קומען און גיין. און דאָס וועט זײַן דער סוף.

שרײַב מיר. און זאָג אַז דו האָסט מיך אַלץ נאָך ליב. איך בין אין גאַנצן אַליין איצט. פון יעדער ווינקל שטראָמען שאָטנס צו מיר, נענטער, נענטער און אָט־אָט וועלן זיי מיך אין גאַנצן אַרומנעמען אין זייערע קאַלטע, טונקעלע אָרעמס.

ס'איז אַזוי אומעטיק אין מײַן שטוב. ס'וועט שוין שטענדיק זײַן אומעטיק... ביז צום סוף פון מײַן לעבן אַזוי...

28סטן דעצעמבער 1968

עסייען

קינדער־יאָרן, יוגנט־יאָרן
מיט אליעזר שטיינבאַרג

שוואַרץ און שטורמיש מיט רעגן איז די נאַכט. די גאַנצע וואָך האָט געגאָסן מיט צובערס און דאָס שלאָפנדיקע שטעטל ליפקאַן איז אַ טונקעלע, באַוועגטע לאַנדשאַפט פון שוואַרצע, פאַרשלאָפענע הײַזער, פאַרבאַהאַלטן אונטער אַ סקאַסנעם, געהיימענישפולן זאַנאַוועס פון רעגנדיקע שנורן. אַט אַזוי באַקען איך זיך מיט דעם נאַכטישן ליפקאַן, אַרײַנפאָרנדיק מיט מײַנע מידע, שטיל פאַרצווייפלטע טאַטע־מאַמע, אויף דעם פויערישן וואָגן, באַדעקט מיט שטרוי... אַרײַנפאָרנדיק בײַ נאַכט, און אין שטורעם, אין אַ פונק נײַ לעבן. עמיגראַנטן פון דער רעוואָלוציע. אַ קינד פון גאַנצע נײַן דערשראָקענע, אומרויִקע יאָרן און אירע אומבאַהאָלפענע, אָרעמע, אָרעמע עלטערן.

ס'איז טונקל און שטיל אין שטעטל. מע הערט נאָר דאָס סטיכישע רוישן פונעם רעגן און פון ווײַטן דאָס הונגעריקע, מאָנאָטאָנע געביל פון אַ הונט. קיין איינציק פענצטער לײַכט ניט. עס שלאָפט מײַן נײַע וועלט אונטערן דינאַמישן ריטעם פון האַרבסטיקן גאָס־רעגן. מיר זענען געפאָרן אַט מיט דעם וואָגן עטלעכע שעה נאָך אַנאַנד און איך בין שלעפעריק און טויט מיד. דער וואָגן בלײַבט שטיין בײַ אַ הויכער שטוב מיט הויכע, טונקעלע פענצטער. עס לײַכט אויף אַ בלאַסע ליכט אין איינעם פון די פאַרמאַכטע פענצטער. עמעצער עפנט די לאָדנס און אַ ווײַסע, רונדע האַנט שטרעקט זיך אַרויס אין דעם רעגן אַרײַן.

„יאַשאַ, דו ביסט עס?" פרעגט אַ שטילע, קלאָרע, סאָפּראַנישע שטים.

„יאָ, יאָ, רעוועקאַ, עפנט אויף, דאָס זענען מיר", זאָגט מײַן טאַטע און מע הייבט אָן אַראָפּצוקריכן פונעם וואָגן.

אין די אַנדערע פענצטער ווערט ליכטיק. פּאַפּאַ נעמט מיך אַראָפּ, דער פויער נעמט אַראָפּ מײַן מאַמען און מאַמאַ הייבט תּיכּף אָן צו קאָמאַנדעווען מיט איר געוויינטלעכער, נאָרמאַלע־שטים, מיט דער אונדז אַזוי גוט באַקאַנטער אויטאָריטעט און אָרגאַ־ניזירטקייט: „יאַשאַ, שטעל ניט דאָס קינד אַראָפּ אויף דר'ערד חלילה; זעעסט ניט, די בלאָטע איז טיף? זי קען חלילה פאַרזונקען ווערן... יאַשאַ, לאָז ניט דעם גוי טראָגן דײַן דאָקטערטאַש. ער האָלט עס אַזוי, אַז סע וועט זיך אַלץ אַרויסגיסן פונעם טאַש... יאַשאַ, גיב דאָס קינד איבער רעוועקאַן... רעוועקאַ, טײַערע, מיר האָבן שוין ניט מער געגלייבט, אַז מע וועט זיך נאָך אַ מאָל זען..." אאַז"וו.

אַ פרוי אין אַ ווײַסן, ווייכן כאַלאַט, מיט אַ פענסנע אויף דער נאָז, מיט גאַנץ קורצע, יינגלש אָפּגעשוירענע האָר, מיט אַ ווײַסן, שטרענגען פּנים נעמט מיך איבער פון מײַן טאַטן און מיר אַלע גייען אַרײַן אין דער שטוב.

מײַנע מידע אויגן, זינט אַ סך שעהען צוגעוווינט צו דער טונקל פון נאַכט, שליסן זיך מיט אַ ברענענדיקן געפיל פון ווייטיק. איך שטיי פאַרשטאַרט און וויל אַנטשלאָפן ווערן. איך הער רע־וועקאַס קלאָרע, קילע שטים:

„לאַזאַר, סמאַטרי, דאָס קינד שלאָפט שטייענדיק. נעבעך, נעבעך, אַזאַ קליינטשיקע, אַזאַ שוואַכינקע און קוק וואָס זי האָט שוין באַדאַרפט מיטמאַכן: פלוכט, אַריבערשווימען דעם דניעסטער בײַ נאַכט, מוראַדיקע נעכט בײַ יענעם ברעג... אוי סאָראַ רחמנות"...

און בשעת די קלאָרע שטים זאָגט דאָס, זע איך זיך אַליין ווידער בײַ יענעם שרעקלעכן, געהיימענישפולן ברעג, אויף אַ סקאַלע, מיט מײַן טאַק אין דער האַנט, מײַן טאַטע לעבן מיר, מײַן מאַמע עפּעס ווײַטער מיט צוויי פויערים, וואָס האָבן אונדז אַריבער־געפירט איבער דער גרענעץ, און בשעת דאָס שרעקלעכע בילד

פון דער דאָזיקער נאַכט שטייט אויף פּאָר מײַנע פּעסט, פּעסט געשלאָסענע אויגן, הער איך אַ נײַע שטים אין שטוב: אַ מערק־ווערדיקע, אַ ניט־רעאַלע, אַ שטים פון אַן אַנדער וועלט, פון מײַן וועלט... שלעפנדיק די ווערטער ווייך ווי סאַמעט, זיס און כּלומרשט פאַרליבט אין די קלאַנגען פון שפּראַך: „זי שלאָפט ניט, זי חלומט פון אַלעמען וואָס זי האָט דורכגעמאַכט די נאַכט״.

„פון וואַנעט ווייסט ער דאָס?״ טראַכט איך מיר און באַשליס צו עפענען מײַנע שמאַרצנדיקע אויגן, נאָר אַ ביסל... נאָר אויף אַ שמאָלן שפּאַלטעלע, נאָר אַ ביסל... איך דערזע אים. אַ קײַלע־כיקער, קליינער, מיט אַ קײַלעכיקן קאָפּ, מיט ווייניק האָר, מיט אַ בלאַסן, פּײַכט שימערירנדיקן, ברייטן שטערן, מיט קײַלעכיקע גלעזער אויף אַ ברייטער, לוסטיקער נאָז, קוים וואָס זיי האַלטן זיך אין זאָטל. אַ קאָמישער, אַ „גנאָם״, אַ באַשעפעניש פון מײַן אייגענער, אַליין פון מיר פאַבריצירטער ווירקלעכקייט, אַ ווירק־לעכקייט אין וועלכער ער האָט זײַן פּלאַץ. ער טראָגט אַ גאַנץ צוגעמאַכט העמד, טונקל און פּעסט צום האַלדז, אַזוי אַז דער רונדער „גנאָמקאָפּ״ וואַקסט אַרויס דירעקט פון די נידעריקע פּלייצעס. זײַן פּנים לאַכט צו מיר, אָבער די אויגן, באַדעקט מיט דעם גלעזערנעם אָפּגלאַנץ פון די נאַקעטע ברילן אין אַ רעמעלע, לאַכן ניט. זיי קוקן אויף מיר מיט אַזאַ מאָדנער פרײַנדשאַפט, מיט עפּעס אַ באַזונדערן רחמנות, מיט אַן אינטויִטיווער קענטעניש פון מיר און מײַן וועלטל. ערנסטע, קורצזיכטיקע אויגן פון אַ קינד האָט ער. וואָרעם איז זײַן האַנט, אַז ער נעמט מיך אָן בײַ מײַן האַנט. ער דאַרף זיך אַפילו ניט אַראָפּבייגן צו מיר, מיר זענען כּמעט פון איין וווקס.

איך עפן מײַנע אויגן ווײַט, זיי טוען ניט מער ווי און איך לאַך צו אים; ער שמייכלט ערנסט און צערטלעך צו מיר אַריבער.

אויפן טיש שטייט אַ סאַמאָוואַר. אַנדערע מענטשן קומען אַרײַן פון ערגעץ ווו און באַגריסן די נײַע עמיגראַנטן „פון יענער וועלט״. מע רעדט, מע טרינקט טיי, רעוועקאַ פּרעזידירט מאַיעסטע־

טיש אויבן אָן. זי טיילט אויס פּלעצלער, זיסע, מיט מאָן און צוקער, וואָס קריטשען אונטער די ציין.

לייזער שטיינבאַרג נעמט מיך ביַי מיַין האַנט, נעמט אַרויס פון מיַין פאַרקראַמפּטן אָרעם מיַין טאַק, אַ צעריסענע „טאַמאַראַ", וואָס איך האָב געשלעפּט מיט זיך פון אָדעס אָן, איבער קאַמע־ניעץ־פּאָדאָלסק, ביז צו דעם שיפעלע אין וועלכן די פויערים האָבן אונדז אַריבערגערודערט קיין רומעניע.

„ווי הייסט דיַין קינד!" פרעגט ער מיך. ער זאָגט נישט „דיַין טאַק", ער זאָגט: „דיַין קינד". און ווידער פרעג איך זיך אַליין: „פון וואַנען ווייסט ער?"... ער שטעלט אַ נידעריק פוסבענקעלע פאַר אַן אַנדערן בענקל, שטעלט מיך אויף מיַינע קני פאַר דעם גרעסערן בענקל, גיט מיר אַ בליַיער אין דער האַנט, לייגט אַרויף אַ וויַיס פּאַפּיר אויף דעם בענקל און זאָגט מיר צערטלעך, אָבער מיט אַ לינדן באַפעל אין זיַין שטילער, אַ ביסעלע סקריפּענדיקער שטים: „באַשריַיב אַלץ וואָס דו האָסט דורכגעמאַכט אין די לעצטע פאַר נעכט, ווערעטשקאַ, יאָ?"

„וואָס טוסטו מיטן קינד? זי דאַרף גיין שלאָפן. קוק, ווי די אויגן פאַלן איר שוין ממש צו פאַר מידקייט", זאָגט רעוועקאַ קוקנדיק שטרענג, מיט אַ דיסציפּלינירטער, אָפּגעמאָסטענער פריַינדלעכקייט אויף מיר.

„באַלד, באַלד, זי וועט סיַי ווי ניט אַנטשלאָפן ווערן, אַז זי וועט ניט נאָך אַ מאָל, אין וואַכנדיקן צושטאַנד, איבערלעבן די שרעק און דעם פחד פון אַריבערשווימען די גרענעץ"... און ווידער אַ מאָל פרעג איך זיך: „פון וואַנען ווייסט ער דאָס? פון וואַנען ווייסט ער אַלצדינג וואָס איז אין מיר?"

מע זיצט אַרום דעם טיש, מענטשן קומען אַריַין, אין כאַלאַטן, מיט רויטע, פאַרשלאָפענע אויגן, מע זיצט, מע טרינקט טיי, מע רעדט, דער סאַמאָוואַר ברומט און זשומעט, רעוועקאַ דערציילט ווי אַזוי מיר זענען אָנגעקומען און ווי איך האָב פעסט און פאַר־צווייפלט געהאַלטן די צעריסענע טאַק אין מיַין אָרעם, מע גיט

מײַן טאָטן עצות, איך הער זיי און איך הער זיי ניט. איך שרײַב פיבערדיק.

אליעזר שטיינבאַרג גייט אַרום, זײַנע קליינע, ברייטע הענט פאַרקניפּט אין אַ בונט אויפן רוקן. ער קוקט, פון מאָל צו מאָל, אַריבער מײַנע פּלייצעס און מורמלט: „שרײַב, שרײַב, ווראַטשקאַ; שרײַב, מיידעלע... ווער ניט מיד. ווּעסט האָבן צײַט מאָרגן צו שלאָפן אַזוי שפּעט ווי דו ווילסט. שרײַב...״

און איך שרײַב מײַן ערשטע „אויטאָביאָגראַפישע״ דערציילונג און איך שטעל אַ נאָמען איבער דעם געשריבענעם: „אָגאָנקי״, דאָס מיינט: „ליכטעלער״ אָדער „פלעמעלער״...

„...ווי שוואַרצע טינט פּלייצט דער שרעקלעכער דניעסטער אונטער אונדזער באַהעלטעניש אויפן באַרג״... שרײַב איך.

ער דערבעט מיט אַ וואַרעמען, קינדערישן דרך איבער מײַנע פּלייצעס און אַז איך קוק אַ מאָל אַרויף צו אים, זע איך זײַנע ערנסטע, גלאַנצנדיקע אויגן, ווי צוויי פענצטערלעך באַדעקט מיט גלאָז, און איך לייען אין זײַנע אויגן אַ באַגײַסטערונג און אַ שׂימחה און אַ פרייד און איך ווייס ניט געננוי — פאַר וואָס פרייט זיך מײַן חבר? פאַר וואָס באַגײַסטערט זיך מײַן פרײַנד? אָבער זײַן באַגײַס־טערונג גיט זיך מיר איבער, איך שרײַב גיכער און גיכער, ווערטער שטראָמען פון מײַן ציטערנדיקער האַנט אויפן פּאַפּיר אַרויס.

„פּאַרטיק״? — פרעגט ער פלוצעם.

„פּאַרטיק״, זאָג איך טריומפירנדיק, און ווידער אַ מאָל טראַכט איך צו זיך אַליין: „פון וואַנען ווייסט ער?״... ער נעמט דאָס בלעטעלע און לייענט, מורמלענדיק צו זיך אַליין, און איך גיי מיט מיט שפּאַנונג און ציטערניש זײַן מינעשפּיל. אָבער זײַן קיילעכיק פּנים בלײַבט אומדורכזעעוודיק און ערנסט און איך קאָן ניט דער־קענען דעם אײַנדרוק. מײַן ערשטער קריטיקער. מײַן ערשטער פרײַנד. פון אים וועט מײַן גאַנצע ווײַטערע צוקונפט אָפּהענגען און אין מײַן קינדעריש־פאַרחלשטן האַרצן וואַקסט אויף אַ מאָדנע פאַרבינדונג מיט אים און אָט די פאַרבינדונג וועט שוין קיין מאָל

ניט אויפהערן. זײַן כּמעט מיסטישע אײַגנשאַפט צו ווערן אַ קינד צווישן קינדער, זײַן אינטויציע פֿאַר קינדער, זײַן אײגענע אייביקע קינדערישקייט, אַט יענע, פֿון זײַן אינערלעכער וועלט פֿון זאַכן, וואָס קענען רעדן, פֿון אומבאַגרענעצטער פֿאַנטאַזיע, פֿון זײַן אינטימען, וואַרעמען געלעכטער, פֿון זײַן קינדערישער װוּנדער־חכמה, — אַט דאָס אַלץ האָב איך דערזען אין יענער געבענטשטער נאַכט, ווען ער האָט באַשלאָסן, אַז איך וועל שרײַבן.

„יאַשאַ, הער איך אים זאָגן צו מײַן טאַטן אַוועקפּירנדיק אים פֿונעם טיש אין אַ זײַט, יאַשאַ, סע וואַקסט דיר אויס אַ דיכטער. גיב איר פּאַפּיר, גיב איר אַ בלײַ אין דער האַנט און דערקוטשע איר ניט מיט אַנדערע זאַכן. זי וועט שרײַבן. ס'איז געקומען צו מיר הײַנט בײַ נאַכט אַ פּאָעט פֿון יענער זײַט דניעסטער".

איך לאַך און לאַך און טרערן פֿלייצן פֿון מײַנע מידע, צופֿאַלנ־דיקע אויגן. עמעצער נעמט מיך אַרום און לייגט מיך אַרײַן אין אַ בעט. איך הער נאָך איין מאָל פֿאַר דעם אַנטשלאָפֿן ווערן זײַן צערטלעכע שטים:

„ווראַטשקאַ, שרײַב ייִדיש, הערסטו? איך וועל דיר אויס־לערנען".

און איך ווער אַנטשלאָפֿן. איך דערמאָן זיך ניט גענוי ווי לאַנג מיר זענען דעמאָלט פֿאַרבליבן אין ליפּקאַן. סע דאַכט זיך מיר, אַז דאָס זענען געווען טעג און נעכט אָן אַ סוף. גליקלעכע, שטראַלנ־דיקע טעג. ער איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון מיר. אונטער זײַן מילדן, ווייכן „באַפֿעל" האָב איך געשריבן. אַ סך געשריבן. מײַן מאַמע איז געווען זייער אומצופֿרידן פֿון דעם אַלעמען.

„קוק, יאַשאַ", פֿלעגט זי זיך קלאָגן אויף מיר פֿאַר מײַן טאַטן, „זי שרײַבט קאַטשערעס און לאָפּעטעס. בעסער וואָלט געווען זאָלסט דאָס קינד לערנען קאַליגראַפֿיע איידער איר אײַנרעדן פּוסטע אײַנרעדענישן, אַז סע וואַקסט פֿון איר אַ דיכטער".

אָדער צו אליעזרן: „לאַזאַר, וואָס רעדט איר איר אײַן, אַז זי זאָל ווערן אַ פּאָעט? זי איז סײַ ווי סײַ ניט ווי אַנדערע קינדער:

זי רעדט צו זיך אַליין, זי איז פול מיט ווילדע פאַנטאַזיעס, איך בין מיט דעם גאַנצן גאָר ניט אַזוי איינפאַרשטאַנען״...

אָבער ער און איך האָבן זיך געהאַט אַ געהיימע „פראַנק־מאַסאָנישע לאָזשע״: מיר האָבן ביידע, האַנט אין האַנט, אַוועק־געשפּאַצירט אויפן „שאַס״, אַ ברייטע, ווילדע, ליידיקע, סטעפּע־דיקע פּלאַץ אַרום דעם שטעטל און דאָרטן האָבן מיר ביידע גע־קאָנט רעדן.

דאָרט האָט ער מיר איבערגעלייענט איינע פון זיינע מעשהלער, אין וועלכן אַ טיש האָט געמיטלער גערעדט מיט אַ בענקל און דאָס בענקל האָט ברוגזלער רעאַגירט אויף דעם טישלס ווערטער אַאַז״וו.

אין שטוב פלעגן מיר ביידע אָננעמען אַ קאָנספּיראַטאָריש־זאַבלעבן טאָן און כּמעט ניט רעדן איינער צום צווייטן. און אין מיין האַרצן איז געוואַקסן אַ ליידנשאַפטלעכע ליבע צו אים, צו דעם גנאָמישן חבר מיינעם, וואָס פאַרשטייט מיך אַזוי גוט און גיט מיר אַוועק אַזוי פיל צייט, אַזוי פיל פריינדשאַפט און וועלכער פירט מיך, שטיל און אומבאַמערקט פאַר אַנדערע, דירעקט צו מיין אייגענער וועלט.

אין שטוב איז געהאַנגען אַ וואָלענער, פילפאַרביקער „קילים״ אויף דער וואַנט: די ביזאַנטיש־בונטע אָרנאַמענטן האָט ער פאַר מיר שטענדיק אַסאָציִירט מיט אַ מעשהלע, מיט אַ משל. איך האָב דערזען, דורך זיינע אויגן, בלומען אין אַ גאָרטן, כאָטש די אָרנאַ־מענטן האָבן דאָס ניט געמיינט צו באַווייזן.

און אַזוי איז אויפגעקומען מיין ערשטע „נאָוועלע״, אַ מעשהלע פון אַ בלומען־געבוירן־טאָג, מיט דעם באַראָקן טיטל: „דער געבוירן־טאָג פון דעם היאַצינט און אַלע זיינע געסט פון דעם גאָרטן מיט בלומען״. געשריבן האָב איך, פאַרשטייט זיך, אין דער רוסישער שפּראַך. אַז מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים אַוועק־פאָרן פון ליפּקאַן קיין טשערנאָוויץ, ווו מיינע עלטערן האָבן זיך דעמאָלט טאַקע באַזעצט און ווו איך בין אויפגעוואַקסן, האָב איך

אים איבערגעלאָזט מײַן „ווערק". ערנסט און פֿײַערלעך האָט ער דאָס פֿון מײַנע הענט אָנגענומען, אַ קוק געטאָן אויפֿן טיטל און אַזוי געזאָגט צו מיר:

„ווראַטשקאַ, רעוועקאַ און איך וועלן באַלד קומען קיין טשערנאָוויץ און דו און איך וועלן דאָרטן ווײַטער פֿירן אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט. דײַן ,ווערק' וועל איך דערווײַלע איבערלייענען. זאָג מיר צו, אַז דו וועסט שרײַבן, אַ?"

איך האָב געוויינט בײַם אָװעקפֿאָרן. דאָס האַרבסטיקע ליפּקאַן האָט אויסגעזען נאַקעט און אומעטיק. די בלאָטע איז אײַנגעטריקנט געוואָרן אין דעם פֿרישן פֿראָסט. אַ גרופּע מענטשן האָט אונדז באַגלייט און מײַנע עלטערן האָבן ביידע געהאַט דאָס אויסזען פֿון איבערגעשראָקענע פּליטים. אָבער ניט דאָס האָט מיך גע־מוטשעט, ניט די אומזיכערקייט, ניט די אָנקומענדיקע אָרעמקייט — דאָס אַלץ האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען, ניט געוווּסט; וואָס מיך האָט געקוועטשט איז געווען, אַז ער האָט נאָר געהאַט צײַט איבער־צולייענען דעם טיטל, ניט מער, און עס האָט געברענט אין מיר יענע שאַרפֿע בענקשאַפֿט צו הערן זײַן קריטיק, אָט יענע פּאָעטישע אומגעדולד, וועלכע האָט מיך שוין, פֿון דעמאָלט אָן, קיין מאָל ניט פֿאַרלאָזט.

ווען אונדזער בריטשקע האָט זיך אָנגעהויבן צו רירן פֿון אָרט, אַוועקפֿירנדיק אונדזער ביסל אָרעמקייט און אונדז אַליין אַנטקעגן אַ נײַעם אָנהייב — זענען עטלעכע פֿרײַנד, וואָס האָבן אונדז באַגלייט, געשטאַנען און אונדז נאָכגעוווּנקען מיט טיכלעך. איצט ווייס איך, אַז צווישן זיי איז געווען משה אַלטמאַן, יעקב שטערנ־בערג, לוי בלאַנק; אָבער דעמאָלט האָב איך זייערע נעמען, זייערע פּנימער כּמעט ניט באַמערקט. צווישן זיי האָב איך נאָר געזען אים, זײַן קײַלעכיקע, קליינע געשטאַלט, מיט דעם טונקעלן, הויך געשלאָסענעם העמד, מיט ווײַסע בריטשקעס איבערן העמד, זײַנע קיילעכיקע גלעזער גלאַנצנדיקע פֿאַר זײַנע קורצזיכטיקע אויגן און ביידע הענט אין די קעשענעס פֿון די הויזן. ער האָט ניט

געוווּנקען מיט דער האַנט. ער איז געשטאַנען שטיל, קליין און סעפּאַראַט. און נאָר אים האָב איך געזען און נאָר צו אים האָבן זיך מײַנע נאַסע אויגן צוגעקלעפּט. עפּעס האָט ער מיר נאָך געזאָגט... אַ טרייסט, אַ צוזאָג, אַז ער וועט קומען. אָבער אַ ווילדער געוויין, אַ שטומער, פאַרצווייפלטער געוויין האָט געטרייסלט מײַן קליינעם קערפּער. פאַריתומט און טראַגיש פאַרלאָזן בין איך אַוועקגעפאָרן. דער לאַנגער, פּוסטער, האַרבסטיק־פּראָסטיקער וועג צו דער ווײַטער סטאַנציע האָט זיך געצויגן און געצויגן פאַר מיר און קיין סוף האָב איך צו דעם וועג ניט געזען.

„ער וועט קומען צו מיר. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט קומען...״ די רעדער האָבן זיך מיט מי געדרייט אויף דעם פאַרשטייינערטן גליטשיקן, פאַרפרוירענעם וועג. די בעסאַראַבישע, עפּיש־ברייטע, אומבאַוואָקסענע לאַנדשאַפט האָט פּאַמעלעך גענומען מײַנע אויגן אין געפאַנגענשאַפט. פאַרגעסן איז געלעגן מײַן שמאַטעדיקע „טאַמאַרע״ אין וואָגן. אין מײַן קאָפּ האָט זיך געפורעמט אַ מעשׂהלע און אין דעם מעשׂהלע איז פאַרגעקומען אַ צויבערער מיט ברילן, מיט אַ קורצן, קינדערישן קערפּער, אַ גנאָם, אַ גוטינקער, אַ ליבלעכער, איינער וואָס האָט געקאָנט מאַכן רעדן זאַכן און חיות... און פון מײַן בענקשאַפט צו אים איז עפּעס אויפגעקומען. ער וועט קומען און וועט עס איבערלייענען. באַלד, באַלד, באַלד.

ווי אַ גאָלדענע שכינה איז דעמאָלט, אין די 20ער יאָרן, געלעגן אַ זוניקע, וואַרעמע שײַן איבער טשערנאָוויץ. מע זאָגט, אַז אין אַ טראָפּן וואַסער פון ים איז פאַראַן אין אַ קליינער דאָזע פונקט אַזאַ סך פון אַלע עלעמענטן, ווי אינעם ים גופא. אַזוי איז דאָס דעמאָלט געווען אין דעם ייִדישן טשערנאָוויץ: אָפּצווײַגן פון קולטורעלן, סאָציאַלן, רעליגיעזן ייִדישן לעבן האָבן געאָטעמט פרײַ און געבליט אין דער וואַרעמקייט פון קאַרגע עטלעכע, כּמעט אידיליש רויִקע יאָרן.

די גרויסע מלחמה איז געווען פאַרביַי. די רומעניזאַציע האָט נאָך ניט אָנגעהויבן צו באַוויַיזן אירע שאַרפע ציין. היטלערס הייזעריקע סטראַשונקעס האָט אונדזער וועלט דעמאָלט נאָך ניט געהאַט דערהערט. דער רומענישער אַנטיסעמיטיזם האָט נאָך ניט געהאַט קיין צייַט אָנצונעמען מיליטאַנטישע פאָרמען. טשערנאָוויץ האָט נאָך געאָטעמט מיטן אַלטן עסטרייַכישן גייַסט פון יענער בירגערלעכער געמיטלעכקייט, וואָס נאָך איר בענקען הייַנט נאָך אונדזערע צעווייטע און צעשפּרייטע בוקאָווינער אַלטיטשקע. פראַנץ יאָזעפס פּאַסיווע טאָלעראַנץ האָט נאָך ממש געשוועבט ווי אַ זיל־בערנער שלייער איבער די דעכער פון אונדזערע הייַזער. די נעמען פון אונדזערע גאַסן און פּאַרקן זענען נאָך געווען די זעלבע ווי פאַר דער מלחמה: שילער־פּאַרק, האַבסבורגסהעהע, פראַנץ יאָ־זעף־פּאַרק אאַז״וו, אאַז״וו.

דריַי אָדער גאָר גאַנצע פיר הויפן פון גרויסע רביים מיט זייערע חסידים האָבן געהאַט זייער דינאַסטישן זיץ אין און אַרום אונדזער שטאָט. אַ קליין, אינטים אָרגאַניזירט וועלטעלע אין מיטן פון אַ גרויסער אַמאָרפער וועלט. און ווי אין יענעם טראָפּן וואַסער פונעם גרויסן ים, אַזוי אויך אין אונדזער שטאָט, האָבן פריַי און גרויסאַרטיק אויפגעלעבט אַלע עלעמענטן פון אַלע דינאַמישע כוחות, וואָס מאַכן אויס דאָס לעבן פון אַ נאָרמאַל פאָלק: מיר האָבן געהאַט דעם שולפאַראיין מיט זיַינע יִדישיסטן, „השומר־הצעיר״, אַנדערע ציוניסטישע באַוועגונגען. געהאַט די חסידים צווישן אונדז, געהאַט די אַפּיקורסים און די לינקע יוגנט. געהאַט שולן, גנים, טעאַטער־גרופּעס. פּאָעטן זענען זיך פון אַלע זיַיטן דאָ צונויפגעקומען, מאָלערס, מוזיקערס. בעסאַראַבישע יִדן האָבן אָנגעהויבן דעם „עקזאָדוס״ פון די שטעטן * פון בעסאַראַביע צו דעם מער קולטורעלן, מער לעבעדיקן צענטער. די יונגע זענען ממש צעריסן געוואָרן פון אַזוי פיל מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען

* סטעפּעס.

זייערע יידישע כּוחות: לערנען עברית און זײַן אַ שומר און פֿאָרן צו דער מושבה, און ווײַטער קיין ארץ־ישראל אָדער לערנען און רעדן נאָר יידיש, זײַן אַ פֿרייַלעבער מיטגליד פֿונעם שולפֿאַראיין. אָדער אָננעמען די שטאַרקע, אַרומיקע „דויטשע" קולטור־אַטמאָס־פֿער.

פֿון אַלעמען איז געווען, פֿון אַלעמען פֿאַראַן געווען אין יענע 20ער יאָרן. אין דעם „השומר" האָט מען באַגײַסטערט און שיכּורע פֿאַר פֿרייד און גרייטשאַפֿט אָפּגעהאַלטן קלוגע, נאַציאָנאַל־פֿילאָ־סאָפֿישע „שיחות" און זיך געגרייט צום אויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל, אין דעם שולפֿאַראיין האָט מען גערעדט, געשריבן, געשריגן „געוואַלט" — יידיש... אונטער דער פֿירונג פֿון איטשע זינגער, לויט דעם פֿאָרשלאָג פֿון אליעזר שטיינבאַרג, איז אויפֿגעקומען די זומער־קאָלאָניע אין וויזשענקע, אונטערן גרינעם, וואַלדיקן שאָטן פֿון די קאַרפּאַטן, דאָרטן ווו סע האָט געבורטשעט אַ קוואַל, ווו דער בעל־שם־טוב האָט זיך אַ מאָל געבאָדן... דער שולפֿאַראיין האָט (אויך אונטער דער דירעקטער השפּעה פֿון שטיינבאַרגן) אָרגאַניזירט אַ גן, יידיש — פֿאַרשטייט זיך, אַ פֿײַנע טעאַטער־גרופּע: „קאָמעלעאָן", ווו טאַלאַנטירטע, יונגע, פֿילפֿאַרביקע פּער־זענלעכקייטן האָבן שפּעריש צוגעלייגט אַ האַנט און געמאַכט אַ שטיקל טעאַטער־געשיכטע מיטן דאָזיקן אויפֿטו: שמחה שוואַרץ, איציק שוואַרץ, לייב לעווין. יונגע אַקטיאָרן, קאָמפּאָניסטן — אַלע זענען צום וואָרט געקומען און ס'איז געווען אַ יום־טוב אויף דער יידישער גאַס. ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געלעבט אַ טאָג: זשאַבאָטינסקי איז געקומען האַלטן זײַנע געניאַלע, אָראַטאָריש ניט איבערגעשטיגענע רעדעס; אוסישקין, אַלשוואַנגער האָבן בײַ אונדז גערעדט וועגן ווײַטער שמידן די „גאָלדענע קייט" און מיר האָבן זיך צוגעהערט, פֿאַרהאַלטנדיק דעם אָטעם, צו זייערע פּראָ־פֿעטישע ווערטער. די ווילנער טרופּע האָט אונדז באַגליקט מיט איר ריינער, נאָבעלער קונסט. אַזוי האָט זיך געטאָן און געטאָן אויף דער יידישער גאַס און עס האָט זיך געלעבט פֿרײַ און גוט

און פריילעך און קײנעם האָט זיך ניט געחלומט דער וויסטער חלום, אַז באַלד, באַלד וועלן קומען מאָגערע יאָרן, בלוטיקע יאָרן, יאָרן פון מפּלה און טויט...

איבער אַלעמען האָט דעמאָלט געלויכטן אליעזר שטיינבאַרגס בײַזײַן. פֿאַר מיר איז ער געווען דער גרויסער מײַסטער, מײַן פירער, מײַן לערער, מײַן פרײַנד. אַחוץ דעם וואָס מײַנע עלטערן און איך זענען תּמיד געגאַנגען צו אַלע זײַנע פאָרטראָגן, אַחוץ דעם וואָס איך בין שטענדיק און אומעטום געזעסן מיט מײַנע ביידע אויגן ווײַט אָפן און מײַנע יונגע, סענסיטיווע אויערן צוגעשפּיצט צו יעדער וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, בין איך אָפט, כּמעט יעדער וואָך, געווען בײַ אים אין שטוב, ווו ער האָט מיר געלערנט דעם אלף־בית און זיך צערטלעך, געדולדיק, מיט יענעם, פאַר זײַן גאַנץ לעבן פאַרבליבענעם טיפּישן שמייכל פון טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש, אָפּגעגעבן מיט מײַן ווילדער יוגנט, מיט מײַנע דיכטונגען, מײַנע שטורעם־ און דראַנג־חלומות, מיט מײַן גאַנצער קאָמפּליצירטער וועלט פון „דיכטונג און וואַרהייט״. איך האָב אים אַנטוישט: איך האָב תּיכּף (אַזוי שנעל ווי איך האָב זיך נאָר אינטימער באַקענט מיט דער דײַטשער שפּראַך און מיט איר פּאָע־זיע) זיך שטורמיש פאַרליבט אין דײַטש און געשריבן דײַטש. זײַן „ווראַטשקאַ, שרײַב ייִדיש״ איז געבליבן אָן אַן ענטפער פון מײַן זײַט. אַלע מאָל האָב איך אים צוגעזאָגט, אַז אָט־אָט, אַזוי באַלד ווי איך וועל פאַרטיק ווערן מיט יענער נאָוועלע, וועלכע קאָן געשריבן ווערן „נאָר אין דײַטש״, ווי באַלד איך וועל נאָר אַרויס פון מײַן טיפער, מיסטישער אַרײַנגעטאָנקייט אין נאָוואַליסן, אין געטען, אין קלייסטן, ווי באַלד איך וועל נאָר פאַרטיק מאַכן דאָס און יענץ, וועל איך איבערגיין אויף ייִדיש. און אַלע מאָל האָב איך אים אָפּגענאַרט. איך בין קיין מאָל מיט מײַן „דויטשער״ פאַר־ליבטקייט ניט פאַרטיק געוואָרן. מײַנע פרײַנד זענען געווען ראָזאַ אויסלענדער, מאָזעס ראָזענקראַנץ, קיטנער, קובי וואָהל א״אַ „דויט־

שע״ פּאָעטן. אַזוי איז דאָס געווען. אַזוי איז דאָס דעמאָלט געבלי־בן. צו יעדער געבוירן־טאָג מײַנעם האָט אליעזר מיר געשענקט אַ „שטאַמבוך״ מיט עטלעכע פערזן פון אים צו מיר — ניט משלים, סתּם פערזן פּערזענלעכע, לירישע אָדער דידאַקטישע, דער־מאָנענדיק מיר צו שרײַבן ייִדיש. זייער, זייער שפּעט אין מײַן לעבן האָב איך מײַן צוזאָג געהאַלטן און כ׳האָב אָנגעשריבן אַ דראַמע אין ייִדיש. זעקס מיליאָן ייִדן האָבן געדאַרפט שטאַרבן אויף קידוש־השם ביז אָט די זינדיקע נשמה האָט דערהערט דאָס „בת־קול״, ביז זי האָט נאָך אַ מאָל דערהערט זײַן צערטלעכע, מאָנענדיקע שטים און האָט געשריבן אין ייִדיש. צו שפּעט.

„ווראַטשקאַ, זאָגט ער צו מיר אַ מאָל, באַלד נאָך דעם וואָס רעוועקאַ און ער האָבן זיך באַזעצט אין טשערנאָוויץ, ווראַטשקאַ־סערדצע, איך קאָן ניט איבערזעצן דײַן מעשׂהלע, וואָס דו האָסט מיר געגעבן אין ליפּקאַן: די נעמען פון בלומען, ווו נעם איך די נעמען פון דײַנע בלומען אין ייִדיש? היאַצינט, טולפּע, רעזעדע, לעווענצאָן, פּיילכען, פּרימעלן״ אאַז״וו, אאַז״וו.*

„צי האָט די ייִדישע שפּראַך ניט איר אייגענע באָטאַניק, לאַזאַר?״ האָב איך אים פּרעך איבערגעפּרעגט.

אַ שטאַרק, שטום געלעכטער צעשאָקלט זײַן גאַנצן, קליינעם גוף. אַזוי האָט ער טאָקע שטענדיק געלאַכט: אָן אַ קלאַנג, נאָר גיך־גיך האָבן זיך זײַנע נידעריקע פּלייצעס געהויבן איבער דעם קײַלעכיקן קאָפּ און זיך גיך־גיך ווידער אַראָפּגעלאָזט, אַ פּערפּעטוום פון באַוועגונג אָן אַ קלאַנג. זײַנע אויגן פלעגן ווערן גאַנץ־גאַנץ שמאָל, מע האָט זיי שוין כּמעט ניט מער געזען; זײַנע

* אין די צוואַנציקער יאָרן האָט די ייִדישע שול־באַוועגונג אין פּוילן, ליטע, רוסלאַנד אַ סך אויפגעטאָן אויפן פעלד פון ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָ־לאָגיע. עס זענען אַרויס די לערנביכלעך און האַנטביכלעך פון גאַלאָמב, גיליגיטש, יאַכינסאָן, פּרוסמאַן, שטשופּאַק א״אַ. די אַלע טערמינען, וואָס אליעזר שטיינבאַרג האָט זיך באַקלאָגט אויף זייער פעלן, זענען הײַנט אינעם רשות פונעם ייִדיש־ניצער. טייל טערמינען האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט.

ברייטע, דינע קינדערשע ליפּן האָבן זיך נאָך מער צעצויגן אין דער ברייט און דער קערפּער איז גיך, גיך געלאָפן אַרויף און אַראָפּ און עס האָט די וועלט מיט אים צוזאַמען געלאַכט...

„הערסט, רעוועקאַ, אַ באַטאַניק וויל זי האָבן, די גרקע, אַ באַטאַניק אין ייִדיש. מיר האָבן קוים דערלעבט אַ דיקדוק, וויל זי שוין האָבן אַ אייגענע באַטאַניק, אַט די פּרעכע מויד", און ער האָט מיך אָנגענומען מיט זײַנע קורצע, וואַרעמע פינגער בײַם אויער און אַ פּאַטערלעכן צי געטאָן.

יעדער פרייטיק־צו־נאַכט האָבן מיר זיך געטראָפן אין דער שטוב פון זײַנע און מײַנע עלטערנס אַלטע גוטע־פרײַנד, אין מע־בעלע ווײַסבערגס גאַסטלעכער שטוב. וועטשערע אָפּגעגעסן, פלעגט ער אַרויסנעמען אַ שנופּטיכל און זיך געמיטלער, באַלעבאַטיש, מיט אַ שטאַרקער רעזאָנאַנץ (באַגלייט פון רעוועקאַס שטרענגן, דיסציפּלינירטן: „לאַזאַר, לאַזאַר, נו, טשטאָ טי?) אויסשנײַצן, געמאַכט מיט דער נאָז אַ פּאָר „גילנדיקע" טענער, נאָך אַ מאָל און טאַקע נאָך אַ מאָל, דערנאָך פלעגט ער אַרויסנעמען פון דער קעשענע אַ פּאָר בלעטלעך פּאַפּיר און זיך נעמען אונדז לייענען זײַנע נײַעסטע משלים. איך גלייב, איך בין כּמעט זיכער, אַז אַט די משפחה ווײַסבערג, מײַנע עלטערן און איך זענען דעמאָלט געווען זײַנע ערשטע צוהערערס, ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ נײַער משל.

איך געדענק, אַז אין איינעם אַזאַ אויפדערנאַכט האָט ער אונדז (אַזוי דאַכט מיר) איבערגעלייענט „דאָס פערד און די בײַטש". די „גרויסע" האָבן געלויבט, קריטיקירט, דיסקוטירט, ווידער גע־לויבט; ער אָבער האָט געקוקט אויף זײַן קליינער תּלמידה — אויף מיר — און מיט לאַכנדיקע, גאַנץ־גאַנץ פאַרשמעלערטע אויגן געפרעגט: „נו, גוט אַזוי?" און איך האָב שטום געענטפערט: „גוט אַזוי". אַז אַ קינד זאָגט „גוט", איז דער משל געראָטן. זענען נאָך דעמאָלט די „גרויסע" ניט געוווינט געווען צו זײַן וועלט פון זאַכן און חיות? אמת, גאָר ערודירטע, די גאָר־גאָר אינטע־

ליגענטע און אָנגעלייענטע האָבן אים פּאַרגליכן מיט עזאָפּ, קרי־לאָוו; אָבער ניט ביַי עזאָפּן, ניט ביַי קרילאָוון האָט די פאַנטאַזיע געגרייכט אַזוי וויַט, אַז אותיות, למשל, זאָלן קאָנען רעדן.

אינעם אָנהייב פון יענע 20ער יאָרן האָט נאָך זיַין טראַנס־צענדענטער רעאַליזם, וואָס איז דעמאָלט געווען רעאַליסטיש נאָר פאַר אים אַליין און פאַר קינדער, ניט דערגרייכט דאָס אויער פון דעם דערוואַקסענעם לייענער. מע האָט אים באַוואונדערט, אידעאַ־ליזירט, געזונגען דיטיראַמבן; מע האָט געגלייבט, אַז עס לעבט צווישן אונדז אַ גאָון פון אַ יענזיַיטיקער קוואַליטעט; מע האָט גערעדט צווישן זיך, אַז ער איז „אונדזער טיטאַן"... אָבער מע האָט אים דעמאָלט קוים־קוים ערשט אָנגעהויבן צו צעקיַיען. עס דאַכט מיר, אַז נאָר אַ סך שפּעטער, אפשר ערשט ווען גראָסבאַרד האָט אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן די משלים, אַט טאַקע דורך גראָס־באַרדס נאָבעלער קלאַרקייט אין פּאָרטראַגן, דורך זיַין קונסט פון אַ גרויסן אינטערפּרעטירער, זענען די משלים סוף־כּל־סוף אַריַין אין דעם באַוווסטזיַין, אָבער טאַקע שוין מיט אַזאַ כּוח, מיט אַזאַ אומשטערבלעכער קראַפט, אַז ס'איז געוואָרן פאָלקלאָר, געשיכטע, אַ נאַטירלעכער טייל פון אונדזער שטייגער־לעבן. עס געדענקט זיך מיר פון יענע יאָרן, אַז די פּאָעטישע אַטמאָספער אין דעם יִדישיסטישן טשערנאָוויץ האָט זיך פונאַנדערגעטיילט אין צוויי לאַגערן: אויף איין זיַיט דער קלאַסיקער, דער „אָלימפּישער" שטיינבאַרג און אויף דער אַנדערער זיַיט דער ווילד־ראָמאַנטישער, פּאַסיאָנירט־לירישער איציק מאַנגער, און טאָמער נאַרט מיך מיַין זכּרון ניט אָפּ, האָבן זיך די צוויי שטרעמונגען באַקעמפט. און זייערע חסידים אויך. פון איין זיַיט דאָס אינטעלעקטועל שאַרפע, קלאַסיש שטרענגע, ראַציאָנעלע דיכטן שטיינבאַרגס; פון דער אַנדערער זיַיט די שיכּורע, ניט־גראַדליניקע, סטיכישע גאָניאַלקייט מאַנגערס.

שטיינבאַרג האָט מיך מיטגענומען צו די רעפּעטיציעס פון זיַין קינדער־דראַמע־אויפפירונג „די בעלעמער". איך געדענק, אַז ער

איז געזעסן לעבן מיר (דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז געווען אין דעם טונקעלן זאַל פון דער טוינבעהאַלע) און האָט געקוקט צו דער בינע און געמאַכט אומצופרידענע „קב־קב־קב״־טענער מיט זײַן נאָז און אַלע מאָל מיך געשטופּט, אַז איך זאָל גוט מערקן וואָס עס קומט דאָרטן פאָר און איך זאָל אים דערנאָך זאָגן, וואָס איך מיין דערצו. דאַכט זיך מיר, אַז דעמאָלט, בשעת עס זענען געגאַנגען יענע רעפּעטיציעס, האָט זיך אין מיר צום ערשטן מאָל געפורעמט דער געדאַנק צו שטודירן טעאַטער, רעזשיסור.

די אויפפירונג איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג, אָבער טאָמער איז עמעצער צופעליק אינטערעסירט אין מײַן פערזענלעכער, באַשיידענער מיינונג: ניין, דאָס איז ניט געווען זײַן שטאַרקע זײַט — דראַמאַטורגיע מיין איך.

מיט אַ צײַט שפּעטער האָט ער אויפגעפירט אַן אַנדערע דראַמע. „מכירת־יוסף״ — דאַכט מיר — איז געווען דער טיטל. זײַן טיפע בקיאות אין גמרא און תנ״ך האָט אַרויסגעשײַנט פון יעדער סצענקע אין דער מיניאַטור־דראַמע. אָבער, ווי געזאָגט: זײַן שמשונישער כּוח איז געלעגן אינעם משל.

איך האָב אַ גאַנץ פאַרלאָזלעכן זכּרון, אָבער מיט כראָנאָלאָגיע בין איך ניט שווה־בשווה. פון דעם האָבן געהאַט צו זינגען און צו זאָגן אַלע מײַנע לערערס פון געשיכטע: איך האָב, אָן שום קווענקלענישן, געקאָנט שטעלן אַלע דרײַ נאַפּאָלעאָנס אין איין יאָר, איינעם לעבן דעם אַנדערן, און ניט געפילט, אַז איך באַגיי אַ היסטאָריש־קולטורעלן פאַרברעך. אויך אין פּריוואַטע דאַטעס בין איך ניט גענוי. אַזוי אַרום מוז איך בעטן דעם חשובן לייענער מיר מוחל זײַן, טאָמער וועל איך ניט גענוי אָנרופן דאָס יאָר פון די געשעענישן, וועלכע זענען זייער לעבעדיק אין מײַן אומכראָנאָלאָגישן זכּרון. אָבער אַזוי ווי די טשערנאָוויצער עפּאָכע מיט שטיינבאַרגן האָט סײַ ווי ניט לאַנג געדויערט, וועלן מײַנע גרײַזן זײַן ניט קיין זייער טראַגישע.

ווי געזאָגט: אַ שכינה איז דעמאָלט געלעגן, ווי דער אָפּגלאַנץ

פון אַ פאַרגייענדיקער זומערדיקער זון, איבער אונדזערע לעבנס. ביכער, לידער, ניגונים, פאַראיינען, גרופּירונגען זענען אויפגעקומען, האָבן געלעבט זייער סעפּאַראַט און צו גלײַך זייער אינאיינעמדיק לעבן. ווי ברייט און ווי טיף דער אָפּגרונט צווישן די צוויי גרופּעס — שטיינבאַרגס און מאַנגערס — זאָל ניט געווען זײַן, ווי ווײַט זייערע פילאָסאָפישע אָדער נאַציאָנאַלע און קולטורעלע איבערצײַגונגען זאָלן ניט געווען זײַן איינע פון דער צווייטער, ווי גרויס די מלחמה צווישן זיי — מע האָט זיך אומעטום געטראָפן, אומעטום געזען, זיך איינער דעם אַנדערן דערקענט און זיך אָפּגעגעבן אַ ברייטן, פריילעכן שלום־עליכם. בײַ שטיינבאַרגס רעפּעראַטן האָב איך שטענדיק געזען מאַנגערן: פּינצטער, מיט אַ ראָמאַנטיש צעשויבערטן קאָפּ מיט שלאַנגיקע האָר, אין אַ טונקעלער רובאַשקע, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט; אָבער ער האָט זיך צוגעהערט און זיך צוגעהערט ווי ס'דאַרף צו זײַן. און דאָס זעלבע ווען מאַנגער האָט גערעדט, איז שטיינבאַרג געזעסן און זיך טיף, פּאַסיאָנירט, צוגעהערט צו דעם אַנאַרכיסטישן, ווילדן פּאָעט, צו דעם טרובאַדור, צו דעם אומדיסציפּלינירטן, געטלעכן מאַנגער. כאַאָס און אימפּעט, אומאָרדענונג און אַגרעסיע — אַזוי האָט זיך געוויזן פאַר אונדז מאַנגערס לעבן. בירגערלעכע אָרדענונג, אָרגאַניזירטקייט און אַ קלאַסישע באַלעבאַטישקייט איז געווען שטיינבאַרגס לעבן.

דאָ, בײַ דער שטעל, וואָלט איך זיך געוואָלט אויף אַ קורצער ווײַלע אָפּשטעלן בײַ זײַן ווײַב רעוועקאַ. איך געדענק ווי דורך אַ שלייער, אַז אַ סך עגמת־נפש האָבן זײַנע חסידים פון איר געהאַט; איך געדענק גאַנץ טונקל, אַז מע האָט גערעדט וועגן איר מיליטאַנטישער אַגרעסיע, איר האַלטן אים פאַרמאַכט קעגן דעם שטורעמדיקן דרויסן. איך געדענק אָבער נאָר די שטימונג, וואָס איך האָב אויפגעכאַפּט מיט מײַנע יונגע חושים, אָבער איך געדענק ניט די גענויע דעטאַלן. איך בין דאַך געווען צו יונג צו פאַרשטיין

אַט די אַלע זאַכן. מיך האָט פאַרפישופּט ער און זײַן ווערק, זײַן ליבע און זײַן פרײַנדשאַפט צו מיר. צום מיינסטן האָט מיך באַ־וועגט — גאָטעניו, זײַ מיר מוחל — זײַן אינטערעס צו מײַנע אייגענע, יונגע, גרינע שאַפונגען.

אָבער איך וויל דערציילן ווי אַזוי איך האָב געזען רעוועקאַן. זיי האָבן געהאַט אַ קליינע שטוב, אַ זוניקע, קוואַדראַטנע, זויבערע, געמיטלעכע, אינעם הויז פונעם באַרימטן טשערנאָוויצער דאָקטער, דעם פּאַטריאַרך ד״ר מיידלער. איך פלעג אָפט קומען צו זיי. אין מיטן שטוב — אַ קיילעכיקער טיש מיט אַ פּאָר הויכע שטולן אַרום. אויפן טיש — אַ בלענדנדיק טישטעך מיט שטיקערײַען, אַ וואַזע מיט בלומען. אויף דער וואַנט — יענער ליפּקאַנער קילים, וואָס פון אים האָט זיך אַנטוויקלט מײַן בלומען־מעשׂהלע, וואָס שטיינ־באַרג האָט עס ניט געקאָנט איבערזעצן. אין אַ ווינקל בײַ דער וואַנט — אַ בעט, אַ מעטאַלענע בעט מיט ווײַסע פאָרהאַנגען פון טיול בײַ די זײַטן. אַ רומענישער קאָץ פאַר אַ טשעכאָל.

איין מאָל, געדענק איך, האָט ער (פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט מיר) געוואָלט זיך אַנידערזעצן אויף דעם בעטל. תּיכּף־ומיד האָט זיך דערהערט רעוועקאַס קילע, קלאָרע, סאָפּראַנישע שטים: „לאַזאַר, נו, טשטאָ טי?״... זי האָט געבראַכט אָרדענונג, סיסטעם אין זײַן לעבן. מע האָט געטרונקען טיי אין אַ געוויסער שעה אין הויכע גלעזער מיט זילבערנע ברייטע מאַנזשעטן אַרום די גלע־זער. אַלץ איז געווען אין יענער זוניקער שטוב אַזוי ליבלער, אַזוי אין אָרדענונג, אַזוי סיסטעמאַטיש, אַ מחיה. איך גלייב, אַז זי האָט מיט אַ סך אינטעליגענץ דיריגירט זײַן גשמיותדיק לעבן. זי איז אים געווען אַ געטרײַע, אַ ווונדערלעכע פרוי. איך געדענק ווי זי פלעגט זיצן גאַנץ־גאַנץ שטיל און זיך צוהערן צו זײַן פאַרלייענען, די באַברילטע, זייער קורצזיכטיקע אויגן אַרויפגעצילט צום הימל. דיסקרעט, מאַנירלעך, וווּל דערצויגן, ווי אַ דיפּלאָמאַט אויף אַ סעסיע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער וויכטיקייט, ניט אַנדערש.

הײַנט האַלט איך, אַז יעדער דיכטער וואָלט באַדאַרפט האָבן

פונקט אַט אַזאַ פרוי איז זײַן לעבן, אַ סיסטעמאַטישע, אַ דיסקרעטע, אַ דיפּלאָמאַטישע, וואָס זאָל מיט בריהשאַפט דיריגירן דעם פיל־סטרוניקן אָרקעסטער פון זײַן טאָג־טעגלעכן זײַן. הלוואַי יעדן דיכטער באַשערט אַזאַ רעוועקאַ. אַגב: איך בין בײַ איר געווען צו גאַסט אין ישראל מיט אַ קורצער צײַט צוריק. זי איז כמעט בלינד, איר קאָפּ איז ווײַס, אַפּגעשוירן — ווי דעמאָלט — מענעריש. איר שטוב איז זויבער ריין און דער רומענישער קילים הענגט דאָרטן אויף דער וואַנט. זי האָט מיר, בלינדערהייט, דערקענט נאָך מײַן שטים און מיט פאַרהאַלטענע טרערן געזאָגט „ווראַטשקאַ"... דערנאָך האָבן מירביידע פאַר אַ ווײַלע ניט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. זײַנע פאָטאָגראַפיעס הענגען אין רעמעלעך אויף דער וואַנט. סימעטריש, אין אָרדענונג — אין רעוועקאַס סטיל.

אין פריוערדיקע צײַטן פלעגט זי מיר און מײַן טאַטן ע"ה תמיד אַרויסשיקן די נײַע אויסגאַבעס פון זײַנע משלים. קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

אַ מאָל, אַ מאָל, אַז איך פלעג אים פאַרלייענען מײַנע זאַכן, פלעגט זי צוקומען צו מיר און מיט אַ העפלעכן שמייכל, מיט אַ פאַרבאַהאַלטענער צערטלעכקייט, ניט ווי אַ מאַמע, נאָר כּלומרשט ווי אַ ליבע, גוטינקע מומע, מיר אַ גלעט טאָן איבערן קאָפּ. אָן ווערטער, אָן אַ לויב — אָבער קענענדיק איר וואָרטקאַרגשאַפט און איר אַבסאָלוטע דיסקרעציע האָב איך געוווּסט, דאָס מיינט, אַז די זאַך איז איר געפעלן געוואָרן.

אין 1922 (געדענק, חשובער לייענער, מײַן כראָנאָלאָגיע איז ניט פאַרלאָזלעך, עס האָט געקאָנט זײַן 1923) האָט שטיינבאַרג אַרויסגעגעבן אַ קינדער־זשורנאַל „שוועלבעלעך" און אין דעם ערשטן נומער איז געווען, אויפן שער־בלאַט, אַ דעדיקאַציע מיר: „געווידמעט מײַן חברטע, דער יונגער פּאָעטעסע ווראַטשקאַ אַלטמאַן". אונטער דעם: „ווראַטשקאַ, שרײַב ייִדיש". איך געדענק, אַז אין דעם זשורנאַל איז געווען זײַנס אַ ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן:

„אויפן באַרגל אויוון אַן
שטייט און קרייט אַ רויטער האָן״.

ביזן יאָר 1941, בעת דער וועלט־מלחמה, האָב איך געהאַט סײַ אַט דעם זשורנאַל מיט זײַן ווידמונג, סײַ אַלע די רויטע „שטאַמביכער״ מיט זײַנע לידער, וואָס ער האָט מיר געווידמעט צו מײַנע געבוירן־טעג. אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט מײַנע אייגענע, באַשיידענע ווערק.

צו דעם גאָר אינטימען קרײַז פון שטיינבאַרגס נאָענטע פרײַנד האָט אויך געהערט דער מאָלער סאָלאָמאָן לערנער. ער פלעגט אויך רעגלמעסיק זײַן אַ גאַסט, צוזאַמען מיט זײַן פרוי פאָלינאַ, בײַ יענע זינגענדיקע־קלינגענדיקע, פריילעכע פרײַטיק־וועטשערעס בײַ מעכל ווײַסבערגן. לערנער האָט שטענדיק צוגעזונגען אַלע לידער מיט זײַן דינינקער, אַ ביסל ווײַבערישער שטים, מיט גלאַנצנ־דיקע, קליינע, שאַרפע אייגעלער, מיט אַ חסידישן, ריטמישן שאָקלען פון זײַן גאַנצן קליינעם קערפּער צו דעם ריטעם פון אונדזערע פריילעכע געזאַנגען.

„קום, זשאַנינקאַ, זײַ דו מײַנע״... פאַרציט מעכעלע, דעם קאָפּ אַרויף צו דער סטעליע... סאָלאָמאָן האַלט אונטער, דין־דין־דין, ווי עס וואָלט אַ זילבערנער לעפל זיך אָנגעקלאַפּט אין פאָרצע־לײַענעם טעלערל. שטיינבאַרג זומט „זום־זום־זום״. רעוועקאַ שאָקלט זיך צו, העפלער, דיסקרעט, איך זיץ פאַרחלומט און שפּין מײַנע געדאַנקען.

אַט צו דעם דאָזיקן שטיל־פריילעכן לערנער האָט מיך שטיינ־באַרג איין מאָל מיטגענומען. „קוק, וועראַטשקאַ, קוק זיך גוט אײַן״, זאָגט ער צו מיר ווײַזנדיק אויף אַ גאַנצער וואַנט מיט מערקווערדיקע פאַרביק־גראָטעסקע בילדער אין לערנערס גרויסן סטודיאָ: „קוק, דאָס אַלץ וואָס דו זעסט דאָ — איז פון אונדזער שטייגער־לעבן; אָט דאָ זעסטו אַ שטיקל ליפּקאַן, אָט דאָס אַנדערע בילד איז אַרויסגענומען פון מעכעלעס ליד, וואָס מיר זינגען

דאָרטן: „אַכציק ער — זיבעציק זי", געדענקסט? קוק זיך נאָר איַין, באַקען זיך מיט ייִדישקייט. אַניט, וועסטו מיר דאָך, חלילה, אין גאַנצן פאַרדאַַטשט ווערן, מיַין קינד"...

לערנער און ער פלעגן מיך אַנידערזעצן צווישן זיך און מיר האָבן גערעדט און גערעדט... באַלד ערנסט, באַלד לאַכנדיק. לער־נער האָט אָנגעהויבן צו מאָלן מיַין פּאָרטרעט: אַ גריַנלעכע, כּמעט געשפּענסטיש בלייכע מויד, מיט צוויי דינע, לאַנגע צעפּ אויף אַ רויטן קליידל, בלאַסע באַקן, איבער זיי גרויסע, טראַגישע אויגן. זיך אַליין קוים־קוים דערקענט אויף דעם דאָזיקן פּאָרטרעט. דאָס בילד האָט לערנער אויסגעשטעלט און אַ סך יאָרן שפּעטער געשענקט מיַין טאַטן. אָט די גרינע, בלאַסע אימפּרעסיע פון מיַין יוגנט האָט ביַי אונדז געהאָנגען און מיַין מאַמע האָט געקלאָגט און געיאָמערט: „נו, ווער וועט דאָס אַזוינס גלייבן, אַז מיט דעם גרינעם פּאַרזעעניש מיינט מען אונדזער קינד? אוי, יאַשאַ, פּאַלג מיך, נעם זי אַרונטער".

בעת איך פלעג זיצן ווי אַ „מאָדעל" פאַר דעם בילד, פלעגט שטיינבאַרג אַריַינקומען. איך האָב געמוזט זיצן גאַנץ שטיל, אָן אַ באַוועגונג. איך געדענק יענע נאָכמיטאָגן, יענע געבענטשטע שעהען אין דעם ליכטיקן, הייסן אַטעליע, די געמיטלעך־פּאַוואָ־ליטשקע שטראָמענדיקע שמועסן — אַרום גאָרניט — אַרום אַלע־מען אין דער וועלט. איך דערמאָן זיך מיַין געפיל פון זיַין ביַיזיַין — עפּעס אַזאַ מאָדנער געפיל פון שכינה, פון אַ יום־טובדיקייט, פון עפּעס אַ באַזונדערער, גלאָריעדיקער מתּנה. אין יענע נאָכ־מיטאָגן פלעגט ער אונדז דערציילן פון זיַינע ניַיע משלים, ניַיע געדאַנקען, פּלענער, אַנטפּלעקן פאַר אונדז זיַינע וויזיעס, און ווי אַ גאָלדענער שטראָם פלעגן די ווערטער אַרויסשטראָמען פון זיַין מויל און בליַיבן אין דער זומערדיקער לופט — אוצרות פון חכמה און וויסן.

ביַי איינעם פון אָט די אומפאַרגעסלעכע, זומערדיקע נאָכ־מיטאָגן האָב איך זיי ביידן דערציילט פון איינעם פון מיַינע נאָווע־

ליסטישע פּרוּוון: אַ יונגע מויד, אַ געזונטע, אַ רויטבאַקיקע, און צוויי אַלטע מענער, וועכטערס פון אַ בית־עולם, זיצן בײַ אַן אָפע־נעם פײַער; עס איז ווינטער אויף דער נאַכט, פון דעם ברענענדיקן, אָפענעם קאַמין פליִען אַרויס פונקען. מיט אַ הויכן קרעכץ פּאַרטשע־פּעט זיך אָט אַזאַ פונק אין דער באָרד בײַ איינעם פון די צוויי וועכטערס. דאָס שיטערע בערדעלע הייבט אָן צו ברענען. די מויד לאַכט, די צוויי אַלטיטשקע פּאַכען מיט די הענט, מע לעשט מיט וואָס עס לאָזט זיך. אין דער שטילער שטוב ווערט אויף איין מאָל פרייליך און געפּערלעך. די ווינטערדיקע שטוב פילט זיך אָן מיט געלעכטער, מע קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער, אאַז״וו, אאַז״וו.

איך געדענק ניט מיט וואָס מײַן מעשׂהלע האָט זיך פאַרענ־דיקט. אָבער איינס געדענק איך: שטיינבאַרג האָט זיך אַזוי קאָמיש איבערגעקוקט מיט לערנערן, צוזאַמענגעצויגן זײַנע לאַכנדיקע אויגן אין צוויי שמאָלינקע שפּאַלטן און ביידע האָבן גענומען לאַכן — אָבער לאַכן האַמעריש, אָן אַן אויפהער, זיך ממש געהאַל־טן בײַ די זײַטן... און איך בין געזעסן, זיי ביידן באַטראַכט און ניט געוווּסט וואָס טוט זיך דאָ. ענדלעך האָט שטיינבאַרג, אָפּווישנ־דיק זיך די טרערן פון די נאַסע אויגן, געזאָגט: „אוי, לערנער, מיר דאַכט זיך אַז זי איז געוואָרן אינספּירירט אָט צו דעם דאָזיקן אידילישן בילד דורך אונדז ביידן, האַ, וואָס מיינסטו? די גרקע האָט דאָ, דאַכט זיך מיר, באַשריבן דיך און מיך און זיך אַליין צווישן אונדז ביידן... און דער פונק וואָס פליט אַרויס פונעם קאַמין און צינדט אָן איינעם פון די צוויי אַלטיטשקע איז אַ סימבאָ־לישער, האַ, וואָס מיינסטו?"

שטיינבאַרגס סאָציאַל געוויסן האָט רעאַגירט אויף אַלעמען ווי אַ סייסמאָגראַף: אַלע סטרונעס, פון זײַן מיטן פאָלק און מיטן לעבן שטאַרק פאַרבונדענער נשמה, האָבן תּיכף־ומיד אָנגערופן זיך מיט אַ שאַרפן קלאַנג צו יעדער קאָנפליקט, אָדער גאָר צו יעדער טאָג־טעגלעכער פּראָבלעם פון דער ייִדישער גאַס. מיט אַן אייגע־נעם, שאַרפן חוש פאַר אַלץ, וואָס האָט אויסגעמאַכט די עקסיס־

טענציאַליסטישע רעאַליטעטן פֿון אונדזער לעבן אין טשערנאָוויץ, האָט ער מער דערפֿילט, ווי געוווּסט; אויף יעדער ווינטעלע, וואָס פֿלעגט בלאָזן אין אַ ריכטונג פֿון אַ קאָנפֿליקט־מעגלעכקייט, האָט ער תּיכּף רעאַגירט.

די זומער־קאָלאָניע אין וויזשענקע און זײַן לערערײַ אין „שפה עבריה", כּדי גיך אויסצושולן גננות, איז געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פֿון זײַן אַרבעטסטאָג. מיט זײַן אינטויִטיוער, ווי אויך מיט זײַן אינטעלעקטועלער ענערגיע אין שײַכות מיט אַלץ, וואָס איז נוגע קינדער, האָט ער אויסגעאַרבעט אַ ווונדערלעכע פּראָגראַם פֿאַר דער קאָלאָניע: דאָס אמתדיק געניאַלע „קינדער־געריכט", אין וועלכן די קינדער זענען געווען די אָנגעקלאָגטע, די אַדוואָקאַטן, פּאַרטיייִדיקערס, פּראָקוראָרן, געשווירענע אאַז"וו.

זײַן שטאַרק אינדיווידואַליסטישע אײַנטיילונג אין פֿאַרשידענע גרופּעס: ניט נאָך די יאָרן פֿון די קינדער, נאָר מער נעמענדיק אין אַכט זייערע בשותּפֿותדיקע אינטערעסן, טאַלאַנטן, נטיות. דער כאָר, יענע ווונדערלעכע, פֿאַנטאַזיעפֿולע אויפֿפֿירונגען; לידער, טענץ, אימפּראָוויזאַציעס, אַלץ, אַלץ אין אָט דער דאָזיקער קינדער־קאָלאָניע האָט געהאַט אַן אָריגינעלן, פֿרישן ריח, אַלץ האָט געט־ראָגן זײַן סטעמפּל, דעם סטעמפּל פֿון אַן אומבאַגרענעצטער פֿאַנ־טאַזיע און פֿון אַ טאָטאַלער אידענטיפֿיקאַציע מיט דער וועלט פֿון קינדער. דאָרטן, צווישן זיי, האָט זײַן אימאַגינאַטיווער כּוח צו שאַפֿן נײַע וועלטן און אַ נײַע, גערעכטערע, בעסערע וועלט־אָרדענונג — דאָרטן האָט זײַן געניוס דערלאַנגט אַ ניט־דערגרייכטע הויכקייט. איך דערמאָן זיך, אַז ווען ער פֿלעגט קומען „אויף אינספּעקציע", ווי מע האָט עס אָנגערופֿן אין שפּאַס, פֿלעגן די קינדער זיך תּיכּף גרופּירן אַרום אים, גאַנץ ספּאָנטאַן, מיט דער אינעווייניקסטער חכמה פֿון יונוואַרג, וואָס זי זאָגט זיי, אַז דאָ איז אַ „גרויסער" וואָס איז ניט טאַקע אין אַן אמת אַ „גרויסער", נאָר פּונקט ווי זיי — אַ קינד צווישן קינדער. אָן שום מי, אָן שום פּאָסאָנען, מיט אַ דירעקטקייט וואָס האָט ניט איר גלײַכן אין דער

וועלט פון קינד־פּעדאַגאָג־באַציִונגען, האָט ער זיי געהאַט אַרום זיך אין אַ רגע און דער וואָרעמער, נאַטירלעכער, האַרציקער קאָנטאַקט האָט תּיכּף אים געמאַכט איינעם פון זיי — און זײַנע שמועסן מיט זיי זענען געווען ווי פון איין קינד צו אַן אַנדערן.

זײַנע אָריגינעלע, וויכטיקע אידעעס וועגן דעם ווי צו פאַר־ווײַלן אַ קאָלעקטיוו פון פאַרשידענע יונגע אינדיווידוומס, ווי זיי אויסצולערנען לעבן מיט אַנדערע, האָבן באמת געמעגט אַרויס־רופן אַ געפיל פון קינאה בײַ יענע מאָדערנע וועלט־פּעדאַגאָגן ווי מאַריאַ מאָנטעסאָרי און אַנדערע. דאָרטן ווו יענע וועלט־פּעדאַגאָגן האָבן געשאַפן אַ „ביכערישע", אַ מעטאָדיסטישע באַציִונג צו פּראָב־לעמען פון קינדער — דאָרטן האָט ער סוווערען רעגירט, מיט זײַן אומגעזוענעם צעפּטער אין זײַן האַנט, זיצנדיק אויף אַן אומגע־זעענעם טראָן, מיט אַן אומגעזעענער קרוין אויף זײַן רונדן, גלאַטן, נאַקעטן קאָפּ, קליין ווי זיי, באַהנט ווי זיי, זיצנדיק דאָרטן, אויף אַ באַנק אונטער די גרינע ביימער פון אונדזערע קאַרפּאַטן און שפּינענדיק, שפּינענדיק אַ חלום מיט זיי צוזאַמען.

עטלעכע וואָכן פאַר דעם ווי איך האָב געדאַרפט פאַרענדיקן די גימנאַזיע האָט שטיינבאַרג מיך אַ מאָל אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס און מיך געפרעגט צי איך וואָלט ניט מסכּים געווען צו נעמען אַ קורס פון גננות אין דער „שׂפה עבריה", כּדי דערנאָך צו אַרבעטן ווי אַ גננת אין זײַן קאָלאָניע. איך האָב באַגײַסטערט צוגעשטימט. ער האָט איבערגערעדט מײַן איבערפאָרזיכטיקע מוטער; מײַן טאַטן האָט ער גאָר ניט געדאַרפט איבעררעדן: מײַן טאַטע האָט וווּנדער־לעך פאַרשטאַנען אַלע מײַנע השׂגות און השׂגהלעך; ער איז מיט פרייד און נײַגער נאָכגעגאַנגען אַלע מײַנע פאַנטאַסטישע אַוואַנ־טורעס און האָט געטיילט מיט מיר מײַן נײַגער און מײַנע שטרע־בונגען — אַפילו דעמאָלט, ווען זיי פלעגן זיך אים אויסווײַזן ווי סתּם פאַנטאַזיעס.

כ'האָב זיך צוגעלערנט אין „שׂפה עבריה", געוואָרן אַ גננת און זומער געפאָרן קיין וויזשענקע. די ווײַטערדיקע צוויי פריילעכע

זומערס וועלן אויף שטענדיק פאַרבלײַבן אין מײַן זכרון ווי עפּעס אַזעלכע ווונדערלעכע מעשׂהלעך פון פריילעכקייט, אַרבעט, זינגען לידער, טאַנצן און אויף דער נאַכט פאַרברענגען מיט חברים, ווי מאַנגער, ראַזע אויסלענדער, איציק שוואַרץ, משולם סורקעס, אבנר באַראַק ע״ה. צוויי זיסע זומערס, ווען יידיש איז טאַקע געוואָרן נאָענט צו מײַן האַרצן און אין וועלכע ס׳זענען אין מיר אויפגעקומען אַ סך פּלענער פאַר מײַן צוקונפט ווי אַ קינדער־פּעדאַגאָג.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אַז איך האָב חתונה געהאַט, האָבן מיר, מײַן מאַן און איך, טאַקע באַשלאָסן צו בויען אונדזער אייגענע קינדער־קאָלאָניע, קאָפּירנדיק אַ סך פון שטיינבאַרגס איינציקאַרטיקע המצאות.

שטיינבאַרגן האָט מען פאַרבעטן צו ווערן אַ לערער אין בראַזיל. ער און רעוועקאַ האָבן אָנגעהויבן זיך גרייטן אין דעם גרויסן וועג אַרײַן. אַלע קרײַזן פון דער יידישער אינטעליגענץ האָבן זיך פאַרזאַמלט און מע האָט געפּראַוועט געזעגן־אָוונטן פאַר זיי ביידע.

פון בראַזיל פלעגן מיר באַקומען טרויעריקע, אַנטוישטע בריוו פון רעוועקאַן. זי האָט אונדז געשריבן אין דער רוסישער שפּראַך, מיט איר כּמעט קאַליגראַפישער שריפט. ער האָט גאָר זעלטן צוגעשריבן אַ פּאָר ווערטער. ער איז געווען מאָדנע פאַרשלאָסן וואָס שייך זײַנע פּערזענלעכע, אינטימע ענינים.

אַ פּאַראַדאָקסאַלער פענאָמען: צווישן קינדער און צווישן פּאָעטן, דיכטערס, פאַרשווינים מיט אַ פאַרבינדונג צו זײַן אייגענער וועלט — האָט ער זיך געוויזן מיט אַ כּמעט נאַיווער אָפנקייט. אַזוי באַלד אָבער ווי די רייד האָבן זיך אַ דריי געטאָן אין דער דירעקציע פון זײַן אייגענעם, פּריוואַטן לעבן, האָט זיך דאָס קינדלעכדיקע, גנאָמישע, אָפענע פּנים פאַרוואָלקנט, זיך פאַרשלאָסן און מיט אַ דיסקרעטער, העפלעכער דיסטאַנצירטקייט האָט ער שטענדיק עפּעס אַזוינס באַוויזן, אַז ווײַטער שמעסן וועגן דעם פּערזענלעכן ענין איז געוואָרן אוממעגלעך.

מיר דאַכט, אַז ער האָט גאָר ניט פאַרמאָגט אַזאַ מין זאַך ווי

דאָס אַזוי אָנגערופענע „פּערזענלעכע לעבן”. זײַן גאַנץ לײַב־און־לעבן, גוף און נשמה, אַלץ וואָס איז געווען ער — איז געווען אַן אומבאַגרענעצטע פּאַנטאַזיע און אַ געניוס אויסצודריקן זײַנע וויזיעס אין ווערטער. זײַן ליבע צו קינדער און זײַן עסטעטישע פֿאַרבונדנקייט מיט ליטעראַטור און צו יענע מענטשן וואָס האָבן געהאַט אַ שײַכות צו ליטעראַטור — אָט דאָס איז טאַקע געווען זײַן גאַנצע עקסיסטענץ. מיט זײַנע חברים (און צווישן זײַנע נאָענטסטע זענען געווען מײַן טאַטע און מעכל ווײַסבערג) פֿלעגט ער זיצן — אַ וואַרעמער, אינטערעסירטער צוהערער. זײַערע זאָרגן און פּראָבלעמען האָט ער געוווּסט, זיך מיטן גאַנצן האַרצן צוגע־הערט צו זיי, אָבער איך געדענק ניט אַזאַ מצב, ער זאָל האָבן זיך אויפֿגעעפֿנט פֿאַר זיי. ס׳איז געווען כּמעט אַזוי, אַז מע פֿלעגט פֿאַרגעסן, אַז ער איז אַ בשׂר־ודם, אַז ער האָט מסתּמא אויך וואָס צו זאָגן, וואָס צו קלאָגן. זײַן מאַטעריעלע סיטואַציע איז געווען ווײַט פֿון אַ נאָרמאַלער. אָבער — ווי געזאָגט — ער איז געווען ערגעץ ווײַט, ווײַט, ווײַט פֿון אָט די אַלע „קליינע השׂגהלער”; זײַן גײַסט האָט טאַקע ניט געוויילט אונטער יענע טאָג־טעגלעכע וואָלקנס, וואָס פֿאַרנעמען צײַט און כּוח בײַ אַנדערע. אָט־אָ די דאָזיקע „דיסטאַנצירטקייט” געדענק איך שאַרף און אַ ביסעלע מיט אַ געפֿיל פֿון ווייטיק. אָט די „ווײַטקייט” האָט אויך שטאַרק משפּיע געווען אויף זײַן לירישן סטיל. אָבער וועגן דעם שפּעטער.

טאַמער האָט מען אָנגעהויבן רעדן מיט אים וועגן אים אַליין — האָט זיך זײַן קײַלעכדיקער, קאָנקאַווער שטערן תּיכּף אָנגעכמורעט, אַ העפֿלעך־קילער טאָן פֿלעגט זיך אַרײַנשמוגלען אין זײַן וואַרעמער שטים און די ברייטע, קינדערישע ליפּן פֿלעגן זיך פֿאַרשליסן. כּאָטש טו אים עפּעס. און דאָס אַלץ מיט ווייכקייט, פֿרײַ פֿון אַראָגאַנץ, אַזוי ליבלעך, פֿײַן, כּמעט אומבאַמערקט — אַז קיינער זאָל זיך, חלילה, ניט פֿילן באַליידיקט.

אין אירע בריוו פֿון בראַזיל האָט רעוועקאַ געקלאָגט, אַז זי קען דעם קלימאַט דאָרטן ניט פֿאַרטראָגן. זי האָט געקלאָגט, אַז

די היץ איז ניט איבערצוטראָגן, זי מוז שלאָפן אין דעם קילן באָדצימער. מיט איין וואָרט: זיי האָבן זיך געמוטשעט. געבליבן זענען זיי דאָרטן אַן ערך עלף חדשים און צוריקגעקומען קיין טשערנאָוויץ. צוריקגעקומען, האָבן זיי געוווינט אַ צייט ביי דעם באַרימטן, עקסצענטרישן, וווּנדערלעכן און פון אונדז אַלע זייער געליבטן ד״ר נטע ראָזענבלאַט. זיין ווייסע, שיינע, ראָמאַנטיש אויסזעענדיקע ווילע, — געבויט אויפן שפּיץ פון אַ בערגעלע, פּונקט אַקעגן דעם שילער־פּאַרק, ווו פּאַרליבטע פּלעגן גיין זוכן די לבנה און זיך דורכרעדן מיט די שטערן — איז געוואָרן אַ צענטער פון אויפדערנאַכטיקע צוזאַמענקומענישן פון אַלע באַוווּנדערערס און פריינד פון שטיינבאַרגן.

וועגן נטע ראָזענבלאַט וואָלט מען געקאָנט דערציילן און דערציילן: טאָקע נאָר יענע פּאַרפּישופּטע, פּסעוודאָפּריווע, ליכטיקע, גאָלדענע אַטמאָספער פון אונדזער עסטרייכיש־רומעניש־ייִדישער שטאָט טשערנאָוויץ אין די ערשטע פּאָר יאָר פון די דראַמאַטישע 30ער יאָרן — ווען ייִדן האָבן נאָך געהאַט צייט און חשק צו שפּינען אַ חלום — נאָר אין יענע לעצטע פּאָר יאָר פון אַ כּלומרשט פרייער אָטעם־פּויזע — האָט געקאָנט עקסיסטירן אַזאַ מין מערקווערדיקער פּאַרשוין ווי נטע, אַ נאַטור־פילאָסאָף, אַ מין פּאַנטעיִסט, אַ מאַראַליסט אין בעסטן זין פון דעם אָפּגענוצטן וואָרט, אַן אויגן־ספּעציאַליסט, וואָס האָט באַשטאַנען צו היילן מיט דעם אייביקן כּוח פון זון, קעמפנדיק קעגן מעדיקאַמענטן, היילנדיק מיט דעם וואָס די נאַטור האָט געשטעלט אין אונדזער רשות...

אַליין אַ וועגעטאַריער און שום קאָמפּראָמיסן, האָט ער געטראָגן שיך ניט פון לעדער, נאָר פון שטריק, האָט אויפגענומען אונדז, זיינע געסט, מיט שפּינאַט, דערצו נאָך רויען שפּינאַט, מיט ראַזשינקעס און מאַנדלען אאַז״וו... אָבער ווי געפינט מען ווערטער צו באַשרייבן, איבערצוגעבן די גאַסטלעכקייט, די זיסע וואַרעמקייט פון זיין הויז. נטע, באַגלייט אויף זיין קורצן, פּילפּאַרביקן, שווערן וועג פון זיין געטרייער פרוי חוהלע, האָט, דאַכט זיך מיר, געוואָלט

געפינען אַט יענעם אַרכימעדישן שטיצפּונקט צו קענען אויפהייבן אויף זײַנע פּלייצעס די גאַנצע קרומע, פאַרדרייטע וועלט און זי אַרויסהייבן פון אירע קאָנווענציאָנעלע אַקסלען, כּדי זי צו קענען אַוועקשטעלן אויף אַ ריכטיקן אופן. אַ מאָדנער, אומקאָמפּראָמיסלע־כער, אומבײַגעוודיקער אינדיווידואַליסט — אַ טרעגער פון אַ חלום.

אייביקע, היציקע דעבאַטן מיט אונדז אַלע וועגן זײַן שטרענגן וועגעטאַרישן וועלטבאַנעם, וועגן ספּיריטואַליזם, אין וועלכן ער האָט געגלייבט מיט דער גאַנצער נאַיִווער, קינדערישער נשמה זײַנער, און ווי אַ סימן — אַנרופן ווי אַן עדות דעם „גײַסט פון מענעסן״ — אַט אין דער דאָזיקער יענזײַטיקער, פאַרפּישופּטער לופט פון דער ווײַסער ווילע אויפן בערגל אַקעגן דעם טונקל־גרינעם, פאַרליבטן שילער־פּאַרק האָט געוווינט שטיינבאַרג, דער פּאָעט מיט אַזאַ שטרענגער, קלאָרער „ראַציאָ״, מיטן ריינעם, אָלימפּישן שׂכל, וועלכער האָט געשאַפן די קלאַסישסטע ווערק, וואָס דער „געטיילטער״ געניוס פון ראַציאָ און פאַנטאַזיע קאָן שאַפן.

ביז שפּעט בײַ נאַכט פלעגן מיר אַלע זיצן אויפן ברייטן, שטיינערנעם באַלקאָן, וואָס האָט אונדז געגעבן אַ פולן אויסבליק צום פּאַרק. אומפאַרגעסלעכע אָוונטן. דאָרטן האָב איך זיך דעמאָלט באַקענט מיט גראָסבאַרדן.

דאַכט מיר, אַז טאַקע אין יענע יאָרן האָט דער גרויסאַרטיקער קינסטלער, אין זײַנע וואָרטקאָנצערטן אָנגעהויבן אַרויסצוברענ־גען אויף דער ברייטער עסטראַדע שטיינבאַרגס משלים. דורך גראָסבאַרדס ווונדערלעכער אינטערפּרעטאַציע האָבן זיך די סימ־באָלישע וויזיעס באַפרײַט פון דער ביכערישער תּפיסה. דער רעבע־לישער כּוח פון זײַנע פערזן איז דעמאָלט קלאָרער געוואָרן פאַר דעם ברייטן עולם. איך געדענק זייער גוט דעם איבערגאַנג פון שטיינבאַרגס ביז דעמאָלט נאָר ליטעראַרישער באַרימטקייט צו דער עפנטלעכער אָנערקענונג און באַגײַסטערונג פון עולם. אין יענער צײַט, אין דעם הויז פון נטע ראָזענבלאַט, האָב איך צום ערשטן

מאָל זיך באַגעגנט מיט אַ יונגן מענטשן, וועלכער איז געוואָרן אַ וויכטיקער פּאַרשוין אין די לעצטע יאָרן פון שטיינבאַרגס לעבן: חיים גינינגער.

אַ פּאָר ווערטער וועגן אים: איך גלייב, אַז ער איז דעמאָלט געווען אַזוי טיף פאַרזונקען אין זיין ליידנשאַפטלעכער ליבע און אין זיין טיפער באַוווּנדערונג פאַר שטיינבאַרגן, אַז ער האָט קיינעם אַרום זיך ניט באַמערקט, אַזוי אַז איך מיין, אַז ער האָט מיך דאָרטן ניט דערזען. ערשט אַ סך שפּעטער האָבן מיר זיך ביידע נענטער באַקענט. ער, גינינגער, איז געוואָרן מיט דער צייט אַ זייער נאָענ־טער מענטש מיט שטיינבאַרגן. אַ מין סעקרעטאַרישער פריינד, אַ תּלמיד — אַן איבערגעגעבענער ייִדישער וואַגנער לעבן אַ ייִדישן פאַוסט. דער פאַרגלייך מיט וואַגנערן איז ניט קיין פּאַסיקער, על־כּל־פּנים ניט אין גאַנצן אַ פּאַסיקער — ווייל וואַגנער איז אַ דייטשע פיגור, אַ ווילנלאָזער תּלמיד פון פאַוסטן, אַ בראַווער אויסטייטשער פון פאַוסטס אידעעס, אַ שילער, וואָס פאָלגט יעדער וואָרט פון זיין גוואַלדיקן מייסטער אָן שום קריטיק, אָן שום קאָנטראָל, וואָרט ביי וואָרט... נו, ווו געהערט אַזאַ מין פאָלגעוודיקייט, אַזאַ מין אויטאָמאַטישע איבערגעגעבנקייט ביי אונדז ייִדן, ווו יעדער איז זיין אייגענער פילאָסאָף, ווו צוויי זענען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי און דריי זענען אַ נייע וועלט־אָרדענונג?

עס דאַכט מיר, אַז גינינגער האָט אַפילו דעמאָלט, בשעת זיין גאַנצע יונגע נשמה האָט געגליט מיט דעם הייליקן פייער פון „דינען אַ געניוס״, פון זיין נאָענט צו אָן אומשטערבלעכן, צו זיין אַרום אַ מייסטער — אַפילו אין דער אומפאַרמיטלטער נאָענט־קייט מיט אַזאַ גיגאַנט ווי שטיינבאַרג, האָט גינינגער געהאַט זיינע אייגענע אידעעס, און זיין ליידנשאַפטלעך באַגייסטערטע, יונגע ליבע צו דעם מייסטער האָט דאָך ניט באַוויזן צו פאַרשטומען זיין אייביק זוכנדיקן גייסט, זיין אינדיווידואַליסטישע, אומקאָמפּראָ־מיסלעך ערלעכע קריטיק, זיין אייגענע, טיף גינינגערישע קראַפט פון קלערן, באַקלערן און מישפּטן.

קוקנדיק אויף אים, האָב איך שוין דעמאָלט פֿאַרויסגעזאָגט זײַן אַנטוויקלונג אין אַ מענטשן פֿון אייגענע געדאַנקלעכע ווײַט־קייטן. אַ באַמערקונג: פֿון רעכט יונגער מענטש ביז צום ברעג אָנגע־פֿילט מיט אַ גלײַענדיקן, עכטן ענטוזיאַזם אי פֿאַר זײַן מײַסטער, אי סתּם פֿאַרן לעבן גופֿא, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט דעמאָלט אין אַ לאַקנדיקער, רופֿנדיקער ברייטקייט פֿאַר זײַנע פּיס, גרייט צום וואַנדערן און גרייט צו זוכן אַ תּיקון. וויסן־הונגעריק, זייער יונג, אינטעליגענט — אָט אַזוי שטייט מיר גיכער פֿאַר מײַנע אויגן אין יענע יאָרן אַרום שטיינבאַרגן.

מיט יענע פֿאַרפּישופּטע אָוונטן מיט שטיינבאַרגן אין ראָזענ־בלאַטס ווילע פֿאַרענדיקט זיך פֿאַר מיר, ווי אויך פֿאַר אַלע ייִדן פֿון דער גאָרער וועלט, אַ קורצע צײַט פֿון אידילישקייט. ווײַל ווי לאַנג זענען דען איבער הויפּט פֿאַראַן געווען אין אונדזער אָנ־געוויטיקטער געשיכטע אידילישע אינטערוואַלן?

מיט די 30ער יאָרן הייבן אָן זיך צו באַווײַזן שוואַרצע וואָלקנס אויף דעם אייראָפּעיִשן הימל — ס'הייבט אָן די „געטער־דעמע־רונג" פֿון מיזרח־אײראָפּע און עס דערנענטערט זיך דער בלו־טיקער סוף...

אין אָנהייב דרײַסיקער יאָרן האָבן זיך בײַ אונדז באַוויזן יונגע שרײַבערס, דיכטערס און סתּם דענקערישע, יונגע כּוחות. די אַלט־עסטרײַכישע אַטמאָספֿער אין אונדזער שטאָט האָט אויסגעדעכעט אַ מין דײַטשמערישקייט, פֿון וועלכער ס'איז געווען גאָר שווער צו אַנטרינען. האָבן טייל טאַלאַנטן (למשל ראָזע אַוסלענדער, משה ראָזענקראַנץ, קיטנער, קובי וואָהל) געשריבן אין דײַטש. דערבײַ האָבן אַלע, און איך אין זײַער מיט, ליב געהאַט ייִדיש, געקאָנט זייער גוט רעדן, לייענען, שרײַבן ייִדיש — און דאָך זיך געהאַלטן בײַ דײַטש.

אָבער אין דער זעלבער צײַט האָבן אויך אויפֿגעבליט אַנדערע יונגע כּוחות, וואָס האָבן געשריבן נאָר אין ייִדיש: יעקב פֿרידמאַן,

יונה גרובער, מוניו פריד (איצט — פריד ווײַנינגער) און אַ סך אַנדערע.

צי האָט שטיינבאַרגס בײַזײַן געהאַט אַ דירעקטע השפּעה אויף די יונגע ייִדישע שרײַבערס? איך גלייב אַז יאָ. ער האָט געעפנט אַ נײַעם, ברייטן טויער צו דער אַלטער שפּראַכוועלט. ער האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט, אַז ייִדיש מיינט ניט נאָר יענע טאָג־טעגלעכע טענער, וואָס מיר הערן אויף דער גאַס, אויסגערופן פון אַ מאַמען צו איר קינד, וואָס איז אַרויס פון שטוב אָן אַ וואַרעם רעקל. ייִדיש איז ניט נאָר יענע אינטימע קלאַנגענוועלט, וואָס יעדער קען אַזוי גוט, וואָס מע נעמט זיך ניט קיין מי צו קאָנטראָלירן, צו שטודירן, צו דיסציפּלינירן.

ער האָט אַנטפּלעקט פאַר אונדז, אַז די אַזוי לאַנג שוין באַקאַנטע וואָרטסינטעזן קאָנען ווערן אַן עלעגאַנטער, אויסדרוק־רײַכער שפּראַך־עלעמענט; מע האָט דורך אים ערשט דערפילט אַז ייִדיש איז אַ נאָבעלער, סענסיטיווער אינסטרומענט מיט אַ סך סטרונעס, אויף וועלכע מע קען שפּילן מיט ווירטואָזיטעט און פולקייט און אַז מע קען אויספירן די קאָמפּליצירטסטע וואָרט־קאָמפּאָזיציעס אויף דעם אינסטרומענט — מע דאַרף נאָר וועלן און מע דאַרף נאָר לערנען. לייענענדיק זײַנע אײַנשטעלערישע וואָרטשאַפונגען האָט מען פלוצעם דערפילט אַז ייִדיש איז אַ שפּראַך אַ שטאָלצע, אַ רײַכע, אַ פײַנע — אַז מע דאַרף זיך מיט איר גאָר ניט שעמען, ווײַל זי איז אָנגעזעטיקט מיט מעגלעכקייטן פאַר אויסדרוק און האָט אַן אייגענע, זיסע, לעבעדיקע וואָרט־עסטעטיק צו פאַרקויפן.

אַז מיר, יונגע חסידים זײַנע, פלעגן זיך צונויפקומען, האָבן זײַנע משלים, ציטאַטן פון זײַנע ווערק פאַרנומען אַ וויכטיקן טייל אין אונדזערע שמועסן און דיסקוסיעס. סע האָט זיך געפילט, אַז צווישן אונדז לעבט אַ טיטאַן, און אַז מע קען זיך פאַרלאָזן אויף אים — אַז אויב ער אַליין שרײַבט ייִדיש, אַז ער אַליין גיט אָפּ כּבוד און אַנטוויקלט ייִדיש און דווקא נאָר ייִדיש — איז ייִדיש

טאַקע גוט און ייִדיש דאַרף זײַן אַ היים פֿאַר אַלע אונדזערע שטורעמדיקע, דינאַמישע כּוונות. די וואָס האָבן ווײַטער געשריבן דײַטש — האָבן זיך געפֿילט שולדיק — און די, וואָס האָבן געשריבן ייִדיש — האָבן געפֿילט, אַז זיי טוען עפּעס גוטס, עפּעס וויכטיקס, עפּעס נאָבלס.

יונגע פּאָעטן פֿלעגן אים ברענגען זייערע ווערק. ער האָט זיך שטענדיק זייער אינטערעסירט מיט דעם צוּוווּקס און נאָכוווּקס פֿון נײַע כּוחות. איך געדענק אַזאַ מאָמענט: אַ יונגער פּאָעט ברענגט אַרײַן אַ לאַנגע פּאָעמע זײַנע. רעוועקאַ, שוין צוגעוווינט צו אַזעלכע באַזוכערס, פּרוּווט „ראַטעווען" איר מאַן: „לאַזאַר, דו דאַרפֿסט דאָך אַוועקגיין זיך טרעפֿן מיט עמעצן, איאָ?" אָבער שטיינבאַרג הערט ניט. ער זיצט שוין פֿאַרטיפֿט איבער די אויערן און לייענט.

דער בחור זיצט פֿאַרחלשט ממש, ווײַל אויסזען גלײַכגילטיק, בלאַזירט, קוקט ער אַרויס דורכן פֿאַרהאָנגענעם פֿענצטער, פּרוּווט אַפֿילו זיך צופּײַפֿן אַ ביסעלע, מאַכט זיך מוט, ווײַל בשום־אופֿן ניט אַרויסווײַזן זײַן ברענענדיקן נײַגער, אָבער איך לייען אין זײַנע אויגן: „אוי, רבונו־של־עולם, וואָס וועט דער מײַסטער זאָגן? וועט אים מײַן ווערק געפֿעלן?"... דער בחור שוויצט, זײַן קוק ווערט וואָס אַ מאָל פֿאַרצווייפֿלטער, ער זיצט ווי אַ יונגע ווילדע חיה אין אַ שטײַגל און מע קען ממש הערן דאָס קלאַפּן פֿון זײַן האַרץ — טויזנט פֿאַרצווייפֿלטע פּולסן אין איין מינוט... אָבער שטיינבאַרג הערט ניט און זעט ניט, ער לייענט, איך זיץ אויך אויף הייסע קוילן: עס ברענט מיר דאָס האַרץ אויפֿן בחור נעבעך. וויפֿל מאָל האָב איך אַליין געהאַט די זעלבע איבערלעבונגען?

אַז שטיינבאַרג פֿלעגט אַרויסגעפֿינען עפּעס אַ פֿײַנעם, גוט צוגעפּאַסטן אויסדרוק, אַ שיין וואָרט, אַ געראָטענע אַלעגאָריע — פֿלעגט זײַן גאַנצער קײַלעכדיקער קאָפּ ווערן רויט פֿון פֿרייד. די באַקאַנטע „קב־קב"־טענער פֿלעגן אַרויספֿליען פֿון דער נאָז מיט

אַ נײַעם, באַגליקטן טעמפּאָ, מיט אַ ריטעם פון באַגײַסטערונג און נחת.

„הערסטו, רעוועקאַ־לעבן, הערסט ווי פײַן דער ממזר האָט דאָס אַרויסגעדרייט? אַנו, הער זיך נאָר צו"...

און רעוועקאַ, צי זי האָט יאָ געוואָלט, צי ניט, האָט זיך געמוזט אַוועקזעצן לעבן איר באַגײַסטערטן מאַן און זיך צוהערן צום געפּונעם אוצר. אַזוי לאַנג ווי איך געדענק, האָב איך קיין מאָל זי ניט געהערט אויסדריקן אַ מיינונג וועגן אַ זאַך, ניט וועגן שטיינ־באַרגן גופא און אַוודאי ניט וועגן אַנדערע. אויסגעהערט, צוגע־שאָקלט מיטן פּאַרקעמטן, מענערישן קאָפּ, אַ דיסקרעטן שמייכל געטון און גאָרניט מער. איך פלעג קוקן אויף איר און זיך אויס־טײַטשן דעם שמייכל אירן: „נישקשה, ניט שלעכט אָנגעשריבן, אָבער — צו וואָס אַזאַ באַגײַסטערונג?" אָדער „אוי, גאָטעניו, פאַר וואָס ווערט מײַן לאַזאַר אַזוי לײַכט באַגײַסטערט? נו, זאָגט אַליין, וואָס האָט מײַן מאָדנער מאַן געפונען אין דעם דאָזיקן ווערק? אָבער וואָס קאָן איך איצט טאָן? מע מוז אַ שמייכל טאָן"... און דער שמייכל אירער פלעגט אַרויסקומען ניט אַהין און ניט אַהער, פלאָטאָניש, עניגמאַטיש.

בײַ אים אָבער איז אַלץ געווען קלאָר און פּאַרטײַטשן איז ניט געווען נייטיק: אָט איז ער באַגײַסטערט און „כריוקעט" פּאַרליבט און צופרידן דורך דער פלאַבער, ברייטער, סימפּאַטישער „נאָניע" זײַנער. און אָט איז עס אים ניט געפעלן: ווערט זײַן פּנים טרויע־ריק, ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שווײַגט, שווײַגט. אָבער ער גיט עס ניט אויף אַזוי גרינג: ער נעמט זיך ווײַטער לייענען, ווײַטער זוכן אַ ראָזשינקע און מע זעט, אַז ער וועט נאָך לאַנג זוכן, נאָך לאַנג ניט אויפגעבן.

נאָר בײַ גאָר גרויסע גײַסטיקע שעפערס געפינט מען דעם אָביעקטיוון, טיפן אינטערעס פאַר שאַפונגען פון אַנדערע. נאָר דאָרטן ווו סע לעבט און וועבט אַ געניוס פון שטיינבאַרגס פאַרנעם, טרעפט

מען יענעם ווונדערלעכן אָביעקטיוויזם, יענע אַלטרויִסטישע באַוווּנ־דערונג פֿאַר אַן אַנדערנס ווערטן.

אין יענער געבענטשטער עפּאָכע פֿון צוויי אַזעלכע גיגאַנטן צווישן אונדז, צוויי זיך פֿונאַנדערגייענדיקע שטרעמונגען — שטיינבאַרגס און מאַנגערס, האָבן דעמאָלט אויפֿגעבליט יונגע טאַלאַנטן.

איך זע פֿאַר מיר דעם יונגן יעקב פֿרידמאַן — איצט אין תּל־אביב אַ באַוווּסטער, אָנערקענטער פּאָעט. דעמאָלט — אַ פּרינציפּ־אַריסטאָקראַטישער בחור, מיט אַ דינאַסטישער בלייכקייט אויף זײַן פּנים, אַ ראָמאַנטיש־עקזאָטיש, פֿרעמדלעך אויסזען — אונדזער חבֿר יאַנקעלע פֿרידמאַן — אַ רבֿס אַ זון, וואָס וואַקסט אויף איזאָ־לירט, ווי אין אַ קעניגלעכן הויף.

אָט זע איך פֿאַר מיר דעם קליינטשיקן, ביזאַר־אינטערעסאַנטן, דערמאָניש־נערוועזן פּאָעט יונה גרובער. עס געדענקט זיך מיר, ווען ער איז געקומען צו לויפֿן אין איין אָטעם און מיר מודיע געווען בסוד־סודות, אַז פֿון הײַנט אָן וועט ער דיכטן זײַנע דיכטונגען אין פֿאַרבן. מסתּמא מושפּע געוואָרן פֿון געאָרג טראַקל, וועלכער האָט געווירקט אויף אונדז אַלע מיט זײַן טראַגישער „דיכטונג אין פֿאַרבן“.

ייִדיש איז געוואָרן אַ לעבעדיקער, וויברירנדיקער מיקראָ־קאָסמאָס. און איבער דער גאַנצער אינעווייניקסטער לאַנדשאַפֿט פֿון יענע יאָרן האָט געשײַנט דאָס גאָלדענע ליכט פֿון שטיינבאַרגס בײַזײַן. אַלץ מער און מער האָט מען שטיינבאַרגן געלייענט, אַלץ מער און מער האָט מען דעקלאַמירט זײַנע משלים, מער און אָפֿטער האָט מען זיך באַנוצט מיט ציטאַטן פֿון זײַנע לידער, און ייִדיש איז געוואָרן „מאָדע“, געוואָרן לעגיטים און עלעגאַנט.

אין שטיינבאַרגן האָט געלעבט און געציטערט נאָך אַן אַנדער־ער פֿיאַנערישער מיקראָב, וואָס האָט אים ניט געלאָזט רוען. אים אַרויסגעטריבן פֿון זײַן שטילער שטוב אַרויס אויף דער ברייטער גאַס. כאָטש ער איז ניט געווען קיין געזעלשאַפֿטלעכער מענטש,

בטבע ווײַט פון אַ כּלל־טוער, האָט אָט יענער דאָן־קיכאָטישער מיקראָב אים ניט געלאָזט זיך אָפּגעבן נאָר מיט זײַן אייגענער שאַפונג. זײַן ליבשאַפט צו אַלץ, וואָס האָט געהאַט צו טאָן דירעקט אָדער אומדירעקט מיט ייִדיש, האָט אים געטריבן צו אַקטיוויטעט: די זומער־קאָלאָניע, די ייִדישע גנים, רעפעראַטן, איבערזעצונגען אאַז״וו. זײַנע איבערזעצונגען אָדער איבערדיכטונגען פון ביאַליקס לידער זענען געווען מײַסטערווערק. סאַראַ פולקומקייט, סאַראַ נאָענטקייט צום אָריגינאַל. באמת: די וועלט־ליטעראַטור פאַרמאָגט נאָר געציילטע איבערזעצערס, וואָס האָבן באַוויזן אַריבערצוטראָגן פון אײן שפּראַך אין דער צווייטער מיט אַזאַ געטרײַשאַפט און מיט אַזאַ עסטעטישער געניוקייט ווי שטיינבאַרג. ער געהערט צו די גרעסטע איבערזעצערס, אינעם זעלבן קלאַס ווי שלעגעל, שוקאָווסקי.

איך געדענק אַ זומערדיקן אינדערפרי, ווען מיר ביידע, מײַן מײַסטער און איך, האָבן שפּאַצירט אין די באַרגיקע אַלעעס פונעם אַלטן שילער־פּאַרק. ער האָט מיר געהאַלטן אין פאַרלייענען איינע פון זײַנע געניאַלע איבערזעצונגען פון ביאַליק. איך האָב געקענט ביאַליקס פּאָעזיע אין זשאַבאָטינסקיס רוסישער איבערזעצונג.

„לאַזאַר, פרעג איך אים, פאַר וואָס גיט איר אַוועק אַזוי פיל צײַט אויף איבערצוזעצן ווערק פון אַנדערע?״

ער קוקט מיך אָן אַזוי מאָדנע, אַ ביסעלע ברוגז, דוכט מיר. ער ענטפערט ניט גיך, ער האָט קיין מאָל גיך ניט געענטפערט, שטענדיק געמאַכט אַ פויזע און באַטראַכט וואָס צו זאָגן: „איבער־זעצן איז אויך מײַן אייגענע אַרבעט. איך אַליין און טאַקע די וועלט אַרום וואָלטן געווען אָרעמער אָן זיי. מע דאַרף עפענען אַלע טויערן פאַר שפּראַכן, פאַר אַלע לייענערס פון דער גאַנצער וועלט, אַז מע זאָל קענען געניסן פון אַלע אוצרות. מע מוז זיי איבער־זעצן. זיי פאַרדינען דאָס בעסטע פונעם בעסטן. ווער ווייסט צי איך גיב זיי אַוועק גענוג צײַט, גענוג טאַלאַנט און מי? אַ דיכטער איז און בלײַבט סוף־כּל־סוף נאָר פאַר זיך אַליין — אַ נאַרציזם, אַ וועלט פון „איך־מיך״ און ס׳איז באמת אַ פראַגע צי אַ דיכטער

קאָן זײַן אַרײַנגעטאָן אין יענעמס שאַפּונגען אויף אַזוי פּיל, אַז ער זאָל קאָנען געטרײַ און גוט איבערזעצן. פון דער צווייטער זײַט — נאָר אַ דיכטער קאָן איבערזעצן אַ דיכטער. זייער אַ וויכטיקער ענין, מײַן קינד, איאָ?״ פון אַלע אונדזערע פּעריפּאַטעטישע שפּאַצירן געדענקט זיך מיר אָט דער זומערדיקער אינדערפרי אין שילער־פּאַרק צום לעבעדיקסטן. איך האָב אים דעמאָלט בעסער דערקענט, דוכט מיר.

איך וואָלט דאָ געוואָלט באַמערקן, אַז איך וויל דערמיט ניט זאָגן, אַז איך בין געווען פאַר שטיינבאַרגן וואָס עקערמאַן איז געווען פאַר געטען. איך בין געווען צו יונג און ער האָט מיך ניט ערנסט גענומען אין ענינים, ווי ער האָט באַדאַרפט האָבן אַ צוהערער פון אַ צײַטיקער אָביעקטיוויקייט אָדער פון אַ „דערוואַקסענער״, קריטישער ערודיציע און עקספּערטיזע. פון איין זײַט זענען טאַקע מײַן יוגנט און גרינקייט געווען דאָס, וואָס האָט אים אַזוי צוגעבונדן צו מיר; פון דער אַנדערער זײַט איז אָט די עגאָצענטרישע גרינקייט מײַנע געווען אַ שטער פאַר אַ קעגנזײַטיקער באַציִונג פון ווערט און וואָג; ער האָט געגעבן, איך אָבער האָב נאָר גענומען, גענומען, גענומען. עקערמאַן האָט יאָרן אַוועקגעגעבן אין הכנעה און אין אַ טאָטאַלן דינסט פאַר זײַן מײַסטער געטען; איך אָבער האָב דעמאָלט ניט געוווּסט מיט וואָס מע עסט דאָס, „דינען יענעם״.

אַלץ, די גאַנצע וועלט און שטיינבאַרג אַרײַנגערעכנט, האָט זיך געדרייט אַרום מיר און מײַנע ענינים. שיכּור מיט זיך אַליין, האָב איך אַנדערע קוים־קוים באַמערקט און אַז שוין יאָ באַמערקט, איז טאַקע ווידער נאָר אין שײַכות מיט זיך אַליין. פאַר וואָס זשע האָט ער אַזוי ליב געהאַט מיט מיר צו רעדן? וואָס בין איך געווען פאַר אים, איך ווייס דאָס ניט גענוי. איך האָב אַרײַנגעזאַפּט אין מיר זײַן גאַנצע צערטלעכקייט, אַזוי ווי עפּעס וואָס עס קומט מיר, אָן אַ געדאַנק, אָן דאַנקשאַפט, פּשוט אָנגענומען פון אים זײַן ליבע, אַזוי ווי זי וואָלט געווען סײַ ווי סײַ מײַן אייגנס.

איצט אָבער — אין דער דיסטאַנץ פון יאָרן, אין דעם בין־השמשותדיקן ליכט פון צײַטקייט — איצט טראַכט איך, אַז איך בין פאַר אים געווען זײַן ניט־געבוירן אייגן קינד, דאָס ניט פאָלגנדיקע, פּראָבלעמאַטישע טעכטערל, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט. און אויך אפשר אַ האָפענונג, אַז פון מיר וועט אַ מאָל אַרויס אַ דיכטערין פון אַ געוויסער אָריגינאַליטעט, וועלכע האָט אַזוי אַפּעלירט צו אים — אפשר דערפאַר, ווײַל מײַן פּאָעטישע וועלט איז געווען אַזוי ווײַט פון זײַן אייגענער און אפשר אויך דערפאַר, ווײַל איך בין געווען אַזוי אומבייגעוודיק, אַזוי שווער צו באַהאַנדלען, ווי געזאָגט: ער האָט מיר געגעבן זײַן ליבע, אויפמערק, צײַט אָן אַ מאָס, מילד, וווּנדערלעך. און איך האָב גענומען און גענומען און געוואָלט נאָך.

אָבער אַזוי ווי דער פּענאָמען „קינד" איז דאָך שטענדיק געווען זײַן טיפסטער אינטערעס אין לעבן, איז זײַן פרײַנדשאַפט מיט מיר אָנגעגאַנגען פון יענער ראש־השנה נאַכט 1921, ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַרײַנגעקומען אין זײַן שטוב אין ליפּקאָן און ווען ער האָט מיר דעם ערשטן פאָטערלעכן גלעט געטאָן. ביז זײַן טויט איז ער געבליבן מײַן ערנסטער, געטרײַער פרײַנד און באַראַטער.

אין אַלע אַספּעקטן פון זײַן לעבן, אין זײַן עכטער באַגײַסטערונג פאַרן טאַלאַנט פון אַנדערע, אין זײַן ליבע צו קינדער, אין זײַן איבערגעגעבנקייט צו פּראָגרעס פון שאַפן אין יידיש, אין אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן אָט יענע מוסר־נפשדיקע, ברייטהאַרציקע, קינדעריש נאַיווע, טיפע פאַרבונדנקייט מיט זײַן עפּאָכע און מיט די מענטשן פון זײַן צײַט און סביבה. ווי געטע אין אַן אַנדערן יאָרהונדערט, אין אַן אַנדער וועלט, האָט געהאַט דעם כּוח צו געבן ליבשאַפט און צו ווײַזן באַוווּנדערונג פאַר שילערס, ווי לערמאָנטאָוו איז געווען גרייט אָנצונעמען פאַרטריבנקייט פאַר זײַן בקול רם אויסגעדריקטער באַוווּנדערונג פאַר פּושקינען — אָט אַזוי האָט אויך שטיינבאַרג, אָן שינאה, אָן קינאה, מוסר־נפשדיק

און עכט, אַז שום פּאַזע זיך שטאַרק און ענערגיש באַטייליקט אין אַלץ וואָס האָט אַרויסגעוויזן טאַלאַנט און אַ צוזאָג אויף ווערט־פולער אַרבעט...

אין 1932 האָב איך חתונה געהאַט. רעוועקאַ און אליעזר זענען געווען חשובע געסט ביי מיינע עלטערן, אָבער חתן־כּלה גופא זענען דערביי גאָר ניט געווען: תּיכּף נאָך דער חופּה זענען מיר ביידע אַוועק קיין ווין שטודירן. אָבער ביי מיינע עלטערן אין שטוב איז נאָך לאַנג־לאַנג אָנגעגאַנגען די שימחה: מע האָט געטאַנצט, געזונגען, געגעסן און — אין אונדזער אַפּזיין — אויסגעגעבן די מיזינקע.

זינט יענעם טאָג, דעם 12טן יאַנואַר 1932, האָב איך מיין גרויסן, אומשטאַרביקן פריינד טאַקע קיין מאָל מער ניט געזען. עטלעכע חדשים שפּעטער איז שטיינבאַרג געשטאָרבן. אַן אָפּעראַציע: אַפּענדיסיט. אַזאַ פּשוטע אָפּעראַציע איז דאָס געווען, אַפילו אין יענע יאָרן פלעגט מען ניט שטאַרבן דערפון. מיין פאָטער איז געווען ביי אים ביז זיין לעצטן דעך, האָט געהאַלטן זיין פאַר־גייענדיקן דופק און געזעסן ביי זיין בעט ביזן סאַמע סוף.

די לוויה איז מגולגל געוואָרן אין אַן אמתער דעמאָנסטראַציע. מע האָט מיר פון דער לוויה דערציילט און געשריבן. אַ מאַסע מענטשן זענען געקומען. יונגע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אין אים געהאַט געפונען דעם מייסטער; אַלטע גוטע־פריינד, זיינע באַוווּנדערערס, זיינע חסידים, זיינע קעגנערס, די קינדער פון דער זומער־קאָלאָניע אין וויזשעניקאַ און זייערע דאַנקבאַרע עלטערן. גאַנץ טשערנאָוויץ. די לוויה האָט זיך געצויגן איבער גאַסן און געסלעך. מע האָט געטראָגן צו זיין לעצטער רו דעם גרעסטן פון אַלע, דעם גאון פון נייעם יידישן וואָרט, דעם גרויסן דיכטער פון אַ ניי־אַנטפּלעקטער וועלט.

אַז די ידיעה פון זיין טויט האָט מיך דערגרייכט, האָב איך דערפילט עפּעס אַ טראַגישן אָנהייב, אַן אַליינקייט, אַ פאַרלאָזנ־קייט אַ נאָך לאַנג ניט געריכטע, אַ „דערוואַקסנקייט", וועלכע

איך בין נאָך לאַנג ניט גרייט געווען אָנצונעמען. איך בין געווען דעמאָלט קוים־קוים 20 יאָר. דער טויט איז אין יענע יונגע יאָרן געווען פאַר מיר נאָר אַ פּאָעטישער אָדער אַ פילאָסאָפישער גע־דאַנק; אַ שטיקל באַליבטע, ראָמאַנטישע טעמאַטיק. מע האָט אַ סך און גערן דערפון גערעדט און געשריבן. ווי ביַי האָפמאַנסטאַלס „יעדערמאַן", איז דער טויט פאַר אונדז געווען נאָר אַ וויזיע, אַ כימערע. איך געדענק גאַנץ קלאָר, אַז זיַין טויט האָט דעמאָלט ניט באַרירט אין מיר אינטימע, לעבעדיקע סטרונעס אין דער נשמה: ס'איז פאַרבליבן אין מיר אַן עגאָיסטישע ליידיקייט, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט מיר און ניט מיט אים און זיַין ניט מער זיַין. איך האָב דערפילט עפּעס ענלעכס צום געפיל פון אַ „פאַרדראָס", וויַיל ער האָט זיך אַזוי „צוגעאיַילט" און ניט דערלעבט, אַז איך זאָל אים צושיקן מיַין נײַע נאָוועלע. עס האָט מיר ווי געטאָן, אַז ווען איך וועל קומען אַהיים אויף וואַקאַציעס, וועט ער דאָרטן ניט זיַין אויסצוהערן מיַינע נײַע אַנטפּלעקונגען, צו לייענען מיַינע נײַע זאַכן, זיך אָפּגעבן מיט מיר און מיר אַ צערטלעכן גלעט טאָן איבערן קאָפּ, טאָמער עפּעס פון מיַינע נײַע שאַפונגען וואָלטן אים געפעלן געוואָרן...

אין זיַין קורצן לעבן (אַוועקגעשטאָרבן איז ער דאָך אין זיַינע פופציקער, אין סאַמע בלי פון אַקטיוון שאַפן) האָט שטיינבאַרג ניט איבערגעלאָזט יענץ אינטים, וואַרעם געפיל, אַז פון אונדז איז אַוועק אַ נאָענטער מענטש. פון אונדז איז אַוועקגעגאַנגען אַ זייער געליבטער, געשעצטער, אָבער פאָרט עניגמאַטישער, פרעמדער מענטש, וואָס האָט זיך קיין מאָל און מיט קיינעם ניט געטיילט וועגן זיַינע פערזענלעכע ענינים; אַזוי אַז ס'איז פאַרבליבן אַפילו אַ געפיל, אַז קיין „פערזענלעכע ענינים" זענען אין זיַין לעבן גאָר ניט פאַראַן געווען. שטיינבאַרג איז געווען אַ מענטש אַ קאָסמישער, ניט קיין „פערזענלעכער".

מע האָט געטרויערט און געהאַלטן רעדעס, געשריבן דיטיראַמ־בישע נעקראָלאָגן, באַזונגען זיַינע ווערק, געלויבט זיַין געניוס,

באַטאָנט זײַן גרויסקייט, זײַן איינציקייט, אָבער אליעזר שטיינבאַרג איז אַוועק פֿון אונדז אַזוי ווי ער איז געקומען, אַזוי ווי ער האָט צווישן אונדז געלעבט: אַן אומבאַקאַנטער, אַ דיסטאַנצירטער, אַ ניט דערגרייכלעכער, אָט אַזוי איז ער געווען, אָט אַזוי איז ער אַוועק פֿון אונדז. יעדער האָט געפֿילט, אַז זײַן אָרט אין דער ליטע־ראַטור וועט שוין קיין מאָל ניט אויסגעפֿילט ווערן. ווי אַלע גע־ניאַלישע דערשײַנונגען — האָט מען געוווּסט, אַז זײַן סטיל איז געווען אין גאַנצן זײַנער, און אַז קיין שול, קיין סיסטעם האָט ער ניט איבערגעלאָזט.

מע האָט עפּעס ניט געוווּסט ווו אַהין מיטן טרויער... אין וועלכן ווינקל פֿון דער נשמה געהערט אָט דער טרויער, ווו דאַרף מען אים לאָזן? געשטאָרבן אַ דיכטער און זײַנע ווערק וועלן שוין קיין מאָל קיין המשך ניט דערלעבן. אָבער מיר האָבן דאָך געקענט ניט נאָר זײַנע ביכער, מיר האָבן געקענט און געטראָפֿן און געהערט אים אַליין. נו, פֿאַר וואָס זשע איז עס אַזוי שווער צו באַנעמען אים און פֿאַר וואָס איז זײַן אַוועקגיין אַזאַ עניגמע?

רעוועקאַ האָט טיף און שטיל געטרויערט נאָך איר מאַן, וואָס איז אויך געווען איר קינד, איר אייביקע זאָרג, איר גאַנץ לעבן. אָבער מע האָט ניט געהערט, ניט געזען זי וויינען און קלאָגן. שטיל, דעליקאַט, מאַיעסטעטיש, אַן טרערן, אַן ווערטער האָט זי געטראָגן איר פֿאַראייניזאַמונג און פֿון דעמאָלט אָן געהאַט נאָר איין ציל אין זינען: דאָס אַרויסגעבן זײַנע פֿאַרבליבענע ווערק.

פֿון אליעזר שטיינבאַרגס ווערק זענען אַרויס אין בוכפֿאָרעם צוויי בענד משלים (דער ערשטער באַנד — אין פֿינף אויפֿלאַגעס), אַ קינדער־כרעסטאָמאַטיע „מײַן אלף־בית" — און אַ באַנד „מעשׂהלעך".*

---

* אַ גרעסערע ביבליאָגראַפֿיע פֿון אליעזר פֿרענקל געפֿינט זיך אין דער פֿינפֿטער אויפֿלאַגע פֿונעם ערשטן באַנד „משלים", דערשינען אין 1969, י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, ת"א.

אַ סך פון זײַנע נאָך ניט פאַרעפנטלעכטע מאַנוסקריפּטן ליגן בײַ זײַן אַלמנה רעוועקאַ, און אַלע וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אין איר גורל, איר צוקונפט, זאָרגן זיך, וואָס וועט געשען מיט די מאַנוסקריפּטן? איך הער, אַז מען האָט זיך אַ סך מאָל באַמיט אַרויסצובאַקומען אַט דעם אוצר, אָבער ביז איצט איז דאָס, זעט אויס, נאָך קיינעם נישט געלונגען. בעת איך בין געווען אין ישׂראל האָב איך זיך באַמיט צו זען רעוועקאַן; אָבער, צום באַדויערן, איז זי דעמאָלט געווען אַזוי קראַנק און שוואַך, אַז מען האָט ניט מיך און ניט קיינעם צו איר ניט צוגעלאָזט.

זינט איך האָב אָנגעהויבן פאַרשרײַבן מײַנע זכרונות וועגן שטיינבאַרגן, האָב איך זיך פּלוצעם ווידער געפונען אויף יענע גרינע, קיין מאָל ניט פאַרגעסענע, אָבער פון צײַט און געשעענישן פאַרשאָטענע ברעגן פון מײַן אייגענער יוגנט. דער גאָלדענער כּישוף פון יענע יאָרן אין טשערנאָוויץ האָט מיך ווידער אַרומגענומען און ליבלעכע וויזיעס פון אַ פאַרזונקענער וועלט, אומשולדיק־פריילעך, וווּנדערלעך און וואַרעם, זענען צו מיר ווידער געקומען און האָבן מיך אַרײַנגענומען אין זייערע אָרעמס.

ס'איז אָבער געקומען די צײַט זיך אָפּצוזעגענען מיט מײַן פרײַנד און מײַסטער און צו פאַרענדיקן מײַנע באַשיידענע קאַפּיטלען, כאָטש ס'איז מיר ניט אַזוי לײַכט זיך צו שיידן פון מײַן איצטיקער אַרבעט, עס בענקט זיך צוריק... מיר, מענטשן, זענען אַ פּנים באַהעפט מיט אַן אייביקן חוש פון בענקשאַפט: יונגערהייט בענקט מען צו ווערן „אַ גרויסער", נעמען אָנטייל אין אָט יענער סודות־דיקער, פאַרשלאָסענער פאַר דעם יונגן מענטשן וועלט, — אין דער וועלט פון די דערוואַקסענע. און דעמאָלט, אַז מען דערלעבט שוין צו ווערן „אַ גרויסער", בענקט מען צוריק צו יענעם געבענטשטן צושטאַנד פון זײַן יונג און גרין און פריש און אומשולדיק, צוריק־קערן זיך צו חלומות, אילוזיעס — מיט איין וואָרט — מען בענקט אַ גאַנץ לעבן לאַנג.

זײַענדיק נאָך אַ קינד, בין איך אָפט מאָל געווען מיט „זיי" (דאָס

מײנט — מיט די „גרויסע״) — צוגעהערט זיך צו שטײנבארגס פארלײענען און צוגעהערט זיך דעמאלט מיט א חוש פון דרך־ארץ און מקנא געווען זײערע „קלוגע״, אינטעלעקטועלע דיסקוסיעס וועגן דעם אדער יענעם פונקט אין א משל. פאר מיר איז זײַן משל געווען מײַן אײגענע, אינטימע וועלט, וואס באדארף ניט קײן קאמענטארן — א נאטירלעכע סביבה פון ווונדערס און פאנטאזיע. אבער צוהערנ־דיק זיך צו זײערע געשפרעכן, צו זײער אנאליזירן אים און צו זײַערע קריטישע דעבאטעס, האב איך אויך געוואלט דערלעבן צו פארמאגן אט דעם דערוואקסענעם כּוח אויף צו טאן דאס זעלבע.

נו, איך האב דאס דערלעבט און איצט זיץ איך דא, בײַ מײַן שרײַבטיש, און כ׳וועל טאן דאס זעלבע: צענעמען אויף גרונט־עלעמענטן עטלעכע פון זײַנע משלים און זיך פארקלערן וועגן זײער טיפערן מײן. א קינד, לײענענדיק שטײנבארגן, געניסט, אמוזירט זיך מיט זײַן הומאר, מיט זײַן וויץ, לעבט זיך זײער לײַכט, זײער נאטירלעך אַרײַן אין זײַן וועלט, אבער א גרויסער געניסט ניט „סתם אזוי״: ער מוז זיך אַרײַנקלערן, מוז זיך טיף, טיף פארטראכטן און מוז זוכן, אפּט מאל אומזיסט, דעם עזאטערישן זין פון דעם משל.

די צײַט אויף סתם צו געניסן די לוסטיקע, עסטעטיש ווונדער־לעכע אטמאספער פון זײַנע משלים איז, זעט אויס, פארבײַ פאר מיר. טא לאמיר, מײַן ליבער לײענער, איר און איך, זיך אוועקזעצן דא צוזאמען און אויף א וויכטיקן, קלוגן אופן — ווי איך האב דאס געזען בײַ יענע „גרויסע״ ארום יענעם טיש — ערגעץ ווו ווײַט אין צײַט און רוים — ווידמען אונדזערע געדאנקען און קריטיש־אנא־ליטישע פעיקײטן עטלעכע פון זײַנע וויכטיקסטע ווערק.

משלים שטעלן פאר מיט זיך א צעצווייונג אין באנעם: פון אײן זײַט — ווי לײען־מאטעריאל פאר א קינד, — א קלארע וועלט, מיט פאנטאסטישע געשעענישן, מיט חיות און קעגנשטאנדן, וואס רעדן מיט א מענטשלעכן לשון, און ס׳איז נאטירלעך פאר א קינד דאס אלץ אַרײַנצונעמען און זיך אלײן צו אינטעגרירן אין דעם; פון דער צווייטער זײַט — פאר דעם דערוואקסענעם לײענער אדער

ליטעראַטור־פאָרשער — איז זײַן ווערק אַ שטאַרקע אויפפאָדערונג צום קלערן. עס בעט זיך צו אַנאַליזירן. ס׳איז גאָר ניט אַזוי קלאָר, ניט אַזוי גרינג צו פאַרשטיין, וואָס ער איז אויסן. דאָס קינד, דער יונגער מענטש, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט קיין צײַט צו פאַרלירן זײַן דירעקטקייט, געניסט דעם קלאַנג און די שיינקייט אָן מי, אָן שום שאלות. אָבער פאַר דעם שוין לאַנג ניט מער „דירעקטן" פאַרשוין, וואָס איז שוין אָנגעשטאָפּט מיט עמפּירישע חכמות, ווערט עס כּמעט אַן אימפּעראַטיווער ענין, שטיינבאַרגן צו „באַגרײַפן", אים צו פאַרטײַטשן, ווײַל, ווי געזאָגט, ס׳איז ניט אַזוי גרינג, ווי עס זעט אויס „אויפן ערשטן לייענען", צו געפינען די ריכטיקע, די אויטענטישע „פּאָינטע", דעם סאַמע תּוך פון זײַן אויסזאָג.

עס פרעגן זיך שאלות: איז שטיינבאַרגס דיכטונג אַ ריין סאָציאַלע? איז זײַן ווערק טענדענציעז? וואָס איז זײַן פּאָסטולאַט? בײַ אַ פאַבוליסט, ווי בײַ אַלע אַנדערע דידאַקטישע דיכטונגען, זוכט מען אַ פּאָסטולאַט. איז ער אַ ועגווײַזער? זײַן סאָציאַלע קריטיק — וווּ אַהין צילט זי? אָדער איז שטיינבאַרג ניט קיין וועגווײַזער, נאָר אַ שאַרפער „רעגיסטראַטאָר" פון צושטאַנדן, אַ רעגיסטראַטאָר מיט אַ ספּעציעלן טאַלאַנט פאַר אַנטפּלעקן דאָס אָנגעווייטיקטע אָרט אויף דעם קראַנקן קערפּער פון אונדזער געזעלשאַפט? איז פאַראַן אַ באַשטימטע ריכטונג פאַר אַלע זײַנע ווערק? איז ער, ווי עס דוכט זיך לייענענדיק אים, אַ פּעסימיסטישער פילאָסאָף אָדער וועט מען געפינען אַ ליכטיקערן אויסוועג, אַז מען וועט זיך פאַרטיפן און אים שטודירן? איז זײַן דײַטלעכער אומגלויבן, זײַן סקעפּטישער צוגאַנג צום מענטשן אַ מיזאַנטראָפּישקייט אָדער נאָר אַן אָנגעווייטיקטער אויסדרוק פון זײַן ליבע און רחמנות צו דעם בשׂר־ודם? קלאָגט ער אָן? וועמען: דעם אונטערדריקער, אָדער דעם אונטערדריקטן?

איך וועל זיך באַמיען צו געפינען כאָטש עטלעכע ספּעקולאַטיווע ענטפערס אויף די דאָזיקע שאלות. שטיינבאַרגן לייענט מען, ווי מען וואָלט זיך צוגעהערט צו אַ פעדער־לײַכטער, קינדערישער

מעלאָדיע. אָבער וואָס שייך די אידעע פון דעם משל און וואָס שייך דעם מוסר־השׂכל — געפינען מיר זיך אָפט מאָל פאַר אַ פאַרמאַכטן טויער. אַ טויער וואָס ווײַזט זיך פאַר אונדז, אין אָנהייב פונעם משל, אָפן; אָבער אַז מען קומט שוין צום סוף — פאַרשליסט עס זיך פאַר אונדז און מען שטייט פאַר אים און מען קאָן ניט אַרײַן און ניט אַרויס.

שטיינבאַרגס אויסערגעוויינלעכסטע מעלה, דוכט מיר, איז זײַן אוניווערסאַלישקייט: זײַן געדאַנקלעכער פאַרנעם איז ברייט, זײַן האָריזאָנט גלאָבאַל, אַלגעמיין און אומבאַגרענעצט. ס׳איז אין שטיינבאַרגן גאָר ניט פאַראַן אַזוינס, וואָס וואָלט געווען פּראָ־ווינציעל אָדער ענג. זײַן לײַדנשאַפטלעכע באַטייליקונג אין אַלע וועלט־געשעענישן בלײַבט ניט שטיין אין דער יידישער גאַס, ווי ליב און חשוב די דאָזיקע גאַס וואָלט ניט געווען פאַר אים. ס׳איז ממש אַ רעטעניש, ווי אַ פאַרשוין פון זײַן יידישקייט, אײַנגעשלונגען אין אַלץ, וואָס איז יידיש, פאַרליבט אין דעם יידישן וואָרט, ווערטל, אויסדרוק, זאָל זיך פאַרנעמען אין זײַנע ווערק אייגנטלעך גאָר ניט מיט יידישקייט און ניט מיט ענינים פון דער יידישער סביבה, נאָר אַרומנעמען אין זײַנע מעכטיקע אָרעמס די גאַנצע וועלט, מיט אַלע אירע פּראָבלעמען, עמאָציעס און געשעענישן.

און ניט נאָר סאָציאַלע אָדער גאָר פּאָליטישע אינטערעסן פאַר־נעמען דעם דענקער שטיינבאַרג; אויך די ספערעס פון געפילן געפינען מיר אין זײַנע ווערק: שׂינאה, קינאה, ליבע, אייפערזוכט, שטאָלצקייט, בייזקייט, פּײַן און פרייד. אַלץ מיט וואָס עס צאַפּלט דער אוניווערס איז פאַראַן אין זײַנע משלים. אַלץ מיט וואָס סע אָטעמט די וועלט — איז זײַן עסק.

און אַז מען האָט געפּרוּווט אים צו קאַטעגאָריזירן, איז עס געווען שווער. חוץ לויט דרויסנדיקע סימנים: משלים, דאָס הייסט מיט דער אָנגענומענער דעפיניציע: „...נאַראַטיווע, דידאַקטישע פּאָעמעס, מיט אַ מוסר־השׂכל בײַם סוף״, לאָזן זיך זײַנע משלים טאַקע ניט דעפינירן. אַרײַנקוועטשנדיק דעם איבערדימענסיאָנעלן

שטיינבאַרג אין אַ קאַטעגאָריע, געפֿינט מען, אַז סע קוועטשט זיך ניט אַרײַן, סע בלײַבט מער איבער, ווי ס'איז אַרײַן אין דער ספּעציפֿיקאַציע.

זײַנע שפּראַכיקע מיטלען זענען ייִדישע אידיאָמען. זײַנע אָביעקטן רעדן ייִדיש מיטן גאַנצן אימפּעט פֿון אונדזער שפּראַך, מיט אַלע אירע ווונדערלעכע און ספּעציפֿישע אויסדרוקן, מיט אַלע אירע אינטאָנאַציעס, ווערטלער, זאָגעכצער. מען באַגעגנט אין די משלים אַ באַרשט, אַ חלף, אַ פֿערד, און קיינער זאָגט ניט, אַז דאָס איז אַ ייִדישע באַרשט, אַ ייִדישע בײַטש, אַ ייִדיש פֿערד, אָבער עס פֿילט זיך, אַז זיי זענען אייגענע, ווײַל זיי רעדן מאַמע־לשון — אונדזער לשון.

מיר האָבן זיך געשטעלט אַ פֿראַגע: צי איז שטיינבאַרג אַ פּעסימיסט? איז עס נאָר אַ צופֿאַל, אַז זײַן גאָר־גאָר ערשטער עפֿנטלעכער אויסרוף, די ערשטע טיר וואָס ער האָט געעפֿנט פֿאַר דער ברייטער לייענערשאַפֿט, איז געווען דער באַרימטער ציטאַט, מיט וועלכער ער דערעפֿנט זײַן ערשטן באַנד: „טרויעריק, קינדער, אויף דער וועלט דער ברייטער, גראַמער! / ביטער! מיט אַ משל כאַטש זיך קוויקן לאָמיר".

ס'איז מיר ניט באַקאַנט וועמענס געדאַנק דאָס איז געווען אויסצוקריצן אָט די רעזיגנירט־מעלאַנכאָלישע שורות אויף זײַן מצבה. ווער עס זאָל ניט געווען זײַן, מיר דוכט, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט אים גוט געקענט, ווײַל אין די שורות ליגט טיף זײַן „ספּלין", די פֿאַרבאַהאַלטענע טרויעריקייט, וואָס איך האָב געזען אין אים נאָך זײַענדיק אַ קינד. ווי איך הער, שטראָמען נאָך הײַנט, אין דעם פֿון די סאָוועטן אָקופּירטן טשערנאָוויץ, מענטשן צו זײַן קבר אויף דעם ייִדישן בית־עולם.

אָפֿט מאָל, נאָך דעם ווי מען האָט איבערגעלייענט אַ משל, בלײַבט מען איבער מיט עפּעס אַ מין ספֿק, מיט עפּעס אַ ניט דער־זאָגטס, מיט אַ פֿראַגע. ווי שטיינבאַרג אַליין זאָגט אין אַ משל

אינעם צווייטן באַנד, אין „לאָקן״: „אין איין משל זיבן מיינען, / יעדער קאָן אין אים זיך עפּעס אַנדערש לייענען״... אאַז״וו.

ביי קרילאָוון, לאַ פאַנטען און עזאָפּן שליסט זיך דער קרייז פונעם ענין מיט דער סוף־מאָראַל, וועלכע שפּילט די ראָלע פון אַן אולטימאַטיוון קאָמענטאַר צו דעם גאַנצן משל. ניט אַזוי ביי שטיינבאַרגן. ער לאָזט איבער דעם לייענער מיט אַ סך צו באַקלערן זיך. זיינע סוף־פּערזן זענען אָפט מאָל זייער סובטיל, זייער „מיין״ — ווי ער רופט עס אָן, גיט זיך ניט אַזוי לייכט איין דעם „פּרייען אויג״. סע זעט אויס, ווי ער וואָלט געזאָגט: „זייט אייך אַליין מטריח צו פאַרטייטשן, איך האָב מיינס געטאָן; איך האָב אייך דערציילט מיין מעשׂה — איר טוט וואָס איר ווילט, מער זאָג איך ניט״.

שטיינבאַרג באַנוצט זיך מיט אָנאָמאַטאָפּאָעטיק און דער אָנאָמאַטאָפּאָעטישער עלעמענט איז אויף אַזאַ וווּנדערלעכן אופן אינטעגרירט מיטן גאַנצן ענין, אַזוי אָרגאַניש פאַרבונדן מיט זיינע באַשעפעניש, אַז לייענענדיק אים געפינט זיך דער לייענער גאָר פּלוצעם אין דער מיט פון זיין וועלט. שטיינבאַרג איז אַ מייסטער פון אויסדרוק און קלאַנג־עסטעטיק.

אין „חלף און די זעג״ („...) קריצן־שפּיצן״... און דערנאָך ווייטער: „(...) ניט קיין פּיצל קריצל״... מען קאָן ממש הערן די זעג זעגן און דעם חלף שניידן.

אין „די באַרשט און דער קאַמאַש״: „קיש קאַש! ס׳טאַנצט אַ באַרשט אויף אַ קאַמאַש!״ ניט נאָר די זאַצן גופא, נאָר אַפילו דער ריטעם ווערט אָפט מאָל סובאָרדינירט דעם אָנאָמאַטאָפּאָעטישן עלעמענט.

די גאַנצע סביבה, אין וועלכער עס שפּילט זיך אָפּ דער רעספּעקטיווער משל, ווערט פאַר אונדז באַקאַנטער, היימישער דורך דעם געברויך פון קלאַנגלעכע מיטלען.

שטיינבאַרג איז אַ מייסטער פון פאַרשאַפן די אילוזיע פון נאַענטקייט אַפילו ווען עס האַנדלט זיך אין אַזעלכע פיקטיווע, אויסגעטראַכטע וועלטן, ווי די וועלט פון אָביעקטן. ער באַנוצט דעם

קלאַנג מיט אַ ווירטואָזיטעט, וועלכע מען טרעפט ניט זייער אָפט אין דער קלאַסישער פּאָעזיע.

אין דעם אויבן דערמאָנטן משל „די באַרשט און דער קאַמאַש" קומען אויך צום אויסדרוק שטיינבאַרגס שטאַרקע קלאַסן־געפילן. די באַרשט איז דער קלאַסן־באַוווּסטער, שטאָלצער בעל־מלאָכה; דער קאַמאַש — אַ „סאַלאָן־פּאַרשוין", ליידיק, אַראָגאַנט און סוף־כּל־סוף גאָר לעבערלעך אין זײַן גאַנצער „דענדי"שקייט. ווען מען גייט ער אָן, דער פּוסטער, פּאַסיווער עסטעט?

שטיינבאַרג ניצט פאַרגלײַכן, מעטאַפאָרן, פּאַראַבאָלישע מיטלען צו דערנענטערן, צו מאַכן באַקאַנט זײַן לייענער מיט זײַן וועלט. ער רעדט מיט דער שפּראַך פון זײַנע באַשעפענישן — דאָס מיינט: ער שטעלט זיך פאָר אַז אַ באַרשט, אַז אַ קאַמאַש וואָלט גערעדט און ער רעדט מיט „זייער לשון" און באַניצט זיך אַפילו מיט פאַרגלײַכן און מעטאַפאָרס, וואָס ווערן גענומען פון „זייער" ווערבאַליסטיק.

אין „שוועבעלעך" רופט ער זיי, די שוועבעלעך, אָן: „ברען־און־היצקעפּעלעך". און אַז איינער פון זיי זאָגט: „ער, אַ וועלט מיט וועלטעלעך", קאָמענטירט שטיינבאַרג: „היצט זיך איינער".

אין „דאָס פערד און די בײַטש": „ס'קנאַקט די בײַטש מיט שמײַסנדיקער צונג"... „שמײַסנדיקע צונג" וואָלט געווען פונקט דער פאַרגלײַך, וואָס אַ פּאַרשוין פון דער סביבה פון פערד און בײַטשן וואָלט גענוצט. די אידענטיפיקאַציע פונעם מחבר מיט דער וועלט פון זײַן פאַנטאַזיע איז גאָר אַ שטאַרקע און אַן אינטימע.

ווי אַ „לייטמאָטיוו", אַ רויטער פאָדעם, גייט זײַן צאָרן, זײַן פלאַמענדיקער פּראָטעסט קעגן דעם ניט־פּראָטעסטירן פון די אונטערדריקטע, דורך זײַן גאַנץ ווערק. דער שטומער קרבן, וואָס לאָזט אָן אַ קאַמף, אַז דער אויסנוצער, דער באַהערשער זײַנער זאָל אים אויסנאַגן דעם מאַרך פון זײַנע ביינער — אָט־אָ דאָס פּאַסיווע באַשעפעניש צעקאָכט אים ביז צער. פון יענע וואָס האָבן די מאַכט אין זייערע הענט ריכט ער זיך ניט אויף קיין יושר. ווי אַן

אַקסיאָם ציט זיך בײַ אים דער מאָטיוו פֿון רעזיגנאַציע, וואָס שייך די שטאַרקע, און פֿון צאָרן — קעגן די שטומע שוואַכלינגע אין דער וועלט. ניטאָ וואָס צו ריידן: דער בעל־הבית וועט אויסנוצן ווי ער וועט נאָר קענען, דאָס איז זײַן געשעפֿט — ער וועט קיין מעשׂים־טובֿים ניט באַווײַזן. אָבער וואָס שווײַגט איר, איר שטומע, נעבעכעס, איר נאַראָנים, בטלנים?

צו האָבן אין זײַן האַרצן אַ האָפֿענונג, אַז מען קאָן נאָך עפּעס גוטס דערלעבן פֿון אַ מעכטיקן בעל־הבית, דאָס זעט אויס אין זײַן פֿילאָסאָפֿיע ווי אַן אוטאָפּיע. נאָר אויפֿגעבן זײַן הייסן קאַמף קעגן דער פּאַסיווקייט פֿונעם פּראָלעט — דאָס קאָן ער ניט. זײַענדיק אַזאַ צאָרנדיקער, פֿאַרשאַנעוועט שטיינבאַרג ניט זײַן לייענער: ער זאָגט אים אַרײַן אין טאַטנס טאַטן. מיט זײַן גאַנצן פּאַטעטישן און אינטעלעקטועלן כּוח ציט שטיינבאַרג אונדז אַרײַן מיט זיך אין זײַן אויפֿשטאַנד קעגן דעם סטאַטוס קוואָ. און אַזוי לעבעדיק, אַזוי ברענענדיק, אַזוי וויטאַל איז זײַן פּאָעזיע, אַז בײַם סוף פֿון משל זענען מיר, די זײַטיקע, די אָביעקטיווע אויך שוין אַזוי ברוגז ווי ער. זײַן סטיל אין די סאָציאַל־געפּאַרבטע משלים איז אַן אַגרע־סיווער, אַ בײַטשנדיקער, אַ שאַרף סאַרקאַסטישער. אָן רחמנות באַנוצט ער אַליין אַ בײַטש, אָבער אַ גערעכטע און פּאַר גערעכ־טיקייט.

אַ גאַנץ באַזונדער אָרט אין זײַנע ווערק פֿאַרנעמט דער פּראָ־לעטאַריער, וואָס באַשליסט זיך אונטערצוגעבן, כּדי, אפֿשר, עפּעס צו געווינען פֿונעם בעל־הבית. און ניט נאָר ער גיט זיך אונטער, נאָר ער העלפֿט דעם בעל־הבית, פּראָפּאַגירנדיק הכנעה בײַ זײַנע אייגענע מיטפּראָלעטן. ער, דער „קוויזלינג", חנפֿעט זיך אונטער צו דעם בעל־הבית, רעדט מיט זײַן לשון צו זײַנע מיטמענטשן, זאָגט זיי צו בעסערע צײַטן, אויב זיי וועלן זיך נאָר אונטערגעבן אָן פּראָטעסט, און פֿאַרראַט זײַנע חבֿרים צו דעם שטאַרקן. אַט קעגן אַזאַ מין „לעצטע קרעאַטור" ווענדט זיך שטיינבאַרגס שרעק־לעכסטער צאָרן. מיט אַ פּראָפֿעטישן חוש, פֿאָרויסזעענדיק די נאָענ־

טע, טראַגישע צוקונפט, האָט זײַן געניוס פאַרויסגעזען די קומענדיקע קאַטאַסטראָפע און אין איר דעם בלוטיקן תּוהו־ובוהו דערזען, מיט דער קלאָרקייט פון אַ נביא, יענע אומפאַרשטענדלעכע, שרעקלעכע געשטאַלטן פון אונדזערע אייגענע ייִדישע „קוויזלינגען", פון די „קאַפּאָס". דער קאַלאַבאָראַטאָר איז אין זײַן גערדאַנק נאָך אַ סך שרעקלעכער ווי דער מערדער גופא. אַ כאַראַקטעריסטישער (פאַר אַזאַ קאַלאַבאָראַטאָר־סיטואַציע) משל איז „דער שטעקן": דער שטעקן, פונקט אַזאַ אונטערדריקטער, אַ לומפּן־פּראָלעטאַריער, ווי די קו, פאַר וועלכער ער פּרעדיקט, רעדט איר צו זי זאָל זיך אין גאַנצן און אָן שום איבעריקע רייד איבערגעבן דעם באַפעל פונעם בעל־הבית און אַוועקגעבן איר מילך. ניט קלערן אַפילו צו געבן די מילך איר אייגענעם נײַ־געבוירענעם קעלבעלע, בעסער — דער בעל־הביתטע. זי, די קו, זאָגט דער שטעקן, זאָל „ניט דריגען, שטויסן", ווײַל ס'איז בעסער אַזוי, און אַזוי פאַרלאַנגט עס די אָרדענונג פון דער וועלט. מע דאַרף אַלץ אָננעמען פאַר ליב. אַפילו אַז דער חלף ליגט שוין אויפן האַלדז — איז אַלץ ניטאָ קעגן וואָס צו קעמפן. (אָט אַזוי רעדט דער שטעקן, אַ געטרײַ ווערקגעצײַג פון די בעלי־בתים. ער דערוואַרט פון זיי אַ באַלוינונג פאַר זײַן קאַלאַבאָראַציע און דערפאַר האָט ער פאַרקויפט זײַן נשמה צו זיי). ער פּרעדיקט פאַר דער שטומער קו, פּרעדיקט און שלאָגט זי אין דער זעלבער צײַט.

איצט, נאָך די שוואַרצע איבערלעבונגען פון די מפּלה־יאָרן, ווייסן מיר, אַז אַזעלכע פאַררעטערישע שקלאַפן עקסיסטירן, צום באַדויערן, אַפילו אין אונדזערע רייען. און אַפילו דאָ, אין דעם דאָזיקן משל, ווו שטיינבאַרג ווײַזט אונדז דעם אָפּשוים פון מענטשן, — אַ ווערקצײַג פון מערדער, — ווענדט זיך זײַן גאַנצער צאָרן ווידער נאָך קעגן דער שטומער בהמה, וואָס הערט זיך אײַן אין זײַנע רייד און „דריגעט ניט און שטויסט אים ניט אַוועק פון זיך".

אין „דער קוש" פרייט זיך דער ביין, ווײַל „רב ניסל שײַעס" טשמאָקעט אים מיט זײַנע ליפּן און ער באַרימט זיך פאַר זײַנע

חברים (דעבו טעלער און דער שיסל), אַז סע זעט אויס, אַז רב ניסל האָט אים אַזוי ליב, אַז ער „קושט אים אַזש״... „וואַרט אַ ביסל / ביז רב ניסל / וועט דעם מאַרעך דיר אויסנאָגן, / וואָס וועט איר, רב ביניש, דעמאָלט זאָגן?״ — ענטפערט די שיסל דעם פאַרפירטן נאַר, דעם ביין. דאָס „אויסנאָגן פונעם מאַרעך״ נעמט שטיינבאַרג אָן פאַר אַ כּמעט נאַטירלעכע פונקציע פונעם בעל־הבית. אָבער די אידיאַטישקייט פונעם ביין, וואָס באַרימט זיך נאָך מיט דער ליבע פון רב ניסלען — דאָס אַרט אים. דער קוש איז דאָך, קלאָר, אַ יודאָס־קוש, איז וואָס זשע פרייסטו זיך אַזוי, שוטה?

ציטאַטן פון זײַנע משלים, וואָס זענען געוואָרן אַן אוצר פון ווערטלעך, כּמעט שוין פאָלקלאָר, זענען צאָלרײַך.

צי ווײַזט שטיינבאַרג אַרויס מיזאַנטראָפּיע? אַ קלאָרן ענטפער אויף דער באַרעכטיקטער שאלה קאָן מען ניט געפינען. אַ סך מאָל זעט עס אויס, ווי ער וואָלט טאַקע באמת שוין אויפגעהערט גלייבן אין מענטשן. עס זעט אויס, אַז שטיינבאַרג האָט געזוכט און געזוכט דעם ריכטיקן, שטאָלצן, שטאַרקן מענטשן, וואָס לאָזט זיך ניט אונטערדריקן, און האָט אים אין דער סדום־עמורה־וועלט טאַקע קיין מאָל ניט געפונען.

אין זײַן קלאַסישן משל „די שפּיז און די נאָדל״ זאָגט די נאָדל צו דער שפּיז: „שטעך איך, זאָגט זי, לײַוונט, / מאַך אַ שטעכל נאָך אַ שטאָך / ווערט אַ העמדל, ווערט אַ מלבוש — זאַכן; / אָבער מענטש — שטעך הײַנט, שטעך מאָרגן אים, / וואָס וועסטו פון אים מאַכן?״

זעט אויס, לויט שטיינבאַרגן, אַפילו ניט קיין משל.

ווי שלמה המלך, אַזוי האָט אויך שטיינבאַרג באַוויזן צו הערן און צו פאַרשטיין דאָס לשון פון אַנדערע באַשעפענישן אַחוץ דעם מענטשן. טשיקאַווע: ווען ער וואָלט אויסגעקליבן אַ מאָל דעם מענטש פאַר זײַן העלד — וואָלט ער פון אים אויך געקאָנט שרײַבן אַזוי אינטים, ווי פון יענע אַנדערע באַשעפענישן?

אין „די קליידערשאַפע״ זאָגט שטיינבאַרג: „אַלצדינג רעדט, מען דאַרף נאָר קענען הערן״.

שלמה המלך האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון חיות, פיש און פייגל, אָבער שטיינבאַרג האָט זיך צוגעהערט און פאַרשטאַנען דאָס לשון פון זאַכן, אָביעקטן און אַפילו די שפּראַך פון געפילן.

גאָרניט בלייַבט שטום בייַ שטיינבאַרגן, נאָר דער מענטש. מען וועט ענטפערן (און מיט רעכט), אַז זאַכן און חיות זענען בייַ שטיינבאַרגן סימבאָליש, סימבאָלן פאַר דעם מענטשן. דאָס איז, אָן ספק, טאַקע אַזוי. געמיינט איז דער מענטש. איז טאַקע דאָס משל בייַ אים נאָר אַ פאָרעם פאַר אַ „הומאַנעם״ אינהאַלט? דער־מאָנענדיק זיך אין אים ווי אַ מענטש און ניט נאָר ווי אַ דיכטער, גלייב איך ניט, אַז ער האָט טאַקע אַוועקגענומען זייַן וואַרעמע, פאַטערלעכע האַנט פון האַרצן און אַזוי זיך געוואָלט אָפּווענדן פונעם מענטש.

דער צווייטער באַנד איז, צום באַדויערן, אַרויס שוין אַ סך יאָרן נאָך זייַן טויט און איז ניט געוואָרן רעדאַקטירט פון דעם דיכטער אַליין. עס פעלט דאָרטן טאַקע באמת די געבענטשטע באַרירונג פון זייַן אייגענער קריטיק. אַ סך פון די משלים וואָלטן אָדער פאַרבעסערט געוואָרן פונעם מחבר אָדער אין גאַנצן ניט צוגעלאָזט געוואָרן צום דרוק.

צום סוף עטלעכע ווערטער וועגן זייַן לירישער דיכטונג: דער פערזענלעכער עלעמענט, די סוביעקטיווע פּאָעזיע זייַנע איז קאַרג אין אויסדרוק, פאַרשלאָסן, ווי ער אַליין איז געווען, שטרענג אין איר מעלאָדיק און אַפילו פּרימיטיוו. זייַן ליריק איז אומבאַהאָלפן און אָרעם. אַ כּמעט קינדערישע נאַיִווקייט, יאָ, אַפילו אַ פּרימי־טיווקייט גייט אַרויס פון יענע שורות, ווו ער לאָזט זיך אַרייַן אין ליריציזמען און נאַטור־באַשרייַבונגען.

עלעמענטאַר אין דער פאָרעם, בלייַבט אָבער זייַן נשמה ערגעץ ווו באַהאַלטן אונטער די שורות: מיר דוכט, אַז דעם מענטש שטיינבאַרג איז ניט געגעבן געוואָרן זיך אויסדריקן פרייַ, דאָרטן

ווי זײַן געפיל האָט גערעדט, און אויך ניט דעם פּאָעט שטיינבאַרג. דאָרט, ווו ס'איז געווען זײַן אינטעלעקט דער פירער פון זײַן האַנט, זענען אַנטשטאַנען אָט יענע אייביקע ווערק פון וועלכע מיר האָבן גערעדט. עס וואָלט נעמען יאָרן צו אַנאַליזירן זײַנע ווערק. איך נעם זיך צו דעם ניט אונטער. איך האָב דאָ, פּשוט, געוואָלט, געזעגענענדיק זיך מיט מײַן פרײַנד און מײַסטער, זיך דורכשמועסן מיט מײַן געזדולדיקן, חשובן לייענער.

זײַנע ווערק וועלן איבערלעבן צײַטן (אונדזערע און ווײַטערע, וואָס וועלן נאָך אונדז קומען). קאָמענטאַטאָרס האָבן ערשט נאָר קוים־קוים אָנגעהויבן אים צו צעקײַען. עס וועלן קומען אַנדערע, קאָמפּעטענטערע און קודם־כּל — אָביעקטיווערע ווי איך און שרײַבן וועגן אים. ווי אַ טיפער ברונעם איז שטיינבאַרג: וואָס טיפער מען קוקט זיך אײַן אין אים — אַלץ טיפער זעט ער אויס צו זײַן און מען פרעגט בײַ זיך: ווו איז דער גרונט?

מיר דאַכט, אַז די דיכטערין ראָזע אויסלענדער האָט ווונדערלעך באַשריבן שטיינבאַרגן אין איר וואָרטפּאָרטרעט (אין איר באַנד דײַטשע לידער: „רעגנבויגן"). ס'איז אַזוי גוט, אַז עס ווילט זיך מיר דאָ ציטירן, אין מײַן איבערזעצונג, די לעצטע פּאָר שורות, וועלכע רעדן וועגן זײַן טויט:

ס'שטאַרבט דער פּאָעט — און שטיין איז ווידער שטיין,
זײַן אויג פאַרלעשט — און מיר שוין ווידער בלינד.
אַ וועלט פאַרשליסט זיך — און מיר בלײַבן אַליין...
אַ טאַטע שטאַרבט — עס שטאַרבט אַ קינד.

דערשינען אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 1969, 51 זז'.

שעהען פון בין־השמשות

מײַנע באַגעגענישן און שמועסן מיט סאָפיאַ דובנאָװאַ־ערליך

געװידמעט מײַן גרױסן פרײַנד סאָפיאַ דובנאָװאַ־ערליך,
צו איר 96סטן געבױרן־טאָג, דעם 9טן מאַרץ 1981

די עלטער שפּאַנט פּאַמעלער, אָן אײַלעניש, פּאַרױס,
דער גורל האָט, פון װען שױן, װי לאַנג מ׳עט גײן באַשטימט.
און טאָמער פּילסטו מידקײט באַפאַלן דיך — טאָ װײס:
דעם װעג דערגײן, דעם גאַנצן — װעט נעמען שױן ניט לאַנג.

נאָר טאָמער הערסטו רײדן פון װעלט און זײַן און ליכט
און ס׳איז דײַן גלױבן שטאַרק און ס׳איז נאָך װאָך דײַן מײן —
פאַרגעס די מידקײט, מענטש, ניט צײל די צאָל פון יאָרן
און װײס: דו ביסט נאָך יונג און ביסט נאָך אַלץ דאָ־הי.

(סאָפיאַ דובנאָװאַ־ערליך, „שפּעטע דיכטונגען״, 1975.
ייִדיש: װעראַ האַקען, 1981).

אין 1973 איז אין ניו־יאָרק דערשינען אַן אָפּקלײַב פון סאָפיאַס לידער, אין זײער אָריגינאַל (רוסיש) — אונטער דעם נאָמען: „לידער פון פאַרשידענע יאָרן״.

איך האָב דאָ געפּרוּװט געבן אַ װאָרט־געטרײַע איבערזעצונג פון אײנס פון אירע שפּעטערע לידער.

איך בין זיך משער, אַז דאָס איז ניט קײן פּאָעטישע איבער־דיכטונג, נאָר אַ דילעטאַנטישע, װערטערלעכע איבערזעצונג. ס׳איז אַ גאָר שװאַכער „עכאָ״ פונעם ליריש־צױבערישן אָריגינאַל.

איך נעם זיך דאָ ניט אונטער צו שרײַבן אַ פולע ביאָגראַפיע

פון סאָפיאַ דובנאָווא־ערליך, די טאַלאַנטפולע רוסיש־יידישע דיכטערין און טאָכטער פון דעם גרויסן היסטאָריקער — שמעון דובנאָוו ז״ל.

ס'וואָלט גענומען יאָרן און הונדערטער זײַטן צו שילדערן דעם ביאָגראַפיש־היסטאָרישן, קאַלענדאַרישן גאַנג פון איר שווערן און רײַכן לעבן און פון איר גאַנצער תּקופה.

נאָר די גרויזאַם־סאַטירישע, סאַדיסטיש־ראַפינירטע פאַנטאַזיע פון דעם „צײַטגײַסט" פון אונדזער יאָרהונדערט, וואָלט געווען אין שטאַנד צו דערציילן פון איך לעבן און פון אַלע זײַנע טראַגישע פּרטים. סאָפיאַ דובנאָווא־ערליך איז דאָך דורכגעגאַנגען כּמעט דעם גאַנצן 20סטן יאָרהונדערט.

אַן ערך 6־7 יאָר צוריק האָב איך געהאַט דעם גרויסן זכות צו קומען, צום ערשטן מאָל, צו סאָפיאַן.

מיט דער צײַט בין איך אָבער געוואָרן אַן אָפטער און היימי־שער גאַסט אין איר שטוב. אין אונדזערע לאַנגע, פּעריפּאַטע־טישע דיאַלאָגן האָבן מיר, מיט דער צײַט, באַוויזן צו באַרירן כּמעט אַלע אַספּעקטן פון דעם מענטשלעכן לעבן.

מ. גאָרקי האָט אַ מאָל ערגעץ ווו געשריבן: „מען רעדט וועגן גאָט און טײַוול; וועגן ליבע און שׂינאה; הימל און ערד".

אָבער מאָדנע: אין אונדזערע געשפּרעכן זענען מיר אַלע מאָל אַוועק ווײַט־ווײַט פון די פּאַקטישע געשעענישן גופא; אַן אומזיכטיקע האַנט פלעגט אונדז אַוועקפירן פון שטייגער־לעבן און אַרײַנוואַרפן אין די סאַמע טיפענישן פון איר, סאָפיאַ דובנאָווס, אינערלעכער וועלט, צעשפּרייטנדיק פאַר מײַנע אויגן דעם רײַכן, וווּנדערלעכן פּייזאַזש פון אירע נשמהדיקע טיפענישן.

די דאָזיקע „אינערלעכע פּאַנאָראַמע" פון אירע אידעען, מחשבות און אירע סאָציאַלע וועגן — זענען מיר, מיט דער צײַט, געוואָרן נאָענט און אינטים באַקאַנט.

אין ברייטע, אַלגעמיינע שטריכן — אָט וואָס סאָפיאַ האָט מיר דערציילט וועגן איר לעבן:

די עלטסטע טאָכטער, צווישן דריַ קינדער, געבוירן אין דעם ביעלאָרוסישן שטעטל מסטיסלאַוו, מאָגילעווער גובערניע, אינעם יאָר 1885 — איז סאָפיאַ געוואַקסן אונטער איר טאַטנס אויגן און זיך דערביַי אַנטוויקלט צו אַ זעלבשטענדיקן, יונגן אינטעלעקט.

די יידישע ליטעראַרישע וועלט האָט דעמאָלט אויפגעבליט מיט אירע שענסטע בלומען: אין איר טאַטנס שטוב האָט זיך סאָפיאַ באַקענט מיט די סאַמע גרעסטע און באַרימטסטע פון אונדזערע גדולים, און דער הויכער שטייגער פון איר סביבה האָט סטימולירנדיק געווירקט אויף דער יונגער סטודענטקע.

„למשל, שלום־עליכמען האָב איך באַקענט שוין אין מיַינע גרינע קינדער־יאָרן".

„יעדער זומער האָבן אונדזערע עלטערן אונדז, קינדער, אַוועקגעפירט אין אַ קוראָרט ניט וויַט פון אָדעס, וווּ מיר האָבן דעמאָלט געוווינט — קיין לוסטדאָרף".

איך שפּרינג אונטער און ריַיס איבער אירע רייד:

„סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ, שריַי איך אויס, וויפל גליַיכע סטאַנציעס זענען מיר ביידע דורכגעגאַנגען!!! לוסטדאָרף... מיַינע טאַטע־מאַמע האָבן מיך אויך אַהין געפירט אין די זומערן... אוי, ווי קלאָר געדענק איך נאָך דעם ברענענדיקן־הייסן זאַמד אונטער מיַינע פיס און ווי איך פלעג אונטערשפּרינגען און ניט קענען גיין אויפן זאַמד צום נאָענטן ברעג..."

„יאַ, ווערעאַטשקאַ, ענטפערט סאָפיאַ מיט איר קליינעם, צאַרטן שמייכעלע, דער הייסער זאַמד... ער בריט אָפּ די פיס... פאַרגעסט נאָר נישט, מיַין ליבע: מיַין לוסטדאָרף האָט זיך געטראָפן מיט כמעט 30 יאָר איידער איַיערער..."

„נו, זאָגט זי וויַטער, זיץ איך מיך דאָרט און בין מיר אין גאַנצן 6 יאָר אַלט.

די מאַמע האָט מיר געגעבן בלעכענע, קליינע פאַרמעלעך און איך פיל זיי אָן מיט זאַמד און לייג זיי אויס צו ,באַקן' אין זיי ,קיכעלער'.

פלוצעם זע איך, אז עס פאלט א שאטן אויף מיינע זאמדענע קיכעלער. איך קוק און זע איבער מיר שטיין א מאן, מיט א ברייטן קאפעליוש איבער זיינע אויגן.

ער שטייט און קוקט זיך צו ערנסט און שטום — א ווײַלע, ווי איך ‚באק'".

„וואס מאכסטו דא, מיידעלע?" פרעגט ער מיך.

„איך בין גאר צופרידן, אז א ‚גרויסער' און נאך דערצו מיט אזא ברייטן, אימפאזאנטן קאפעליוש אויפן קאפ ווײַזט ארויס אזא ערנסטן אינטערעס פאר מײַן ‚ארבעט'".

„איך באק קיכעלער, זאג איך אים, באלד וועט עס פארטיק ווערן, וועט איר זיי עסן".

„אהא, זאגט ער. אהא. זייער פײַן, א דאנק, אבער איך וואלט אויך א מאל געוואלט קענען באקן אזעלכע קוכנס. וואלסטו אפשר געוועזן אזוי גוט און וואלסט מיך אויסגעלערנט?"

„איך זאג — פאזשאלעסטע. אבער מיר קומען נישט דערצו: איך זע, מײַן פאפאטשקא לויפט ארויס פון שטוב גאנץ רויט אין פנים, אן אויפגערעגטער, לויפט צו צו אונדז און שרײַט אויס":

„סאניטשקא, ווייסטו דען ניט מיט וועמען דו רעדסט??? דאס איז דאך שלום-עליכם, אונדזער גרעסטער שרײַבער! נישט איין מאל האב איך דיר דאך פירגעלייענט זײַנע מעשיות. געדענק זשע, קינד מײַנס, היינט האסטו זיך באקענט מיט שלום-עליכמען".

„נו, זאגט זי מיר ווײַטער, מיט א קליינעם שטילן שמייכעלע, ווער קאן אזוינס פארגעסן? און ווען מײַן פאטער וואלט אונדז דעמאלט ניט געשטערט, וואלט שלום-עליכם זיך בפירוש בײַ מיר אויסגעלערנט באקן קיכעלער פון זאמד. פאפא האט אונדז געשטערט דערבײַ. א שאד..."

א גרויסן טייל פון אירע יונגע יארן האט סאפיא פארבראכט אין איר געליבטן פעטראגראד, ווו זי האט שטודירט אויפן פילא־לאגיש־היסטארישן פאקולטעט.

(אגב: סאפיא רופט אן אט די דאזיקע שטאט נאר מיט דעם

אַלטן היסטאָרישן נאָמען פּעטראָגראַד, אַפילו ווען זי רעדט פון דעם הײַנטיקן לענינגראַד).

„דאָרט האָב איך אויך באַגעגנט מײַן שפּעטערדיקן מאַן — דעם הייסן בונדאָווצע הענריק ערליך. מיר האָבן זיך געטראָפן טאָקע בײַם ,בונד׳. הענריק ערליך און זײַן אינטימער פרײַנד וויקטאָר אַלטער זענען דעמאָלט געווען די אָנפירערס פון דער דאָזיקער שטרעמונג.

זייערע לעבנס זענען געבליבן גורלדיק פאַרבונדן ביז צו זייער טראַגישן סוף. זיי האָבן זיך קיין מאָל ניט מער צעשיידט. אין יאָר 1941 זענען זיי ביידע דערמאָרדעט געוואָרן, אין פאַרשיידענע תּפיסות, אָבער מען קאָן זאָגן — דורך דער זעלבער האַנט: דורך סטאַלינס תּלינים.

דער איינשטימיקער פּראָטעסט פון דער גאַנצער וועלט־פּרעסע איז געווען צו שוואַך, כּדי זיי צו ראַטעווען.

אין יענעם גורלדיקן יאָר בין איך שוין געווען אין אַמעריקע מיט אונדזערע ביידע זין: — אַלעקסאַנדער און וויקטאָר. הענריק ערליך איז צו ערשט באַפרײַט געוואָרן און אַפילו שוין געהאַט באַקומען די וויזע צו פאָרן צו אונדז. קוים אַרויס פון דער תּפיסה, איז ער געזעסן — אין אַ נאָכמיטאָג — אַ פריילעכער, באַפרײַטער, פול מיט האָפענונג אַז באַלד, אָט־אָט וועט ער פאָרן צו זײַן משפחה קיין אַמעריקע — געזעסן בײַ אַ טישל מיט חברים — אין אַ קליינעם קאַפע — האָט מען אים ווידער אַוועקגעפירט און דאָס מאָל שוין צו זײַן טויט״.

„אגב: עדות דערציילן, אַז מײַן פאָטער איז דערמאָרדעט געוואָרן כּמעט אין דער זעלבער צײַט — פאַרשטייט זיך, אַזוי צו זאָגן, ,אויף דער צווייטער זײַט בריק׳ — דאָס מיינט: דורך די אַנדערע גזלנים — פון היטלערס צד. אין דעצעמבער 1941 האָב איך און די ייִדישע וועלט — זיי ביידע פאַרלוירן.

מײַן פאָטער ליגט אינעם מאַסן־קבר, ניט ווײַט פון ריגע. ווו ס׳ליגן מײַן מאַנס ביינער — וועל איך קיין מאָל ניט וויסן״.

זי שווייַגט. איר בלאַס פּנים בלייַבט רויִק. ווי שטענדיק, דערציילט זי אויך איצט אָן פּאַטאָס, מיט אַ רויִקער פּשטות. זי האָט זיך, זעט אויס, שוין לאַנג אויסגעלערנט צו האַלטן אירע געפילן טיף־טיף אינעווייניק, אין זיך, און ניט אַרויסווייַזן זייער אימפּעט.

„מען דערציילט, אַז מייַן פאָטער האָט אויסגערופן אויף אַ קול אַ מינוט פאַר דער לעצטער קויל — וואָס האָט אים דערהרגעט: ,מענטשן, פאַרגעסט ניט!' "

„מענטשן, דערציילט!"

„מענטשן, פאַרשרייַבט!"

„יאָ, זאָגט זי שטיל (קוים וואָס איך הער זי), יאָ, ביז זייַן סאַמע סוף — אַ היסטאָריקער..."

„סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ, זאָג איך — אין אַן אַנדער נאָכמיטאָג, זיצנדיק ביי איר, — דערציילט וועגן אייַער קורצן ראָמאַן מיט זשאַבאָטינסקין".

„נו, אַ ראָמאַן איז דאָס ניט געווען. אפשר נאָר אַן אָנהייב. דאָס איז געווען אין דער צייַט פון אונדזער ,שטורעם־און־דראַנג', ביידע זענען מיר געווען גרין און יונג און ביידע געווען סטודענטן. ער האָט זיך באַוויזן אויף מייַן האָריזאָנט מיט לירישע לידער, אַ טאַלאַנטפולער, שטורמישער יונגער־מאַן. שעהען לאַנג פלעגט ער מיר פאַרלייענען זייַנע שיינע, לירישע לידער, צאַרטע און זיסע. איז כּל־זמן אויפן סדר־היום זענען געווען אָט די שיינע דיכטונגען זייַנע און מיר זענען ניט פאַרגאַנגען אין דיסקוסיעס, וואָס האָבן אונדז ביידע אָוועקגעפירט גאָר ווייַט איינער פונעם צווייטן — איז געווען ווויל און גוט. אָבער מיר זענען געווען ביידע אַנגאַזשירט פּאָליטיש און אידעאָלאָגיש — גאָר פאַרשידענע יונגע מענטשן. גאָר גיך האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מיר שטייען זייער ווייַט, עקסטרעם ווייַט איינער פון צווייטן און דעמאָלט האָבן שוין ניט געקאָנט אויף מיר ווירקן זייַנע שיינע, לירישע שאַפונגען און אויך ניט די בלומען וואָס ער פלעגט מיר ברענגען. דער אַגרעסיווער, הייסער ציוניסט און די ניט ווייניקער אַגרעסיוו־הייסע בונדאָווקע —

האָבן מער שוין ניט געפונען אַ וועג איינער צו דעם צווייטן״.

איך דערציייל דאָ וועגן אונדזערע „בין־השמשותדיקע שעהען״ ניט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר. און סאָפּיאַ האָט מיר דערציילט פון איר לעבן אויך ניט כראָנאָלאָגיש.

מיר האָבן געוואָנדערט אַהין און צוריק אין צײַט און רוים. אין קליינע, מען קאָן זאָגן, „צײַטלאָזע״ וויניעטן האָט זיך פאַר מיר, פון מאָל צו מאָל, אַנטפּלעקט איר לעבן און איר שאַפן.

סאָפּיאַ דובנאָוואַ־ערליך איז אַ פײַנע, אָריגינעלע, טאַלאַנטפולע דיכטערין. זי שרײַבט רוסיש. דאָס איז איר שפּראַך, דאָס איז איר דיכטערישע וועלט.

פאַר מיר ליגט דאָס קליינע ביכעלע — אירע לידער, א״נ:

„לידער פון פאַרשידענע יאָרן״. דאָס בוך איז אַרויס (אין ניו־יאָרק) אין יאָר 1973.

„סאָפּיאַ סעמיאָנאָוונאַ, זאָג איך צו איר, איך וואָלט געוואָלט איבערזעצן אײַערע לידער פאַר דעם יִדישן לייענער! אָבער איך ווייס, אַז איך בין ניט קיין געניטער איבערזעצער. איך האָב דאָ געפּרוּווט געבן דעם יִדישן לייענער כאָטש אַן אָנונג פון דער שיינקייט און טיפקייט פון אײַער ליריק. איך וויל אײַך פאָרלייענען כאָטש אַ פּאָר פראַגמענטן, יאָ?״

1

דאָס ליד פון ברודערשאַפט — דאָס איז מײַן ליד
און ס׳קלאַפּט מײַן האַרץ די ווערטער אויס נאָך הײַנט.
ס׳איז אָבער לאַנג שוין שטום דער הימען אין יענעם לאַנד
און דאָ, ווו כ׳לעב — עס זינגט זיך מיר ניט מער.

2

בטחון — אויסגעזונגען האָט דאָס ליד אין מיר.
מײַן הייסע יוגנט האָט געזונגען אָט דאָס ליד,
ערשט שפּעט האָב איך געוווּסט,
אַז: אַ לעצטער קאַמף איז ניט פאַראַן,

אָ, ניט פאַראַן, אַז איטלעך קאַמף איז נאָר אַן אָנהייב —
אַן אַ סוף!

און נאָך אַ סטראָפּע:

קאַרגער און שטילער שרײַבט עס זיך מיר
בײַ דעם ליכט פון מײַן שפּעטן קאַיאָר. זאָגן פון יאָרן,
וואָס זענען געווען
קאָן מען אַנדערש, ווי קאַרג און מיט שטילקייט, — ניט טאָן.

„ניט גוט, זאָג איך פאַרשעמט, ניט גוט איבערגעזעצט, אַ יאָ, סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ?"

אָבער — זע נאָר זע: די דיכטערין איז צופרידן.

„ס'קלינגט גאַנץ פײַן אויף ייִדיש, זאָגט זי מיט איר ליבלעכן, צערטלעכן שמייכעלע, גאַנץ פײַן באמת, וועראָטשקאַ. איך האָב ליב ייִדיש און ס'איז פאַר מיר אַן איבעררעאַשונג ווי שיין עס קלינגען מײַנע פערזן אויף אָט דער שפּראַך".

סאָפיאַ האָט גרינטלעך און מיט גרויס ליבשאַפט שטודירט אירע רוסישע ליטעראַרישע „אָבות".

„איך האָב זיך קיין מאָל מער ניט געקענט ,באַפרײַען' פון דער מעכטיקער השפעה פון מײַנע רוסן. ביז צום הײַנטיקן טאָג האָב איך קיין מאָל אין מײַן לעבן ניט געפילט די זעלבע אַנטציקונג, דעם זעלבן ענטוזיאַזם, ווי בײַם לייענען מײַנע רוסישע שרײַבערס. איך האָב אַ מאָל געזאָגט צו מײַנע זין: כ'וואָלט זייער געוואָלט אַ מאָל לייענען ניט קיין רוסישן אויטאָר און ווערן אַזוי דערשיטערט פון זײַן שרײַבן — ווי עס דערשיטערן מיך טשעכאָוו, דאָסטאָיעווסקי און טאָלסטאָי".

סאָפיאַס גאַנצער, אינערלעכער „אָרגאַניזם" איז געפורעמט געוואָרן דורך דער רוסישער סביבה און דורך דעם רוסישן פּייזאַזש.

איר אייגענער, אָריגינעלער נוסח איז אַ האַרמאָניש־עסטעטישע מישונג פון געדאַנקלעכער טיפקייט און וואַרעמער, צאַרטער לירישקייט און נשמהדיקייט — אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די רוסן.

די מאָדנע גאַנצקייט פון אַזעלכע סתירות ווי: מעלאַנכאָליע מיט דינאַמישער סאַנגווינישקייט; טרויער מיט פרייִלעכקייט; העלע מיט טונקעלע פאַרבן; שטורעם און שטילקייט — אָט די אַלע עכט רוסישע שטימונגען — שמעלצן זיך צונויף אין אירע לידער.

די טראַדיציע פון אירע פאָרויסגייערס איז גאָר טיף פאַר־וואָרצלט געוואָרן אין איר שאַפן. מעדיטאַטיווע פּאַעטישקייט פאַר־אייניקט מיט נאַראַטיווער גערדאַנקלעכקייט.

איר נוסח איז אַ גליקלעכער קאָנגלאָמעראַט פון 19טן יאָר־הונדערט־סטיל פון גראַמען און שטרענגער מעטריק — אָפּט אָבער אויך ווײַסע, גראַמלאָזע פערזן. אַזוי מישט זיך בײַ איר די פאַרגאַנ־גענע ראָמאַנטיק מיט דער הײַנטיקער, מאָדערניסטישער פאָרעם — פון פרײַע, ניט געבונדענע פערזן אָן גראַם.

אידילישע פאַרחלומטקייט פירט דעם פאַרכישופטן לייענער אַוועק אין אַ לאַנד פון צאַרטער מעדיטאַציע. אָבער באַלד קליגנט אַרויס פון די פערזן אַ שטאַרקער רוף צו באַנעמען דעם הײַנט, ווי גרויזאַם און אומאידיליש ער זאָל ניט זײַן.

די וועלט אין אירע אַפּאָקאַליפּטישע וויזיעס באַווײַזט זיך באַלד אין אירע לידער און פאַרטרײַבט די אידיליע.

סאָפּיאַ האָט אַרויסגעגעבן אַ ווערק אין פּראָזע אויך: די ביאָגראַפיע פון איר פאָטער. די שפּראַך איז, נאַטירלעך, אויך רוסיש.

„בײַם שרײַבן די ביאָגראַפיע האָב איך זיך געגעבן די גרעסטע מי צו בלײַבן אַ ביאָגראַף און ניט די טאָכטער פון מײַן פאָטער. אַן ערלעכער ביאָגראַף באַמיט זיך צו בלײַבן אָביעקטיוו און שטרענג היסטאָריש. איך שרײַב אָבער איצט מײַנע זכרונות. אין זיי דערלויב איך מיר שוין צו דערציילן וועגן מײַן פאָטער ווי זײַן קינד דערציילט עס. אין מײַנע מעמואַרן פאַרזאָג איך מיר ניט צו ווײַזן מײַן ליבשאַפט צו אים. אַ קינד מעג. אַ ביאָגראַף טאָר ניט".

די ביאָגראַפיע איז אַ פײַן ווערק. זי לייענט זיך מיט אינטערעס און ביזן סוף בלײַבט עס שטרענג, קלאָר און אָביעקטיוו.

און אויך דאָ דערפילט מען איר „רוסישקייט": ווי טשעכאָוו

אין זײַן כראָניק „סאַבאַלין״, אָדער דאָסטאָיעווסקי אין זײַן „טויטנ־הויז״; אָדער גאָר סאָלזשעניצין אין זײַנע „גולאַגן״ — אַזוי אויך אין סאַפּיאָס ווערק פילט מען די אײַנגעהאַלטנקייט און דעם מחברס טענדענץ צו זײַן אַ כראָניקער און ניט אַ בעלעטריסט.

איר דירעקטקייט און שטרענגשאַפט ווערן אָבער ווייכער און טאָלעראַנטער, ווען מען זיצט איינער אַקעגן דעם צווייטן און מען רעדט. זי בלײַבט (אַפילו אין אונדזערע געשפּרעכן) שטרענג צו זיך אַליין. אָבער צו אירע מיטמענטשן ווײַזט זי אַרויס מילד־קייט און גרויס פאַרשטענדעניש פאַר זייערע שוואַכקייטן.

בדרך־כּלל קום איך צו איר, צו מײַן גרויסן פרײַנד, אין די בין־השמשותדיקע שעהען — צווישן טאָג און אָנהייב פון אָוונט.

אויף די ניו־יאָרקער אַוועניוס און סקווערן ווערט דעמאָלט שטילער. דער גרויסער רעש איז כּמעט פאַרבײַ. זילבערנע גרויקייט לייגט זיך, ווי אַ ווייכער נעפּל, אויף די שויבן און אין די מיליאָנען פענצטער לויכטן אויף פּערלמוטערדיקע ליכטעלעך. אין איר קליי־נער, געמיטלעכער און באַשיידענער דירהלע פיל איך זיך היימיש און גוט. דער טומל פונעם טאָג איז געבליבן פון יענער זײַט טיר. די צײַט בלײַבט שטיין. דאָ אָטעמט זיך מיר שטילער און פרײַער.

אַריבערשפּאַנענדיק איר שוועל — איז דאָס שיפל אַרײַן אין אַ זיכערן, רויִקן האַפן. אָבער עס נעמט ניט לאַנג און איך דערפיל, אַז דער האַפן איז ניט קיין האַפן. דער הײַנט רייסט זיך שוין ווידער אַרײַן אין אונדזערע שטילע דיאַלאָגן. מען קאָן ניט אַנטלויפן פון דעם הײַנט, זײַענדיק אַ גאַסט בײַ סאָפּיאַן: זי איז אַליין אויך ניט מחוץ דער צײַט. זי איז אין מיטן פון אַלץ וואָס קומט פאָר.

מיר זיצן אין דער קיך און טרינקען טיי. בשעת מיר טרינקען טיי — זענען אונדזערע געשפּרעכן נאָך אַלגעמיין־מישפּחהדיקע: וואָס מאַכן אײַערע זין? דאָס נײַע איינינקל — וואָס הייסט ווי איר — סאָניאַ? ווי איז אײַער געזונט?

„גוט, גוט, זאָגט זי, אין מײַנע יאָרן מוז מען זאָגן, אַז ס׳איז ניט שלעכט״.

אָפּגעטרונקען טיי, גייען מיר אַרײַן אין איר קלײנעם „סאַלאָן".

דאָרט, אַז מיר הייבן אָן רעדן „פון גאָט און טײַוול, הימל און ערד", געשעט אַ װוּנדער: די צײַט איז מער ניט װײַט פון אונדז, מיר זענען אין מיטן פון אַלץ מיט װאָס עס לעבט די װעלט; סאָפּיאַ איז אינפאָרמירט װעגן אַלץ; זי שטייט מיט ביידע צאַרטע פיס אירע אין מיטן פונעם געשעעניש פון הײַנט און מאָרגן.

ניין, ניין, די סטאַטיק און רויִקייט פון איר סביבה, פון דער שטילער דירהלע נאַרט אָפּ דעם גאַסט; דאָ איז ניט קיין „צײַט־לאָזער אינדזל" פון רו. די אילוזיע פון סטאַטיק און פּאַסיװער מעדיטאַציע איז טאַקע נאָר אַן אילוזיע. װי באַלד מיר ביידע זעצן זיך אַרײַן אין די טיפע, אַלטמאָדישע, װייכע שטולן — איינע אַנטקעגן דער צװייטער, און הייבן אָן רעדן — דערװויס איך זיך, אַז סאָפּיאַ לעבט מיט מיט איר צײַט, אַז זי איז ניט אָפּגעהיט דאָ אין איר „רו" פון אַלעם, װאָס יאָגט און פּלאָגט דעם מענטשן פון הײַנט. זי שטייט ניט בײַ דער זײַט און קוקט נאָר צו. זי לעבט מיט מיט אַלע אַנגסטן פון אונדזער שװערער קעגנוואַרט.

„די צײַט, זאָגט זי, איז פאַר מיר ניט שטיין געבליבן אויף איין אָרט".

„װי קאָן אַ מענטש, װאָס האָט אויגן צו זען און אויערן צו הערן און אַ חוש צו אָבסערווירן און פאַרשטיין — בלײַבן פּאַסיװ? ניט איך קאָן דאָס און ניט כ׳האָב װען עס איז געװאָלט זײַן ,אין דרױסן׳ ".

„אמת, איך גיי איצט װייניק װאָס אַרויס פון שטוב. אָבער די היסטאָריע דרינגט אַרײַן דורך די װענט, קומט אַרײַן דורך מײַן אָפענער טיר".

„מײַן װעלט קומט צו מיר דורך ביכער, צײַטונגען, טעלעװיזיע און מיט מײַנע פרײַנד — אַזעלכע װי איר, װעראָטשקאַ. איז די װעלט, הייסט עס, אַלץ נאָך אָפן פאַר מיר און איך לעב אין איר".

איר קלײנע, שטילע דירהלע איז מיט די יאָרן געװאָרן אַ צװייטע

היים פאַר מיר. מיר איז דאָ היימיש און גוט צו זײַן און ס׳גלוסט זיך קיין מאָל ניט אַוועקצוגיין.

אויפן פענצטער שטייען פלאַנצן אין טעפּ און סאָפיאַ באַגיסט זיי מיט איר צאַרטער האַנט.

אויף די ווענט — גראַוויורן; בלאַסע, און ניט מער גאַנץ דײַט־לעכע. דאַכט זיך אַז איך דערקען אַ גאַס אין ווילנע; אַ הויז אין ריגע; די נעווא אין איר געליבטן פּעטראָגראַד.

ווו מען קוקט זיך נאָר אום: פּאָליצעס מיט ביכער! צווישן די רייען מיט רוסישע קלאַסיקערס — דערזע איך אַ קליינעם פּאָרטרעט פון שמעון דובנאָוו: אַן איידל, שיין פּנים — מיט אַ שפּיץ־בערדל און אַ פאַרטראַכטן קוק אין זײַנע אויגן.

צווישן די ווערק פון טשעכאָוו, דאָסטאָיעווסקי, גאָגאָל — זע איך אויך די רוסן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד: אַכמאַטאָווא, פּאַס־טערנאַק, וואָזנעסענסקי, א״א.

ווי אומעטום — אַזוי אויך אויף אירע ביכער־פּאָליצעס — דער זעלבער סינטעז פון נעכטן און הײַנט. סאָפיאַ דובנאָוואַ־ערליך, ניט נאָר זי „וווינט״ דאָ, זי לעבט און ווירקט דאָ און מען פילט איר קעגנוואַרט, ווו מען קוקט זיך נאָר אום.

די גלײַכע שטילקייט און צימצומדיקייט פון איר אינערלעכער וועלט שפּראָצט דאָ אַרויס פון יעדער ווינקל. איר טענדענץ ניט צוצוגעבן צו איר סביבה צו פיל דעקאָרום — איר באַשיידנקייט, איר שטרענגשאַפט — ווײַזן זיך אויך דאָ, אין איר טאָג־טעגלעכן שטייגערישן נוסח.

די שטוב מאַכט אַ כּמעט אַסקעטישן רושם. און פאַרט: ס׳איז ניט נאַקעט, ס׳איז וואַרעם און ווײַבעריש און געמיטלעך בײַ איר.

ווי מען זאָל זיך נישט באַמיִען צו באַשרײַבן אַ מענטשלעך פּנים, בלײַבט עפּעס־וואָס אַלץ זײַן אייגענער טיפער סוד און ס׳בלײַבט נאָך אַ סך נישט דערזאָגט. ס׳איז נישט גרינג צו שילדערן מיט ווערטער.

אָבער איך וויל דאָך פּרוּוון באַשרײַבן מײַן פריינדין סאָפיאַ

סעמיאָנאָוונאַ דובנאָוואַ־ערליך, אַזוי ווי איך זע זי פֿאַר מיר.

די קליינינקע, צאַרטע, גראַציעזע געשטאַלט און בפֿרט דאָס שיינע אָוואַלע, בלאַסע פּנים — איבערראַשן מיט זייער יונגשאַפֿט.

די פֿײַנע, פּאַסטעל־צאַרטע, ראָזעווע פֿאַרב פֿון דעם גלאַטיקן פּנים אָן קנייטשן איז ווי אַראָפּ פֿון אַ געמעל פֿון רענואַרס האַנט. אויף די ווייכע, מיידליש־גלאַטע זילבערנע האָר ליגט אַ שײַן פֿון גאָלד: זי איז געווען, זעט אויס, אַ בלאָנדינקע און אַפֿילו איצט איז פֿאַראַן אַן עלעמענט פֿון בלאָנדישקייט אויף אירע האָר, וועלכע זי טראָגט רונד אַרום איר קאָפּ — ווי די פֿריזור פֿון אַ מיטל־אַלטערלעכן פּאַזש.

פֿון אונטער די ברילן קוקן אויף דיר צוויי בלויע, ליכטיקע אויגן. דער קוק איז אַ כאַראַקטעריסטיש־קורצזיכטיקער, אָבער ניט געקוקט אויף דעם — אַ שאַרפֿער.

ווייניק וואָס קאָן זיך באַהאַלטן פֿאַר דעם דאָזיקן קוק.

דער שטענדיקער אויסדרוק פֿון איר פּנים איז — אויפֿמערק־זאַמקייט און ערנסטקייט. סאָפֿיאַ פֿאַרמאָגט אַ פֿײַנעם, דינעם הומאָר. אָבער אַפֿילו אין איר שמייכעלע ליגט באַהאַלטן דער אייביק וואַכער ערנסט.

סאָפֿיאַ איז אַ פּאָליגלאָט: צו איר רײַכן פֿאַרמעג פֿון שפּראַכן געהערן: רוסיש, יידיש, פּויליש, דײַטש, פֿראַנצייזיש און ענגליש. אָבער מיר רעדן נאָר רוסיש.

פֿון מאָל צו מאָל אַנטפּלעקן מיר איינע בײַ דער צווייטער מער און מער אַנאַלאָגיעס אי אין אונדזער לעבן, אי אין אונדזערע ליבשאַפֿטן, ווי למשל: די זעלבע ביכער, די זעלבע שרײַבערס, און קודם־כּל: בײַ אונדזביידן — די זעלבע גרויסע, לײַדנשאַפֿטלעכע באַציִונג צו דעם פּאָעטער. פֿאַראַן אַפֿילו געאָגראַפֿישע ענלעכקייטן אין אונדזער גורל: אָט נעמט אָדעס — מײַן געבוירן־שטאָט — וווּ זי האָט פֿאַרבראַכט אַ היפּשע צאָל יאָרן. אמת, דער שפּאַן פֿון כּמעט גאַנצע 30 יאָר ליגט צווישן אונדז — אָבער מיר ביידע געדענקען אָדעס מיט אירע ברייטע גאַסן, די פּושקינסקאַיאַ, דעם

ים, און מער נאָך: אָדעסער „גדולים״, ווי פרוג, ביאַליק, באַבעל, קופּרין, און טאַקע זשאַבאָטינסקין (ער איז דאָך געווען אויך אַ פריינד אין מיין טאַטנס שטוב)... און אַנדערע.

„איך בין תּמיד געווען אי אַ דיכטער, אי אַ ,האָמאָ פּאָלי־טיקוס׳. קיין מאָל זיך אַליין ניט פאַרגונען צו שרייבן מער ווי ,נאָר לירישע לידער׳ און פאַרגעסן דעם קאָכעדיקן, שטורמישן אַרום. און דעם אמת געזאָגט, ווייס איך ביז היינט צו טאָג נאָך ניט, וואָס איז אין מיר געווען שטאַרקער: די בענקשאַפט צו דיכטונג, אָדער דאָס שטרעבן צו אַ בעסערער, גערעכטערער וועלט. אָט געדענק איך, ווי איך האָב זיך נאָענט באַקענט מיט מאַקסים גאָרקין. אַ ריז פון אַ שרייבער און אפשר נאָך אַ גרעסערער ריז פון אַ מענטשן, וואָס זוכט און קעמפט פאַר גערעכטיקייט. ער האָט מיך אַריינגענומען ווי זיין סעקרעטאַרשע אין דעם דורך אים געשאַפענעם קאָמיטעט קעגן אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד. — אין מיין שטוב האָב איך זיך אין די נעכט ניט געקענט אָוועקרייסן פון זיין גיגאַנטישן ראָמאַן: ,דיעלאָ אַרטאַמאָנאָוויך׳; און ביי טאָג בין איך געזעסן און געאַרבעט אין זיין נייעם קאָמיטעט, וואָס האָט מיך, די יידישע טאָכטער פון שמעון דובנאָוו, באַגייסטערט מיט זיין עטישער שטרעבונג. אָבער, ווי איך האָב אייך, ווערעטשקאַ, שוין אָפּט געזאָגט, ניט אַלע גרויסע שרייבערס, מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגנט, זיינען געווען אויך גרויסע מענטשן. פאַראַן אויך אַזעלכע קליינע מענטשעלעך צווישן זיי, אַז עס טוט ממש באַנג, וואָס מען האָט זיך מיט זיי נענטער באַקאַנט און זיך ניט קאָנצענטרירט אויסשליסלעך אויף זייערע ווערק.

אָט אַזוי האָט עס פּאַסירט מיט מיין באַגעגעניש מיט דעם גרויסן שלום אַש. זייענדיק אַ זומערגאַסט אין זייער שיינער ווילע, ניט ווייט פון וואַרשע, האָט אַש מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל איבערזעצן אויף רוסיש זיינע אַ דראַמע (א״נ: ,ווען דער פרילינג קומט׳) דער פּראָיעקט האָט מיך אינטערעסירט און איך בין מסכּים געווען.

זײַנע שווערע, עגאָצענטרישע באַציִונגען צו זײַן פרוי האָבן מיר שטאַרק פאַרדראָסן. ס'איז מיר שווער געווען זיך צוקוקן צו זײַנע קאַפּריזן פון וועלכע זי האָט אַזוי געמוזט לײַדן. אָבער איך האָב זיך אין גאַנצן פאַרטיפט אין מײַן אינטערעסאַנטער אַרבעט, געפּרוּווט זען אין אַשן נאָר דעם פֿײַנעם שרײַבער און, נאַטירלעך, זיך אַליין באַפוילן אויף קיין שום אופן ניט אַרײַנמישן זיך אין זייערע קאָנפליקטן.

אָבער איין מאָל איז עס געקומען צו אַ שרעקלעכן קאָנפליקט צווישן אַשן און איינעם פון זײַנע זין. ס'איז געווען איבער מײַן כּוח זיך צוצוקוקן ווי אַ קינד וויינט און ווי עס קרימט נאָך די בייזע העוויות פון זײַן פאָטער. איך האָב געמוזט פּשוט איבעררײַסן מײַן אָנגעהויבענע אַרבעט, זיך צונויפפּאַקן און ניט הערנדיק זײַנע, אַשס, פּראָטעסטן אַוועקפאָרן — קוים אַ לעבעדיקע.

געשען איז דאָס אָט ווי: זײַן זינדעלע האָט זיך מיט עפּעס געמאַכט שולדיק פאַר דעם שטרענגן פאָטער. ביידע זין האָבן שטאַרק מורא געהאַט פאַר אים. אין זײַן בײַזײַן האָבן זיי געמוזט זײַן גאָר שטיל, ניט שטערן די „גרויסע, טיפע געדאַנקען" פון זייער באַרימטן טאַטן.

אָבער איין מאָל האָט דער ייִנגערער זון פאַרט עפּעס געמאַכט אַ זאַך, וואָס דער טאַטע האָט, זעט אויס, באַטראַכט פאַר אַ „פאַר־ברעך". ער האָט דאָס ציטערנדיקע קינד אַריבערגעלייגט איבער זײַנע קני און עס אָנגעשמיסן — גאָר האַרט, גאָר אָן רחמנות...

אין אָוונט גיט מען אַ קוק אַרום — דאָס קינד איז פאַרשוווּנדן געוואָרן! מען זוכט, מען רופט אויס זײַן נאָמען — טאַטע־מאַמע ווערן ממש משוגע פאַר פּחד — ער איז ניטאָ אין הויז! דאָס הויזגעזינד, שכנים — אַלע זוכן. די פּאָליציי ווערט גערופן, מען זוכט 2 טעג און 2 נעכט... איך לויף אַרום מיט פרוי אַש און באַרויִק זי מיט ליידיקע ווערטער. אַש אַליין איז אויסער זיך.

סוף־כּל־סוף האָט זיך דאָס קינד אָפּגעפונען: טיף־טיף אין

גערדיכטן וואַלד, זיצנדיק אונטער אַ בוים... דערשראָקן, פאַרלוירן... בלאָס...״

„פאַר וואָס פאַקט איר זיך צונויף, סאָפיאַ? פרעגט מיך אַש אַ טאָג שפּעטער, אַז מען האָט זיך שוין געהאַט באַרויִקט — איר זענט דאָך לאַנג נאָך ניט פאַרטיק מיט מײַן ,פּרילינג׳, איז וואָס זשע מיינט דאָס פאַקעווען די טשעמאָדאַנעס אײַערע? וואָס זאָל דאָס הייסן?״

„איך קאָן בײַ אײַך ווײַטער ניט בלײַבן, זאָג איך און עס שטיקן מיך טרערן. איך וואָלט זיך קיין מאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז איך וועל אַזוי מוזן ענטפערן דעם באַוואונדערטן, גרויסן ,מײַס־טער׳. איך זענט טאַקע אַ גרויסער שרײַבער, אָבער איך זע אײַך איצט שוין אין אַ ליכט, וואָס ווײַזט אײַך ווי אַ טאָטן, ווי אַ מענטש. הלוואי וואָלט איך נאָר געלייענט אײַערע ביכער און קיין מאָל ניט געהאָט די זכיה זיך מיט אײַך צו באַקענען אין אײַער פּריוואַטער סביבה. ניין, איך קאָן ניט בלײַבן בײַ אײַך״.

„אין יענע יונגע יאָרן — האָב איך נאָך ניט געהאַט זיך אויסגעלערנט צו זײַן טאָלעראַנט צו מענטשלעכע שוואַכקייטן. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך אויסגעלערנט אָט די נייטיקע געדולדיקע באַציִונג צו מײַנע מיטמענטשן. דעמאָלט האָב איך, זעט אויס, אַלץ נאָך געמישפּט זיך אַליין און אַנדערע, לויט אַ נאָך ניט קאָרומפּירטן ,קאָדעקס׳ פון אַ נאָך ניט קאָרומפּירטן מאָראַלישן שטייגער״.

זי דערציילט און איר שטים בלײַבט כּסדר די זעלבע: רויִק, כּמעט אָן עמאָציעס. די גרויסע, ווײַסע, שיינע הענט ליגן אין איר שויס, זי זשעסטיקולירט גאָר זעלטן. זי מײַדט אויס פּאַטאָס, זי דערלויבט זיך אַליין ניט אַרויסצווײַזן עקזאַלטאַציע. זעט אויס, אַז די אָפט טראַגישע ליניע פון איר לעבן — האָט זי אויסגעלערנט מעסטן אירע ווערטער מיט אַ שטרענגער מאָס פון צוריקגעהאַלטנ־קייט און אָביעקטיוויטעט. די ווירקונג פון אַזאַ מישונג פון סטאָ־טישער פאָרעם — מיט אַ דינאַמישן אינהאַלט — איז זייער אַ

שטאַרקע. איך זיץ און הער זיך צו צו איר רויִקער, כּמעט מאָנאָ־טאָנער שטים און בין פּאַרכאַפּט און פאַרכּישופט.

דער דאָרנדיקער וועג פון איר לעבן איז, — לויט דער צאָל פון יאָרן — כּמעט דער אַלגעמיינער וועג פון אונדזער יאָרהונ־דערט. אין איר שפּיגלט זיך אָפּ דער אוניווערסאַלער כאַאָס פון אונדזער צײַט.

עס מישט זיך די שטילקייט און סטאַטיק פון איר האַלטונג — מיט דער דראַמאַטישער דינאַמיק פון אירע דערציילונגען. אַ פּאַ־ראַדאָקסאַלע מישונג. אָבער ווי וווּנדערלעך, ווי פאַרכאַפּנדיק!!!

„סאָפּיאַ סעמיאָנאָוונאַ, זאָג איך, בײַם לייענען אײַערע לידער קומט מיר אויפן געדאַנק אַכמאַטאָוואַ. האָט מען אײַך שוין אַ מאָל ניט צוגעגליכן צו איר?"

„יאָ, ענטפערט זי מיר, מיט אַ מין אומצופרידנקייט, יאָ, מען האָט. אָבער איך בין קעגן אַזעלכע פאַרגלײַכן. מען טוט קיינעם ניט קיין טובה מיט דעם. יעדער איז אַ וועלט פאַר זיך. אַכמאַטאָוואַ איז, אָן שום ספק, איינע פון די גאָר גרויסע פּאָעטעסעס אין דער וועלט. אַ מאָדערנע סאַפּפאָ. אָט זעט איר, איך אַליין האָב זי שוין אויך פאַרגליכן צו עמעצן אַנדערש. אַ שלעכטע, ליטעראַרישע געוווינהייט. זיי זאָלן מיר ביידע מוחל זײַן. וואָרעם: אַכמאַטאָוואַ איז נאָר זי אַליין און קיינער ניט מער. און סאַפּפאָ איז סאַפּפאָ און קיינער ניט איז ווי זי. און אַפילו איך — כאָטש אַ באַשיידענער פּאָעט, בין אָבער פאָרט נאָר איך".

אַזוי ווי איר פילאָסאָפיש־פּאָליטישער וועלטקוק איז אויך אַן אָריגינעלער, באַנוצט זיך סאָפּיאַ זייער אָפט מיט פון איר אַליין געשאַפענע „נײַע ווערטער".

„רוסיש איז מײַן אייגנסטע, אינטים מיט מיר פאַרבונדענע שפּראַך. איך קלער און חלום אין רוסיש. אָבער אַזוי ווי די וועלט גאַלאָפּירט מיט ווילדע טריט פאָרויס, און די אַלטע ווערטער זענען אָפט מאָל שוין ניט גענוג צו זאָגן דאָס וואָס דער הײַנטיקער מענטש וויל זאָגן און אַזוי ווי איך בין אויך אַ הײַנטיקער מענטש —

קומט מיר אויס גאָר אָפט צו שאַפן אַ נײַ וואָרט. מיט די אַלטע טערמינאָלאָגיעס וואָלטן מיר זיך געפונען ווידער בײַ דעם טורעם פון בבל. סײַ ווי, און כאָטש מיר שאַפן נײַע ווערטער — פאַרשטייען מיר איינער דעם צווייטן — אַלץ ווייניקער און ווייניקער. דער מענטש האָט געשאַפן נײַע וועלטן, סטאַנציעס צווישן הימל און ערד. נײַע דיסטאַנצן און נײַע וועגן צו באַזיגן אָט די דאָזיקע דיסטאַנץ. די לבנה איז אויך שוין צום דערגרייכן. אָבער ווי איבער־געשראָקן איז אָט דער זעלבער מענטש פאַר זײַנע אייגענע דער־גרייכונגען און ווי אָנמעכטיק פרוווט ער מיטגיין מיט זײַן אייגע־נער, גיהנומדיקער ציוויליזאַציע. אָפט מאָל פרעג איך זיך: איז דאָס וואָס איך זע דאָ אויף דער ערד — פּראָגרעס? אויב יאָ — פאַר וואָס זעט מען נישט אין דער מענטשלעכער באַציִונג פון מענטש צו מענטש אויך אַ פּראָגרעס, איך מיין אַ פּראָגרעס אין ברידערלעכקייט און טאָלעראַנץ?"

„ווי האַלט איר מיט אײַערע אידעאַלן אין מיטן פון אָט דער, סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ, פאַרדאַרבענער וועלט?"

זי שווײַגט אַ ווײַלע.

דאָס איז איר סטיל פון פירן אַ דיאַלאָג: זי ענטפערט קיין מאָל ניט וואָרט אויף וואָרט — זי מאַכט שטענדיק אַ קליינעם איבער־רײַס איידער זי ענטפערט אײַך.

„איך בין געבליבן געטרײַ אַלע מײַנע אידעאַלן און אידעען און אידעאָלאָגיעס פון מײַנע יונגע יאָרן. איך בין ניט סתּם ,געטרײַ' און אויך ניט עקשנותדיק. אויב ס'האָבן זיך ניט געביטן מײַנע אידעען — איז עס נאָר דערפֿאַר, ווײַל איך האָב ניט באַוויזן צו געפינען אַן אַנדערן וועג פאַר זיך. אין פאַרלויף פון מײַן לאַנגן לעבן האָב איך געזען רעגירונגען קומען און גיין. איך בין געווען אַן עדות פון היסטאָרישע איבערקערענישן. אָבער אייניקע, הומאַ־ניסטישע און מאָראַליש־סאָציאַלע גרונט־עלעמענטן האָבן זיך ניט געענדערט. מלחמות האָבן ניט געבראַכט קיין קאַרדינאַלע ענדע־רונגען. איך בין דערפאַר ביז הײַנט פאַרבליבן וואָס איך רוף אַן

אינטעגראַלער פּאַציפיסט. דאָס מיינט — אַ פּאַציפיסט, וועלכער גלייבט ניט אין קיין שום לייזונג וועלכע קומט פון פירן אַ מלחמה..."

„אָבער וואָס וואָלט איר פאַרגעלייגט דער פרייער וועלט צו טאָן מיט היטלערן?"

די שוויַיג־הפסקה איז דאָס מאָל גאָר אַ לאַנגע. איך מיין שוין, אַז אפשר האָט סאָפיאַ ניט געהערט מיַין פראַגע, איך זיץ געדולדיק און וואַרט שטיל אויף איר ענטפער.

„איר, ווראָטשקאַ, זענט ניט די ערשטע און ניט די איינציקע וואָס האָט מיך געשטעלט פאַר אָט דער שווערער פראַגע. און איך ווייס דערויף נאָר איין ענטפער: דאָ איז געווען אַזאַ אַפּאָקאַ־ליפּטישע סיטואַציע, אַז איך וואָלט ניט געוווסט ווי צו האַנדלען. אָבער, זעט אויס, אַז קיין צווייטער וועג ווי מלחמה קעגן דעם טיַיוול איז ניט געווען. — די וועלט איז אָבער ניט געוואָרן באַפרייט דורך דעם וועג. מען גייט וויַיטער אָן מיט אַנדערע מלחמות און דאָס מענטשלעכע לעבן איז אַלץ נאָך ביליק. די מלחמה קעגן היטלערן — האָט ניט אָפּגעשטעלט די וויַיטערדיקע מלחמות... די וועלט בלוטיקט וויַיטער און גייט אַנטקעגן איר אייגענעם קאַ־טאַקליזם, צו אַ בלוטיקן סוף".

„איר פרעגט מיך, צי מיַינע פּאָליטישע שטרעבונגען האָבן זיך געביטן אין פאַרלויף פון מיַינע יאָרן? ניין, ניט קיין סך. איך בין שטענדיק געווען אַ סאָציאַליסט [איבערגעזעצט אויף יידיש: אַ בונדאַוויעץ] און איך בין עס אויך נאָך היַינט".

„סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ, וואָס איז פאַר איַיך ישראל?"

זי שוויַיגט אַ וויַילע.

„נו (זי הייבט כמעט תּמיד אָן מיט אַ „נו"), — מיר זענען אַ פאָלק פון קידוש־השם. מיר אַלע, אָן אויסנאָם, אפילו די וואָס האָבן אַנדערע וועלט־פּאָליטישע קאָנצעפּציעס — זענען גורלדיק פאַרבונדן מיט ישראל. ס'איז די ערשטע און לעצטע היים. דאָ גייט עס שוין ניט מער וועגן אידעאָלאָגיעס".

אפט קומען מיר צוריק — אין אונדזערע געשפּרעכן — צו איר גרויסן פּאַטער.

„איז אײַער פּאַטער געווען מסכּים מיט אײַער וועלטקוק? איז ער אויך געווען אַ ,בונדאַוויעץ'?"

„ניין, ער האָט זיך גערופן — אַ לינקער ליבעראַל".

„זענט איר, סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ, הייסט עס, געגאַנגען אײַער אייגענעם וועג, ניט געפאָלגט אײַער פּאַטער?"

זי גיט אַ שמייכל.

„איך בין קיין מאָל ניט געווען דאָס וואָס מענטשן רופן אָן: אַ פּאָלגזאַמע טאָכטער. און שפּעטער צו אויך ניט געוואָרן אַ פּאָלגזאַמע פרוי. איך וואָלט אויך ניט געראָטן אַנדערע פרויען צו זײַן ,פּאָלגזאַמע ווײַבער'. אַ מענטש איז אַ יחיד. ער זוכט און געפינט זײַן אייגענעם וועג. און טאָמער באַווײַזט ער ניט צו געפינען — וועט אים אויך ניט העלפן דאָס זײַן פּאָלגזאַם און דאָס נאָכגיין עמעצנס טריט אַפילו אַז דער עמעץ איז אַ באַרימט־קייט און אַן אויטאָריטעט פאַר דער גאַנצער וועלט. גוט און וויל איז, אַז די וועגן פון נאָענטע מענטשן — ווי אַ מאַן מיט אַ ווײַב, זענען גלײַכע. ס'גייט זיך בעסער אין צווייען, עס קעמפט זיך אויך בעסער".

„איר האָט שטודירט אויך אין פּאַריז, יאָ?"

„יאָ. איך בין דעמאָלט געוואָרן נאָענט מיט אחד־העמס זון. אונדזערע טאַטעס זענען געווען אינטימע חברים, האָבן מיר, זייערע קינדער, זײַענדיק אין פּאַריז זיך באַקענט און געוואָרן פרײַנד. זיצן מיר אַ מאָל אין איינעם פון די שיינע פּאַרקן און שמועסן. נעמט ער אַרויס אַ ציגאַרעט און פאַררייכערט. ער גיט אויך מיר צו פאַררייכערן. ,ניין, זאָג איך, אַ דאַנק, אָבער איך רייכער ניט'.

וואָס, שרײַט דער יונגער־מאַן אויס — אַנטוישט און כּמעט צאָרנדיק — איך האָב אײַך געהאַלטן פאַר אַ פּראָגרעסיווער,

אַוואַנגאַרדישער פּרוּוו — איז ווי קומט עס, אַז איר רייכערט ניט?
ענטפער איך אים:

איך האָב ביז איצט אויך געגלייבט, אַז איך גיי מיט מיט פּראָגרעס און אַז איך בין אַוואַנגאַרדיש. אָבער איצט ווייס איך שוין אַליין ניט, וואָס צו האַלטן פון זיך אַליין — ווײַל רייכערן ווילט זיך מיר פּאָרט ניט.

מײַן יונגער חבר איז געבליבן אַ געפּלעפּטער. דאַכט זיך, אַז זײַן גוטע מיינונג וועגן מיר איז דעמאָלט פאַרשוואונדן. ער האָט זיך אָפּגעווענדט פון מיר. אַ שאָד, געווען גאָר אַ פײַנער בחור".

*

מיר האָבן זיך אַ מאָל צערעדט וועגן דעם באַגריף „פּאַראַדאָקס".

„וואָס מער איך באַקען זיך מיט אײַך, זאָג איך איר, אַלץ מער דערקען איך אין אײַך אַ וועלט פון סתירות, פּאַראַדאָקסן, קאָנטראַסטן. למשל: אײַער סטאַטישע געטרײַשאַפט צו די אידעאַלן פון אײַער יוגנט — און צו גלײַך אײַער וועלטבאַנעם, וואָס איז אַזוי דינאַמיש און הײַנטיק, ווי ס'קאָן נאָר זײַן. דער נעכטן גייט טריט בײַ טריט מיט דעם הײַנט. אָפט מאָל הער איך זיך צו צו אײַך און ס'דאַכט זיך מיר, אַז דאָ רעדט אַ קאָנסערוואַטיווער..."

דאָ רײַסט זי מיך איבער.

„ניין, זאָגט זי מיט אַן אימפּעט, ניין, איך בין קיין מאָל ניט געווען קאָנסערוואַטיוו. אין דעם דאָזיקן וואָרט ליגט דאָך שוין דער מיין פון עקשנותדיקייט, פון ניט וועלן זיך רירן פון אָרט און אַפילו ניט וועלן זיך צוהערן צו אַ נײַער מיינונג. קאָנסערוואַטיזם איז פון שטענדיק אַן געווען מײַן שׂונא. איך האָב אײַך שוין דערקלערט פון וועלכע קוואַלן ס'שטראָמט אַרויס מײַן אַזוי גערופענע ,געטרײַשאַפט' צו מײַנע אַלטע אידעאַלן: מײַנע אידעאַלן זענען אַזוי אַלט, ווי די וועלט. סאָציאַלע גערעכטיקייט — דאָס איז דער ציל:
— איז ווּוהין זאָל מען אַוועקגיין פון אַזאַ ציל?"

„איר שרײַבט ליריק, אָבער אײַער אינערלעכער טאָן איז אַ ראַציאָנעלער. איר אָטעמט רו און שטילקייט — אָבער אײַער לעבן איז געווען שטורמיש און פול מיט אויסטערלישקייטן. איר זענט שטרענג צו זיך אַליין, אָבער איר ווײַזט אַרויס אַ מילדע טאָלע־ראַנץ צו אײַערע מיטמענטשן. איר זענט אָפן און דאָך פאַרשלאָסן. דאָס זענען דאָך סתירות, פּאַראַדאָקסן און פּאָרט: זענען זיי אַזוי האַרמאָניש פאַראייניקט אין אײַך".

זי גיט אַ קורצן, שטילן לאַך.

„נו, ווו האָט איר שוין אַ מאָל געטראָפן אַ מענטשן — ער זאָל זײַן גלאַטיק ווי זײַד? אָן סתירות, אָן פּאַראַדאָקסן? דאָס מענטשלעכע לעבן פירט אונדז באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף און ווידער אַראָפּ. מיר דערלעבן אי גיהנומס, אי גן־עדנס אין פאַרלויף פון אונדזערע יאָרן. איז טאָמער עס בײַט זיך אַלץ אַרום אונדז — איז ווי אַזוי זאָל דער מענטש בלײַבן שטיין אויף איין אָרט? די ווילדע שטראָמען רײַסן אים מיט..."

„איר זענט, הייסט עס, מסכּים מיט פּאַראַדאָקסן?"

„וואָס איז דאָ ,מסכּים זײַן'? איך זע זיי אַרום זיך. די וועלט איז פול מיט ,יאָ' און גלײַכצייטיק מיט ,ניין'. און דער מענטש איז דאָך אַ טייל פון זײַן וועלט, ניט אַזוי?"

„מען שמועסט, זאָג איך אָן אַנדער מאָל, אַז צווישן דעם הײַנטיקן יונגן מענטש און זײַנע טאַטע־מאַמעס איז ניט פאַראַן קיין בריק פון פאַרשטענדעניש. אָבער צו אײַך קומען יונגע מענטשן — אײַערע אייניקלעך — באַראַטן זיך אַפילו מיט אײַך, זיי קומען צו אײַך זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ".

„נו, זעט אויס, אַז זיי דערפילן באַלד אין מיר אַ חבר, אַ מענטש וואָס, ניט קוקנדיק אויף זײַנע יאָרן, איז ניט פרעמד צו זייער וועלט. זיי ווייסן, אַז איך בין טיף פאַראינטערעסירט אין אַלץ וואָס גייט זיי אָן. זיי פילן, אַז איך בין ניט אַוועק פון דער הײַנטקער וועלט, נאָר איך זוך זי צו באַגרײַפן, גלײַך מיט זיי. איך קריטיקיר ניט ,פון אויבן אַראָפּ' — פון דעם ,אָלימפּ' פון מײַנע יאָרן; איך

זוך צו דערזען זייערע וועגן און פּרוּוו מיטגיין כּאָטש אַ שטיקל וועג מיט זיי אין איינעם. אָפט מאָל האָב איך באַמערקט, אַז ייִדעס און באָבעס פֿאַרשטייען זיך בעסער מיט זייערע אייניקלעך, ווי די טאַטעס און מאַמעס מיט זייערע קינדער. ס׳וואָלט געווען כּדאַי צו שטודירן אָט דעם מאָדנעם פֿענאָמען. אפשר מוז דער מענטש דערגרייכן אַזאַ עלטער ווי מײַנע, כּדי קענען זיך גײַסטיק צופּאַסן צו דער יוגנט ?״

ווי אַ שוואָם זאַפּ איך אײַן אין מיר אירע געדאַנקען און ווערטער.

איך זיץ און קוק אויף איר און קאָן זיך ניט אָנזעטיקן.

סאָפֿיאַ רעדט צו מיר אָפֿנהאַרציק: שוין לאַנג האָט זי דער־קענט אין מיר אַ מענטשן, וואָס האָט זי ליב און שאַצט אָפּ איר גרויסן ווערט ווי ס׳קומט איר.

איר קול איז ניט גלאַט, ס׳איז אַ ביסל הייזעריק. זי רעדט פּאַמעלעך, מאַכט הפסקות צווישן איין זאַץ און דעם צווייטן. זי באַמיט זיך שטענדיק, אַז אירע אידעען זאָלן זײַן קלאָר פֿאַר דעם, וואָס הערט זיך צו.

ס׳איז געוואָרן שפּעט; מען וועט דאַרפֿן פֿאָרן אַהיים. אין דרויסן איז באַלד נאַכט. ס׳גלוסט זיך מיר ניט אָוועקצוגיין.

אַלע מאָל, ווען ס׳קומט די שעה און מען מוז זיך געזעגענען — ווערט מיר אַזוי שווער אויפֿן האַרצן. ניט גרינג זיך אָפּרײַסן פֿון איר, אַרויסגיין פֿון איר שטוב און פֿאַרלאָזן די וועלט פֿון איר גײַסטיקן באַנעם. די דרויסנדיקע וועלט לאָקט ניט. הײַנט האָבן מיר ניט פֿאַרענדיקט אַ וויכטיקן שמועס: סאָפֿיאַ האָט מיר אָט וואָס געזאָגט:

„איך בין אַדורכגעגאַנגען, ווי דאָס רוב פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן — אַ סך לענדער, אַרײַנגעקומען אין אַ סך קולטורן, אויס־געלערנט זיך רעדן אויף אַ סך שפּראַכן... שטודירט אַ סך ליטע־ראַטורן. אָפֿט קומט מיר אויפֿן געדאַנק, אַז גלות מיינט ניט נאָר פֿאַרפֿאָלגונג, אומגערעכטיקייט און דערנידערונג. ס׳זײַנען דאָך

געווען פּאַרט ניט נאָר לײַדן, בלוט און טרערן. מיר זענען אַרויס קולטורעלע, קאָסמאָפּאָליטישע מענטשן. מײַנע ,אַדיסעען׳, די סטאַנ־ציעס פון מײַן לאַנגן לעבן האָבן מיר דערפּירט אויך צו גוטע רעזולטאַטן. אָפט מאָל טראַכט זיך מיר, אַז איך פיל אַ מין דאַנק־שאַפט צו מײַנע גאַסטלענדער, ווו איך בין אַדורכגעגאַנגען מײַנע אוניווערסיטעטן — די אַקאַדעמישע, ווי אויך די פּראַגמאַטיש־שטייגערישע".

„סאָפּיאַ סעמיאָנאָוונאַ, שרײַ איך אויס, דאַנקשאַפט? איר פילט דאַנקשאַפט צו זיי? האָבן זיי אײַך דען גאַסטפרײַנדלעך פאַר־בעטן אין זייער הויז? אײַך פרײַנדלעך אויפגענומען — לויט אײַער הויכער אינטעליגענץ, אויף זייערע פאַקולטעטן? אָדער האָט זייער גריזאַמער ,נומערוס קלאַוזוס׳ אײַך אייביק געשטערט, פאַרהאַלטן, ניט דערלאָזט שטודירן, ווי און ווו און וואָס איר האָט געוואָלט? האָבן זיי דען ניט מיט גוואַלט אַוועקגעריסן פון אײַערע הענט אײַערע דיפּלאָמען? דאַנקשאַפט — זיי?"

מיר זענען בײַ דעם געשפּרעך שוין געשטאַנען אויף דער שוועל פון איר דירהלע. נאָך אַ לאַנגן שווײַגן זאָגט זי מיר שטיל, מיט אַן ערנסטן אויסדרוק אויף איר פּנים:

„איר האָט מיר דאָ אײַנגעגעבן עפּעס אַ נײַעם געדאַנק. אפשר טאַקע איז דאָס וואָרט ,דאַנקשאַפט׳ דאָ ניט אויפן אָרט. אָבער איך וועל מוזן איבערקלערן וועגן דעם. ס׳נעקסטע מאָל, ווען איר קומט, ווראַטשקאַ, וועלן מיר ווײַטער פאָרזעצן רעדן דערפון, גוט?"

נאָך אַלע טראַגעדיעס פון איר לעבן — איז איר שווער צו האָבן אין זיך אַ מיזאַנטראָפּישן געדאַנק.

איך גיי אַוועק אַ רײַכערע ווי איך בין געקומען. און אַ גליקלעכע.

מײַן הייסער ווונטש איז, אַז מיר ביידע זאָלן נאָך אַ סך יאָרן פירן אונדזערע געשפּרעכן. צו אַ סוף קומען מיר סײַ ווי קיין מאָל ניט.

ווי באַלד איך פֿאַרלאָז איר שטוב — הייב איך שוין אָן צו בענקען צוריק.

אַלע טעמעס פֿון דער וועלט האָבן מיר באַרירט אין משך פֿון אונדזערע „בין־השמשותדיקע שעהען". מאַקסים גאָרקיס שוין אָפּט דערמאָנטע רשימה פֿון: „גאָט און טײַוול, ליבע און שׂינאה, הימל און ערד" און אַ סך אַנדערע טעמעס זענען מיר ביידע אַדורכגעגאַנגען.

דער לייטמאָטיוו איז אָבער שטענדיק געווען: ס'לעבן גופֿא.

מערקווערדיק: פֿון טויט אָבער האָבן מיר קיין מאָל ניט גערעדט.

זעט אויס, אַז דאָס איז ניט אַ טעמע, וואָס אינטערעסירט מײַן גרויסן פֿרײַנד סאָפֿיאַ דובנאָוואַ־ערליך.

צוקונפֿט, סעפּטעמבער, נאָוועמבער 1981

דרײַ שאַפּירס

מענטשן זאָגן, אַז ווען מען נעמט זיך אונטער שרײַבן עפּעס וועגן אַ דיכטער, דאַרף מען קודם־כּל קענען דעם דיכטערס „אַפּוס" פון אַלף ביזן סאַמע תּוו און, צווייטנס, קענען זײַן גאַנצע ביאָגראַפיע פונעם טאָג פון זײַן געבוירן ביז, ביז... ס'איז טאַקע אַזוי, ווי מענטשן זאָגן, אָבער ווען צוויי דיכטערס באַגעגענען זיך, ווי שיפן אויפן ים, און אַפילו טאָמער איינער פון זיי איז אַ ריז און דער צווייטער ערשט קוים־קוים אַ גרינער, אַן אָנהייבער, אַ שטאַמלענדיקער, פילן זיי זיך פאַרט, ווי זיי וואָלטן זיך שוין לאַנג געקענט. פאַראַן בײַ זיי, זעט אויס, אַזאַ מין אינטויִטיווע, אַפּריאָרישע קענטשאַפט וואָס מוז ניט זײַן עמפּיריש, נאָר אַ מין וויסן מיטן האַרצן, פון איין ברודער צום צווייטן. די שרײַבערישע קרובשאַפט גיט זיי אַ געפיל, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. מען דערפילט אַ נאָענטקייט, נאָך איידער מ'האָט באמת באַוויזן איבערלייענען און דורכשטודירן אַלע ווערק איינער בײַם צווייטן.

מ. מ. שאַפּיר און איך האָבן זיך באַקענט אויף אַ „פּאַפּירענער בריק" און זיך פון דעמאָלט אָן שוין קיין מאָל נישט צעשיידט. אָנגעהויבן שרײַבן זיך איינער דעם אַנדערן בריוו. אַרײַנלייגן לידער אין די בריוו. אָנגעהויבן זיך טיילן מיט אַלע דאגות, מיט אַלע צרות, אָט אויף די ווײַסע בייגעלער פּאַפּיר. זיך מיט דער צײַט אויסגעלערנט לייענען צווישן די שורות. דערהערן נישט דערזאָגטס. די רעגולערע קאָרעספּאָנדענץ איז געוואָרן אַ דיאַלאָג און אַ גאָר וויכטיקער טייל פונעם טאָג־טעגלעכן שטייגער.

געזען זיך פּנים־אל־פּנים נאָר איין מאָל. איך בין געווען צו גאַסט בײַ די שאַפּירס אינעם פּרעכטיקן און אַדלדיקן מאָנטרעאָל און פאַרבליבן דאָרטן נאָר עטלעכע קורצע טעג. פונדעסטוועגן:

מיר דאַכט זיך, ווי איך וואָלט אים שוין געקענט מײַן גאַנץ לעבן און אַז איך נעם זיך דאָ אונטער שרײַבן אַ ביסעלע וועגן אים, שרײַב איך פון אַ גאָר נאָענטן גוטן־פרײַנד מײַנעם. איך האָב שוין געלייענט און אַ סך מאָל ווידער און ווידער געלייענט זײַנע ביכער. מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב מיר שוין פאַרדינט אַ רעכט צו רעדן פון „מם־מם" — ווי איך רוף אים.

אין זײַנע ליבע, גוטע בריוו שטייען — אַנגעצייכנט פונעם מחבר אַליין — פייגעלער, ווי ציכטיקע, קליינע שומרלער, בײַ די שורות. איך טרעף זיי אויך אין זײַנע ביכער. זיי זענען, זעט אויס, אַ מין „עמבלעם" בײַ אים. טשיקאַווע איז אָט וואָס: אי אין די בריוו, אי אין די ביכער זענען די פייגעלער שטומע, זיי שטייען מיט פאַרמאַכטע פּיסקעלער, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט שוין קיין מאָל מער נישט זינגען! פייגעלער געבוירן צו טשיריקען און באַזינגען די שיינקייט פון גאָטס וועלט און — פאַרשטומט געוואָרן פאַר צער. זעט אויס, עס זינגט זיך זיי נישט מער, נאָך דעם וואָס מענטשן האָבן אָפּגעטאָן דער וועלט.

אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל, אַ גרינע, אַן אומזיכערע, אַ טאַפּנדיקע אין דער פינצטער, אַרײַן אין דער ענגער, אַלץ ענגער ווערנדיקער משפחה פון יידישע שרײַבערס, איז מם־מם געוועזן כמעט דער ערשטער, וואָס ער האָט מיך באַגריסט אַזוי וואַרעם און פרײַנדלעך אין זײַן ערשטן בריוו און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן נישט נאָר אַ גוטער־פרײַנד, נאָר אויך מײַן געדולדיקער מורה־דרך, אַ געטרײַער אָבסערווירער פון מײַן שרײַבן. ער לאָזט נישט דורך אַ גרײַז, ער קאָרעגירט און לערנט מיך מיט סבלנות פון אַ טאַטע. און כאָטש זײַן אַרבעטסטאָג איז איבערגעפּולט ביזן ברעג מיט שווערער האָרעוואַניע, געפינט ער צײַט פאַר מיר, זײַן תּלמידה. ווען עס קומט אים אויס זיך צו באַניצן מיט „שווערע ווערטער", פאַרגעסט ער קיין מאָל נישט מיט וועמען ער האָט דאָ צו טון און ער דערלאַנגט מיר באַלד אַ פאַרטײַטשונג, אַ קאָמענ־טאַר. טאָמער אַ ליד מײַנס, וואָס איך שיק אים אַרײַן, איז אים

טאַקע געפעלן, זע איך דורך די שורות זײַן גוטמוטיק פּנים פֿאַר מיר, ווי עס לײַכט ממש אויף פֿאַר פֿאַרגעניגן.

דאָס, וואָס איך שרײַב הײַנט וועגן מ. מ. שאַפּיר, איז נישט אויסן צו זײַן אַ ליטעראַריש־אַנאַליטישער עסיי אָדער גאָר אַ קריטישער אַרטיקל. סתּם עטלעכע אײַנגעפֿינסן, געדאַנקען וועגן אים. עס ווילט זיך מיר פּשוט אַ ביסעלע זיך צערעדן וועגן אים, אַז די פֿרײַנד אין דער גאָרער וועלט זאָלן אויך הערן. און אין איין וועגס אים זאָגן ווי דאַנקבאַר איך בין אים פֿאַר זײַן קיין מאָל נישט מיד ווערנדיקן אויפֿמערק צום ייִדישן מחבר — „אני הקטנה" — וואָס שרײַבט אין איר אייגן מאַמע־לשון און מוז זיך אַלץ נאָך באַניצן מיט אַ ווערטערבוך! פֿאַר נישט לאָזן מיך אַראָפּלאָזן מײַן קאָפּ, דעמאָלט ווען איך אַליין ווער שוין מיד פֿון נישט וויסן גענוג.

אין איינעם פֿון זײַנע לידער זאָגט מם־מם: עס זענען פֿאַראַן גאָר גאַנצע דרײַ שאַפּירס: דער ערשטער שאַפּיר — דער זינגער פֿון אונדזער נאַציאָנאַלן טרויער, פֿון אונדזער אייביקער בענקשאַפֿט נאָך ציון; דער צווייטער — דער זינגער פֿון דער גלותדיקער נויט אין זײַן אייגענער וועלט, אין זײַנע אייגענע פֿיר ווענט. דער דריטער איז ער אַליין — מ. מ. שאַפּיר, דער סינטעז פֿון די צוויי ערשטע, וואָס זינגט צווישן זיי, כּדי מחיה צו זײַן מענטשן.

דאָס פֿאָלק זאָל מיטן ליד זיך לאָבן
אַפֿילו לאָזן ווען אַ טרער,
אַזאַ הצלחה וויל איך האָבן —
וואָס דאַרף איך מיר נאָך ווינטשן מער?

(פֿונעם ליד „דרײַ שאַפּירס")

ווען איך האָב מיך נענטער, בעסער באַקענט מיט מם־מם, זענען בײַ מיר אויך אויפֿגעקומען דרײַ באַזונדערע שאַפּירס, וועלכע מאַכן צוזאַמען אויס דעם איינעם און איינציקן. דער ערשטער

שאַפּיר: דאָס איז דער לירישער, פֿאָלקסטימלעכער, אומעטיק־ליבלעכער, עלעגישער דיכטער פֿון אַ רײַכער, מעלאַנכאָליש־ווייכער ליריק און אָפּט מאָל אויך פֿון נאַראַטיווע, לאַנגע פּאָעמעס, פֿון באַלאַדעס, עלעגיעס און דערציילערישע שאַפֿונגען, וואָס נעמען זיך אויס כּמעט ווי נאָוועלן אין אַ מין ריטמיש־פּאָעטישער פֿאָרעם, כּלומרשט פּאָעטישע דערציילונגען, ווי למשל: „ליפּע מיט דער ליפּעכע", אָדער „אַ מעשׂה", „פּעטער קלמן און די מומע פּעסיע" אאַז"וו. לאַנגע עלעגיעס, ווי די קלאַסישע אין איר פֿאָרעם „אַ נאַכט אין אַנגסטן", ווו דער מחבר „גייט צו זיך אַליין אין חלום און אויף קבֿר־אָבֿות". באַלאַדעס, ווי „באַלאַדע פֿונעם זעלנער אויפֿן טויטנבעט"; די לאַנגע, פּרעכטיקע „באַלאַדע פֿונעם סאַדעגערער קלויזל" — אַן אידיליש־טראַגישע כראָניק פֿונעם חורבן פֿון אַ קלויזל אין זײַן אַלטער היים.

די קורצע, שטאַרקע באַלאַדע „ליאַלקע, אַזוי ווי אַן עופֿעלע גרויס". זײַנע אידילישע, ראָמאַנטיש־סענטימענטאַלע געזאַנגען, וואָס קערן זיך אַלע מאָל אום צוריק צו זײַן קיין מאָל נישט פֿאַר־געסענעם שטעטל, וואָס שטייט שוין נישט מער. זײַנע דיכטונגען, וואָס זינגען אויס די וואַלדיקע און באַרגיקע שיינקייטן פֿון זײַן הייס געליבטער בוקאָווינע, לידער פֿון די שאָטיק גרינע וועלדער אויף די קאַרפּאַטן. פֿון אַלע לידער קלינגט אַרויס זײַן ליבע צו נאַטור, זײַן פֿאַנטעזיסטיש־חסידישע, בעל־שם־טובֿישע תּאווה צו גאָטס שיינער וועלט און עס מישט זיך בײַ אים צונויף זײַן אייביק וואַכער אומעט מיט אַ התלהבֿותדיקער פֿרייד איבער אַלץ, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן מענטשן מחיה צו זײַן, און צו גלײַך זײַן טיפֿער צאַרן אויף יענע, וואָס האָבן גאָרנישט מער צו טון ווי קאַליע מאַכן גאָטס הערלעכן וווּנדער.

נאָר מיך אָבער כּישופֿט דער וואַלד־מקום־קדוש
מיט זײַנע טאָפּאָלן־מנורות,
וואָס ציִען די צווײַגן, ווי הענט, צו די הימלען

אונ לױבן מיט לעבעדיק בלעטער־געשעפּטשע דעם בורא...

(„אין װאַלד")

װי אַ בלאָטיק רױטער פֿאָדעם ציט זיך דורך אַלע זײַנע שאַפֿונגען די װײטיקלעכע, מיט נאַכטישע קאָשמאַרן אָנגעפּילטע בענקשאַפֿט נאָך זײַן אַלטער פֿאַרלאָזטער הײם. נאָך זײַנע טאַטע־מאַמע, פֿון װעלכע ער איז אַװעק, װען ער איז נאָך געװען אַ גאַנץ יונגער בחור, נישט אַנענדיק, אַז עס װעט קומען דער ברוינער גזלן און אױסמאָרדן אַלע און אַלץ, װאָס איז אַ מאָל געװען זײַן װעלט.

דער קאָשמאַר פֿונעם חורבן פֿאַרלאָזט שױן קײן מאָל מער נישט זײַנע טעג און נעכט. אַ שװערע משׂא פֿון אַן „אומשולדיקער שולד" דריקט אױף תּמיד זײַן סענסיטיװע נשמה. ער הערט שױן קײן מאָל נישט אױף צו שרײַבן װעגן דעם חורבן. אין זײַנע חלומות דערזעט ער „זײ" אַלע און צװישן „זײ" — אױך ייִנגעלעך ייִדישע:

> אױפֿן ברעג פֿון קבר, װאָס מע האָלט אין גראָבן,
> שטײט אַ ייִנגעלע, אַ ייִדישס,
> אױבעט אָדם נאַקעט —
> און פֿאַרדעקט זיך מיט די הענט דאָס מילהלה
> פֿאַר בושה.

װי דאָ אין דעם ליד, אַזױ אין אַנדערע, װײַזט זיך בײַ שאַפּירן אַ פּרציש־צניעותדיקע, פֿאַרשעמטע, עטיש רײנע, כּמעט טראַנסצענדעטאַלע בושה. אָפֿט דאַכט זיך מיר אױס, אַז ער שעמט זיך גאָר פֿאַר „יענע", װאָס טוען אָפּ אַזעלכע מערדערײַען.

דאָ װאָלט איך אײגנטלעך געדאַרפֿט שױן איבערגײן צום דריטן טײל פֿון שאַפּירס דרײַפּאַכיקן, קאָמפּלעקסן „איך": צו דעם בעל־רחמנות, דעם געטרײַען פֿרײַנד, דעם זאָרגער פֿאַר דער װעלט. אָבער פֿון דעם װעל איך מיך ערשט צעזינגען שפּעטער. צו ערשט מוז איך זאָגן אַ פּאָר װערטער װעגן מ. מ. שאַפּיר נומער צװײ.

דעם געניטן קענער פון ייִדיש, דעם פּאַרליבטן און געטרײַען היטער פון ייִדיש. גאָר זעלטן טרעפט זיך בײַ אַ דיכטער (אַ מין נישט דיסציפּלינירטע, עמאָציאָנעלע חיה, וואָס נאָרמאַלע מענטשן וואַרטן בײַ אים נישט אויף שטרענגע פּרעציזע און וויסנשאַפט־לעכע עקספּערטיזעס!) אַזאַ וויסנשאַפטלעך־אָביעקטיווע, שטרענ־גע, אויסגעהאַלטענע באַציִונג צו דער אייגענער שפּראַך. געוויינט־לעך זינגט דער פּאָעט „ווי דער פֿאָגעל זינגט / דער אין דען צווײַגן וואָנט", ווי געטע זאָגט. נישט אַזוי בײַ מײַן „מ. מ. שאַפּיר נומער צוויי". כאָטש ער גיט זיך אָפּ אַ געגנויעם דין־וחשבון בײַ יעדער וואָרט וואָס ער רעדט אַרויס, אָדער זינגט אויס, אָדער שרײַבט אויף — בלײַבט דער ניגון אין זײַנע לידער שטענדיק אַ ספּאָנטאַנער און מען פֿילט נישט אין זיי די גרויסע, אָנגעשטרענג־טע האַרעוואַניע פֿון אַ שפּראַכקענער. דער סינטעז פֿון שאַפּירס קיין מאָל נישט מיד ווערן צו זוכן דעם רעכטן וועג אין דער געדיכטעניש פֿון ייִדיש, מיטן ספּאָנטאַנעם גערזאַנג פֿון זײַנע פּאָע־טישע סטראָפֿעס — איז אַ גאָר גליקלעכער סינטעז און דער לייע־נער פֿילט די גאַנצקייט פֿונעם דיכטער צוזאַמען מיטן בעל־לשון און נעמט אָן זײַן געגנויע שפּראַך מיט דער זעלבער נאַטירלעכקייט, מיט וועלכער דער מחבר האָט עס אָנגעשריבן. עס פֿילט זיך אין ערגעץ נישט קיין אָנשטרענג. זײַן לשון פֿלייצט ווי אַ שטראָם — נאַטירלעך און ברייט אין זײַן געגנויקייט.

שאַפּיר איז אַ קענער פֿון העברעיִש. מיט אַ קענטיקן פֿאַר־געניגן באַנוצט ער זיך, ווו ער קען נאָר, מיט דער לשון־קודשער שפּראַך־ירושה. זײַנע לידער זענען דורכגעוועבט מיט פּסוקים, מיט תּלמודישער סימבאָליק, מיט בילדעריש־לעבעדיקע אויסדרוקן פֿון אונדזער שפּראַך־אוצר, וואָס זענען אַ מאָל געווען דער אָנהייב פֿון ייִדיש. ער ברענגט צוריק צום לעבן שוין לאַנג פֿאַרשוווּנדענע ווערטער. ער גריבלט זיך אין די טיפֿענישן פֿון מאַמע־לשון. ער זוכט און געפֿינט אַלץ נײַע אָדער לאַנג שוין פֿאַרגעסענע ווערטער און ווערטלעך. ער צערטלט זיי, ווי מע צערטלט אַ קינד. ער האָט

דרך־ארץ פאַר זיי, ווי מע האָט דרך־ארץ פאַר זײַנע אָבות. מיט אַ גאָר סובטילן שפּראַך־חוש פאַרפלעכט ער די ווערטער אין זײַנע לידער. ער אַנטפּלעקט עפּעס אַ זעלטן וואָרט און שוין האָט ער געפונען אַ בכבודיקן פּלאַץ פאַר אים אין זײַנע ווערק. ער פאַרבינדט די אַלטצײַט פונעם יידישן וואָרט מיטן מאָדערנעם, הײַנטיקן ייִדיש און די מישונג איז אַ געראָטענע.

בײַ שאַפּירן טרעפט מען אין ערגעץ נישט די נײַ־אַלטע, אַנגעווייטיקטע פראַגעס: פאַר וועמען שרײַב איך אין ייִדיש? צו וואָס? ווער וועט עס לייענען אין הונדערט יאָר אַרום? וועט דען מאַמע־לשון איבערלעבן די טויטע מאַמעס זײַנע? און אפשר בין איך גאָר איינער פון די לעצטע טרובאַדורן, וואָס ציט פון איין ליידיקן הויף צו אַ צווייטן און זינגט פאַר טויבע אויערן? שאַפּיר גייט ווײַטער זײַן אייגענעם וועג, טראַגנדיק זײַן ייִדיש פּידעלע אונטערן אָרעם. ער האָט קיין אַנדערן וועג נישט. אַזוי האָט מען אים געלערנט בײַ זײַנע טאַטע־מאַמע און אַזוי וועט עס שוין שטענדיק זײַן. ייִדיש איז זײַן וועלט. אינעווייניק און אַרום זיך לעבט ער נאָר אין ייִדיש. נעם אַוועק פון אים זײַן ייִדיש — און ער וועט פאַרשטומען (חלילה), ווי זײַנע פייגעלער זענען אויך נעבעך פאַרשטומט געוואָרן אויף די זײַטלעך פון זײַנע ביכלעך. ער ספקט נישט, ער פרעגט זיך נישט: צו וואָס און פאַר וועמען? זײַן טיפע, שטאַרקע, צערטלעכע ליבשאַפט און זײַן דרך־ארץ פאַר זײַן מאַמע־לשון זענען — ער אַליין! ער וואַנדערט אויף זײַן סטעזשקע און זינגט זײַנע געזאַנגען. ער איז דער „זינגער פון זײַן טרויער"... און פון מײַנעם און פון דײַנעם און פון יעדנס, וואָס ליבט ייִדיש. ייִדיש ליגט בײַ שאַפּירן אין גאָר געטרײַע הענט. ער האַלט עס אין עושר און אין כבוד, היט עס אָפּ און וועט עס קיין מאָל נישט פאַרשעמען מיט אָפּגעלאָזנקייט אָדער מיט נאָנשאַלאַנץ און גלײַכגילט. ניין, נישט אַזוי האָט מ. מ. שאַפּיר געדאַוונט:

ביסט געהייליקט געוואָרן אין מויל פון פאַרשניטענע קינדער,

וואָס מען האָט זיי געפּירט צו דער שחיטה ווי יונגינקע רינדער —
לשון מיינס.
איז אַ חידוש, וואָס איך באַוואַש איטלעכס וואָרט דיינס
מיט טרערן?
נאָר נאָכן פאַרקלערטן געוויין נעמט מיר ליכטיקער ווערן,
לשון מיינס...

(„לשון מיינס")

ער היט עס אָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ.

דער דיכטער שאַפּיר, דער „שאַפּיר נומער איינס", איז אַ מייסטער פון דער „לעצטער שורה". ווי ביי היינע — געפינט מען ביי אים אויך — יענע איבערראַשנדיקע, שאַרפע, פּלוצעמדיקע „לעצטע שורה", וואָס זי מאַכט ערשט גאַנץ דעם מיין פונעם ליד. און ווידער ווי ביי היינע — וועט טאַקע די פּשוטקייט, גראַדקייט און דירעקטקייט פון זיינע סטראָפעס אַריין אין דער ליטעראַטור־געשיכטע און אונדזער היינט, ווי אַ משל פון שפּראַכיקער געניוי־קייט, צוזאַמען מיט אַ גראַציעזער, פּאַעטישער פּאַרשפּילטקייט.

און אַחרון אַחרון חביב — דער „שאַפּיר נומער דריי": דער מענטש שאַפּיר. נו, וועגן דעם „דריטן שאַפּיר" וואָלט איך זיך געקענט צעזינגען אויף הונדערט אופנים, אויף הונדערט זייטלעך. וואָרעם דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר אַ גרויסע איבערראַשונג: אַ דיכטער (דאָס הייסט אַ שאַפערישער פּאַרשוין, און דאָס הייסט ווייטער: אַ נאַרציסטישער, עגאָמאַנישער, עגאָצענטרישער מענטש), וואָס ער פּאַסט אָבער גאָר, שאַפּיר, אין גאַנצן נישט אַריין אין אָט די קאַטעגאָריעס: קיין שפּור נישט פאַראַן ביי אים פון דעם אייביק אין זיך אַליין פאַרליבטן נאַרציס. פון עגאָמאַניע און עגאָצענטריזם — אויך קיין זכר נישט. זעלטן טרעפט מען אַ מענטש מיט אַזאַ טיפער, ממש פאַרשעמטער באַשיידנקייט, וואָס וויל נאָר הערן וועגן דיר און גאַרנישט רעדן וועגן זיך אַליין. אויף זיין גאַנצן לייב־און־לעבן איז עס אָנגעשריבן: „איר ווילט רעדן וועגן

מיר? וועגן אַני־קטן? וואָס איז אײַך אַזוי אינטערעסאַנט צו רעדן פון מיר? דערציילט מיר בעסער וועגן אײַך אַליין".

טאָמער איז אָט דאָס עניוות, אָט די טיפע פאַרשעמטקייט און דאָס נישט װעלן רעדן וועגן זיך אַליין און בעסער איבערגיין צו אַנדערע — טאָמער זענען די דאָזיקע גרונטשטריכן אַ טייל פון אַ למד־וואָווניקס כאַראַקטעריסטיק, האָב איך מיר שוין געפונען מײַן אייגענעם 36סטן גערעכטן אין מײַן וועלט (איך ווייס געווי, אַז לייענענדיק מײַנע שורות וועט מײַן פרײַנד מם־מם זיך אַזש פאַר־רייטלען. זײַ זשע מיר מוחל, חבר, אָבער הײַנט, צו דײַן געבוירן־טאָג, לאָמיך ווײַטער רעדן און דווקא וועגן דיר און טאַקע נאָר וועגן דיר אַליין!).

ווער פון די „דרײַ שאַפּירס" עס שפּילט די הויפּטראָלע אין דער דראַמע? דאָס ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז בײַ מיר איז דער „דריטער שאַפּיר" — דער טײַערסטער פון זיי אַלע דרײַ. דיכטערס זענען פאַראַן אין דער וועלט, פײַנע שפּראַכקענערס אויך. אָבער דיכטערס און שפּראַכקענערס, וואָס גייען אָן מיט בלײַבן ווײַטער אַ וואַרעמער, גוטער, ריטערלעכער, פאַרזאָרגטער חבר און אַ גוטער, נאָבעלער, אַלטרויִסטישער מענטש? דאָס איז דאָך גאָר אַ זעלטענע זאַך. אַז אַ דיכטער זאָל וועלן אַנטפּלעקן דעם טאַלאַנט בײַ אַ צווייטן און אָן שום שׂינאה און אָן קינאה באַגײַס־טערט ווערן פון יענעמס שאַפן — דאָס איז אַ זעלטענער פענאָמען. דער ליבלעכער סינטעז פון אַלע דרײַ עלעמענטן בײַ שאַפּירן מאַכן אים (ווי מ. ראַוויטש זאָגט אין זײַן שיינער הקדמה צו שאַפּירס „איך קום אַהיים") צו איינעם פון די „אויפריכטיקסטע שרײַבערס"; מיר גלייבן אים יעדער וואָרט, יעדע שורה, יעדע וויזיע זײַנע. און טאָמער שאַפּירס לידער און זײַן אומאויפהערלעכע, קיין מאָל נישט מידע שפּראַכפאָרשונג וועלן טאַקע אַרײַן אין אונדזער ליטעראַרישן אוצר — איז ער אַליין, שאַפּיר גופא, סײַ ווי דער גרעסטער אוצר! פונקט ווי עס שטראַלט אַרויס פון זײַנע לידער זײַן ליבשאַפט צו ייִדיש און אין זײַנע וויזיעס פונעם אַמאָל אויך זײַן געטרײַע ליב־

שאַפּט פֿאַרן שטעטל, זײַנע חלומות פֿון זײַנע דערהרגעטע טאַטע־מאַמע און זײַנע ברידער, פּונקט ווי זײַנע חסידישע לויבהימענס צו וועלדער, פֿעלדער, זון און לבֿנה און זײַן ליבע צו נאַטור — פּונקט אַזוי איז אין אַלע זײַנע לידער פֿאַראַן אויך דער דריטער עלעמענט פֿון זײַן „איך": די גוטסקייט, די זאָרג, דאָס צאַפּלדיקע רחמנות פֿאַר זײַנע מיטמענטשן, זײַן ליבלעכע ריטערלעכקייט, זײַן צערט־לעכע זאָרג פֿאַר אַלע קינדער פֿון דער וועלט. עס פֿאַרמישן זיך אַזוי האַרמאָניש אַלע דרײַ שאַפּירס, אַז אַ מאָל איז מיר שווער צו דערקענען מיט וועמען איך האָב צו טון אין דער רגע: צי מיט שאַפּיר איינס — דעם פּאָעט, צי מיט שאַפּיר צוויי — דעם שפּראַך־אָפּהיטער, צי מיט מײַן פֿרײַנד מם־מם, וואָס גיט מיר טרייסט, ווען ס'איז מיר שווער אויפֿן האַרצן, גיט מיר צו מוט, ווען איך האַלט שוין אין אַוועקוואַרפֿן די פּעדער, באַגעגנט מיך שטענדיק מיט אַזאַ געדולד און גרייטשאַפֿט אויף אונדזער פֿאַפּירענער בריק. איך זע זיי אַלע דרײַ צונויפֿגעגאָסן אין איין גאַנצן מענטש — שאַפּיר.

*

כ'האָב אַט ערשט אַוועקגעלייגט מײַנע פֿאַר בלעטלעך וועגן מ. מ. שאַפּיר, ווען ס'איז אָנגעקומען צו אונדז זײַן נײַ ביכל: „מיט דער לידער־טאָרבע". נאָר וואָס אַרויסגעקומען, נאָך „וואָרעם פֿון דרוק".

איך האָב נאָך, פֿאַרשטייט זיך, נישט באַוויזן עס איבערצו־לייענען, נישט געהאַט נאָך צײַט עס דורכצובלעטערן, אָבער איין ליד, דאָס ערשטע, איבערגעלייענט. דער טיטל פֿונעם ערשטן ליד, מיט וועלכן מם־מם עפֿנט זײַן לידער־טאָרבע איז: „איך האָב ליב".

„איך האָב ליב" — דאָס איז דער אָנהייב און דער תּוכן און וועט נאָך 120 יאָר זײַן דער שלוסאַקאָרד פֿון זײַן גאַנץ שאַפֿן. ליב האָבן! איך באַגריס דאָס נײַע ביכעלע און איך ווינטש דעם מחבר, אַז ער זאָל אונדז אַלע נאָך אַ סך יאָרן אַזוי מחיה זײַן מיט זײַן ליבשאַפֿט און מיט זײַנע לידער.

זומער 1973

יצחק פאַנער

אַ סקיצע אין פּראָפיל — געהייליקט זײַן 85סטן געבוירן־טאָג — עד־מאה־ועשׂרים

איך קען יצחק פאַנערן כּמעט מײַן גאַנץ „דערוואַקסן" לעבן. אָבער אַלץ נאָך נעם איך מיך נישט אונטער צו מאָלן אַ פּאָרטרעט פון אַט דעם קאָמפּליצירטן, רײַך באַגאַבטן מענטשן און איך וועל זיך מוזן באַנוגענען מיט אַ „סקיצע אין פּראָפיל". פאַר וואָס זשע רוף איך עס אָן „אין פּראָפיל"? אַט פאַר וואָס: אַ פּנים פון אַ מענטשן האָט דאָך צוויי פּראָפילן — אַ רעכטן און אַ לינקן. פאַנער איז אַן אומגעוויינטלעכער מענטש, אַ פײַנער ליטעראַט און קריטיקער, אַ מאָנאָגראַף („שלום אַשס לעצטע היים") און אַ שרײַבער פון פײַנע, אינטערעסאַנטע „מיניאַטורן" („אין אייגענעם האָפן") און ס׳וואָלט זיך מיר דווקא זייער און זייער געוואָלט שרײַבן וועגן זײַן ליטעראַרישן „פּראָפיל" אויך; אָבער איך וועל הײַנט נאָר באַגריסן און „סקיצירן" דעם מענטשן פאַנער. איך טו עס מיט גרויס פרייד.

פרוידס מעטאָד פון „פרײַע אַסאָציאַציעס" קומט מיר אויפן קאָפּ: מע זאָגט אַרויס אַ וואָרט און דער צווייטער מוז זאָגן דאָס ערשטע וואָרט, וואָס קומט אים אין זין אין אַסאָציאַציע מיטן ערשטן. איז אַז איך זאָג אַרויס **פאַנער** — קומען מיר 6 באַגריפן אויף די ליפּן. דאָס זענען, זעט אויס, די פאַרבן אויף מײַן פּאַליטרע צו מאָלן הײַנט פאַנערן: ריטערלעכקייט, אידעאַליזם, ראָמאַנטיק, באַגײַסטערונג, רחמנות, צערטלעכקייט.

ריטערלעכקייט: באַשיצער פון שוואַכע קעגן שטאַרקע. איידעלע העפלעכקייט — ער האָט זיך דאָס געמאַכט פאַר אַן אימפּע־

ראַטיוו, פּאַר אַ לייטמאַטיוו אין זײַן לעבן. באַזינגען און באַשיצן פּרויען. זיי ליב האָבן. זיי געבן אַ געפיל פון זיכערקייט. באַזינגען זייער שיינקייט. זיי אַרויסווײַזן אויפמערק. יעדער פון זיי געבן אַ געפיל פון זײַן „איין־און־איינציקע״ בײַ אים. ער ווײַזט אַרויס אַריסטאָקראַטיש פײַנע מאַנירן. עלעגאַנטע באַוועגונגען, אַ פּאַרט־רעטער פון דערהויבענע, הומאַניסטישע אידעאַלן, — אָט דאָס איז אַ ריטער. און דאָ קומען מיר אויך צו דער צווייטער פאַרב פון דער פּאַליטרע —

אידעאַליזם: אַז עמעץ דערמאָנט בײַ הײַנטיקן טאָג דעם באַגריף „אידעאַליזם״ — צעשפּרייט זיך באַלד אויף אַלעמענס ליפּן אַ שמייכל. נישט סתּם אַ שמייכל, ניין: אַ געוויסער סאַרקאַס־טישער, איראָנישער, כּמעט רחמנותדיקער שמייכל, אַזוי ווי מע וואָלט געוואָלט זאָגן: „אידעאַליזם? אײַ, גייט שוין, גייט... ווער גלייבט הײַנט נאָך אין גוטס? אַ נאַר אָדער אַ משוגענער, נישט אַנדערש. אַן אידעאַליסט?... נעבעך, נעבעך״.

יצחק פּאַנער האָט אַלע זײַנע יאָרן געלעבט „אין מיטן אויפן מאַרק״, ד״ה נישט אַן אָפּגעזונדערטער, אַ נזיר אין אַ מידבר, נישט אין זיך און זײַנע פיר ווענט אַ פאַרשלאָסענער שרײַבער, נאָר אַ מענטש אונטער מענטשן, אַ מענטש געזוכט פון זײַנע מיט־מענטשן, וואָס האָט שטענדיק אויך געזוכט און געפונען מענטשן. די טיר פון זײַן שטוב, ווי אויך די טיר צו זײַן גרויסער, וואַרע־מער נשמה, זענען ביידע שטענדיק צעעפנט פאַר געסט. קיין שפּור פון אַ צוריקגעצויגענעם טרוימער. אַ טרוימער — יאָ! אָבער צוריק־געצויגן פונעם לעבן און פאַרלוירן אין זײַנע אייגענע חלומות? ניין! אויך זײַן בינדונג צו ליטעראַרישע שטראָמען, צו אַלע ליטע־ראַרישע און פילאָסאָפיש־סאָציאָלאָגישע ענינים איז תּמיד געווען אַן אָפענע. אַלע מאָל גרייט געווען אויפצונעמען נײַע אײַנדרוקן, זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אינטערעס פאַרנעמען מיט מאָדערנע שטרעמונגען. מיט איין וואָרט: טאָמער וועט עמעץ קלערן, אַז פּאַנערס אידעאַליזם נעמט זיך פון דעם, וואָס ער אַליין איז נישט

אַרײַן אינעם שרעקלעכן מצב־רוח פֿון אונדזער הײַנט, איז דער עמעץ זיך פּשוט טועה. אין אַלע זײַנע ווערק, ווי אויך אין זײַנע פּערזענלעכע באַציִונגען צו מענטשן, איז ער אַלע מאָל נאָענט און פֿאַרבונדן מיט זייער רעאַליטעט. איז ווי קומט עס, אַז פֿאַנער איז אַלץ נאָך אַ פֿאַרגלייבטער אידעאַליסט? אידעאַליזם אין אונדזער פֿאַרשאָלטענער צײַט איז דאָך סינאָנים מיט „בלינדקייט". איאָ? נישט בײַ פֿאַנערן.

זײַן לעבן לאַנג ווײַזט פֿאַנער אַרויס אַ שטאַרקייט, אַ מוט אַרויסצוטרעטן מיט זײַן גלויבן און מיט זײַן גאַנצן ריינעם ענטוזיאַזם קעגן אַלע סטערעאָטיפּן — און זע נאַר, זע: ער געווינט! ער טרעט אַרויס און נעמט זיך אָן יענעמס קריוודע, ער רעדט און שרײַבט גוטס פֿון מענטשן און זע נאַר, זע: מע לאַכט נישט! ער זעט גוטס אין מענטשן און נעמט זיך אונטער דערפֿון צו שרײַבן, דערפֿון צו רעדן און זע נאַר, זע: מע הערט זיך צו! באַגײַסטערט, אָנגעשטעקט פֿון זײַן באַגײַסטערונג. אין זײַן צאַרטער באַשיידנקייט ליגט די מאַכט פֿון גוטסקייט. אַפֿילו ווען ער שווײַגט, פֿילט מען אין אים אָט די מאַכט. ס'איז די מאַכט פֿון גוטס קעגן בייז. און בײַ פֿאַנערן איז זי גובר. און מיר, זײַנע גוטע פֿרײַנד, מיר וואַרעמען זיך אַרום זײַן שײַטער.

אין זײַן געבענטשטן בײַזײַן זענען די שווערסטע סקעפּטיקערס פּלוצעם נישט אַזוי זיכער, אַז סדום און עמורה קענען נישט געראַטעוועט ווערן, אַז ס'זענען — לויט פֿאַנערן — נאָך פֿאַראַן גוטע מענטשן און אַפֿילו צדיקים אויף דער וועלט דער גראַמער. איך בין נישט געווען אין טראַנסניסטריע אָדער אויף קפּריסין, ווו ער איז געווען. אָבער גוטע־פֿרײַנד האָבן מיר דערציילט, ווי ער האָט אַלע מאָל געהאָלפֿן מיט אַ טרייסטווערטל, מיט אַ צערטלעכן גלעט, מיט אַן אָפּטימיסטישן זאָג אַלע יענע, וואָס האָבן שוין נעבעך געהאַלטן אין פֿאַלן אין אַ תּהום פֿון ייִאוש... און אַפֿילו ווען מע וואָלט מיר דאָס נישט דערציילט פֿון אים — קענענדיק פֿאַנערן — וואָלט איך עס אויך געוווּסט. אַקטיווער אידעאַליזם — איבער־

געזעצט אין טאָג־טעגלעכן שטייגער. דאָס האָט פּאַנער אַלע זײַנע יאָרן געטאָן: איבערגעבעטן חברים, וואָס האָבן זיך צעבייזערט איינער אויפן צווייטן; איבערגעבעטן מאַן און פרוי, ווען מע האָט זיך צעקריגט. געזאָגט אַ גוט וואָרט דאָרטן, ווו ס'איז שוין כּמעט קיין שום האָפענונג נישט געווען, אַז מע וועט זיך ווידער צונויפרעדן.

איך ווייס פון אַ סך מאָמענטן אין אונדזער לעבן, ווען די פּאַרייזאַושטע זענען געלאָפן צו אים, ווען די מרה־שחורה אַרום אונדז איז געווען צום שוואַרצסטן — און קיין איינציק מאָל איז מען צו אים נישט געלאָפן אומזיסט: אַלע מאָל האָט דאָרטן שוין געוואַרט זײַן וואַרעמער שמייכל, זײַן גוט וואָרט, זײַן טרייסטווערטל. ס'בלײַבן שטעקן אין האַלדז, ווי אַ שלעכטער ביסן, אַלע איראָנישע, סאַרקאַסטישע באַמערקונגען, וועלכע מע האָט ערשט געוואָלט מאַכן איבער אידעאַליזם, ווען מע הערט פּאַנערן. די זעלבע סקעפּטיקערס, וואָס האָבן אַלע מאָל געמאַכט צו נישט אידעאַליזם און גלויבן, קומען צו לויפן צו אים נאָך אַ שטיקל טרייסט, נאָך אַ פּאָרציע אָפּטימיזם און בטחון. ס'ווילט זיך אַזוי גלייבן אין אַ גוטן סוף און דאָ, בײַ פּאַנערן אין שטוב, געפינט מען — כאָטש אויף אַ רגע — דעם אַזוי נייטיקן מקום־מנוחה, פאַר וועלכן דער מאָדערנער מענטש ראַנגלט זיך.

ראָמאַנטיק: אַ שטרעמונג קעגן דעם שטרענגן אַבסאָלוטיזם פון קלאַסיציזם; אַ באַוועגונג צוריק צום יחיד, צו דער נאַטור און נאָענטקייט צו אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן. נישט העלדן, נאָר מענטשן שוואַכע און „מענטשלעכע", בײַ וועלכע די עמאָציע קומט אַלע מאָל בײַם מאָראַלישן אָדער געזעלשאַפטלעכן חוב. טאָמער האָט דער קלאַסיציזם געשאַפן גאָטיק, מיט די גאָטישע פאַרשפּיצונגען וואָס שטרעבן צום הימל — ווײַט, ווײַט אַוועק פון דער ערד — האָט די ראָמאַנטיק געמאַכט פּאָעזיע פון לבנה־נעכט אין אַלטע שטעט און גאַסן, ווו בלאַסע פאַרליבטע וואַנדערן און זוכן איינער

דעם צווייטן, ווידער: פּרווידס פּרײַזע אַסאָציאַציע: פֿאַנער — ראָמאַנטיק. זײַן ליבשאַפט צו דער בוקעווינער נאַטור, וועלכע האָט געפֿורעמט זײַן קינסטלערישן געשמאַק; זײַן ליבע צו אַלץ וואָס איז שיין; זײַן בענקשאַפט נאָכן כּישוף פֿון יענער לאַנדשאַפט פֿון וואַנעט ער שטאַמט; זײַן נאָסטאַלגישע דערמאָנונג פֿון פּאַרקן און טונקעלע, ראָמאַנטישע אַלייען אין טשערנאָוויץ. ער גיט זיי אַרײַן אין זײַנע אַרבעטן. ער לעבט זיך אויס אין זיי. געטרײַשאַפט איז טאַקע נאָך איין גרויסער באַשטאַנדטייל פֿון אַ ראָמאַנטישן יחיד. בענקשאַפט נאָכן נעכטן, געטרײַשאַפט און געדענקען דעם נעכטן — דאָס איז ראָמאַנטיק. כאָטש ער איז אויך שטאַרק פֿאַר־אינטערעסירט אין נײַעם און אַפֿילו אין עפּיגאָנאַלן — וואָס קומט פֿאַר אויף דער ליטעראַרישער גאַס. ער איז שטענדיק אינפֿאָר־מירט און פֿאַרכאַפּט פֿון נײַעם. אָבער אין זײַנע ליטעראַרישע אַרבעטן, ווי אויך אין זײַנע פּעריפּאַטעטישע דיאַלאָגן מיט חברים זעט מען אַלע מאָל ווידער און ווידער, ווי שטאַרק עס איז זײַן חוש פֿאַר עסטעטיק. זײַן אייגענער סטיל בײַם רעדן און שרײַבן — איז אויף תּמיד געוואָרן געפֿורעמט פֿון דער באַראָקער אַטמאָספֿער און פֿון דעם נאַטור־כּישוף פֿון אונדזער בוקעווינע. אין אים געפֿי־נען מיר אונדזערע אייגענע פֿאַרליבטע יוגנט־חלומות און לעבן אים ווערן מיר אַלע אויך ווידער יונג אויף אַ רגע. אין פֿאַנערן פֿאַראייניקן זיך כּמעט אַלע גײַסטיקע שטראָמען פֿון יענער תּקופֿה אינעם ייִדישן טשערנאָוויץ: קאַרל מאַרקס, טעאָדאָר הערצל, ייִדי־שיזם, דער ייִדישער שולפֿאַראיין, האַבסבורגסהעהע און שמועסן — לאַנגע, האַרציקע שמועסן אין די טונקעלע ראָמאַנטישע אַלעעס פֿון יענעם פּאַרק. פֿאַרשלאָגן צו דער אָדער יענער „פֿאַרענטפֿע־רונג פֿון אַלע מענטשלעכע פּראָבלעמען", און פֿאַנער צווישן אונדז — אַ גלייביקער, אַן אָפּטימיסטישער, אַ ראָמאַנטיקער, אַ הייסער, צאַפּלדיק הייסער מענטש מיט אַ דינאַמישער, ברייטער נאַטור, אַ רײַכער, אַ באַגאַבטער. פֿאַר יעדן פֿון אונדז — אַ מענטאָר! פֿאַר יעדן פֿון אונדז — אַ גוטער, פֿײַנער רעצענזענט און קריטיקער.

פאַר יעדן פון אונדז — אַ טאַטישער פרײַנד, אַפּילו פאַר יענע אין זײַן אייגענעם עלטער.

איך געדענק ווי הײַנט: אין מיטן אונדזערע שטורעמדיקע דיסקוסיעס וועגן „וועלט־אָרדענען" — האָט ער אונדז אָפּט פּלוצעם אַנגעוויזן, ווי שיין די זומערדיקע זון גייט אונטער. ווי שאָטנדיק ס'זענען די אַלטע סאָסנעס... ווי זײַדיק ס'לייגט זיך דאָס גרינע גראָז אונטער אונדזערע אײַליקע טריט. פאַר אים האָבן מיר אַלע (די דיכטערס פון טשערנאָוויץ) אָן אַ סוף און אָן רחמנות געלייענט אונדזערע ערשטע ווערק. בײַ אים האָבן מיר געפונען אָן עכאָ. ביז הײַנט איז דאָס אויך אַזוי. ער רופט זיך שטענדיק אָפּ אויף אַ נײַעם ביכל. ער פאַרשווײַגט קיין מאָל נישט יענעמס אַרבעט, ער בלײַבט (עד מאה ועשׂרים) דער זעלבער, אייביק וואַכיקער חבר. דער ראָמאַנטיקער אין אים פאַרלירט קיין מאָל נישט דעם יונגן, זינגענדיקן חוש פאַר וווּנדער. אין זײַן מאָנאָגראַפיע „שלום אַשס לעצטע היים" (אין בת־ים) לייענט מען כּמעט אויף יעדן זײַטל ווי פאַנער הערט נישט אויף צו שטוינען איבער אַשס טאַלאַנט, זײַן פערזענלעכקייט. ער וווּנדערט זיך מיט אַ קינדעריש ריינעם געפיל פון מיסטיק און עזאָטערישקייט, וואָס ער דערזעט אין אַלע־מען: אי אין דער נאַטור, אי אין דער קונסט, אי בײַ מענטשן. פאַר אים איז אַלצדינג גאָטס וווּנדער.

רחמנות: דער סענסיטיווער עכאָ צום ווייטיק פון אַ צווייטן איז אפשר די אייגנשאַפט, וועלכע וואַרפט זיך צום מייַנסטן אין די אויגן בײַ פאַנערן. זײַן זאָרגן זיך וועגן אַנדערע, זײַן קענען זיך גאַנץ אידענטיפיצירן מיט יענעמס צער. אין אונדזער וועלט האָט מען זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צו חורבנס, ברודערמאָרד און ווייגעשרייז, מע קוקט שוין מיט אַזאַ רוטינירטער קאַלטקייט אויף די אַכזריותדיקסטע בילדער אין טעלעוויזיע, אַז מע עסט דערבײַ אַפילו, מע רעדט דערבײַ, ווי דאָס אַלץ וואָלט אונדז ניט אָנגיין, דאָס מענטשלעכע האַרץ און זײַן געוויסן ווערן אַלץ מער און מער אַטראָפירט. ווי זשע קומט עס, אַז בײַ פאַנערן געפינען מיר נאָך

אַלץ אַזאַ רחמנותדיקייט? לעבט ער דען איזאַלירט פון דעם אַל־גמיינעם גאַנג פון אונדזער אומגליקלעכער צײַט, אַזוי אַז זײַן נשמה האָט געקאָנט נאָך ראַטעווען איר פרישקייט, אַז זי איז נישט פאַרשטיינערט געוואָרן? ניין, ער לעבט נישט איזאַלירט. ער שטייט אַלע מאָל אין מיטן לעבן און אַלצדינג וואָס מיר זעען, הערן און וויסן נעמט ער אויך אויף. דער אונטערשייד איז אָבער, אַז דאָס מרה־שחורהדיקע יאָרהונדערט האָט נישט נאָר נישט פאַרהאַר־טעוועט זײַן האַרץ, נאָר פאַרקערט: וואָס מער טרערן ס׳גיסן זיך פון די באַלד שוין אויסגעווייינטע אויגן פון דער קראַנקער מענטש־הייט, אַלץ מער „ברעכט אים ס׳האַרץ אויף אַלע״.

נישט לאַנג האָט דער קאָמפּאָזיטאָר עמנואל האַקען געשריבן נאָטן צו איינעם פון פאַנערס בעסטע לידער: „ווײַט פון דאַנען, ווײַט פון דאַנען, איז אַ וווּנדערלאַנד פאַראַנען...״ ...ווו מאַמעס גלעטן און מע שלאָפט אין עכטע בעטן און קינדער שפּילן זיך און זיי מוזן נישט טראָגן די געלע לאַטע, כאָטש זיי זענען ייִדן. געהייליקט איז זײַן ליד די קינדער דעפּאָרטירטע קיין טראַנס־ניסטריע. דאָס ליד זינגט זײַן אייביק וואַכן רחמנות און אַפּעלירט צום וועלט־רחמנות, ווי זעלטן אַ צווייט ליד פון יענער תּקופה. אין דרויסן בלאָזן קאַלטעווינטן, שטורעמס און זאַווערוכעס וווּען, אָבער אינעווייניק, בײַ פאַנערן, איז שטענדיק וואַרעם און גוט און דער געפּלאָגטער מענטש געפינט דאָרט אַ טרייסט און אַ גוטן־פרײַנד.

זעלטן, גאָר זעלטן האָט עמעץ פון זײַנע חברים אַ מאָל גע־הערט פאַנערן קלאָגן וועגן זיך אַליין. אַזוי ווי אים וואָלט קיין מאָל גאָרנישט נישט ווי געטאָן. ער איז אָבער אַ בשׂר־ודם, ווי מיר, און האָט זײַנע ווייטיקן און צרות. אָבער, זיך צוהערנדיק צו אונד־זער קלאָגן — פאַרגעסט ער אין זײַנע אייגענע.

באַגײַסטערונג: פאַראַן אַזוי פיל שיינקייט אין דער וועלט, וועלכע מיר, מענטשן, האָבן נאָך נישט באַוויזן צו צעשטערן, כאָטש איין גאָט ווייסט: מיר האָבן זיך זייער באַמיט. בײַ פאַנערן געפינען

מיר אַלע מאָל (און אַלע מאָל דערהייבן מיר זיך מיט אים!) יענעם פאַרלוירענעם כּוח צו ווערן באַגײַסטערט. אין מיטן דער כּמעט אימפּאָטענטער בלאַזירטקייט פון אונדזער איבערגעמידטער קול־טור שטייט פאַנער און קוקט מיט הייסער באַוווּנדערונג אויף גאָטס וועלט. דער אייביק יונגער קוק פון זײַנע בליצנדיקע, שוואַרצע אויגן אַנטפּלעקט פאַר אים זעונגען פון גרויס שיינקייט און ער קאָן עס נישט האַלטן אין זיך, ער מוז זיך טיילן מיט אַנדערע. ער פאַרגינט זיך ממש נישט צו געניסן אָן אַנדערע. נישט אומזיסט זענען אַ מאָל אַלע יונגע, גרינע, אומזיכערע דיכטערס און שרײַבערס געקו־מען צו לויפן צו אים, נישט אומזיסט געוואָלט הערן אַ וואָרט פון אים. ער האָט, מיט אַ גאַנץ באַזונדערן, סוביעקטיוו־אָביעקטיוון חוש שטענדיק אַרויסגעפונען עפּעס וואָס צו לויבן. דאָס ערשטע וואָרט זײַנס איז געווען תּמיד אַ גוטס, אַ מונטערונג, און ערשט דערנאָך, ווען ערשטע עמאָציאָנעלע ציטערנישן זענען געוואָרן באַרויִקט, האָט פאַנער, אָפּגעהיטערהייט, כּדי נישט וויי טאָן דעם איבער־סענסיטיוון שעפערישן מענטשן — אויך אָפּגעגעבן אַ קריטיק, אַ מאָל גאָר אַ שאַרפע און שטענדיק אָן ערלעך־אָפענע. אָבער די קריטיק האָט שוין נישט אַזוי געקענט וויי טאָן: פאַנער האָט מיט זײַן ערשטער כוואַליע פון באַגײַסטערונג געגעבן דעם פּאָעט כּוח אויסצוהאַלטן נעגאַטיווע ווערטער אויך.

פאַנער לייענט אין עטלעכע שפּראַכן און כאָטש יידיש איז זײַן נאַטירלעכער און אויך זײַן אויסגעקליבענער מעדיום, קען ער אויך אַנדערע ליטעראַטורן און באַגײַסטערט זיך, אָן פאַראורטייל, פרײַ פון נאַציאָנאַלער ענגשאַפט, פאַר אַלץ וואָס איז גרויס און ווערט באַוווּנדערט צו ווערן.

צערטלעכקייט: דאָס איז איינע פון די אין גאַנצן שוין באַלד אַרכאַיִש געוואָרענע מענטשלעכע נשמה־אייגנשאַפטן, אָבער פאַ־נער פאַרמאָגט זי אין אַ רײַכער מאָס. ער צערטלט זײַנע חברים, און באַלעוועט אַלע זײַנע מיטמענטשן און ער צערטלט אין זײַן שרײַבן, ווי אויך אין זײַן טאָג־טעגלעכן לעבן, אַלע וואָס קומען

אין באַריר מיט אים, וואָרן זײַן נשמה איז אַ צערטלעכע און ער קאָן נישט אַנדערש. טאַקע פון די אָנגערופענע קוואַלן: רחמנות, אידעאַליזים, ראָמאַנטיק — פון די אָרגאַנישע פאַרבן אויף דער פאַליטרע —- פליִצן אַרויס כוואַליעס פון זײַן אייביק וואַכער צערט־לעכקייט. אין זײַנע מיניאַטורן ווערן מענטשן און באַגעגענישן באַשריבן מיט דער זעלבער צערטלעכקייט. אַן אייביקער פלאַם פון גוטסקייט האָט געבוירן די דאָזיקע צערטלעכקייט און מיט דעם באַשענקט ער אונדז אַלע.

ער קוקט מיט אויגן פול פאַרגעבונג אויף אַלעמען אַרום אים, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: „איר זענט אַלע מענטשן און אַלע לײַדט איר און ס'איז אויף אײַך אַלע אַ גרויס רחמנות — איז ווי זשע זאָל איך אײַך נישט צערטלען?״

מײַן פאַליטרע מיט פאַרבן נעמט זיך הײַנט נישט אונטער צו מאָלן אַ גאַנצן פאָרטרעט פון יצחק פאַנער: צו דעם איז די פאַליטרע בײַ מיר אַן אָרעמע, וואָרן איך בין נישט קיין גענוג געניטער מאָלער. דערפאַר טאַקע בלײַבט דאָס נאָר „אַ סקיצע אין פראָפיל״. פאַראַן נאָך און נאָך פאַרבן פאַרן דאָזיקן פּנים. הײַנט וויל איך באַגריסן יצחק פאַנערן, אים אַרומנעמען, צודריקן צום האַרץ און אים און אונדז אַלע, זײַנע גוטע־פרײַנד, אַנווינטשעווען נאָך אַ סך יאָרן, גוטע, געזונטע אין איינעם מיט אים. אָמן.

אויפן שוועל, אַפּריל־יולי, אויגוסט־סעפטעמבער 1975

מײַנע באַגעגענישן מיט אליעזר גרינבערג

צו זײַנע שלושים

דאָס יאָר איז געווען 1969.

אַ סימפּאָזיום פון דער „צוקונפט". פון דעם הויפּט־טיש האָבן זיך שוין מער ניט געהערט קיין פײַערלעכע רעדעס. מען האָט שוין געוואַרט אויף דעם עסן און זיך צונויפגערעדט מיט פרײַנד. איך פרעג בײַ איינעם פון מײַנע טיש־שכנים: „וועלכער איז דער רעדאַקטאָר פון דער ,צוקונפט' — גרינבערג? ווײַזט מיר אים".

„דער וואָס רעדט גראָד צו דעם מאַן מיט דעם ווײַסן בערדל".

איך נעם זיך אָן מיט מוט און נעם מיך גיין צו דעם אָלימפּישן טיש פון די סאַמע אויבנאָנס.

אַ יונגטלער־שיינער, אַ שלאַנקער, מיט אַ שטרענגן פּנים, מיט אַ קלאָרן שטערן, שטייט ער און רעדט צו דעם ווײַסן בערדל.

„טאָמער איך שטער אײַך ניט, וואָלט איך געוואָלט מיט אײַך רעדן אַ פּאָר ווערטער, חבר גרינבערג", זאָג איך און ווער אַזש אַליין איבערראַשט פון מײַן אייגענעם קוראַזש.

„רעדן מיט מיר? איצט? דאָ? אין מיטן דרינען?" ער קוקט ערנסט, מיט אַ מין שטרענגקייט פאַר וועלכער מענטשן וואָס נייגן צו מורא, האָבן געוויינטלעך מורא. דער טאָן איז אַ שטראָפּנדי־קער, אַן אומצופרידענער און זאָגט ניט פאָרויס קיין גוטס פאַר דעם גאַנצן דיאַלאָג.

„איר זענט דער רעדאַקטאָר פון דער ,צוקונפט', וויל איך אײַך עפּעס פון מײַנע זאַכן אַרײַנשיקן..."

ווײַטער בין איך צום וואָרט ניט געקומען.

„שיקט אַרײַן", זאָגט ער און דרייט זיך אַוועק פון מיר, רעדט ווײַטער צו דעם ווײַסן בערדל און כאַטש שרײַ חי־וקים.

„איך וואָלט געוואָלט, אַז מײַן זאַך זאָל ווערן געדרוקט אין אײַער ‚צוקונפט׳ ״, מורמל איך שוין אין טיפסטער פאַרצווייפלונג.

„די ‚צוקונפט׳ איז ניט ‚מײַנע׳. זי איז אײַערע פונקט אַזוי ווי מײַנע. איר האָט עפּעס אָנגעשריבן, וואָס איר מיינט ס׳וואָלט געפּאַסט אין דעם פאָרמאַט פון דעם זשורנאַל — איז אַדרבא. טוט דאָס, וואָס אַלע שרײַבערס טוען: שיקט אַרײַן און וואַרט אויף אַן ענטפער. בעסערס קאָן איך אײַך ניט זאָגן, ליבע פרוי״.

איך: מען זאָגט מיר, אַז איר זענט אויך פון ליפּקאַן...

אויף איין מאָל ווערט ער אויפגעלעבט, רעדט מיט אינטערעס און קוקט מיך אָן — ער קוקט אין מײַן זײַט אייגנטלעך צום ערשטן מאָל מיט אויפמערקזאַמקייט.

ער: (לעבעדיק) אַ לאַנדסמאַן מײַנער, הייסט עס? איר זענט יינגער פון מיר. ניט מײַן דור. וועמענס זענט איר און ווי הייסט איר?

איך: איך בין נאָר כּמעט אַ ליפּקאַנער.

ער: (ווידער צאַרנדיק) וואָס הייסט „כּמעט״? מען קאָן ניט זײַן „כּמעט שוואַנגערנדיק״ און מען קאָן ניט זײַן „כּמעט אַ ליפּקאַנער״. אָדער איר זענט, אָדער איר זענט ניט.

און שוין דרייט ער זיך אַוועק פון מיר און דאָס ווײַסע בערדל פאַרנעמט ווידער זײַן אָרט לעבן גרינבערגן. מײַן „קאָזוס״, זעט אויס, האָט פאַרלוירן גרונד אונטער די פיס... פאַרפאַלן...

דערמאָן איך מיך אין מײַן פאַרלוירנקייט, אַז מײַן טאַטע, ע״ה, האָט מיר אַ מאָל דערציילט, אַז ער איז געווען אין ליפּקאַן דער לערער פון יונגע גימנאַזיסטן און דאַכט זיך — פון גרינבערגן אויך. וואָס האָב איך דען צו פאַרלירן — אַחוץ זײַן קאַלטקייט?

איך: דאַכט זיך, אַז מײַן טאַטע, ע״ה, איז געווען אײַער לערער אין ליפּקאַן.

ער: ווער איז אײַער טאַטע?

איך: יאַשאַ אַלטמאַן, איר האָט אים געקענט?

אויף זײַן שטרענגן פּנים לויכט אויף אַ גאָלדן ליכט, אַ צערט-

לעך שמייכל פאַרשפּרייט זיך אויף זײַנע ליפּן, ער זעט פּלוצעם אויס מיט יאָרן יינגער, יינגלש אַפילו און די גאַנצע אינערלעכע ליכטיקע לאַנדשאַפט זײַנע אַנטפּלעקט זיך מיט איין מאָל פאַר מײַנע דערש־טוינטע אויגן.

„אַט אַזאַ ביסטו?" גיט זיך מיר אַ טראַכט, „אַט אַזוי קאָנסטו אויסזען? װעלכער נס האָט עס אָנגעצונדן די ליכטעלעך אויף דײַן פּנים? און ווי שיין איז אַט דאָס פּנים אַצינד?"

ער: עפּעס געזאָגט? יאַשאַ אַלטמאַן. צי איך דערמאָן זיך... אַוודאי דערמאָן איך זיך. זײַנע קוטשעראַווע האָר, בלויע, פריילעכע אויגן, זײַן מונדיר מיט די גאָלדענע קנעפּ. די מיידלעך פון ליפּקאָן זײַנען אַלע געווען פאַרליבט אין אים. ער איז טאַקע געווען מײַן לערער. די רוסישע שפּראַך, אַריטמעטיקע, אַלגעברע. צי איך דערמאָן זיך... און איר זענט זײַן טאָכטער, אַ?

איך: יאָ, זײַן טאָכטער. ער אָבער איז שוין ניט מער מיט אונדז, ניט לאַנג געשטאָרבן.

ער: איך האָב אים געטראָפן דאָ איין מאָל, יאָרן צוריק, בײַ די ליפּקאַנער.

איך: איך אַליין בין געבוירן אין אָדעס. אָבער געקומען מיט מײַנע טאַטע־מאַמע פון רוסלאַנד קיין ליפּקאַן.

ער האָט מיך אויסגעפרעגט און איך האָב געענטפערט און ס'איז געווען גוט און וואַרעם. אַ גאַר אַנדערער גרינבערג, אַ ווייכער, אַ צערטלעכער, אַ זיסער.

אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט מײַן טריומף, מײַן גליק: ער דרייט זיך פּלוצעם אַוועק פון מיר — בלײַבט שטיין אין מיטן וואָרט און זאָגט מיר קאַלט, מיט אַ נאָך גרעסערער שטרענגשאַפט ווי פריִער:

„צו וואָס האָט איר מיר געזאָגט, אַז איר זענט די טאָכטער פון יאַשאַ אַלטמאַן? טאָמער דערפאַר, ווײַל איר מיינט, אַז איך וועל איצט שוין לייענען אײַער זאַך מיט אַ ליבלעכערן צוגאַנג, איז קענט איר ניט גרינבערגן. מײַן אורטייל בלײַבט אָביעקטיוו און

שטרענג און ניטאָ וואָס זיך צו פרייען דערמיט, וואָס איר האָט מיר צו וויסן געטאָן אַז... איר זענט אַ געבוירענע אַלטמאַן. איך האָב אים טאַקע זייער האָלט געהאַט, אָבער איינס האָט ניט צום צווייטן. שיקט אַרײַן אײַער זאַך, וואַרט אויף אַן ענטפער און זײַט זיכער, אַז ס׳וועט ווערן אָפּגעשאַצט נאָכן פאַרדינסט...״

איך: (איצט בין איך אויך שוין אָנגעצונדן געוואָרן מיט צאָרן) איך האָב עס אײַך סתּם דערציילט. איך וויל באַאורטיילט ווערן נאָר נאָך מײַן אייגענעם פאַרדינסט. לייזער שטיינבאַרג האָט מײַנע יוגנטלעכע דיכטונגען אויך געלייענט אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַ פרעמדע און ניט דאָס קינד, וואָס ער האָט ממש גײַסטיק אויפֿ־געצויגן.

ער: אָט וואַרפֿט איר מיר שוין אַרײַן אויך שטיינבאַרגן פֿאַר אַ צווייטן יִחוּס, אַ? ס׳וועט אײַך ניט העלפֿן.

איך: איך וועל איצט שוין מײַן נאָוועלע אײַך בשום־אופֿן ניט שיקן. זאָגט מיר נאָר, צו ווען איך קאָן זי יאָ שיקן. איר זענט שוין איצט מער ניט אָביעקטיוו צו מיר... סײַ ווי סײַ. ניט אָביעקטיוו — מיט אַ נייגונג צו זאָגן „ניין״, טאַקע דערפֿאַר, ווײַל איך בין יאַשאַ אַלטמאַנס טאָכטער.

און ווידער: וווּנדער איבער וווּנדער! זײַן פּנים לײַטערט זיך אויס, ווידער קומט יענער ליכטיקער, זיסער אויסדרוק פֿון פֿרייד און גוטסקייט אויף די שטרענגע ליניעס. ווידער ווערט די לאַנדשאַפֿט פֿון זײַן שיינעם, קלאַסישן פּנים גאָלדן־ליכטיק און גוטמוטיק.

ער: (דרייט זיך אויס צום ווײַסן בערדל) זי איז גערעכט. איך בין איצט געווען ניט אָביעקטיוו. (צו מיר) וועראַ האַקען, שיקט אַרײַן די זאַך. איר וועט באַקומען אַ גערעכטן ענטפֿער. זײַט זיכער אין דעם.

די גאַנצע צײַט פֿון אונדזער שטורמישן דיאַלאָג איז לעבן אונדז געשטאַנען אַ פֿרוי מיט אַ קלוגן פּנימל, מיט צעפּעלער אַרום איר קאָפּ און האָט צו דער גאַנצער דראַמע נאָר שטיל צוגע־שמייכלט. דאָס איז געווען איוואַ, זײַן געטרײַע פֿרוי.

איוואָ: (שטיל צו מיר) ער האָט שוין חרטה. גלייבט מיר, איך קען אים דאָך שוין ניט פון היינט. זייט זיכער, אַז אײַער אַרבעט וועט געלייענט ווערן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. גרינבערג איז אַ מענטש אַ יושרדיקער, אַ גערעכטער.

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער פרײַנדשאַפט. עטלעכע טעג שפּעטער קלינגט ער צו מיר: „וואָראַ האַקען, איך האָב געלייענט אײַער נאָוועלע ,סטאַנציע גראַפּסקאַיאַ׳ מיט גרויס פרייד, זי ממש ניט געקאָנט אָוועקלייגן, אין איין אָטעם. אַ פײַנע זאַך. אַ יישר־כּוח אײַך. איר האָט טאַלאַנט און איך וועל דרוקן די זאַך אין דער ,צוקונפט׳. איך וועל דאָס מאָל אַפילו מוזן מאַכן אַן אויסנאַם פון אונדזערע טראַדיציעס: מיר דרוקן קיין מאָל ניט מיט אַ המשך. אָבער דאָס מאָל וועל איך פּרוּוון עס טאָן; די זאַך איז צו לאַנג פאַר איין נומער״.

מיר זײַנען געוואָרן פרײַנד. ניט סתּם פרײַנד — גאַנץ אינטימע, איבערגעגעבענע איינער דעם צווייטן. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס צו אַלצדינג וואָס איך האָב געשריבן. מיר תּמיד געזאָגט זײַן מיינונג. מיר תּמיד געראַטן וואָס צו לייענען, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן דעם מצב פון מײַן ייִדיש.

איך פלעג קומען צו זיי אין שטוב. אָט זע איך פאַר מיר די שטוב: בילדער אויף דער וואַנט... אַ סך בילדער, שוין כּמעט ניטאָ קיין פרײַ שטיקל פּלאַץ אויף די ווענט. ער האָט, ווי איך זע, אַ שטאַרקע באַציִונג צו מאָלערײַ. שפּעטער, ווען מיר פלעגן שוין עולה־רגל זײַן צו זיי אין זייער זומער־וווינונג אין העמפּסטאָן בעיס, האָב איך דאָרט אויך געזען בילדער פון מאָדערנע מאָלערס אויף אַלע ווענט. געקומען צו אים בין איך שטענדיק באַפּאַקט מיט עפּעס וואָס אים איבערצולייענען. פון מיר האָט ער ליב געהאַט צו הערן לייענען דײַטשע דיכטערס פון אונדזער צײַט: פּאָול סעלאַן, ראָזע אויסלענדער, אַלפרעד קיטנער, אַלפרעד גאָנג. איך פלעג עס אים לייענען אין אָריגינאַל און טאַקע אויפן אָרט איבערזעצן. געזעסן שעהען און „פילאָסאָפירט״: צײַט, אָט דער טונקעלער,

אומפאַרשטענדלעכער באַגריף צייט, וועלכער האָט אי אים, אי מיר אייביק באַשעפטיקט און ניט געלאָזט רוען — צייט איז אָפט געווען די טעמע פון אונדזערע פעריפּאַטעטישע שמועסן, וועלכע וועלן אויף אייביק בלייבן אין מיין זכרון ווי אינדזלען פון שיינקייט און ווערט.

איוואַ ברענגט אַריין טיי מיט גוטע זאַכן. מען זיצט און מען פילט יענע וואַרעמקייט וועלכע קומט ניט פון דעם ראַדיאַטאָר, נאָר דירעקט אַרויס פון אונדזערע נשמות, אָנגעפילטע ביזן ברעג מיט אַ געפיל פון גליק און שטראַלנדיקער חברשאַפט.

ס'האָט זיך קיין מאָל ניט געגלוסט אַוועקצוגיין, פאַרלאָזן די קליינע שטוב, וווּ ס'איז געווען אַן אָרט פאַר אונדזער אייראָפּעיִש־יידישער נאָסטאַלגיע. אַ היים.

דאָס דערשיינען פון „סטאַנציע גראַפּסקאַיאַ" אין דעם בכבו־דיקן זשורנאַל צוקונפט איז געווען אַ גאָר וויכטיקער מאָמענט פאַר מיין גאַנצער ווייטערדיקער שאַפונג, אָבער נאָך וויכטיקער איז געווען די וווּנדערלעכע, שטאַרקע פאַרבונדנקייט מיט גרינבערגן, וועלכע האָט פון דעמאָלט אָן געשפּילט אַזאַ ליכטיקע ראָלע אין מיין לעבן.

ער האָט מיר געשענקט זיין גאַנצן אָפּוס, אַלע זיינע ביכער און אַריינגעשריבן אין זיי ווידמונגען, ווי למשל:

„מיינע כמו־ליפּקאַנער — מיט ליבשאַפט"... אָדער:

„מיט ליפּקאַנער נאָסטאַלגיע"... אָדער:

„מיט גרויס ליבשאַפט, ווי איר פאַרדינט" — דאָס איז די ווידמונג אין זיין לעצט בוך „געדענקשאַפט".

אַגב: אין דעם דאָזיקן לעצטן באַנד זיינעם איז פאַראַן אַ ליד „פאַראַסאָלן", געהייליקט דעם אָנדענק פון יאַשאַ אַלטמאַן ע"ה.

אַז איך האָב דאָס ליד איבערגעלייענט פאַר מיין מאַמען ע"ה, ניט זאָגנדיק איר אַז ס'איז וועגן מיין טאַטן, האָט זי אים דערקענט נאָך דער באַשרייבונג — די קוטשעראַווע האָר, די בלויע אויגן,

די מיידלער וואָס קוקן אים נאָך מיט פאַרליבטע בליקן, די גאָלדענע קנעפּ אויף זײַן מונדירל...

ווו איז שוין געבליבן זײַן באַרימטע בייזקייט? אַוועק מיט די ווינטן, אַוועק. נאָר ליבלעכע וואַרעמקייט איז געבליבן און נאָר גוטסקייט און פּאַטערלעכע זאָרג פאַר מײַנע באַשיידענע ווײַטער־דיקע אַרבעטן. פאַרטיפט זײַנען מיר ביידע אַלע מאָל געזעסן ביז בין־השמשות און אַפילו ניט באַמערקט ווי דער טאָג איז אַוועק. זײַן גײַסטיקע וועלט — אַזוי נאָענט מיט מײַן אייגענער. זײַן געמיש פון מחשבה און עסטעטיק — האָט שטענדיק אַרויסגערופן אַ שטאַרקן עכאָ בײַ מיר. אומפאַרגעסלעכע טעג און שעהען.

איך: מיד שוין, לייזער טײַערער? איך האָב אײַך הײַנט זאַ־מוטשעט מיט לייענען...

ער (מיט אַ ריטערלעכן שמייכל אויף די ליפּן): מיד פון אײַך ווערן? קיין מאָל ניט.

איך: אַז מען לעבט דערלעבט מען — אַ קאָמפּלימענט פון לייזער גרינבערגן, דעם בייזן ייִדן? איז מיר טאַקע גאָר גוט.

✶

אין אַ טאָג, אין פעברואַר 1977 — גיי איך אַוועק פון אים, גיב אים אַ קוש און ער זאָגט מיר:

„קומט באַלד ווידער, וואַרט ניט, לייגט ניט אָפּ אויף שפּע־טער. קומט באַלד".

איך געדענק ווי הײַנט, אַז ס'איז מיר דעמאָלט בײַ זײַנע ווער־טער איבערגעלאָפן אַ מין קאַלטקייט איבערן גאַנצן לײַב. אפשר האָב איך אין יענער רגע געאַנט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך זע גרינבערגן.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער קלינג איך, געטריבן פון אַ מערק־ווערדיקער בענקשאַפט אים צו זען וואָס גיכער, און זאָג איוואַן:

„איך קום הײַנט, גוט?"

זאָגט זי: „אַוודאי קומט; ער וועט זיך פרייען. אָבער בלײַבט ניט לאַנג זיצן, ער איז הײַנט שוואַך".

איך פּאַק ווידער צונויף ביכלעך צו לייענען. אַ קלונג: דאָס האַרץ מײַנס גיט אַ שפּרונג. דאָס איז איוואַ:

„ווערא, לייזער איז קראַנק געוואָרן. איך פיר אים אָפּ אין שפּיטאָל".

פון דעם שפּיטאָל האָט ער זיך שוין קיין מאָל ניט אומגעקערט אין זײַן היים.

די בילדער אויף דער וואַנט, די פּאָלקעס מיט ביכער, זײַן גאַנצע וועלט און איוואַ און מיר — אַלע זײַנע פרײַנד — און די יידישע וועלט פונעם געשריבענעם וואָרט — געבליבן פאַריתומט.

„בענקשאַפט" און „געדענקשאַפט" — דאָס זײַנען די צוויי לייטמאָטיוון פון זײַן גאַנצן שאַפן: בענקשאַפט נאָך זײַן פאַרלוי־רענער היים — נאָך ליפּקאַן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט יונגער־הייט, און געדענקען זיי אַלע מיט ליבשאַפט, זיי — וואָס זײַנען אומגעקומען.

ער האָט קיין מאָל מער ניט באַוויזן אַראָפּצוואַרפן פון זײַנע געדאַנקען זײַן וועלט, וואָס איז אַזוי ברוטאַל צעשטערט געוואָרן.

מיר, די לעבעדיקע, וועלן אײַך געדענקען און בענקען נאָך אײַך, לייזער גרינבערג, אייביק. אייביק.

צוקונפט, יולי־אויגוסט 1977

אין פראָפיל פון צײַטן

מיט יאָרן צוריק האָב איך כּמעט רעגלמעסיק נאָכגעפאָלגט אליעזר פּאָדריאַטשיקס עסייען אין „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכע האָבן מיך פאַרכאַפּט נישט נאָר מיט זייער אינפאָרמאַטיוו-פאַר־שערישן אינהאַלט און נישט נאָר מיט זייער שפּראַכלעכער שיינ־קייט, נאָר אויך מיט דעם באַזונדערן מוט מיט וועלכן דער מחבר, זײַענדיק נאָך אונטערן יאָך פון סטאַליניסטישער צענזור, וויסנדיק אַז ס'איז געפערלעך אַרויסצושרײַבן געוויסע פרײַע געדאַנקען און זיי דערנאָך אַפילו צו פּובליצירן, האָט ער עס אָבער פאָרט געטאָן. ייִדן אין די מערב-לענדער האָבן ניט אויפגעהערט זיך חידושן איבער זײַן מוטיקער אָפנקייט. מען דערמאָנט זיך עד־היום וועגן דעם באַקאַנטן עפּיזאָד ווי אליעזר פּאָדריאַטשיק האָט אין זײַנעם אַן אַרטיקל אָראָפּגעריסן אַ באַוווסטן רוסישן „קריטיקער", וועלכער האָט אומברחמנותדיק צו נישט געמאַכט דעם ווערט פון דער העברעיִשער ליטעראַטור. דאָס איז געווען אַ זעלטענע דע־מאָנסטראַציע פון דעם רעבעליש-פרײַען גײַסט פון אַן אינטע־לעקטואַל.

„אין פּראָפיל פון צײַטן" איז אַ זאַמלונג פון עסייען, וועלכע בויען אַ בריק איבער יאָרהונדערטער ביז צו אונדזער ייִדישן הײַנט, פון מיטל-עלטער ביז צו דער מאָדערנער, פון די סאַמע ערשטע ייִדישע ליטעראַטורן ביז צום הײַנטיקן מצב. ווילט זיך מיר באַטאָנען, אַז דאָס ווערק איז געשריבן געוואָרן מיט אַ דער־הויבענער פען. דער מחבר באַנוצט זיך נישט, ווי מען וואָלט עס געקענט דערוואַרטן פון אַ ליטעראַטור-היסטאָרישן און פאָרשע־רישן בוך, מיט אַ טרוקענער אַקאַדעמישער שפּראַך, נאָר ער

באַחנט זײַנע טעאַרעטישע אויספירונגען מיט אַ באַזונדערער עסטע־טישער עקספּרעסיע, וואָס לייענט זיך ווי פּאָעזיע.

דאָס ווערק נעמט אַרײַן פיר טײלן: „אונטערן פּראַזשעקטאָר פון תנ״כישן שײַן", „שפּאַלטן און שפּליטערן", „אינטימע באַגעג־נישן" און „אין פּראָפיל פון צײַטן". עס וואָלט פאַרנומען אַ סך פּלאַץ זיך דאָ אָפּצושטעלן אויף אַ דעטאַלירטן באַריכט וועגן אַט די אינטערעסאַנטע ציקלען פונעם באַדײַטנדיקן בוך, וואָס פאַר־נעמט אַרום 350 זײַטן, אָבער ס׳איז כּדאַי דאָ צו באַמערקן, אַז דעם מחברס הויפּט־כּוונה איז געווען נישט נאָר צו דערציילן וועגן היסטאָרישע און מעטאָדישע פאַקטן פון אונדזער ליטעראַרישער פאַרגאַנגענהייט ביזן הײַנט, נאָר דער טראָפּ פאַלט בײַ אים אויף די שאַפונגען פון סאָוועטישע יִדישע שרײַבערס און בײַ זיי זוכט ער און געפינט אין די סאַמע פאַרבאָרגענע טיפענישן פון זייערע גײַסטיק־סודותדיקע באַהעלטענישן יענע געדאַנקלעכע פרײַהייט, וועלכע זיי האָבן באַוויזן אַרויסצוברענגען נישט קוקנדיק אויף דער מוראדיק שטרענגער צענזור, און דאָ ווילט זיך ציטירן עטלעכע שורות פון דעם מחבר אַליין: „דאָס וואָס די שטרענגע צענזור באַזײַטיקט פון דעם אָפענעם טאָגליכט, דאָס געפינט פּלאַץ אין די קאַבינעט־שאַטנס". גראַד אין יענע פאַרבאַהאַלטענע שאַפונגען פון די מאַרטירערס־דיכטערס געפינט ל. פּאַדריאַטשיק די שיינקייט וואָס איז פאַראַן אין זייערע ווערק דעמאָלט, ווען „זיי זענען אויג אויף אויג מיט זיך אַליין". דאָס געפינען אַזעלכע פאַרבאָרגענע אוצרות איז אייגנטלעך דער גרעסטער פאַרדינסט פונעם מחבר.

דאָס בוך לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס. ל. פּאַדריאַטשיק האָט געפונען אַ גליקלעכן סינטעז און האָט פאַראייניקט די גרינט־לעכקייט פון אַ פאָרשעריש־מעטאָדישן ווערק מיט זײַן אייגענעם עסטעטישן שפּראַך־נוסח. דעם ערנסטן לייענער וועט דאָס בוך זײַן אַ וועגווײַזער און אַ שטאַרקער סטימול צו פאָרשן.

לעצטע נײַעס, 23סטן מאַרץ 1979.

אַ וויכטיק בוך וועגן וויכטיקע ביכער

אליעזר פּאָדריאַטשיק: **שמועסן מיט אַנדערע און מיט זיך,**
צווייטער באַנד, ה. לייוויק־פּאַרלאַג, ת״א 1984

ניט לאַנג נאָכן דערשײַנען פון א. פּאָדריאַטשיקס צווייטן בוך עסייען און קריטישע אַנאַליזן האָט דער מחבר באַקומען דעם מאַנגער־פּרײַז. זײַן לעבן לאַנג שטודירן און זיך דערגרונטעווען אין אַלע טיילן פון אונדזער יידישער ליטעראַטור־וועלט איז געוואָרן געקרוינט מיט אָט דער פּרעמיע.

ווי א. פּאָדריאַטשיק שרײַבט, איז דער צווייטער באַנד אַ המשך צום ערשטן: „אין פּראָפיל פון צײַטן" (י. ל. פּרץ־פּאַרלאַג, ת״א 1978).

אין ביידע ביכער געפינען מיר אָפּשאַצונגען פון ווערק, אַנאַ־ליזן, פּאָרשונגען און אויך פּערזענלעכע באַגעגענישן מיט גדולים פון אונדזער דור. א. פּאָדריאַטשיקס מזל האָט אים געפירט פון בוקאָווינע (טשערנאָוויץ) קיין רוסלאַנד און איצט לעבט ער אין ישראל. די פּערזענלעכע באַגעגענישן מיט דיכטערס און שרײַ־בערס דאָ און דאָרט מאַכן דאָס לייענען אינטערעסאַנט און לע־בעדיק. מען ווערט פּאַרכאַפּט פון דער וואַרעמקייט און אינטי־מיטעט פון דער שטימונג, אין וועלכער ס׳געפינט זיך דער מחבר. מען וואַנדערט מיט אים און ס׳וואַנדערט זיך גרינג און גוט.

א. פּאָדריאַטשיקס ליטעראַריש־הומאַניסטישע ערודיציע האָט זיך אין משך פון זײַן שטענדיק גײַסטיק־אַקטיוון לעבן צעבליט אויך אַ דאַנק זײַן אייגענער „ביאָ־און־טאָפּאָגראַפישער" סיטו־אַציע: ער איז געוואַקסן אין דער מיט פון דער באַרימטער „טשער־נאָוויצער פּלעיאַדע" פון א. שטיינבאַרג, איציק מאַנגער, י. פריד־מאַן, ה. ל. קאַשבער און אַנדערע.

אין רוסלאַנד האָט א. פּאָדריאַטשיק געפונען די פּאָעטן און שפּעטער מאַרטירערס פון סטאַלינס פּאַראַנויע און זיך געחברט מיט זיי. אין זײַנע איצטיקע יאָרן אין ישראל איז א. פּאָדריאַטשיק אין דעם סאַמע צענטער פון ליטעראַרישע געשעענישן.

אַזוי אַרום האָט זײַן נאָענטקייט צו דיכטערס און שרײַבערס געמאַכט, אַז דער טאָן פון זײַן אַקאַדעמיש־אַנאַליטישער אַרבעט איז ניט געבליבן אַן אָביעקטיוור, נאָר ס׳האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אויך סוביעקטיוויטעט און דאָ און דאָרט דערפילט מען זײַן אייגענע שטאַרקע, ענטוזיאַסטישע „פּערסאָנאַ״.

דער דאָזיקער ענטוזיאַזם בלײַבט זײַן געטרײַער באַגלייטער אויף זײַן שפּעריִשן וועג. לייענענדיק אויפמערקזאַם זײַנע עסייען קומט אויפן זין זײַן טיפע פאַרבונדנקייט מיט דער שוין דערמאָנ־טער טשערנאָוויצער בליצײַט.

זײַנע אָפּשאַצונגען זײַנען אָביעקטיוו און ליריש. אַפילו די נעמען פון די קאַפּיטלען קלינגען ליריש־פּאָעטיש: למשל, וועגן איציק מאַנגער: „דער דיכטער וואָס איז דערגאַנגען פון גראָ ביז בלאָ״. די עסייען לייענען זיך דערפאַר מיט אַ לעבעדיקן אינ־טערעס. זיי דערציילן פון דעם מחברס אייגענער באַציִונג צו דעם באַשריבענעם סוזשעט.

א. פּאָדריאַטשיקס כּוונה איז טיפער פון נאָר אינפאָרמירן. ער אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ ווײַטע, ברייטע פּאַנאָראַמע פון וויזיעס פון צײַט, רוים און דורות.

ער ברענגט בילדלעכע און געדאַנקלעכע מעטאַפאָרן, ווי, למשל, זייער טרעפלעך דעם פאַרגלײַך צווישן ש. אַש און טאָמאַס מאַן; אָדער מענדעלעס „קליאַטשע״ — מיט ווערק פון ערנסט האָפמאַן. האַנט אין האַנט מיט זײַן רײַכער ערודיציע און וויסן גייט מיט זײַן אײַנלעבן זיך אין דעם ווערק. די גאַנצע סביבה און דער קלימאַט פון דעם סוזשעט ווערט לעבעדיק און נאָענט. מיט זײַן גרינטלעכקייט זוכט ער און געפינט פאַרבאַהאַלטענע גניזות און ווײַזט אָן אויף זייער ווערט.

ווי אַ לייטמאָטיוו שטראָמט דורךביידע זײַנע ביכער דער גײַסט פון פאַוסטישן, אייביקן זוכן. און דאָס אַרויספירן אויף אַ גלײַכן וועג דעם פאַרבלאָנדזשעטן וואַנדערער, מיט זײַן אַלע מאָל איבערחזרנדיקן טעזיס — דעם געדאַנק פון דער גריכישער פאָרמל פון „קאַלאָס קאַגאַטאָס" — עסטעטיק פלוס עטיק. ער גלייבט אין דעם, אַז אָן עטאָס קען קיין גרויס ווערק ניט זײַן. אַפילו בײַ גדולים, וואָס האָבן געשריבן זייערע ווערק מיט דער פען פון טיפסטן פעסימיזם. פאַטאָס צוזאַמען מיט עטאָס, ספּעציפיש מיטן ייִדישן עטאָס — דאָס איז דער אייביקער סינטעז, וואָס דער פאָרשער באַזינגט. דאַנטעס „אינפערנאָ" דאַרף ווירקן ניט נאָר ווי שרעק און שטראָף פאַר באַגאַנגענע זינד — נאָך מער נאָך ווי אַן אָנווײַז צו גיין אויפן וועג צו גוטס. די סאַטירישע ליטעראַטור (מאָליער, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין) און אין דער צײַט פון רענעסאַנס באָקאַטשיאָ און פאַר אים קאַטול און אַנדערע, האָבן אָן רחמנות אַנטפּלעקט פאַר דעם לייענער אַלע חסרונות פון דעם האָמאָ סאַפּיענס — אַלע זיי האָבן עס, לויט דעם טעזיס פון א. פאָדריאַטשיק, געטאָן נאָר כּדי אַרויסצופירן דעם מענטש אויף דעם וועג פון עטאָס. לויט א. פאָדריאַטשיקן איז סתּם זיך גריבלען אין בייזן — ניט קיין ריכטיקער וועג צו קונסט און אמתער דערקענטעניש.

לייענענדיק א. פאָדריאַטשיקס ביכער קומט אויפן געדאַנק, אַז דער קריטיקער און פאָרשער האָט טאַקע געזוכט און אַנטפּלעקט גניזות פון גרויסע ווערק און זיי געבראַכט צו אונדזער אויפמערקזאַמקייט. און עס ווילט זיך אים זאָגן: ער וואָלט געדאַרפט אַ זוך טאָן, אַ טיפן קוק טאָן אין זײַן אייגענער, אינטימער, טיפער גניזה. ער וואָלט דאָרט אַנטפּלעקט אַ באַהאַלטענעם דענקער — זיך אַליין.

צוקונפט, דעצעמבער 1984

פיר זומערן מיט קובי וואָהל

„טשיקאָווע, ווי זעסטו אויס אין ווינטער, ווערא?"

אַזוי האָט מיר אַ מאָל, מיט אַ שטיפערישן לאַך, געפרעגט קובי וואָהל, ווײַל מוניו און איך, ערשט נישט לאַנג חתונה־געהאַטע, האָבן פאַרבראַכט די ווינטערדיקע חדשים אין פּראָג, ווו מיר האָבן שטודירט און אין דער היים, אין אונדזער שטאָט טשערנאָוויץ, זענען מיר געווען שוין נאָר זומערגעסט — אויף וואַקאַציע.

ווי אַ שטורעמווינט איז קובי וואָהל אַרײַן אין אונדזער לעבן, אין אונדזער קרײַז. דאָס איז געווען זומער 1932, און סאַראַ פאַרכּישופטער, פרייִלעכער, פאַרליבטער זומער איז דאָס געווען! נאָך האָט זיך עס אונדז אויסגעוויזן, אַז די שווערע וואָלקנס פון דער נאָענטער ברוינער סכּנה זענען נאָר וואָלקנס און נישט מער. ס'האָט זיך אַלץ נאָך נישט געגלייבט אַז מען מיינט אונדז... מען איז געווען יונג און פאַרליבט אין לעבן און אין ליבן זיך און אין זיך אַליין, און איינער אינעם צווייטן — אין יענעם אומפאַרגעסלעכן זומער 1932!

עס האָבן זיך באַוויזן דרײַ נײַע געשטאַלטן צווישן אונדז: פון בעסאַראַביע זענען אָראָפּגעקומען צוויי שיינע, יונגע מיידלעך: קעניע — אַ סטודענטקע — און דאָרע.

קעניע — אַ שטילינקע, מיט רויטע בעקעלעך, מיט אַ רויִקן, קלוגן שמייכעלע אויף די פרישע, דינע ליפּעלעך און דאָרע — פֿויערלעך־שיין, פול מיט אַ וויבערישן־רנדיקן, געזונטן, שטאַרקן אַנימאַ־ליזם. זי האָט צוגעצויגן צו זיך מיט אַ גוואַלטיקן עראָטישן כּוח און כאָטש נאָך יונג אין יאָרן — איז זי געווען שוין ווײַב.

די גאַנצע חברה אונדזערע, דיכטערס, שרײַבערס, סתּם פאַר־חלומטע בטלנים, האָבן זיך באַלד אויסגעטיילט אין צוויי „לאַגע־

רן״: די וואָס האָבן זיך פאַרליבט אין קעניע, און די אַנדערע, וואָס האָבן געשטרעבט צו דאָרען.

קובי וואָהל (אַליין אויך אַ צוגעקומענער פון זײַן שיינעם קימפּולונג) האָט באַלד באַהערשט דאָרען. און קעניע איז באַלד געוואָרן „יאַנקעלעס״. ס׳איז געוואָרן אַ פאַקט, אַז קעניע און דער פּאָעט יעקב פרידמאַן ז״ל, זענען איינס און נישטאָ וואָס ווײַטער צו האָפן און צו רעדן. און ביז צו זײַן טויט זענען זיי געבליבן „איינס״.

די צוויי קראַסאָוויצעס זענען, הייסט עס, געווען „פאַרלוירן״ פאַר אַלע. אָבער די ראָמאַנטיש־סענטימענטאַלע פאַרליבטקייט־שטימונג פון יענעם זומער איז געבליבן דעם גאַנצן זומער, און מ׳האָט געגאָסן דעם כּישוף און דאָס שפּיל פון די הייסע טעג און נעכט אין אונדזער טשערנאָוויץ.

אונדזער שטאָט האָט געבליט. און נישט נאָר מיט בעז און מיט אַקאַציעס און קאַשטאַנען־ביימער אין אירע פּאַרקן און אויף די סקווערן — נאָר געבליט האָט טשערנאָוויץ מיט יידישער פּאָעזיע און יידיש־דײַטשער ליריק, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום אונדז.

גרויסע דיכטער — יידיש — און אויך דײַטש־שרײַבנדיקע האָבן געלעבט און געווירקט צווישן אונדז אין יענע יאָרן.

די צוויי גיגאַנטן — שטיינבאַרג און מאַנגער — האָבן אונדז דעמאָלט געהאַלטן אין אַ שטענדיקער, אָטעמלאָזער באַגײַסטע־רונג — מיט זייערע משלים און באַלאַדעס. און אַחוץ די צוויי „גרויסע״ האָט זיך שוין געלאָזט דערקענען דער נאָכוווּנק: פרידמאַן, קאַזשבער, לערנער, ווײַנינגער און די „דײַטשן״: ראָזע אויסלענ־דער, ראָזענקראַנץ, באַרגול־פּערגער, קינסטנער, גאַנג, און שפּע־טער דער יונגער סעלאַן. מ׳האָט שפּאַצירט אין די גרין־שאָטנדיקע, פאַרחלומטע, שטילע אַלייען פון דעם שיינעם, אַלטן פּאַרק מיט דעם קייסערלעכן נאָמען: האַבסבורג־הײַע און מ׳האָט געפירט געשפּרעכן אָן אַ סוף, זיך געלאָזט טרײַבן פון די זומערדיקע שטימונגען און געלעבט אַ פול לעבן.

קובי וואָהל איז געווען אַ נײַער צווישן אונדז. מיר האָבן אים געזען ווי אַן איינציקן, אַנדערשדיקן, ווײַל זײַנע לידער זענען נישט געווען אין דער ליניע און נישט אין דער יונגער טראַדיציע פון ליריזם און ראָמאַנטיק, אין וועלכער ס'האָבן געשאַפן די אַנדערע; קובי האָט אונדז אַלע איבערראַשט מיט דעם רעבעליש־צאָרנדיקן קלאַנג פון זײַנע פערזן, וואָס האָבן גערופן צום פּראָטעסט און צום קאַמף קעגן דעם אומרעכט און הונגער אויף דער וועלט! דיקטירט פון זײַן אייביק וואַכן, סענסיטיוון סאָציאַלן געוויסן, האָט ער אַרײַנגענומען אין זיך דאָס גאַנצע וועלטאומגליק און אַרויסגעשריגן זײַן צאָרן:

איך קום צו אײַך, ברידער,
פון די טיפענישן וועלכע זענען
טאָקע אין אײַך אַליין
און כ'טראָג דעם שטורעם אין מײַן מויל
ווי אַ וועקרוף.

(צוואה)

אין יענעם זומער איז קובי אָבער אַרומגעגאַנגען אַ שיכורער פון פּאַרליבטקייט: דאָרע איז געוואָרן זײַן „פּײַן און זײַן לוסט". זיי האָבן באַלד חתונה געהאַט. אָבער אויך אין זייער ווײַטערדיקן לעבן איז זי געבליבן זײַן אינערלעכע פּײַן. זײַנע איבערלעבונגען וועגן דאָרען האָבן זיך אָפּילו נאָך דער חתונה אויך נישט אײַנגעשטילט.

איך געדענק ווי איך האָב אים געפרעגט:

„גייסט אַרום ווי נישט קיין היגער. ביסט פֿאַרליבט איבער די אויערן. איז ווו זשע זענען דײַנע ליבעלידער? ווי קומט עס, אַז דו זינגסט נישט פון דײַן גרויסער ליבע אין הונדערט הייסע ליבע־לידער?"

„יאָ — זאָגט ער מיר דערויף — ס'וואָלט זיך געוואָלט זינגען און באַזינגען מײַן פּײַן און מײַן לוסט אין הונדערט לירישע געזאַנגען... אָבער, ווייסטו דען נישט, אַז ליריק און ליבעגעזאַנגען וואָלטן

איצט געוועזן פאַר מיר אַ מין זינדיקער לוקסוס. ס'איז איצט נישט די צײַט צו שרײַבן ליבעלידער. כּל־זמן הונגעריקע קינדער שטרעקן אויס זייערע מאָגערע הענטלעך און בעטן בײַ דער מאַמען אַ שטיקעלע ברויט און די מאַמע האָט נישט זיי צו דערלאַנגען — מוז איך אויסשרײַען זייער געשריי, אויסזינגען זייער נויט".

כּמעט יעדן טאָג פלעג ער קומען צו אונדז, אין מײַן טאַטנס שטוב.

שעהען זענען מוניו און איך געזעסן און זיך צוגעהערט צו זײַן פּירלייענען פאַר אונדז זײַנע לידער, זײַנע מאָנאָלאָגן. וואָרעם דאָס זענען טאַקע געווען מאָנאָלאָגן — אין אַ האַמלעטישן נוסח, פול מיט טיפע איבערלעבענישן און צווייפל און קאָנפליקטן. אַרײַנ־קומען פלעגט ער מיט אַ געשריי, שטענדיק מיט אַ נײַעם פּראָטעסט, מיט אַ שפּאָגל נײַער קעגנערשאַפט קעגן עפּעס וואָס אומרעכטס אין דער וועלט. און די וועלט האָט דאָך נישט געקאַרגט מיט אומרעכט. קומען פלעגט ער גאַנץ פרי, אָדער גאַנץ שפּעט אין אָוונט און זיך באַזעצן אויף שעהען און שעהען — נישט קוקנדיק אויף מײַן מאַמעס שטרענגער, אומצופרידענער מינע.

זי האָט זיך געקלאָגט: „דער נײַער פרײַנד אײַערער — ער איז דאָך באמת אַ ווילדער! ער שטורעמט אַרײַן אין שטוב, פרעגט נישט, צי ס'איז אַ רעכטע צײַט צו קומען צו גאַסט, צי אפשר נישט, הייבט אָן גוואַלדעווען, דעקלאַמירט, אַז מען קאָן אים הערן אויף הונדערט מײַל די ווײַט... נו, זאָגט אַלײַן, איז דאָס אַ מאַניר פון אַן אָנשטענדיקן מענטשן?"

אָבער באַלד איז מײַן קאָנווענציאָנעלע, שטרענגע מאַמעלע אויך אַרונטערגעפאַלן אונטער זײַן צויבער.

„אַ ווילדער בין איך? שרײַט ער צו איר, אַ ווילדער, זאָגט איר? יאָ, פרוי דאָקטאָר אַלטמאַן, אמת, אמת!! אָבער ווער, ווען נישט אַזאַ ווילדער ווי איך, קאָן זיך אַזוי ווילד פאַרליבן אין אײַער חן? ווער פון אײַערע הויך ציוויליזירטע צירלעך־מאַנירלעכע פאַר־שוינים האָט שוין אַ מאָל אָפּגעשאַצט ווי עס דאַרף צו זײַן אײַער

קלוג שמייכעלע? די טונקעלע אייגעלער הינטער די ברילן? אײַער איראָניש לאַכעלע?״ געזאָגט, און זי אַרומגענומען און זיך געלאָזט אין אַ טאַנגאָ מיט איר — נישט קוקנדיק אויף אירע לוסטיקע פּראָטעסטן. זי האָט פּראָטעסטירט — אָבער שוין אַ באַזיגטע.

מײַנע עלטערן האָבן זיך שוין לאַנג פֿאַרליבט אין אים — ווי מיר אַלע. אָט זע איך אים פֿאַר מײַנע אויגן:

אַ הויכע, שלאַנקע געשטאַלט. פֿער שוואַרצע, געדיכטע, ווילדע האָר... אַ צעשויבערטע טשופּרינע איבער אַ שמאָלן שטערן.

ברענענדיק־שוואַרצע, זוכנדיקע, לויכטנדיקע אויגן. אַן איידל־געבויגענע, אַריסטאָקראַטישע נאָז. די אונטערליפּ אַרויסגעשפּאַרט אויף פֿאָרנט, דאָס גיט דעם גאַנצן שיינעם פּנים אַן אויסדרוק פֿון קינדערישקייט און שפּילעוודיקייט.

„מײַן קאַ־אונד־קאַ־ליפּ — זאָגט ער לאַכנדיק, — מײַן קייסערלעך־און־קעניגלעכע האַבסבורג־ליפּ״.

אויפֿן קאָפּ — אַ ברייטן קאַפּעליוש און אונטער דעם קאָלנער פֿון זײַן העמד — אַ זײַדענע „מאַשע״ (אַ באַנט) אַ לאַ די פֿראַנצייזישע אימפּרעסיאָניסטן פֿון דער פּאַריזער באָהעמע.

דאָס רעקל נאָכלעסיק און דאָך עלעגאַנט איבערגעוואָרפֿן איבער די ברייטע, יונגע פּלייצעס, ממש אַ פּרינץ — אָט אַזוי איז ער אַרײַן צו אונדז.

די גאַנצע יונגע פּלעיאַדע דיכטערס און שרײַבערס, די ייִדישע, ווי אויך די דײַטש־שרײַבנדיקע — אַלע זענען געווען אונטער זײַן מעכטיקן צויבער. זײַנע לידער זענען נישט געווען פּראָגראַמאַטישע און מ׳האָט זיי נישט געקענט קאַטעגאָריזירן ווי „טענדענציעזע״ אָדער „סאָציאַלע״. די נביאים פֿון יענע יאָרן (דײַטשע) זענען געווען: בערט ברעכט, יאָהאַנעס בעכער, עריך מיזאַם, און אַנדערע, וואָס האָבן זיך אַליין גערופֿן „פּלאַקאַטן־דיכטערס״. זיי זענען אַלע געווען תּלמידים און חסידים פֿון דעם רוסישן גיגאַנט — מאַיאַקאָווסקי.

זיי האָבן שטאָלצירט מיט דער סאָציאַלער, שטרענג אָביעקטי־

ווער דיסציפּלין און דירעקטקייט פון זייערע קלאָרע, פּאָליטישע, מאַניפעסטאַרטיקע לידער. אָבער קובי וואָהל האָט אין זײַנע לידער אַרײַנגעלייגט זײַן גאַנצן צאָרן, אין זײַנע שורות האָט זיך געהערט דער שרײַ פון פּײַן, די אייגענע טיפּע עמאָציאָנאַליטעט האָט געגעבן דעם לייטמאָטיוו צו זײַנע ריכטונגען. ער האָט נישט געוויזן אין זיי דעם וועג. ער האָט גערופן צום פּראָטעסט און צום קאַמף, אָבער אין קאָנטראַסט צו די אויבן אָנגערופענע פּאָעטן פון אונדזער צײַט, האָט ער נישט פאַרגעשריבן ווי אַזוי און אויף וואָס פאַר אַ וועג מען דאַרף גיין, כּדי צו קומען צו דעם אַלגעמיינעם ציל — צו גערעכטיקייט און זאַטקייט פאַר אַלע.

ער איז געווען טיף באַאײַנדרוקט פון די סאָציאַלע דיכטערס. ער האָט זיי אָפּט און מיט פּאַטאָס דעקלאַמירט פאַר אונדז. אָבער ער איז ווײַטער געגאַנגען זײַן אייגענעם, עמאָציאָנעלן וועג אין זײַנע לידער.

אָנהייבנדיק פון יענעם זומער 1932 און אין די פאָלגנדיקע 3 זומערס ביז צו זײַן פריִען טויט (דעצעמבער 1935) זענען מיר געבליבן אין אַ שטענדיקן, אינטימען קאָנטאַקט מיט קובין. פון פּראָג האָבן מיר זיך רעגלמעסיק איבערגעשריבן מיט אים. זײַנע בריוו האָבן בײַ אונדז אַרויסגערופן דעם זעלבן שטאַרקן עמאָציאָנעלן עכאָ, ווי די געשפּרעכן מיט אים. ער האָט אין זײַנע בריוו ווייניק וואָס דערציילט וועגן זיך און דאַרען. ווי אויך אין די געשפּרעכן, זיצנדיק בײַ מײַנע עלטערן אין שטוב, אָדער שפּאַצירנדיק אויף אונדזער געליבטער האַבסבורגס-הערע, האָט ער „פאַרזאָרגט די וועלט״ און געשריבן הייס, פּאַטעטיש, שטענדיק מיט זײַן סענסי־טיוון וועלט-געוויסן, גאַנץ וואַך און גרייט צו רעבעלירן. איך האָב געהאַלטן זײַנע וווּנדערלעכע בריוו ווי אַן אוצר. אָבער זיי זענען פאַרלוירן געגאַנגען, פאַרברענט געוואָרן מיט אַלע אונדזערע יידישע אוצרות — אין דער צײַט פון אונדזער גרעסטן קאַטאַקליזם.

אין איינעם פון יענע זומערס איז קובי אַ מאָל אַרײַן אין שטוב מיט אַ געשריי: „ווערא, מוניו, וואָס טוט איר דאָ? איר עסט?

לייגט אַוועק די גאַפּלען און די לעפלען. נישטאָ קיין צייַט צום עסן. לייענט, לייענט און טאַקע שוין, טאַקע די מינוט דעם „ערדגייַסט". (אַ דראַמע פון ווערעקינד). איר מוזט עס לייענען. ס'איז אַ קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו פאַר אײַך. וואָרעם אַט דער „ערד־גייַסט" זייַנער, „לולו, לולו" — דאָס איז דאָך — אַנו, ראָט: — ווער קאָן דאָס זייַן?"

„קובי־לעבן, — רוף איך אויס לאַכנדיק — באַרויִק דיך — פון וואַנען זאָלן מיר וויסן וועמען ווערעקינד האָט געמיינט מיט דעם „ערדגייַסט" מיט דייַנעם, אַז מיר האָבן אים נאָך נישט געלייענט? האָב רחמנות, שרייַ נישט אַזוי. לאָז אונדז אָפּעסן דעם מאָלצייַט און דערנאָך וועל איך נעמען דאָס ביכל אין דער ביבליאָ־טעק און דערנאָך..." „אוי, — שרייַט ער ווילד און וואָרפט מיר צו אַ בוך, וואָס ער האָט געטראָגן אין זייַן האַנט — אוי, כ'האָב געוווּסט אַז ווערסט דאָס זאָגן... נאַ דיר, אַט האָב איך אײַך געבראַכט די דראַמע... נישטאָ קיין תּירוצים... לייענט, לייענט עס איבער און איך וועל ווידער קומען אין אַ שעה... און מיר וועלן רעדן..." און ער איז ווי אַ וויכער אַרויס פון שטוב...

„איצט ווייסט איר שוין — וועמען ער באַשרייַבט דאָ? דאָס איז דאָך מייַן דאָרע, דאָרע, דאָרע — דער ,ערדגייַסט'!!!! אוי, איר זענט דאָך נישט קיין בלינדע!! זעט איר זיך נישט, אַז דאָס איז דאָרע??? האָט, הייסט עס, געדאַרפט קומען דער פּראָגער גוי, ווערעקינד, און מיר געבן צו פאַרשטיין ווער ס'איז מייַן דאָרע! ביז הייַנט האָב איך, אידיאָט, איך, נאַר, זיך געגריבלט און געראָטן אויפן צימבל: ווער איז דאָרע? ווער איז דאָרע? ווי הייבט מען אָן זי צו באַנעמען? ווער און וואָס איז זי? אַט זאָגט ער מיר דאָ אויס דעם סוד: זי איז דער אייביקער ערדגייַסט, זי איז די נאַטור. די גאַנצע, אומבאַזיגלעכע נאַטור, און מען טאָר זי נישט זוכן אונטער די סטאַנדאַרטן פון ציוויליזאַציע. בשום־אופן נישט. מען וועט זי דאָרט נישט געפינען. זי איז די ערד גופא! עס שמעקט פון איר מיט ערד, מיט גראָז, מיט סנאָפּעס פרישן היי! זי איז אַ

סטיכישע געשטאַלט, נאַקעט און גרויס און שטאַרקער ווי אַלע אַנדערע און מײַנע מאַנירלער. זי שפּײַט אויף אונדז. זי איז דער ווינט אין פעלד, דער רעגן, וואָס פאַלט אַראָפּ פון די וואָלקנס. זי איז אייביק און גרויזאַם און גיט קיינעם נישט אָפּ קיין רעכענונג. זי לאָזט וואַקסן און זי צעשטערט אין אַ שטורעם דאָס, וואָס זי האָט געלאָזט וואַקסן. און קומען מיט מאָראַלישע פאָרווורפן צו דעם ערדגײַסט — איז לעכערלעך און עס ווײַזט נאָר נאָך מער ווי הילפלאָז דער מענטש איז אַקעגן איר. און איך, שלימזל, איך, נאַר, האָב געוואָלט זי אַרײַנשטופּן מיט גוואַלד, אָדער מיט מײַנע נאַרישע, מאַכטלאָזע טרערן — אין דעם ענגן רעמעלע פון „קולטור". אָבער וועדעקינד האָט מיר אויפגעמאַכט די אויגן. פון הײַנט אָן קעמף איך נישט מער קעגן דעם אַלמעכטיקן פענאָמען דאָרע. זי מעג שוין טאָן וואָס זי וויל מיט מיר... איך בין איר אונטערמאַן, איר שקלאַף, נישט מער..."

דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער האָט גערעדט וועגן דאָרען און פון זײַן קאָמפּליצירטער באַציונג צו איר. מירביידע זענען געזעסן שטומע און זיך דערשיטערט צוגעהערט צו זײַן מאָנאָלאָג.

אָן אַנדער מאָל שטורעמט ער אַרײַן אין שטוב און שרײַט אויס אויף אַ קול: „איך האָב עס געפונען! איך האָב עס געפונען... דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס איך האָב געזוכט אַזוי לאַנג און הײַנט איז עס דאָ — שוואַרץ אויף ווײַס. הערט זיך אײַן..." און ער שטעלט זיך אַוועק אין מיטן צימער, אין אַ טעאַטראַל־עקסטאַטישער פּאָזע און הייבט אָן דעקלאַמירן זײַן נײַעסטע ליד.

אַזוי וויל איך די ברידער דערוועקן צום קאַמף,
זייער נאַכטישן שלאָף פאַרשטערן.
די הערשערס מיט קללה דערשלאָגן! די קנעכט —
בענטשן צו ווידערשטאַנד שווערן...

(צוואה)

אָפט מאָל האָט קובי געפּרוּווט אונדז ביידע צו באַאײַנ־פלוסן, צו בײַטן אונדזער סטיל פון שאַפן:

„שוין ווידער אַ לירישע נאָוועלע, ווערא? דײַן נײַע זאַך „גרינע אויגן" איז גאַנץ פֿײַן אָנגעשריבן. עס לייענט זיך גלאַטיק... אָבער דאָס לעבן אַרום דיר בושעוועט מיט טויזנט שטורעמס! דאָס לעבן אַרום דיר איז גאָרנישט אַזוי גלאַטיק... איז פון וואָס שרײַבסטו? וועגן וואָס שרײַבסטו? די וועלט ברענט און זי שרײַבט וועגן אַ פּאָר מיידלשע גרינע אויגן. זיצט און שרײַבט, אַזוי ווי נישט זי מיינט מען. און וויל נישט וויסן, וויל נישט וויסן... נו, און טאַקע דו, ברודער מוניו? זינגסט אויס דײַנע ניגונים גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. אמת, דײַן רילקע־ליד גייט נישט אַרויס פון קאָפּ, ווער ס'האָט עס געהערט, דער גייט שוין אַרום אויף אייביק אַ שיכּורער פון דײַן ניגון און איך אַליין גיי אויף דער בכּבודיקער הערצן־גאַסע און ברום עס אונטער אָן אַ סוף, אָבער, מוניו טײַערער, אַזאַ טאַלאַנט פאַרפּליכטעט דיך צו זינגען אַנדערע לידער... אויף אַנדערע טעקסטן... אויף מײַנע טעקסטן! זאָלן דײַנע לידער מיט־רײַסן מיט זייער מעכטיקן ריטעם די מחנות מענטשן, וואָס דאַרפן אויפשטיין און גיין אין אַ מאַרש איבער די גאַסן פון דער גאַנצער וועלט. ווײַז זיי מיט דײַן ריטעם, רוף זיי צו אַ דעמאָנסטראַציע, אויף באַריקאַדעס! צינד זיי אָן מיט דײַן געזאַנג, ניץ אויס דײַן טאַלאַנט פאַר זיי, וואָס שטרעקן אויס זייערע הענט צו דיר. צו אונדז, צו די יונגע שעפערישע כּוחות פון אונדזער צײַט, ליבע־לידער? שפּעטער, שפּעטער... איך אַליין וועל דיר ליפערן ליבע־לידער, אַ מיליאָן ליבעלידער. און דו וועסט זיי פאַרטאָנען. איצט איז אָבער נישט די צײַט דערצו. איז לאָזט מײַן הײַנטיק ליד צערײַסן אײַער שלאָף"...

מיר, זײַנע פרײַנד, שרײַבערס און פּאָעטן האָבן, צווישן זיך, קריטיקירט זײַן האַלטן זיך, זײַן סטיל — אין דער דיכטונג, ווי אויף אין לעבן. מיר האָבן קריטיקירט זײַן טעאַטראַלישקייט, און מיר האָבן אָנגערופן „פּאָזע" זײַן מאַניר צו דעקלאַמירן און זיך דערבײַ

אַנידערשטעלן אין מיטן שטוב דראַמאַטיש־עפעקטפול, וואָס האָט אויסגעזען ווי איינגעשטודירט, ווי פאַר דער בינע.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען קובי וואָהל איז שוין מער נישט געווען צווישן אונדז — ווען ער איז געוואָרן פאַר אונדז אַ ליבלעכע דערמאָנונג, ממש אַ סימבאָל פון אונדזער אייגענעם שטורעם־און־דראַנג — דערנאָך ערשט האָבן מיר באַגריפן, אַז אָט די טעאַטראַליִשקייט זײַנע און די „פּאָזע" — זענען געווען קובי וואָהל אַליין; אָן אינטימער, עכטער אויסדרוק פון זײַן גאַנצן נפש. ער אַליין האָט אָפט מאָל אָפּגעלאַכט פון זײַנע צו רײַכע, שטורמישע זשעסטן. ער האָט פאַרמאָגט הומאָר און איראָניזירנדיק אַנדערע האָט ער געקאָנט לאַכן מיט זײַן גאַנצן אימפּעט — אויך פון זיך אַליין.

זע איך אים פאַר מיר: ער זיצט מיר צופוסנס און רעדט. די שטוב איז אָנגענעם פאַרטונקלט. די מאַמע האָט צוגעמאַכט די לאָדנס, כּדי די נאָכמיטאָג־זון זאָל נישט אַרײַן אין צימער. ס'איז קיל און שטיל. קובי דעקלאַמירט אַ ליד זײַנס. ער דעקלאַמירט גוט, דראַמאַטיש, קלאָר און מיט ברייטע, רײַכע זשעסטן. דער עפעקט איז אַ היפּנאָטיש־אינטענסיווער. ער רײַסט אונדז מיט, אי מיט דעם טעקסט, אי מיט זײַן טעאַטראַליִשקייט.

און די אָפּפלוסן קוקן
מיט פאַרשטאַרטע טײַכן
ווי מיט פאַרגלעזטע אויגן
אין נעפּל זיך אײַן:
„האָ, די זון איז ווײַט
און די וועלט אַזוי אַליין!!!"

(„ליד אין הערבסט־מאָלל")

אויף תּמיד איז בײַ מיר פאַרבליבן די דערמאָנונג פון יענעם שטילן נאָכמיטאָג, אין דעם פאַרטונקלטן צימער, און די לעצטע צוויי שורות פון זײַן ליד:

„אַ, די זאַנגע איסט ווײַט / און די וועלט זאַ אַליין...“

אַ מענטשלעכער פאַקל איז ער געווען, וואָס טראָגט דעם פלאַם אין דער גאַרער וועלט און וויל אָנצינדן און צינדט טאַקע אָן אַ פײַער אין די „אַנדערע“, די וואָס ביז צו אים זענען זיי געבליבן „קאַלט און גלײַכגילטיק“ קעגן דעם אומרעכט אַרום זיי.
אין דעם זעלבן זומער פון זײַן קורצן לעבן — זומער 1935 — האָבן מיר זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אַט דער יונגער, נײַער פראָמעטעוס, דער פאַסיאָנירטער טרובאַדור פון הונגער, נויט און אויסגעשטרעקטע קינדערהענט, לעבט זײַנע לעצטע חדשים. פון אים האָט אַלץ נאָך אויסגעשטראַלט דער אַלטער כּוח פון אַ יונגן נביא. זיך צוהערנדיק צו זײַן פּאַטאָס האָט מען בשום־אופן נישט געקאָנט אָנען, אַז דאָס זענען די לעצטע וואָכן פון זײַן טײַערן לעבן.

אָבער באַלד נאָכן זומער, אין האַרבסט, איז קובי אַוועקגע־פאַלן מיט אַ סודותפולן פיבער. די דאָקטוירים האָבן זיך פאַרלוירן און זיי האָבן נישט געקאָנט געפינען די סיבה, דעם קוואַל פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דאָס פיבער, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרברענען אונדזער פרײַנד.

ער האָט געצאַנקט ווי אַ ליכט אונטער אונדזערע אויגן. זײַן משפּחה האָט זיך פאַרצווייפלט געוואָרפן אין אַלע זײַטן. גערופן קאָנסיליומס פון באַרימטע דאָקטוירים. מײַן טאַטע איז אויך געווען צווישן זיי און, ווי זיי, האָט ער טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. האָט נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ פלאָג דאָס איז און מ'האָט געזוכט און געראָטן. סוף־כּל־סוף, נאָך אַ סך וואָכן, האָט מען געפונען אַ נאָמען פאַר דער קרענק:

„גאַלאָפּירנדיקע שווינדזוכט“.

דאָס וואָרט „גאַלאָפּירנדיק“ איז געווען אַזוי ווי אַרויסגענומען פון קוביס אייגענעם לעקסיקאָן; ס'איז געווען פּאַסיק פאַר אים, ס'איז געווען אַ „קוביש“ וואָרט. אַ דיאַגנאָז איז, הייסט עס, שוין פאַראַן געווען. אָבער קיין רפואה האָט מען צו דעם נישט געהאַט.

פון דעסטוועגן האָט מען געבראַכט אַ באַרימטן פּראָפעסאָר פון בוקאַרעשט. ער האָט געשאָקלט מיט זײַן באַרימטן קאָפּ, נישט קיין סך געזאָגט: אָבער פאַרט געזאָגט צו דער משפּחה, אַז קיין גאַ־לאָפּירנדיקע שווינדזוכט איז דאָס בפירוש נישט. אָבער ער האָט אויך נישט געזאָגט, וואָס דאָס איז — וואָס פאַרברענט דעם יונגן מענטשן אָן רחמנות... פיר טעג פאַר זײַן טויט, אין דעצעמבער 1935, זענען מוניו און איך געשטאַנען בײַ ביידע זײַטן פון זײַן בעט. ער האָט געהאַלטן אונדזערע הענט אין זײַנע הייסע, פיבער־דיקע, פײַכטע, מאָגערע, שיינע הענט. זײַן אָפּגעצערט פּנים אין יענעם ווינטער־מאָרגן איז געווען ערנסט און שטרענג.

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז הײַנט זעט ער אויס בעסער, ווײַל אויף זײַנע באַקן האָט אויפגעפלאַמט אַ רויטע פאַרב. ס׳האָט זיך אַזוי געוואָלט האָפן... ער האָט צו אונדז גערעדט, שטיל איז געווען זײַן קול, אָבער די ווערטער קלאָר: „מוניו — האָט ער געזאָגט, — דו וועסט פאַרטאָגען מײַנע לידער. דאָס איז מײַן לעצטער ווונטש״...

מוניו האָט געזאָגט, אַז ער וועט נאַטירלעך פּרוּוון פאַרטאָגען. און פּראָטעסטירט קעגן „דעם לעצטן ווונטש״.

„הערט זיך אײַן, פּראָטעסטירט נישט, נישטאָ קיין צײַט דערויף״.

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן קאָפּ צו מיר:

„און דו, ווערא, דו זאָג מיר צו, אַז דו וועסט העלפן צונויפ־שטעלן מײַן באַנד לידער און וועסט אָנשרײַבן אַ פאָרוואָרט. זאָג מיר צו״.

„זיי רויִק, קובילע, זיי רויִק. איך זאָג דיר צו״.

איך געדענק, אַז דערבײַ איז געווען אויך קוביס פאָטערלעכער פרײַנד און מענטאָר יצחק פאָנער ע״ה. ער איז געזעסן בײַם טיש און געטרונקען אַ גלעזל קאַווע.

ער האָט אונדז דערנאָך אַרויסגעפירט אין אַ צווייטער שטוב און אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן ווײַטער צונויפנעמען געלט בײַ

פריינד; מען מוז נאָר ברענגען אַ צווייטן דאָקטאָר פון דער הויפּטשטאָט. מען מוז אים ראַטעווען.

נישט מוניו און נישט איך האָב ביז היינט נישט געקאָנט אויספילן אונדזער צוזאָג... מוניו זאָגט אַלץ נאָך, אַז קוביס לידער טראָגן אין זיך זייער אייגענע, אָרגאַנישע מעלאָדיע און זיי רופן נישט צו קיין צווייטער פּאַרטאַנונג. און איך... איך דעק ערשט איצט מיין אַלטן חוב.

אַ סך ווערט בלייבן נישט דערזאָגט אין מיין קאַפּיטל קובי. און ער אַליין האָט אויך אַ סך נישט דערזאָגט, נישט דערזונגען און נישט אויסגעלעבט.

גאָר ווייניק לידער זענען געבליבן פון אים. אָבער זייער קלאַנג לעבט אין אונדז אַלע, אין די וואָס האָבן געהאַט די גרויסע זכיה צו קענען אים.

קובי וואָהל איז געווען נאָר זיין אייגענער אָנהייב. דער המשך — איז די ביטער־זיסע דערמאָנונג אין אונדז, זיינע פריינד.

1966

לידער

אַ ליד אַזוינס...

כ׳וואָלט וועלן אָנשרײַבן אַ ליד אַזוינס
אָן אָנהייב און אָן סוף.
ווי אַ ים, למשל, אָן אַ ברעג,
אָן האָריזאָנטן, אָן אַן עק.

דאָס ליד זאָל קלינגען אייביק־לאַנג.
שטאָט פּונקטן, קאָמאָס, אַפּאָסטראָפן —
נאָר פֿרעגצייכנס בײַ יעדער שורה,
צו פֿרעגן טויזנט־און־איין שאלה:

פֿאַר וואָס?
צו וואָס?
פֿאַר וועמען?
פֿון וואַנען און וווּהין?
וווּ ליגט דער מיין?
פֿאַראַן אַ זין צום גאַנצן הקדש?
פֿאַראַן אַ טרייסט כאָטש פֿאַר איין טרער?
פֿאַראַן אַ ניגון צו מײַן תּפֿילה?
גיט עמעץ אַכט?
פֿירט עמעץ אָן דעם טאַנץ, דעם ווילדן?
האָט עמעצער רחמנות מיט מײַן פּלאָג?
וועל איך אַ מאָל, אַ מאָל דערוויסן זיך דעם סוד?
צי טאַקע קיין מאָל, קיין מאָל ניט?
בין איך אָן אָנהייב, בין איך סוף?
געקומען אויף דער וועלט פֿאַרענדיקן אַ בוי?
צי סתּם אַ צופֿאַל איך, אַ שיכּורער, אַ שפּאַס?
גיי איך צו עמעצן צו גאַסט?
וואַרט עמעץ דאָרט אויף מיר

אוּן עפנט ברייט די טיר פֿאַר מיר?
צי וועל איך אויסגיין וואַנדערנדיק אויף וועגן
וואָס פֿירן אין ערגעץ, ’נערגעץ ניט?
נאָר אין אַ ליידיקן תּחום?
איז הייסט עס, אפשר וואַנדער איך אומזיסט
דורך טויזנט שוואַרצע נעכט, וואָס זענען אָן קאַיאָרן,
דורך שרעקלעכע חלומות אָן דערוועק,
אַ נאַכטיש קאַלטער גאַנג. אָן מאָרגן. אָן אַן עק?

איז קיינער נישט בײַ מיר,
ווען ס׳הייבט זיך שווער די ברוסט
פֿון צער, פֿון ווייטאָג, פֿון אַ זיפֿץ?
גיט קיינער מיר קיין האַנט?
בין איך אַליין, ווי דו און דו אַליין, ווי איך?

וואָס זאָגן מענטשן, זאָג:
פֿאַראַן אַ גוטס?
מען דאַרף נאָר גלייבן אין דעם און עס וועט פּלוצעם זײַן?
און נאָך דער לאַנגער נאַכט, אַ ליכט באַווײַזן וועט זיך
אויף די פֿינצטערע שויבן?
אַ גאָלדן ליכט אַזוינס, אַ זונשיין און אַ טאָג...
איז הייסט עס — גוטס פֿאַראַן?
אָך, טאָמער יאָ — זאָג: ווו?
און טאָמער ניט — ווי לאַנג נאָך זוכן?

כ׳וואָלט וועלן אָנשרײַבן אַ ליד אַזוינס
אָן אָנהייב און אָן סוף.
ווי אַ ים, למשל, וואָס אָן ברעג,
אָן האָריזאָנטן, אָן אַן עק.
אַ ליד אָנשרײַבן און פֿאַרגיין אין אים.

דילעמע

מען וואַרפט מיר אויס:
רעדסט לאַנגע רייד,
שרײַבסט לאַנגע בריוו,
זינגסט לאַנגע לידער.
וועל איך עס מאַכן בקיצור:
געבוירן, כ׳לעב, און איך וועל שטאַרבן.
גוט אַזוי? אָבער:
צווישן די אַלע זאַכן — ליגט פּאָרט אַ ים פון לעבן,
אַ ים אָן ברעג, סתּם לעבן!!!
איז וואָס זשע טוט מען, פרײַנד?
ווו געפינען אַ קורצקייט פאַר אַ ים?
לערנט מיך אויס, איך בעט אײַך.
לערנט מיך אויס.
ענטפערט מען מיר:
וועסט רעדן לאַנג — וועט מען זיך ניט צוהערן
צו דײַנע רייד.
וועסט שרײַבן לאַנגע בריוו — וועט מען
אַוועקלייגן זיי אומגעלייענט.
וועסט זינגען לאַנגע לידער — וועט מען פאַרשטאָפּן זיך
די אויערן מיט אומגעדולד.
די וועלט האָט ניט קיין צײַט. פאַרגעס דאָס ניט.
איז וואָס זשע טוט מען, פרײַנד?
גאָרניט.
בלײַב איך בײַ מײַנס און זיי בײַ זייערס.
איך מיר — ווי איך.
איר אײַך — ווי איר.
ניטאָ קיין ענטפער.
אָט אַזוי.

די מאַמע און דער קאָמיסאַר

געהייליקט דינה רויטקאָפּ ע״ה

מאַמע:

באַלד פינף יאָר וואָס כ׳וואַרט מײַן זון.
באַלד פינף יאָר וואָס איך האַלט אין איין פרעגן:
„פאַר וואָס? פאַר וועלכע זינד האָט מען פאַרמאַכט
די שטאָלענע טיר פאַר אים?

ווו ליגט זײַן תּפיסה?
ווי טיף דער שנײ פאַר יענע טירן?
ווען לאָזט איר אים אַרויס, אַרויס
צוריק צו מיר?
פינף טויזנט בריוו האָב איך אַוועקגעשיקט.
פינף טויזנט בריוו געשריבענע מיט בלוט און
טרערן — ניט מיט טינט.
איך שרײַ אין זײ:
באַפרײַט מײַן קינד, הער קאָמיסאַר —
איך קאָן מײַן קינד, ניט גרויס
קאָן זײַן זײַן זינד!
אָן שולד איז ער.
נאָר טאָמער יאָ מיט שולד,
בעט איך אײַך העפלעך זײער און
זײער:
ענטפערט מיר כאָטש אויף איינעם פון
די פינף טויזנט בריוו מײַנע״.

קאָמיסאַר:

(שווײַגט).

מאַמע:

ס׳קאָסט ניט קיין מי פּאַר אײַך,
ענטפערט אויף מײַן רוף.
אַ שורה, אָדער צוויי, איך בעט אײַך:
 ווי לאַנג וועט דויערן זײַן שטראָף?
ווי גרויס איז זײַן פאַרברעך?
וווּ איז מײַן קינד אַצינד?
ווי הייסט דער אָרט?

קאָמיסאַר:

(שווײַגט).

מאַמע:

נאָר טאָמער לייענט איר ניט
די בריוו,
איז קלינג איך אײַך אין טעלעפאָן:
האַלאָ!
איר הערט מײַן רוף?

קאָמיסאַר:

(מיט אַ ביוראָקראַטישן הוסט)
קבע — קבע... וואָס שרײַט איר, פרוי?
איך בין ניט טויב.
רעדט ווי אַ מענטש, מאַדאַם!

מאַמע:

איך בענק אַזוי נאָך אים.
בײַ נאַכט הער איך זײַן שטים,
זײַן יונגע טיפע שטים,
און איך פאַרגיי פון בענקשאַפט,

קאָמיסאַר!
ס׳גייט אויס מײַן אָטעם, האַר!

קאָמיסאַר:
גערולד, מאַדאַם, געדולד!

מאַמע:
וואָס הער איך, קאָמיסאַר?
איר זאָגט נישט „ניין"?
נישט זאָגן „ניין!" —
הייסט דאָך, אַז אפשר — „יאָ"?

קאָמיסאַר:
(בייז)
איך זאָג ניט ניין — איך זאָג ניט יאָ,
איך זאָג: אַדיע, מאַדאַם!
(וואַרפט אַוועק דעם טעלעפאָן).

מאַמע:
(זי שרײַט אַזוי הויך, אַז ער דערהערט זי
אָן דעם טעלעפאָן)
וואָס מיינט איר, האַר? רעדט, זאָגט, דערזאָגט.
איך לאָז זיך אויס פאַר צער.

קאָמיסאַר:
(לאַנגזאַם)
פאַראַן אַ וועג...
איך גלייב אָבער ניט, אַז איר זענט גרייט
זיך מקריב זײַן פאַר אים,
איז לאָמיר גאָרניט רעדן פון דעם וועג...

מאַמע:

איך בין גרייט.
גרייט אַלץ טאָן פֿאַר אים.
זאָגט מיר דעם וועג, איך בעט אײַך,
זאָגט, איך בעט אײַך, זאָגט!

קאָמיסאַר:

(סאַרקאַסטיש)
איז הייסט עס — ניטאָ קיין זאַך צו שווער
פֿאַר אײַך?
האַ — האַ...
לאָמיר פּרוּוון:
— איר ווילט אים זען,
הערן זײַן שטים —
וואָלט איר געקאָנט דאָס מקרבֿ זײַן?

מאַמע:

אָ, גיט מיר נאָר איין טאָג מיט אים.
איין טאָג צו גלעטן שטיל זײַן פּנים.
איין טאָג גיט מיר...
גיט מיר איין טאָג — אַרויסגיין אויפֿן שוועל
מיט אים
און ווײַזן אים דאָס לאַנד, די גאַס...
באַרימען זיך פֿאַר שכנים מיט מײַן זון.
פֿינף יאָר האָבן זיי געזען נאָר טרערן.
גיט מיר איין טאָג צו ווײַזן זיי
מײַן פֿרייד...

קאָמיסאַר:

(שווײַגט).

מאַמע:

צו פיל פאַרלאַנגט?
איז גיט מיר כאָטש איין שעה.
פינף יאָר געדאַרשט — איז גיט מיר נאָר
איין שעה...

קאָמיסאַר:

(שװײַגט).

מאַמע:

איז װאָס איז דאָ פאַראַן?
זאָגט אַנדערס... כ׳װעל מסכּים זײַן...

קאָמיסאַר:

איר זענט ניט גרייט, מאַדאַם.

מאַמע:

(איר קול װערט שטילער, רעזיגנירטער)
כ׳בין גרייט... כ׳בין גרייט...

קאָמיסאַר:

אײַער לעצטן אָטעם דאַרף איך,
נאָך איידער
ער װעט קומען.
ס׳װעט אַנדערש גאָרניט זײַן.
(אַ לאַנגע, שטומע פּויזע).

מאַמע:

(קוים װאָס מען הערט זי נאָר,
װי פון װײַטן)

נעמט מײַן אָטעם,
נאָר אים לאָזט גײן — —
(ס'װערט טונקל אויף דער װעלט.
ס'װערט װידער ליכטיק.
דער זון קומט אָן אין לאַנד.
אָט זאָגט ער קדיש
אויף זײַן מאַמעס
קבר).

און טאָמער בין איך זינדיק, גאָט...

און טאָמער בין איך זינדיק, גאָט,
מיט דעם וואָס פרייילער הייבט זיך אָן מײַן טאָג
און ס׳ווילט זיך לעבן, לעבן אָן אַ שיעור
און לאַכנדיק פאַרפלעכטן זיך אין טאַנץ
און זינגען, זינגען אויף אַ קול...
ווײַל זוניק איז דער טאָג
און גלוסט ניט צו פאַרגיין!

איז טאָמער זינדיק מײַן באַגער,
טאָ, שטראָף מיך, גאָט!
נאָר שטראָף מיך ניט מיט... סוף.

שטראָף ווײַטער מיך מיט דײַנע נאַכטישע קאָשמאַרן,
אַ מײַסטער ביסטו אויף דערויף.
לאָז זיי נאָר ווײַטער קומען, יענע בלייכע שאָטנס,
באַזעצן זיך אין טונקעלע ווינקלען פון מײַן נאַכט,
די וואָס האָבן ניט דערלעבט — ווי איך,
דעם הײַנט און מאָרגן — ניט דערלעבט.
שטראָף מיך מיט קראַמפּיקן געוויין,
מיט טרערן ביטערע, פאַריתומטע — ווי איך,
וואָס ברענגען ניט קיין טרייסט
און פלאָגן מיך אַזוי...

ברענג מיר צוריק דעם זכר פון מײַן וועלט
וואָס איז פאַרברענט אָן שולד און אָן אַ מיין...
אין אויוונס פון גיהנום — אין מײַן צײַט.

לידער

דו הערסט ?
ביסטו פאַראַן ?
און טאָמער יאָ, הער מײַן געבעט
און ענטפער מיר :
ווי לאַנג דאָס שפּיל ?
דו זינדסט אָן שׂרפות
און פאַרברענסט נאָך אַלץ...
סע ברענט דײַן וועלט, דײַן ווערק, קוק ווי סע ברענט...

אין דײַנע הענט האַלטסט די גאַנצע מאַכט.
איז ווו ביסטו געווען,
ווען דאָס, וואָס קומט צו חלום מיר
איז אונטער דײַנע אויגן, גאָט, געשען ?
פאַר וואָס האָסטו נאָר מיך, מיך אַליין געלאָזט ?
אַן עדות און אַ קרבן פון דײַן שפּיל ?
די אַנדערע... דו האָסט פאַרשפּאַרט די אַנדערע אין
קאַמערן אָן אַ טיר...
און זיי אויסגײַן געלאָזט אין כמאַרעס פונעם גאַז...
פאַר וואָס ניט מיך ?
פאַר וואָס בין איך נאָך הי ?

איצט זאָגסטו דעות מיר.
אַז שיבעה זיצן מוז איך ביזן סוף.
נאָך אַלע טויטע... אַלע.
בײַ נאַכט שטייען זיי צו קאָפּנס מיר.
און קוקן שטום און שטרענג אויף מיר.
זיי שאָקלען מיט די קעפּ
און שטומערהייט זאָגן זיי צו מיר,
אַז פרייד איז — זינד.
און לאַכן — שולד.

און זײַן — איז אַ פֿאַרברעך!
ווערט מײַן געמיט מיט שטײנער שווער.
איך בלײַב פֿאַרשעמט, ס'פֿאַרשטומט מײַן ליד,
און איך באַהאַלט זיך אין דער וואַרעם פֿון מײַן בעט.

ס'גײט אויס מײַן ניגון
וואָס האָט אַ גאַנצע, פֿינצטערע נאַכט
אַזוי געשטערעבט צום ליכטיקן קאַיאַר.

איז הייסט עס — איך מוז — אָפּקומען פֿאַר דײַנע זינד?
די תּשובֿה ליגט אין דײַנע הענט.
איך בין אַ צופֿאַל בלויז.
אַ טעות בלויז, אַ טעות אין חשבון — דאָס בין איך.
פֿאַרגעסן אינעם רעש.

דו האָסט פֿאַרפּלאָנצט דעם גרויסן אומעט אין מײַן ליד.
פּרוּוו איך אים פּטור ווערן.
און... טאַנצן אין אַ טאַנץ
און זינגען אויף אַ קול...
און לעבן, לעבן, לעבן — ווי מען לעבט.

וואַרעם אַ גאָט ביסטו!
נאָר דו אַליין.
איך אָבער נישטיק, קלײן.
אַ מערעשקע, אַ ווערעמל, אַ פּונק.
לאָז מיך געמאַך!
נעם צו פֿון מיר דײַן עול.
אָפּקומען פֿאַר דײַן שולד מוזסטו אַליין, אָן מיר.
כ'פֿאַרשטאָפּ די אויערן מיר און... גולײַ! גולײַ!
די טויטע זײַנען טויט...

דעם קדיש אָפּגעזאָגט
און שטעלן ליכט נאָך זיי
וועל איך מײַן לעבן לאַנג.
איך זאָג דיר צו.
איך אָבער לעב! דו הערסט?
איך לעב!
פֿאַר וואָס זשע, מיט מײַן געזאַנג
דערהער איך זייער רוף?
ס'איז אָפּגענאַרט מײַן ליד און טונקל מײַן קאַיאָר.
און בלוטיק איז דאָס גאָלד פֿון זון.
זעט אויס, אַז זאָגן דעות דיר — קאָן ניט דער מענטש.
דו ווייסט דיר דײַנס
און ווייסט דיר מײַנס...
און איך בלײַב אַלץ געפּלעפּט, גענאַרט, אַליין, אַליין...
אַליין מיט זיך...

דו אָבער וואַרפסט אַרויף אויף מיר דײַן פּעקל שולד...
און איך?
איך נעם עס טראָגן און איך טראָג און טראָג...

ווערא האקען

באַלאַדע פון לעבן און טויט

געהיייליקט מײַן גרויסן פרײַנד אליעזר גרינבערג,
צו זײַן ערשטער יאָרצײַט.

ס׳האָט דאָס לעבן אָנגעטאָן זיך
אין אַ ווײַסן קליידל,
אויף די האָר אַ ווײַסן שלייער
ווי אַ כּלה־מיידל.

ס׳האָט דער טויט זײַן שוואַרצן מאַנטל
שטיל אויף זיך גענומען,
טרעפן וועלן זיי זיך ביידע —
צו אַ תּכלית קומען.

פרעמדע זענען זיי נאָך, פרעמדע
זעען זיך נאָר אין חלום;
צײַט שוין טרעפן זיך און מאַכן
צווישן זיך אַ שלום.

זאָל דאָס לעבן מער ניט פאָרכטן
פאַר דעם טויט, דעם שוואַרצן.
זאָל דער טויט אויך מער ניט קעמפן
ס׳לעבן צו פאַרקירצן.

און דער טויט שטייט אַ פאַרגאַפטער,
קוקט מיט הונגערבליקן,
שטרעבט דאָס זיסע לעבן זאָל אים
הײַנט באַגליקן.

„פאַר וואָס קוקסטו אויף מיר, זאָג מיר?

רעד, דו שרעקסט מיך איבער...״
„גיב מיר נאָר דײַן ווײַסן שלייער״,
זאָגט דער טויט דערווידער.

„און אַן אַרבל פֿון דײַן קליידל,
פֿון דײַן קאָפּ — איין האָר מיר.
און דעם זיסן ריח פֿון רויזן
וואָס גייט שטענדיק נאָך דיר.

גיב דײַן וואַרעמקייט, דײַן שמייכל,
צערטלען דיך און היטן
וועל איך אייביק, זײַ מײַן כּלה...
כ׳האָב געבענקט, געליטן...״

„נעם מײַן שלייער, נעם מײַן שמייכל
אָבער לאָז מיך לעבן...״
זאָגט דער טויט נאָך שטילער:
„וואָס זאָל איך דיר געבן?״

„גיב מיר צײַט, נאָר אָן אַ גרענעץ,
זאָג נישט קיין מאָל: ,שפּעט שוין׳...
טעג און נעכט און יאָרן, יאָרן
גיסטו זײַ מיר? רעד שוין!״

„טויזנט אַנדערע מתּנות
וואָלט איך דיר געגעבן.
אָבער צײַט אָן סוף, אָן גרענעץ
האָב איך ניט, מײַן לעבן!״

בלייך און אומעטיק זײַ שטייען,

וועראַ האָקען

ניט פֿאַראַן מער וועגן.
ער — צום שטאַרבן אַ פֿאַרליבטער,
זי — פֿון שרעק דערקעגן.

„לאָז מיך איין מאָל דיך נאָך קושן,
וואָרעמקייט דערפֿילן.
אפֿשר וועל איך דעמאָלט וויסן
וואָס עס איז דײַן ווילן?"

„ניין, איך שרעק זיך פֿאַר דײַן קושן,
לאָז מיך גיין פֿון דאַנען,
ווײַל אין דײַנע קאַלטע אָרעמס
וועל איך באַלד פֿאַרוויאַנען..."

שטיל אין וואַלד שוין, שטיל די נאַכט איז.
זיי זענען זיך צעגאַנגען,
יעדער איינזאַם, פּונקט ווי פֿריִער,
איז זײַן וועג געגאַנגען.

שוואַרצע קראָען אויף די ביימער
האָבן דערפֿון געזונגען,
איז דאָס ליד פֿון טויט און לעבן
ביז צו מיר דערדרונגען.

ניו־יאָרק! ניו־יאָרק! ניו־יאָרק!

געהיילקט מײַן פֿרײַנד נחמה ליפשיץ

ניו־יאָרק! ניו־יאָרק! ניו־יאָרק!
ווי האָס איך דיך און ליב דיך אין איין אָטעם!
דײַן פֿרילינג גלעט, דײַן ווינטער פּאַטשט מײַן פּנים
מיט ווינטן ווילדע, אַפּאָקאַליפּטישע ווי מאָרד
און צערטלעכע אַ מאָל — ווי כּלות בלייכע — ערב ווײַב.
מיט פֿאַלשער פֿרומקייט שטרעבט גאָטיש דײַן סאַנט־פּאַטריק.
צום הימל — וווּ ס׳שפּראָצט איינזאַם זײַן יעזויִטיש־עלעגאַנטער שפּיץ
צווישן די נײַגאָטישע, קוואַדראַטנע סילועטן.

אָן תּפֿילות האָבן זיי גאָטס אויער שוין דערגרייכט
און ס׳ענטפֿערט זיי, אין מיטן העלן טאָג,
אַ רויער שוואַרץ ווי נאַכט
וואָס פֿאַלט ווי אַ געוויין
אויף רעשנדיקע אַוועניוס פֿון מאָרגן.
און איבער אַלעמען אַ נײַער רעגן־בויגן שפּאַנט.
נישט רונד איז ער: ווי אַ פֿלאַכע בריק אָן בראשית און אָן סוף
פֿאַרבינדט ער דעם אַמאָל מיטן „קיינמאָל־קיינמאָל־מער״...
זײַן ספּעקטער איז פֿון בלוטיק רויט ביז בלײַען גראָ, ביז נאַכטיש שוואַרץ.

ניו־יאָרק! ניו־יאָרק! ניו־יאָרק!
קאָשמאַר און העלער חלום דו...
מײַן שפּעטע, פֿרעמדע היים.
איך גלייב דיר נישט... און דאָך: איך וואַרט אויף גוטס פֿון דיר.
דערווײַל:
די קינדער דײַנע — יתומים פֿון אַ סלאַם

פון טאַטע־מאַמעס — טויט שוין לאַנג — נאָך איידער זיי געלעבט.
און מיידלעך אין סאַבוויייען — לייקעמיש־בלאַסע
וואָס מאָלן פאַרבן פון סינטעטישן געזונט
אויף באַקן יונגע
אַרויס פון פושקעלעך קאָסמעטישע פון גאָלד.
מיליאָנען עלנטע, פאַרבלאָנדזשעטע אויף סקווערן
ס׳מאַרשירט אַ מחנה יענעם טאָג אַנטקעגן
ווען ברידערלעך אויסגיסן וועט זיך גאַס אויף גאַסן
ווײַל דאָס, אָ, מײַן ניו־יאָרק, איז וואָס דו זאָגסט מיר צו:
אַז קומען וועט דער טאָג, ווען אויגן הונגעריקע און בלינדע גאָר
דערזען וועלן אַ קאַיאָר
און ס׳וועט דער מאָרגן זײַן אַ פרײַנדלעכער צו זיי — כּדאי
אים צו דערזען.
דו זאָגסט מיר צו, אַז קין און הבל, שוואַרץ און ווײַס, מײַן
קינד און דײַנס,
אַז דו און איך
וועלן מאָרגן ברודער זײַן מיט ברודער.
אָבער דערווײַל:
אַ נײַער טאָג גייט אויף אין סדום
און הײַנט גרייט קין זיך צו הרגענען זײַן הבל
אין סענטראַל־פּאַרק, אין ליכט פון מאָרגנגאָלד.
דער זוניקער קאַיאָר — אַן עדות צו זײַן מאָרד.
און הבל קוקט אַרויף צו אים: „רחמים... מײַן ברודער”...
און וויל אַזוי דערלעבן אַנדערע פאַרטאָגן
אין אַנדערע אַלעען פונעם פּאַרק.
איך אָבער...
איך פאַרקריך זיך שטיל, גאַנץ שטיל, ווי אַ מויז
אין שטומע ווינקלען ווו עס וואַרט אַ פרעמדע, טויטע רו,
זי איז געקומען מיד פון וועג און זיך באַזעצט בײַ מיר אויף מיר.
אַ גאַסט אַ העפלעכער...

לידער

נאָר נישט מײַן פֿרײַנד.
די פּענצטער שליסן אײַן אין זיך די רו צוזאַמען מיט מײַן שרעק.
אין אָוונטלעכע שויבן קוקן פֿרעמדע האָריזאָנטן,
זיי רופֿן נישט אַרויס, אַרויס, אַרויס... כ׳בלײַב דאָ ווו איך בין און ווייס
נישט — ווו איך בין.
בײַ נאַכט פֿאַרחלומט זיך אַן אַלטער חלום מיר!
ווײַט, ווײַט פֿון דיר, ניו־יאָרק,
פֿון ימים דרײַ פֿאַרליבט אַרומגעכאַפּט,
פֿון ווינטן מידבר׳שע געקושט און הייס באַרירט
בליט אויף מײַן לאַנד — מײַן ערשטע, לעצטע, נײַע, אַלטע היים.
אין מיזרח־גאָלד און תּנך־גרין בליט דאָרט מײַן לאַנד.
מײַן פֿרײַנד לעבט דאָרט.
איך בענק צו אים.
כ׳וואָלט גיין אַהין.
אָבער זיי רעדן נישט מײַן לשון און זייער וואָרט פֿאַרשטיי איך נישט.
זיי זענען יונג און טאַנצנדיק מאַרשירן זיי צום ברעג פֿון ים.
איך אָבער: איך בין אַלט און גיי קוים־קוים...
צוויי טויזנט יאָר בין איך און מײַנע זעכציק נאָך דערצו.
באַהאַלט איך זיך אין דײַנע לאַבירינטן, ניו־יאָרק,
און זינג מײַן בענקשאַפֿט אויס פֿאַר דיר, אַ פֿרעמדן מיר.
מיד מײַנע טריט פֿון אַזוי פֿיל שטויבן אויף די וועגן,
אָבער די רו קומט אַלץ נאָך נישט צו מיר.
ניו־יאָרק, ווער בין איך, זאָג, ניו־יאָרק?

שטיללעבן

ס׳פּאַלט סקאָסנע שאַרף אַ שפּיז פון ליכט,
אַ שטראַל פון מאַרגנזון אויף מאַמעס טישל און
צעברעכט זיך דאָרט אויף הונדערט שטיקלעך,
ווי זומער־שפּרענקעלעך פון ציטערדיקן גאָלד.
זיי שפּרינגען פריילעך, שפּילעוודיק אַריבער
פון איין זאַך צו דער צווייטער אויפן טיש
און ס׳ווערט אַ טומל דאָרט,
אַ ליכט־און שאָטן־טאַנץ, וואָס לאָזט שוין מער
די רו פון מאַמעס זאַכן נישט צו רו.
ס׳לײַכט אויף און ווערט דערציטערט אַזש
דאָס גלאָז, דאָס הויבע, אָנגעפילט מיט וואַסער.
דאָס פינגערהיטל פינקלט איבער זיך קאָקעטיש, נאָר אומזיסט
מיט יענעם אַלטן, פוילן, קרומען שערל
וואָס ליגט און ליגט זיך טעמפּ און שטום...
און עס פאַרנעמט אַ פּלאַץ אומזיסט.
פּילפּאַרביק פינטלען „מאַמפּאַסיעס" אין שעלעכל און וואַרטן שטיל
אויף מאַמעס דינע, צאַרטע פינגער.
(„מאַמפּאַסיע" — דאָס מיינט אויף מאַמעס אייגענעם זשאַרגאָן:
מין זויערע, פראַנצייזישע קאָנפעקטן).
„קיין זיסע עס איך לאַנג שוין נישט...
פון זיסן פּאַלט מיר צו אַ הוסט..."
אַ פּעכערל, אַ פּײַנס, פון כינע אימפּאַרטירט,
און עלטער נאָך פון איר מיט היבשע דרײַ־פיר יאָר,
ליגט עלעגאַנט און צניעותדיק און חלומט פון כינעזישע
פּאַגאָדעס.
די באָבע האָט אַ מאָל זיך מיט דעם פּעכערל דאָס יונגע פּנים
אָפּגעקילט,

ס'קאָן זײַן, אַז דעמאָלט גראָד האָט זיך דער זיידע אין זײַן ליבע
איר דערקלערט.
אַ רוסישער ראָמאַן — די בלעטלעך אַלט און געל — ליגט דאָרט.
מיט אילוסטראַציעס בלייכע, צירלעכע, אויף שטויביק־טרוקענע
זײַטלעך.
עס קושן מאַנסבילן מיט בערד די צאַרטע הענט בײַ שלאַנקע דאַמען,
וואָס שעפּטשען שטום און שטרענג:
„ניין, ניין, מײַן האַר! אָ, ניין"...
די אותיות־שאָטנס פון אַ מאָל,
ווער קען זיי לייענען? ווער — פאַרשטיין דעם מיין?
אַ פּושקעלע פון העלפאַנדביין, מיט פּראָשעקעס, פּילולקעלער,
סתם שטויב
ליגט פלאַך און וואַרט: אויף ניט באַדאַרפן אײַך!
עס שטייט דער מאַמעס אַלטער, ברייטער שטול,
אַ קעניג פון אַ שטול.
איר אייגן שטיקל אָרט.
נאָר נישט אין וועג זײַן... זײַ!
די טאָכטער ראַשט פון שטוב צו שטוב,
פון פרי ביז שפּעט אויף אירע דינע פיס
און זיבן שטיבער טומלען זיך מיט איר.
דער איידעם? אייביק מיד.
די קינדער? אַרײַן, אַרויס און שוין ניטאָ אין שטוב.
נאָר דאָ, אין מאַמעס ווינקל איז נאָך רו. נאָר דאָ איז שטיל,
ווײַט, ווײַט פון וועלטגערויש...
אַ שטיקל זיסע היים — איר אַלטער פרײַנד — דער שטול.
די מאַמע לייגט אַוועק איר האַנט
אויפן בראָקאַט פון זײַנע אָרעמס און... ס'איז שאַ...
מנוחה.
שטילקייט.
גוט אַזוי.

פּרימאַרגנס, ווען די מאַמע קומט אַראָפּ, זאָגט זי גאַנץ צערטלער
צו איר פרײַנד:
„ווי איז דײַן נאַכט געווען? פון מיר איז אָפּגערעדט: קיין אויג
ניט צוגעמאַכט״...
אַוועקגעשטעלט דעם שטעקן און זי פאַרנעמט איר אָרט,
זעצט זיך אַרײַן טיף־טיף,
באַקוקט די זאַכן אויפן טיש, צי ס'פעלט ניט עפּעס און
אַ נײַער טאָג הייבט אָן.
איר קליינער גוף פאַרשווינדט, די זומער־שפּרענקעלער פון ליכט,
די זאַכן — אַלץ גיסט זיך צונויף, ווערט איינס... ווערט איינס.
דערלעבט אַ נײַעם טאָג... איז וואָס זשע?
ניטשעוואָ.
אַזוי פיל טעג און נעכט אַוועק
און פאָרט: ס'שטייט די צײַט גאַנץ שטיל און רירט זיך נישט אַוועק.
געווען אי גוטס, אי שלעכטס,
נעכט הייסע... קאַלטע... בלערליי...
צו צווייען אין בעט.
אַליין אין בעט.
אַליין — שוין לאַנג — אַליין.
די שוואַכע פינגערלער קלײַבן איבער, גיך־גיך־גיך
די פאַלבן פונעם קלייד.
די מידע אויגן קענען נישט פאַרלײַדן דאָס שאַרפע, שטעכנדיקע
ליכט פון טאָג.
ווי שווערע לאָדנס זומערצײַט
מאַכט צו די לעדלס זי און רוט.
זי שלאָפט נישט, ניין — נאָר ליכט איז פרעמד פאַר איר. טונקל גיט
אַ גלעט די אויגן.
עס קלאַפּט דער זייגער אויס די צײַט. ער מיינט, ער ווייסט אַ סך.
„וואָס ווייסטו פון דער צײַט? מען הייסט דיר קלאַפּן — קלאַפּסטו,
נאַר״...

לידער

די מאַמע אָבער ווייסט שוין לאַנג, אַז
צײַט איז — סוד
און סוד איז — סוד.
אַט שטראַמט פאַרבײַ פאַר איר דאָס לעבן ווי איין שעה.
איין שעה אַ מאָל באַטײַט האָט איר — אַ לעבן.
זיי רעדן וועגן צײַט און ווייסן נישט פון צײַט.
וואָרעם: הײַנט ווערט נעכטן
נעכטן איז דער הײַנט פאַר איר.
און מאָרגן — נאָך וועלכן זיי יאָגן זיך אַזוי, ווי אין אַ ווילדן טאַנץ,
דער זעלבער מאָרגן איז פאַר איר — שוין קיין מאָל, קיין מאָל ניט.
און הונדערט יאָר צוריק — איז ווידער הײַנט!

— — —

אַט גייט אַ יונג פאַרבײַ בײַ אירע פענצטער.
דאָס שטעטל דרימלט — גוט אַזוי,
ווײַל שיין איז ער און גיך איז ער,
די קוטשעראַווע האָר — אַ בינטל סנאָפּעס — גאָלד!
די אויגן פרעך און לאַכנדיק און בלוי.
וואָס דאַרף דאָס שטעטל וויסן? בעסער נישט.
ס׳סטודענטל פון אָדעס.
אַלץ אויף דער וועלט איז שלעכט — זאָגט ער — און ווייסט שוין די רפואה.

אַ ווילדער בחור, גאָטעניו.
ער רעדט און רעדט און רעדט און רעדט,
זי הערט שוין לאַנג ניט — וואָס ער זאָגט.
זי הערט דאָס „בים־באָם" פון אַ גלאָק פון נאָענטן קלויסטער אויפן באַרג
און הערט זײַן שטים, די הייסע שטים...
זײַן שטאַרקע, האַנט גיט אַ באַפּעל איר האַנט
צו דינען אים און דווקא אים אַליין.
אַט דאָס איז — הײַנט און אייביק איז דער הײַנט!

אַט ליגט די בת־יחידה דאָ, דאָס ערשטע קינד, און שרײַט,
געוואַלדעוועט אין וויג:
„שאַ, שטיל, מײַן קינד, וואָס העלפט דײַן שרײַען?"
עס ציטערן מיט מילעך פול די בריסטן.
דאָס הייסע מײַלעכל, ווי ס'ציט אַרויס אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן!!!
ווען איז דאָס אַלץ געווען?
איז דאָס איר קינד, וואָס לויפט און פאַלט
אַהין־אַהער, ווי אַ ווינט אין פעלד,
און קלאָגט און יאָמערט, ס'קלעקט דער טאָג איר נישט אויף
אַלעמען צו טאָן.
ס'אַנטלויפט איר טאָג, אַנטלויפט, אַנטלויפט
און שטייט נאָך אַלץ אויפן זעלבן אָרט.
„אײַ, פרעג נישט, מאַמע, דיר איז גוט.
אָן סוף געשעפטן דאָ בײַ מיר.
די קינדער.
מאַן.
די טעלעפאָנען..."
איז דאָס מײַן קינד? ווי פרעמדלעך זעט זי אויס צו מיר.
זי רעדט גאָר קלוגע רייד. שטודירט האָט זי. און שיין איז זי. צו דין?
קאָן זײַן. נערוועז.
און פרעמדלעך... ווי נישט אירס.
אָבער אַ מאָל. אַ מאָל, פּאַסירט אַזוינס, אַז בין־השמשות —
צווישן טאָג און נאַכט,
קומט זי צו גיין און זעצט זיך שטיל אַוועק
צופוסנס בײַ דער מאַמען.
זי לייגט איר קאָפּ אויף מאַמעס שויס און בלײַבט אַזוי.
„יאָ, יאָ, מײַן קינד, רו זיך אָפּ.
אַנטלויף נישט אַזוי גיך. איך וואַרט שוין לאַנג אָט אָפּ אַזאַ מינוט...
דערצייל דער מאַמען — וואָס און ווער? גיב צו פאַרשטיין.
בײַ מיר איז שטיל. בײַ מיר איז רו.

גייסט שוין? נו, גיי מיט גאָט. איך האַלט דיך נישט, מײַן קינד".
דער טאָג פאַרגייט שוין באַלד.
די נאַכט איז נאָך נישט דאָ.
געמיטלעך־פויל קלאַפּט אויס דער זייגער „אָוונט" אויף דער וואַנט.
פון פענצטער פאַלט שוין לאַנג ניט מער דאָס ליכט אויף איר.
מען זעט שוין נישט די אייגענע האַנט פאַרן אויג.
חלומות קומען אָן — באַזעצן זיך בײַ איר צו גאַסט —
נאָך זיסער חלומט זיך איר איצט, ווי טיף בײַ נאַכט.
— — —

זהאַרבסט אינעם שטעטל.
דער רעגן גיסט און גיסט און ס'ווערט אַ בלאָטע ביזן קני.
די גאַניקלעך שטייען ליידיק, ווי אויסגעצוואָגענע פון רעגן
און וואַרטן שוין אַפּ שבת.
און ווידער דער סטודענט.
וואָס וויל ער?
אײַ, וואָס וויל איך?
ס'פאַרליבן מיידלעך זיך אין זײַנע בלאָנדע וויכרעס,
ער אָבער זאָגט, אַז ער — ער ליבט נאָר מיך.
זאָג איך: „סע קאָן נישט זײַן!"
זאָגט ער, אַז — יאָ.
זאָג איך, אַז — ניין.
זאָגט ער, אַז — יאָ.
זעט אויס, אַז — יאָ.

די טאָכטער רופט צום עסן זי.
הייסט עס, אַוועק דער טאָג שוין?
ווען? מיט וואָס? צו וועלכן צוועק?
וווהין איז ער אַוועק?
און עסן ווילט זיך ניט.
אַ גלעזל טיי — „וו פּריקוסקו" — מהיכא־תיתי.

די הייסע זיסקייט וועקט די מאַמען אויף פון דרימל און צעגיסט
זיך, אַ מחיה.

איצט שפּילן זיי זייערע פּלאַטן דאָרט.

אַזוי דאַרף טאַקע זײַן: ס׳איז זייער צײַט, כ׳האָב מײַנס שוין
אָפּגעלעבט.

אַז „אָפּגעלעבט" — איז וואָס זשע טו איך דאָ?

אין גאַס גייט אויף דער נאַכטישער לאַמטערן.

זײַן אומעטיקער שײַן ברענגט שלעפעריקע שאָטנס דאָ אַרײַן

און שאָקלט זיך, פאַרן פענצטער, ווי אַ שיכּור

אַהין־אַהער... אַהין־אַהער.

געדענקסט — אָדעס? און די לאַמטערנס אין די אַלייען פון
בולוואַר?

קאַשטאַנעס און אַקאַציעס — אַ וואַלד!

ווי אומרויִק איז ער!

ווי קושט ער מיך... ווי איז מיר שווער און לײַכט די ברוסט!

ס׳פאַרבלאָזט אַ ווינט אַהער דעם זאַלציק־נאַסן ריח און איך הער

ווי ס׳רוישט און בושעוועט דער כוואַליעדיקער ים.

ווי הײַנט וואָלט דאָס געווען.

אַן אַנדערן הײַנט פאַרמאָג איך נישט.

אַרום מיר אַלץ איז פרעמד און פרעמד קלינגט די מוזיק אַרײַן פון
זיי צו מיר.

עס מישט זיך אַלץ צונויף און גאָרנישט איז מער קלאָר:

זיי זענען נאָענט, נאָר אַ דינע וואַנט טיילט אָפּ מיך איצט פון זיי

און דאָך זענען זיי ווייט, גאָר ווײַט פון מיר.

דו אָבער ביסט שוין ווײַט, דערגרייכן דיך קען נאָר מײַן בענקשאַפט
איצט.

און דאָך ביסטו מיר נאָענט און אין דײַן אָטעם אויף מײַן לײַב —
וואָלט איך געווען

אַליין, אַליין, אַליין...

— — —

מען שפּילט „נאָקטורנאָ“ פון שאָפּען.
מען הערט זיך צו און מ׳האָט פאַרגעסן, זעט אויס, פאַרגעסן אין
דער מאַמען.

ניטשעוואָ.
מען וועט זיך באַלד דערמאָנען
און קומען פירן די מאַמע ביי דער האַנט
אַרויף די טרעפּלעך, רעכטס אַריין אין שטיבל.
די טאָכטער קושט אין איילעניש די לופט אַרום דער מאַמעס באַק
און זי אַנטלויפט.
און ווידער שפּילט שאָפּען.

— — —

ביי נאַכט הייבט אָן אַ נייער טאָג זיך:
די צייט גייט דאָ פּאַמעלעכער ווי אונטן.
די נאַכט איז גוט. אַ פריינד די נאַכט.
עס נעמט אַ גאַנצן לעבן ביז ווידער ווערט קאַיאָר.
עס ציט פאַרביי בײַם בעט איר לעבן, ווי אַ שטראָם.
די יאָרן באַהאַלטן זיך אין טונקל פון די ווענט.
ווען קומט דער סוף?
און וואָס איז — סוף?
דער טויט איז — סוף.
ווען קומט ער שוין?
ווי זעט ער אויס?
וועט זי דערזען זיין שאָטן איבער זיך?
וועט ער באַרירן זי און זאָגן קאַלט און שטום:
„קום, ס׳איז צייט?“
ס׳איז אַזוי פאַרכטיק שטיל אין שטוב.
די נאַכט גלעט אירע קאָרטשעלער אַוועק.
אַ פריינד — די נאַכט.
אַ מאַמע איז די נעבט.
איז, הייסט עס: **טויט**?

ס׳שרעקט נישט מער דאָס מידע האַרץ זיך איבער.
מען וועט שוין, ווי ניט איז, זיך אַריבערקײַלען סײַ ווי סײַ.
די שעהען וועלן בלײַבן שטיין, ווי אַלטע טויבן אויפן דאַך
און ווען ס׳וועט אויסקומען צו גיין — וועט מען זיך לאָזן גיין.
ווער ווייס — ווי באַלד?
ווער ווייס — ווי לאַנג?
זיי זאָגן: **צײַט.**
פילאָזאָפירט און דיסקוטירט און
קיינער ווייסט נישט — וואָס איז צײַט?
ווי קורץ איז אַלץ געווען.
אַ טומל. אַ הו־האַ און גאָרנישט מער.
צו קורץ!
צו לאַנג?
צײַט איז — סוד־סודות.
שאַ...
שאַ...
נאַכט...

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען

דראַמע

פערזאָנען

חנהלע גינזבורג — 13 יאָר אַלט אין אָנהייב פון דער דראַמע

יעטע גינזבורג — חנהלעס מוטער

שלמה גינזבורג — חנהלעס פאָטער

רוזשע — אַ שכנה

פאַני מאָראַווסקאַ — 68 יאָר אַלט

ד״ר לעשנעווסקי — הויזדאָקטאָר ביי די מאָראַווסקיס

מאַרישיאַ — שנור פון פאַני מאָראַווסקאַ

האַלקאַ — מאַרישיאַס חברטע

פאַני קרעווויסקאַ — 70 יאָר, מאָראַווסקאַס חברטע

באַראָן רודי

קאַלאָמעיסקי (מאַרעק) — 25 יאָר אַלט

דאָס ענטוזיאַסטישע מיידל — אַ גאַסט ביי פאַני מאָראַווסקאַ

פאַן עקס — אַן עלטערער פריינד פון פאַני מאָראַווסקאַ

באָגוש — אַן אַלטער דינער ביי פאַני מאָראַווסקאַ

מיידזשאָר סטאָן — 30 יאָר אַלט

איבערזעצער — אַ יונגער־מאַן

דער זיידע — אַ זקן

בר־מיצווהניק

דאָס ענערגישע ווייבל

ייִדן, ייִדענעס, פאַרטיזאַנער

די האַנדלונג קומט פאָר:

פ ר אָ ל אָ ג — אַ קליין שטעטל לעבן וואַר־שע, פוילן

ע ר ש ט ע ר אַ ק ט — די זילבערפוקס־פערמע פון פאַני מאַראַווסקאַ (לעבן וואַרשע)

צ ו ו י י ט ע ר אַ ק ט — אַ שטעטל אין דײַטשלאַנד

ד ר י ט ע ר אַ ק ט — אַ קליין אָרט לעבן חיפה, ישׂראל

צײַט פון דער האַנדלונג:

פ ר אָ ל אָ ג — 1941, צווייטע וועלט־מלחמה

ע ר ש ט ע ר אַ ק ט — צוויי יאָר שפּעטער

צ ו ו י י ט ע ר אַ ק ט — אין צוויי יאָר אַרום

ד ר י ט ע ר אַ ק ט — אַ האַלב יאָר שפּעטער

מוזיקאַלישע טעמע:

אַ ל ג ע מ י י נ ע ר ה י נ ט ע ר ג ר ו נ ט — דאָס וויגליד „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען"; מעגלעכ־קייט פאַר וואַריאַציעס אי־בער דעם דאָזיקן מאָטיוו.

א י ן ע ר ש ט ן אַ ק ט — אַ פּאַלאָנעז פון שאָפּען

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען

פראָלאָג

אַ קלײַנבירגערלעכע שטוב מיט אָרעמע מעבל. אויף רעכטס, בײַ דער וואַנט, שטייט אַ בופעט. אַ טאַפּטשאַן איבערגעדעקט מיט אַ וואָלענעם פּוילישן איבערוואָרף. אין מיטן שטוב אַ טיש מיט בענקלעך אַרום. אויף דער וואַנט הענגען בילדער פון טאַטע־מאַמע. אויף דער בינע איז כּמעט גאַנץ טונקל. דורך דער טונקלקייט מערקט זיך, אַז עס הערשט אין שטוב אַן אומאָרדענונג. דורך דעם גרויסן פענצטער אין מיט פון דער הינטער־וואַנט זעט מען פלאַמען. אויפן טיש שטייען די שבתדיקע לײַכטערס מיט ליכט, וועלכע וואַרפן אַן אַ מרה־שחורהדיקע שײַן אויף דער גאַנצער סצענע וואָס מערקט זיך אין דער טונקלקייט.

קעגן פענצטער שטייען פרוי **גינזבורג** און **חנהלע**. זיי שטייען אַרומ־גענומען אין אַ שטומער פּאָזע. זייערע באַוועגונגלאָזע סילועטן זעען זיך אַרויס גאַנץ שאַרף קעגן דער פלאַמענדיקער שײַן פון ברענענדיקן שטעטל. פון צײַט צו צײַט הערט מען שיסן. די שטומע סצענע דויערט אַ לענגערע צײַט.

חנהלע: מאַמע... זיי קומען...

מוטער: ששש... ששש... שאַ... זיי זײַנען נאָך ווײַט. (עס הערט זיך אַ שאָס פון ערגעץ ווײַט).

חנהלע: (פאַרשטאָפּט זיך די אויערן. רײַסט זיך אַרויס פון דער מאַמעס אָרעמס, לויפט צו צו דער סאָפע און שלײַדערט זיך אַנידער). איך קאָן נישט הערן! איך קאָן עס נישט הערן... זיי שיסן אַלעמען אויס! זיי זײַנען שוין דאָ! איך האָב מורא, מאַמע...

מוטער: (אויף די קני לעבן חנהלען) שטיל... שטיל... שטי־לער, טײַבעלע... זיי זײַנען נאָך ווײַט. שרײַ נישט!... זײַ שטיל. דו הערסט?

חנהלע: זע! זע! מאַמע. זע ווי דאָס גאַנצע שטעטל ברענט! זיי האָבן דאָס אונטערגעצונדן! זיי פאַרברענען אונדז! אוי־וויי, מאַמע, מאַמע, זיי קומען!.. צו אונדז אויך... איך האָב מורא!..

מוטער: זיי זײַנען נאָך גאַנץ ווײַט! זיי זײַנען נאָך אין דער גרינער גאַס בײַם בית־עולם!

חנהלע: (מיט פּײַן) װי װײַט איז דען דער בית־עולם?!

מוטער: גאַנץ װײַט, טײַערע. עס דויערט אַ גוטע שעה ביז צו קומען אַהער. אין דער צײַט װעלן זײ מיד װערן...

חנהלע: (װילד) מיד, מיד? זײ?! מיד צו הרגענען ייִדן? פֿאַר װאָס זאָגסטו ליגן, מאַמע? פֿאַר װאָס טרייסטו מיך מיט ליגן?!!

מוטער: (שטיל) מיט װאָס דען זאָל איך דיך טרייסטן, מײַן קינד? קום אַהער, זעץ זיך בײַם טיש — איך װעל דערלאַנגען עפּעס עסן.

חנהלע: עסן?!! עסן, מאַמע... זײ קומען און דו זאָגסט...

מוטער: און דײַן טאַטע ערגעץ װוּ אויף די װעגן — װער װייס װען ער װעט קומען. אױ־װײ איז מיר... װײ איז אונדז אַלעמען...

חנהלע: פֿאַר װאָס האָסטו אים געלאָזט גײן? גאָטעניו, פֿאַר װאָס איז ער געגאַנגען? װוּ איז דער טאַטע? טאַטע... טאַטע!... (װיינט בליפּענדיק, װי אַ קינד).

מוטער: העלף אים, רבונו־של־עולם! העלף אים אויף זײַנע װעגן! פֿיר אים צוריק צו אונדז! אָפּגעלעבט צוזאַמען — לאָז אונדז כאָטש שטאַרבן צוזאַמען!..

חנהלע: מען װעט אים דערהרגענען אויפֿן װעג, פֿאַר װאָס האָסטו דאָס צוגעלאָזט?

מוטער: דו װייסט דאָך װוּהין ער איז געגאַנגען — איז שװײַג זשע, שטיל. ס'איז פֿאַר דיר, פֿאַר דײַן רעטונג... מאַטער מיך נישט... זײ שטיל.

חנהלע: (היסטעריש) איך װיל נישט געראַטעװעט װערן! איך װיל נישט לעבן אָן אײַך! איך װעל נישט אַװעק פֿון אײַך! װאָס װילט איר בײדע פֿון מיר? װוּ איז ער?!

מוטער: גאָט װעט אים העלפֿן און ער װעט צוריקקומען. דײַן טאַטע איז דער בעסטער מענטש — העלף אים, גאָטעניו!.. ס'איז דאָך פֿאַר אונדזער קינד...

חנהלע: איך וועל סײַ ווי סײַ נישט אַוועק פון אײַך. איך וויל שטאַרבן מיט אײַך צוזאַמען. אומזיסט איז ער געגאַנגען.

מוטער: לייב דעם שוסטערס מיידל איז אַוועק מיט די פּויליש פאַפּירן. זיי האָבן שוין געהאַט פון איר אַ ידיעה. דו וועסט גיין. דו מוזסט בלײַבן לעבן!.. גאָט זאָל נאָר וועלן אַז זײַן גאַנג זאָל זײַן מיט דערפאָלג. ער זאָל נאָר ברענגען פאַפּירן. מײַן קרוין! בת־יחידהלע דער מאַמעס... וועסט מוזן גיין. די מלחמה וועט נעמען אַ סוף און דו וועסט איבערלעבן. רעדסט דאָך אַזוי שיין פּויליש און ביסט בלאָנד... דײַנע צעפּעלעך, דײַנע גאָלדענע צעפּעלעך... (וויינענדיק קושט זי די צעפּ. ביידע פאַלן זיך אין די אָרעמס. עס הערט זיך אַ שאָס).

חנהלע: (גאַנץ רויִק) איך וועל נישט אַוועק פון אײַך. איך האָב נישט מער קיין מורא צו שטאַרבן מיט אײַך...

מוטער: צערײַס נישט מײַן האַרץ. דו מוזסט אַוועק. דו טוסט עס פאַר דײַן טאַטע־מאַמע. אוי, ווי זעט מען אים שוין צוריק, רבונו־של־עולם!

(דורך דער טיר רײַסט זיך ווילד אַרײַן רוזשע די שכנה).

רוזשע: (וואַרפט זיך פאַרצווייפלט אַרויף אויף זיי ביידע) ראַטעוועט! ראַטעוועט! זיי קומען... זיי גייען... זיי זײַנען שוין בײַם קרומען סטאָליאַר... בײַם גאָרטן... איך האָב זיי געזען. זיי גייען. זיי גייען! ראַטעוועט! מענטשן, גוטע מענטשן — ראַטעוועט!

מוטער: גאָט איז מיט דיר, רוזשע! איך זאָל דיך ראַטעווען? ווי קאָן איך דיך ראַטעווען, אַז איך קאָן מײַן אייגן קינד נישט ראַטעווען!

רוזשע: (ווי פון זינען) מײַנע זעקס קינדערלעך... ראַטעוועט! העלפט! איך בין אַן אלמנה! האָב רחמנות!

מוטער: זעקס קינדער? און איך קאָן מײַן איין און איינציק קינד נישט ראַטעווען — דו הערסט, רוזשע? מיין איין און איינציק ... אַן אלמנה זאָגסטו? זאָג איך דיר אַז דו וועסט כאָטש מיט דײַנע אייגענע אויגן נישט זען ווי מען דערמאָרדעט דײַן

מאַן! שטילער, רוזשע, באַרויִק זיך. ווי קאָן איך דיר העלפֿן? אַדרבא, ווי אַזוי? די וועלט ברענט! און דײַנע זעקס פּיצעלער, צוזאַמען מיט מײַן איין איינציק קינד, ברענען מיט אין די פֿלאַמען!.. אַפילו גאָט קאָן אונדז נישט העלפֿן!.. ווו האָסטו זיי באַהאַלטן, דײַנע זעקס? — גיי צו זיי, זײַ מיט זיי! זײַ מיט זיי ביז דער לעצטער מינוט... גיי, רוזשע!.. זיי שרעקן זיך נעבעך... זײַ שטאַרק, רוזשע! זאָג ווו האָסטו זיי באַהאַלטן, דײַנע זעקס? — גיי צו זיי, זײַ מיט זיי! זײַ מיט זיי ביז דער לעצטער מינוט... גיי, רוזשע!... זיי שרעקן זיך נעבעך... זײַ שטאַרק, רוזשע! זאָג, ווו האָסט זיי באַהאַלטן?

רוזשע: אויפֿן בוידעם! זיי וועלן דערשטיקט ווערן! (עפֿנט דאָס פֿענצטער און שרײַט ווילד אַרויס) העלפֿט! ייִדן! די וועלט ברענט! העלפֿט!

מוטער: (פֿאַרשטאָפּט איר דאָס מויל מיט דער האַנט) גאָט איז מיט דיר, רוזשע! זײַ שטיל! רוף זיי נישט פֿריִער ווי זיי וועלן אַליין קומען... גיי צו דײַנע קינדער! זיי דאַרפֿן דײַן זײַן מיט זיי! לאָז זיי נישט איבער אַליין! קום צו זיך! ביסט דאָך שטענדיק געווען אַזאַ ווילע, אַזאַ פֿריילעכע, אַזאַ שטאַרקע! (ביידע פֿאַלן איינער אויף דער אַנדערער, אַרומנעמענדיק זיך).

רוזשע: (רויִק) אַ לעבן אויף דיר! יעטע, ביסט אַ גוטע. איך גיי און גאָט זאָל אונדז אַלעמען העלפֿן! (לויפֿט אָפּ מיט געוויין).

מוטער: (קוקט אויף חנהלען און זעט ווי זי שטייט פֿאַרגליווערט). אַ שטיקל משוגענע איז זי שטענדיק געווען, גאָט זאָל מיר מוחל זײַן. וואָס שטייסטו אַזוי... וועסט זען, — דער טאַטע וועט באַלד קומען מיט די פּאַפּירן... וועסט אַוועק פֿון דאַנען! מיר וועלן זיך, מיט גאָטס הילף, שפּעטער אָפּזוכן... וואָס איז מיט דיר? וואָס שווײַגסטו? וואָס רעדסטו נישט אַ וואָרט? (טרייסלט זי דערשראָקן) חנהלע, רעד! זי האָט דיך איבערגעשראָקן? וואַך אויף! קום צו זיך! גאָט איז מיט דיר!

חנהלע: (פֿאַרשטיינערט) זעקס קינדער אויפֿן בוידעם... באַ־

האַלטן... און זיי וועלן קומען און זיי אַרויסשלעפּן און דערשיסן! דערשיסן איינס נאָך ס'אַנדערע... איינס, צוויי, דריַי, פיר, פינף, זעקס!... מאַמע! זאָג מיר, וואָס איז דאָס — שטאַרבן?...

מוטער: (ברעכט די הענט) ווי איז דער מאַמען! ענטפער דו איר, גאָט!... איך ווייס נישט!... הערסט? ס'איז ווידער גאַנץ שטיל געוואָרן... זיי שיסן נישט מער... זיי גייען שוין אַוועק פון שטעטל... (עס הערט זיך אַ שאָס פון גאַנץ נאָענט).

חנהלע: ווו איז דיַין גאָט! ווו איז ער, מאַמע?!

מוטער: זיַי איר מוחל, רבונו־של־עולם! זי ווייסט נישט וואָס זי רעדט!... (מען הערט טריט. ביידע נעמען זיך אַרום און זיַינען גרייט אויף אַלץ. עס עפנט זיך די טיר און שלמה גינזבורג, דער פאָטער, קומט אַריַין. ער זעט אויס אויסגעמוטשעט, פאַרשטויבט, צעשויבערט. אַלע דריַי בליַיבן שטיין פאַרשטומט. קוקן זיך אָן).

פאָטער: איר לעבט! איר לעבט!...

חנהלע: (גייט צו צו אים און נעמט אים אַרום) מיר לעבן נאָך...

פאָטער: (שטיל) אַ דאַנק דיר, גאָט!

מוטער: ביסט געקומען!... מיט וואָס? מיט וואָס?...

פאָטער: איך האָב זיי... איך האָב זיי, פאַפּירן, גוטע פאַפּירן... מיט דיַין צירונג האָב איך געקויפט דאָס לעבן פון אונדזער קינד... מיט אַ ביליק שטיקל צירונג — אַ לעבן פון אַ מענטש... ווי ביליק דאָס לעבן איז געוואָרן... נו, גיך, גיך, מען דאַרף נישט לאַנג ריידן... מען דאַרף זיך נישט לאַנג געזעגענען... אַלץ, אַלץ איז קלאָר... (צו חנהלען) נעם די פאַפּירן מיט אַ פּעקל קליידער... אַ ביסל געלט האָב איך נאָך אויך... און דאַן... — יעטע, ברענג אַריַין דאָס פּעקל. (צו חנהלען) וועסט גיין דורך דער אונטערשטער טייל פון דער גרינער גאַס צו דעם אַלטן רבינס הויז. — דאָרט וואַרט אויף דיר מאַטעק דער בעל־עגלה, ער וועט דיך אַרויספירן אויפן ברייטן שליאַך וואָס פירט קיין לוווויטש. דאַן וועסטו גיין די... (צעוויינט זיך. קאָן וויַיטער נישט ריידן).

חנהלע: (וואַרפט זיך צו זײַנע פיס, שרײַט ווילד) איך וויל נישט! איך וויל נישט! לאָזט מיך בלײַבן מיט אײַך! איך קאָן פון אײַך נישט אַוועק! איך וועל אײַך שוין קיין מאָל נישט זען מער... לאָזט מיך שטאַרבן מיט אײַך צוזאַמען!

מוטער: (היסטעריש) דאָס קינד קאָן נישט... מײַן קינד!...

פּאָטער: (פאַרשטיינערט) גאָט, זײַ מיר מוחל! איך קאָן דאָס קינד נישט אַוועקלאָזן... פינצטערע וועגן... איך קאָן זיך מיט איר ניט אָפּגעזעגענען... קינד מײַנס! (אַלע דרײַ פאַלן צו איינער צום אַנדערן — סצענע).

מוטער: (רײַסט זיך אַרויס) שלמה, וואָס רעדסטו? שרעקסט איבער דאָס קינד! זי מוז אַוועק! גיך! גיך! מיר וועלן דערנאָך זיך געפינען. גאָט וועט אונדז העלפן! מיר האָבן דאָך קיין מאָל קיינעם חלילה קיין שלעכטס ניט געטאָן! מיר וועלן דאָס איבערלעבן! איר וועט זען, מיר וועלן זיך אָפּזוכן. ווו דו זאָלסט נישט זײַן, מײַן קינד, וועלן מיר דיך געפינען! מײַן אויג אין קאָפּ!... ווו דו זאָלסט נישט זײַן!...

חנהלע: (פאַר זיך) אַז איך וועל גיין, וועט איר ביידע טראַכטן פון מיר און אײַערע ליפּן וועלן זיך פאַרציִען אין אַ שמייכל — — ווײַל איר האָט מיך געראַטעוועט — וועט איר טראַכטן... און אײַך וועט זײַן לײַכטער און גרינגער אויפן האַרצן... איר וועט פאַרגעסן אָן דער מורא פאַרן טויט!... אָן דער מורא... און אפשר... ווער ווייס... אפשר געשעט אַ נס און איר בלײַבט לעבן... טאַטע! מאַמע! טײַערע מײַנע! איך קאָן נישט!...

פּאָטער: (אַנטשלאָסן) גענוג גערעדט. מיר טאָרן נישט פאַר־לירן קיין צײַט. מאָטעק וואַרט דאָרט, די נאַכט שטייט נישט!... (עס הערט זיך אַ שאָס) יעטע, גיי און גרייט אַלץ צו! (מוטער אָפּ) ווי עס ברענט... קום אַהער, קינד, איך וויל דיר אָנזאָגן... (נעמט אַרויס אַ פּעקל פּאַפּירן — עס הערן זיך צוויי שאָסן) הער זיך אײַן, זאָל נישט זײַן אומזיסט מײַן גאַנג דורך פײַער און טויט. קום אַהער. פאָלג דײַן אַלטן טאַטן! דו מוזסט אַוועק איידער די מאַמע קומט

אַראָפּ. זי זאָל זיך נישט דאַרפן געזעגענען מיט דיר. זי וועט עס נישט איבערטראָגן!

חנהלע: טאַטעשי! איז דאָס אַ בייזער חלום!... וועל איך זיך באַלד אויפכאַפּן און די מאַמע וועט שטיין ביי מיין בעט און פאַרקעמען די צעפּ מיינע? טאַטע, איך וועל אין ערגעץ נישט דערגיין! איך וועל פאַרבלאָנדזשעט ווערן אויף די שוואַרצע וועגן... איך וויל בלייבן מיט אייך! איך האָב שוין קיין מורא נישט מער!...

(מען הערט פון גאַנץ נאָענט זעקס שאָסן. דערנאָך נאָך איינעם).

חנהלע: (פאַלט צו צום פענצטער) זעקס... זעקס און דאָן נאָך איינעם. צו ערשט די קינדער און דאָן רוזשען... זי האָט, הייסט עס, געזען ווי מען הרגעט אויס אירע קינדער... איינס נאָכן אַנדערן... (שרייט) טאַטע!... טאַטע!...

פאָטער: ברוך־דיין־האמת... זיי זיינען שוין איבערגעקומען... זיי שטיל, קינד מיינס! איצט זעסטו אַז דו מוזסט גיין... דו מוזסט אַוועק צוליב... צוליב... אונדז צוליב...

חנהלע: (אַנטשלאָסן) גיב זיי אַהער, די פּאַפּירן! זאָג מיר גאָרנישט אַן און געזעגן זיך נישט מיט מיר... טאַטע, זאָג דער מאַמען, זאָג דער מאַמען...

פאָטער: (מיט שטאַרקייט) זעץ דיך אַוועק, אָט אַזוי. געדענק... דו הייסט איצט זאָשיאַ קשעשעווסקאַ...

חנהלע: (אויטאָמאַטיש) זאָשיאַ קשעשעווסקאַ...

פאָטער: די טאָכטער פון דעם שוסטער וולאַדיסלאַוו קשעשעווסקי. דיינע עלטערן זיינען אומגעקומען אין לוויוויטש... פאַרברענט געוואָרן... דו האָסט זיך געראַטעוועט...

חנהלע: (אויטאָמאַטיש) וולאַדיסלאַוו... פאַרברענט געוואָרן...

פאָטער: דו זוכסט אַרבעט אויף אַ גוט, אַלס דינסטמיידל...

חנהלע: דינסטמיידל...

פאָטער: ביים אַלטן שלאָך פאַרנעם זיך צום צווינטער. און איצט, גיי! זיי זיינען שוין נאָענט צו אונדז...

חנהלע: ביים צווינטער...

פּאָטער: (בענטשט זי) רבונו־של־עולם! גרויסער גאָט! העלף מײַן קינד! העלף מײַן קינד! חנהלע, פֿאַרגעס דײַן נאָמען, פֿאַרגעס אַלץ, געדענק נאָר דײַן נײַעם נאָמען... (מיט ביטערניש) זאָשיאַ קשעשעווסקאַ... זאָלסט זיך חלילה קיין מאָל נישט טועה זײַן... (פֿאַרשליסט מיט זײַנע פֿינגער אירע ליפּן). ווי דער מלאך האָט פֿאַרשלאָסן דײַנע ליפּן ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן צו לעבן אויף דער וועלט — כּדי דו זאָלסט פֿאַרגעסן אַלץ וואָס דו האָסט געזען אויף דער אַנדערער וועלט — אַזוי פֿאַרשליס איך איצט דײַנע ליפּן, אַז דו זאָלסט פֿאַרגעסן דײַן אייגענע וועלט, דײַן נאָמען און דעם נאָמען פֿון דײַן טאַטע־מאַמע... זאָלסט חלילה קיין מאָל נישט פֿאַרמישן דעם אַלטן נאָמען מיט דעם נײַעם... גאָט! דו זעסט דאָס אַלץ צו! העלף איר! העלף איר!... (שלמה און חנהלע פֿאַלן איינער דעם אַנדערן אויפֿן האַלדז. חנהלע רײַסט זיך אַרויס מיט אימפּעט און לויפֿט אַרויס. שלמה פֿאַלט צו צום פֿענצטער און פֿאָלגט זי נאָך מיט די אויגן. זײַנע ליפּן שעפּטשען עפּעס פֿאַר־צווייפֿלט).

מוטער: (הינטער דער בינע) חנהלע! חנהלע! ווו זײַנען די שטיוול?

(מען הערט מיליטערישע טריט, זייער נאָענט בײַ דער טיר. די טריט זײַנען ווי אַ גאַנצער פּאָלק סאָלדאַטן. מען הערט די שטים פֿון אַ ס־ס־אָפֿיציר).

שטים: אײַנס, צוויי, אײַנס, צוויי. זאָ... שנעל... נאָך דיזע איינע האַוז (אַ שטאַרקער קלאַפּ אין דער טיר) עפֿנע, יודע!..

שלמה שטייט אין מיטן שטוב פֿאַרשטאַרצט — ער זאָגט תּפֿילה. מיט אַ לאַנגזאַמער באַוועגונג קלאַפּט ער מיט דער רעכ־טער האַנט זיך אין האַרצן).

שטים: (מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין טיר) עפֿנע יודע!!..

מוטער: (פֿון הינטער דער בינע) חנהלע!..

(שלמה גייט לאַנגזאַם צו צו דער טיר און עפֿנט).

פֿאַרהאַנג

ערשטער אַקט

אַ רייַך באַלויכטענער יאַגדצימער אין פּאַני מאַראַווסקאַס הויז אויף דער פּערמע. האַלצפּאַנעלן אויף דער וואַנט. יאַגדטראָפּייען און וואָפּן אויפגעהאַנגען אויף די ווענט. די מיטלסטע טיר פירט אַרויס אויף אַ גרויסער טעראַסע וועלכע פירט אין אַ גאָרטן. פון ווייטן זעט מען אַ וואַלד.
אַלטמאָדיש מעבל, שטולן און טישלעך. לינקס פון דער בינע, אַ פּיאַנע, אויף דער פּיאַנע — אַ פּאָרטרעט פון אַ יונגן פּוילישן אָפיציר. אַרום דער ראַם פונעם פּאָרטרעט — אַ שוואַרצער טרויערבאַנד. קרישטאָל־לוסטער אויף דער סטעלע און קאַנדעלאַבערס אויף די ווענט.
ווען דער פאָרהאַנג גייט אַרויף, שפּילט פּאַני קרעוויסקאַ אויף דער פּיאַנע שאָפּענס אַ פּאָלאָנעז. דריי פּאָרלעך טאַנצן. דאָס זענען: מאַרישיאַ מיטן דאָקטאָר, דאָס ערשטע פּאָרל, האַלקאַ מיט דעם פּאַן עקס, דאָס צווייטע פּאָרל. דאָס ענטוזיאַסטישע מיידל מיט אַ דאַמע, דאָס דריטע פּאָרל.
באַראָן רודי קאַלאַמעיסקי שטייט דאָרט אין פראָנט פון דער בינע, מיטן רוקן צום עולם פון טעאַטער. ער דיריגירט די מוזיק פון שאָפּענס פּאָלאָנעז. ער איז אָנגעטאָן אין עלעגאַנטע, איבערגעטריבענע, מאָדישע יעגערקליידער. שטיוול און גאַליפע־הויזן. זיינע האָר פלאַם־רויט, אין מיטן פאַרקעמט מיט אַ שרינט. פאַרדרייטע וואָנצעס אין אַ מיליטערישן פאַסאָן און אַ מאָנאָקל אויף אַ סאַמעטענער טאַשמע. זיין גאַנצע פיגור, זיין שטים, זיין געשטעל, דאַרף אַלץ אויסזען לעבערלעך־סנאָביש און דעקאַדענטיש, כמעט אידיאָטיש. אָפּגעהאַקטע באַוועגונגען, ווי ער וואָלט געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק פון אַ מיליטער־מאַן.
די דאַמען זענען געקליידט אין רייַכע זומער־אַוונט־קליידער. פּאַני קרעוויסקאַ ביי דער פּיאַנע איז אָנגעטאָן אין אַן אַלטמאָדישן בראָקאַט־קלייד. באָגוש, דער אַלטער דינער, באַוועגט זיך גראַציעז און מאַיעס־טעטיש אַרום די טישלעך, ציט אַראָפּ די ראָלעטן צוליב קאַמופלאַזש. גיסט אָן די ווייַנגלעזלעך אאַז״וו.

דאָס ענטוזיאַסטישע מיידל: (טאַנצנדיק פאַרביי מיט איר פּאָר) אַ, יעסטעם זאַכוויצאָנאַ... יעסטעם זאַכוויצאָנאַ... יאַק באַגאַ קאָכאַם... איך בין באַגייסטערט...

רודי: ראַז, דוואַ, טשי. ראַז, דוואַ, טשי. ראַז, נאַ לעוואַ. ראַז

נאַ פּראַוואַ. אָ! טאַ, טאַ! ווספּאַניאַלע... אַט אַזוי! גראַציעזער! לײַכטער! ווי שאַמפּאַנער־בולבעלעך... הע־הע־הע... ראַז, דוואַ, טשי. די הערן פאַרנייגן זיך פאַר זייערע דאַמען. די דאַמען ענטפערן די הערן. אויסגעצייכנט!

האַלקאַ: (טאַנצנדיק פאַרבײַ) האָט רחמנות, באַראָן! מיר פאַלן אַוועק! מיר האָבן שוין נישט געטאַנצט אַ פּאָלאָנעז איבער הונדערט יאָר...

רודי: אויסגעצייכנט! הונדערט יאָר!.. אַ וויץ... אַ פּײַנער וויץ. פּאַסע, פּאַסע...

דאָקטאָר: (פאַרבײַטאַנצנדיק מיט מאַרישיאַן) ווער איז דער קלאָון? פון וואַנען האָט ער זיך גענומען?!

מאַרישיאַ: ששש. ששש. האַלקאַס פּראָטעזשע... (טאַנצן פאַרבײַ).

רודי: (צו פּאַני קרעוויסקאַ) גייט איבער לאַנגזאַם צו אַ וואַלס. ראַז, דוואַ, טשי! יאַ, אַ דאַנק! (די אַלטע דאַמע שפּילט איצט אַן אַלטמאָדישן מעלאַנכאָלישן וואַלס, רודי כאַפּט אונטער האַלקאַן און טאַנצט מיט איר ווײַטער).

(ווען דער וואַלס האָט זיך נאָר אָנגעהויבן — באַווײַזט זיך פּאַני מאַראַווסקאַ פון דער טיר רעכטס. זי פּאָרט אַרײַן אויף איר שטול מיט רעדער. אין דער האַנט האַלט זי איר שטעקן. באַגוש באַמערקט זי און גייט צו צו איר און בלײַבט שטיין מיט אַ גאַנץ רעספּעקטפולער האַלטונג בײַ איר שטול. מאַראַווסקאַ קוקט צו ווי מען טאַנצט. זי איז אַלט און אָנגעטאָן אין אַ נאָבעלן אַלטמאָדישן קלייד. איר האַלטונג איז מיט רעספּעקט און באַפעלערישקייט. קיינער באַמערקט זי נישט, ביז זי הייבט אָן ריידן. זי דערזעט דעם אומבאַקאַנטן רודי. הייבט אויף איר לאָרנעט און באַקוקט אים פון אויבן ביז אַראָפּ).

רודי: אַ וואַלס! איך בין פאַרליבט אין וואַלס! ראַז, דוואַ, טשי... הע. הע. הע. אָדער בעסער געזאָגט: אײנס, צווײ, דרײַ, אין דער נויען אָרדענונג, ביטע שען... אײַנס, צווײַ, דרײַ...

מאַראַווסקאַ: (אין אַ שטרענגן טאָן) אין דעם הויז איז נאָך די אַלטע אָרדענונג און מען ציילט אויף פּויליש, מײַן הער! (אַלע בלײַבן דערשראָקן און איבעררראַשט. די פּיאַנע פאַרענדיקט

אָפּגעהאַקט. זי באַקוקט אים פון קאָפּ ביז די פיס דורך איר לאָר־נעט) האָב איך שוין געהאַט דעם פאַרגעניגן צו זען דעם יונגן־מאַן אין מײַן הויז אַ מאָל? עפּעס געדענק איך נישט!...

האַלקאַ: (פאַרווירט) איך האָב זיך דערלויבט... אַ פרײַנד אונדזערער... באַראָן רודי קאַלאַמעיסקי... איך האָב אָנגעפרעגט בײַ מאַרישיאַן און זי האָט געזאָגט אַז...

רודי: (מאַכט אַ שפּאַן און קלאַפּט צוזאַמען זײַנע אָפּצאַסן אין אַ מיליטערישן פאַסאָן) דערלויבט! באַראָן קאַלאַמעיסקי, געוועזענער אָפיציר, אַ פרײַנד פון דער שיינער דאַמע האַלקאַ און אַ פאַרערער פון אַלע מאַראַוווסקיס.

מאַראַוווסקאַ: (לאַנגזאַם) קאַלאַמעיסקי? פון וועלכע קאַלאַ־מעיסקיס זענט איר, באַראָן?

רודי: (מיט אַ נאַרישן געלעכטער) פון יענע קאַלאַמעיסקיס וועלכע זענען באַרימט פאַר זייער פריילעכן פאַמיליען־פּרינציפּ, טאַלאַנט פאַר מוזיק, ליבע פאַר דעם טראָפּן אין גלאָז און באַ־וווּנדערונג פאַר שיינע פרויען... הע־הע־הע. ווײַן, ווײַב און גע־זאַנג — ווי מען זאָגט עס איצט בײַ אונדז. (קיינער וואַגט זיך נישט צו רירן פון אָרט, אַלע קוקן מיט שרעק אויף דער אַלטער דאַמע — ווי זי וועט רעאַגירן אויף זײַנע „גערמאַניזמען״).

מאַראַוווסקאַ: נו, דאַכט זיך אַז איך האָב איבערגעריסן אײַער טאַנץ, מײַנע ליבע געסט. טאַנצט! טאַנצט! איך וועל צו־קוקן. מען האָט שוין לאַנג נישט געטאַנצט אין מײַן הויז. (צו רודין, קורץ און קאַלט) די פרײַנד פון מײַנע פרײַנד זענען ווילקאָמען בײַ אונדז. איך דאַנק אײַך. (די פּאָרלעך צעגייען זיך אין אַלע ווינקלען. אַ געשפּאַנטע שטימונג און שטילקייט הערשט אין זאַל. רודי נעמט אָן האַלקאַן בײַ דער האַנט און שלעפּט זי אַוועק אין אַ זײַט).

רודי: אַ קייסערינע, יאַק באָגאַ קאָכאַם! אַ קייסערינע, די אַלטע. אַז זי קוקט דורך איר לאָרנעט — קאָן מען פאַרציטערט ווערן, אַ?!

ה אַ ל ק אַ: (דערשראָקן) ששש... ששש... רודי, הערט אויף מיט אײַערע וויצן. איך בעט אײַך און קיין וואָרט, איר הערט, קיין וואָרט פון אײַערע באַציִונגען צו... צו... די... איר ווייסט שוין... זי טאָר נישט וויסן... זײַט פאָרזיכטיק! (רודי קלאַפּט ווידער צו־זאַמען די אַפּצאַסן, מיליטעריש).

ר ו ד י: איך בין שטאָלץ מיט דעם צוטרוי וואָס מײַן באַשיידענע פערזאָן האָט געפונען אין די אויגן פון אונדזערע נײַע הערן און איך וועל נישט פאַרבײַטן...

ה אַ ל ק אַ: ששש. ששש. נעמט אײַן פאַרנונפט, איך בעט אײַך, רודי. אַך, פאַר וואָס האָב איך אײַך געבראַכט אַהער? איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט... (זיי גייען אַוועק).

מ אַ ר אַ ו ו ס ק אַ: (קלאַפּט אין די הענט) עס טאַנצט זיך אײַך נישט מער, אַ? באַגוש, ס׳קאָרטנטישל אַהער. נו, דאָקטאָר, און קרעוויסקאַ און איר. ווײַזט אויף פּאַן עקס) מיר, אַלטע, וועלן זיך זעצן צו אונדזער שפּיל. די יונגע וועלן זיך אַן עצה געבן אָן אונדז — אַ, ווי מיינט איר? גיכער, באַגוש, די נאַכט שטייט נישט און מאָרגן דאַרף מען זײַן פּאַרטיק איידער דער טאָג הייבט זיך אָן — די לעצטע יאַגד אין דעם יאָר, דאַרף מען זיך אויסשלאָפן.

(באַגוש ברענגט אַ טישל מיט שטולן. די פיר עלטערע זעצן זיך אַרום דעם טישל און הייבן אָן צו שפּילן. פון איצט אָן איז די בינע כּמעט אָפּגעטיילט אין צוויי אָפּטיילונגען: די וואָס שפּילן אין קאָרטן פון רעכטס, און די יונגע מענטשן — קומען און גייען אַרײַן און אַרויס פון און צו דער טעראַסע — לינקס.
ווען דער דיאַלאָג גייט אָן בײַם קאָרטנטישל, פאַלט ליכט אויף דער גרופּע פון טישל, ווען עס ווערט גערעדט ווערן אויף דער אַנדערער זײַט, ווערט דאָס ליכט זיך קאָנצענטרירן אויף דער אַנדערער זײַט שטאַרקער און דאָס טישל שוואַכער).

מ אַ ר אַ ו ו ס ק אַ: (שפּילנדיק) נו, קרעוויסקאַ, גיב אַ קאָרט, דו האָסט אַ געוווינהייט צו שפּילן אַזוי לאַנגזאַם אַז מען פילט כּמעט, אַז מען ווערט עלטער און עלטער בײַ דיר.

ק ר ע ו ו י ס ק אַ: לאָז מיך באַטראַכטן. קיין מאָל קאָן איך נישט טראַכטן. יאָג מיך נישט!

דאָקטאָר: (צו פּ׳ מאַראַווסקאַ) מ־מ־מ, איר זענט מײַן ערגסטע פּאַציענטקע, פּאַני מאַראַווסקאַ... איך זאָג: — זײַט פרי אין בעט, און איר מאַכט בעלער, אָרגאַניזירט יעגערײַ. כ׳וואָלט מײַנע הענט. איך גאַראַנטיר מיט גאָרנישט מער פאַר אײַער האַרץ.

מאַראַווסקאַ: ווער בעט אײַך גאַראַנטירן? מײַן האַרץ איז שטאַרקער פון אײַזן. אַז עס האָט איבערגעלעבט „אים״, (ווײַזט אויפן בילד אויף דער פּיאַנע) וועט עס אַלץ איבערלעבן.

פאַן עקס: יאָ, פּוילנס בעסטע מענער זענען געפאַלן, גע־בליבן זענען נאָר... מיר. אָ, דאָקטאָר? נאָר מיר און אַזעלכע (ווײַזט מיט די אויגן צו רודין אויף דער אַנדערער זײַט בינע) ווי דער דאָרטן... דער פּאַיאַץ!...

מאַראַווסקאַ: פון וואַנען האָט זי אים אויסגעגראָבן, האַל־קאַ? עפּעס געפּעלט ער מיר נישט, דער באַראָן אירער. אירע ראָמאַנען ווערן וואָס אַ מאָל מער אַבסורד און מער משונה. (צו האַלקאַן אויף דער צווייטער זײַט בינע) האָסטו געהאַט נײַעס וועגן דײַן מאַן אָדער האָסט שוין אויפגעגעבן זוכן, האַ??!

האַלקאַ: (ווערט פּאַרציטערט) איך... איך... ער איז געמאָלדן אַלס געפאַלן... מען גלייבט אַז ער איז געפאַלן... (פּלוצעם, מיט צער) ווי אײַער זון, מילאַשטשיוואַ פּאַני!

מאַראַווסקאַ: ווי מײַן זון... מ־מ־מ, גיב אַ קאָרט, קרע־ווישקאַ, איך פיל אַז עס וואַקסט מיר אַ באָרד וואָרטנדיק אויף דײַנע קאָרטן, מײַנע ליבע.

רודי: (צו האַלקאַ) אַ קייסערינע, אויף מײַן וואָרט, אַ קייסע־רינע די אַלטע.

האַלקאַ: (פאַרצווייפלט) צו וואָס האָב איך אײַך דאָ אַהער געבראַכט? אָ, איך בין אַ נאַר. רודי, זײַט שטיל...

רודי: (ציניש) איך זאָג אײַך נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל. איך האָב די גרויסע ערע צו געניסן פון דורכלאַוכטע פאַרטרויען פון דער הויפּטקוואַרטיר אין וואַרשע. איך קאָן זיך רימען צו זײַן

איינער פון גאר געציילטע, צו וועלכע גראף פאן זיבעלטיטש האט אנומלט געזאגט. „רודי, האט ער געזאגט... ווייל ער רופט מיך ביים ערשטן נאמען — רודי, זאגט ער צו מיר, אז אלע מענער פון פוילן וואלטן געהאט אייער שׂכל — וואלט פוילן געהאט א שאנס צו ווערן א ריכטיקער פריינד פון דעם גרויסן רייך״... איך האב געהאט טרערן אין די אויגן, און גלייבט מיר — איך וויין נישט אזוי לייכט.

האלקא: אט דאס גלייב איך אייך... קומט שוין, קומט... (שלעפט אים ארויס אויף דער טעראסע. מארישיא קומט אריין לאנגזאם, פארחלומט, מיט א גרויסן בוקעט פעלדבלומען אין איר ארעם. זי אראנזשירט די בלומען ארום דעם פארטרעט אויף דער פיאנע. דאס באגייסטערטע מיידל קומט אויך צו).

מארישיא: (שטיל) פוילן ברענט און איר טאנצט... דו ביסט נישט מער דא און איך לעב... (וויינט).

דאס ענטוזיאסטישע מיידל: (וויינט כמעט אויך) גאט מיינער — וואס פאר א צייטן האבן מיר דערלעבט?!

מארישיא: די גאנצע וועלט ברענט... אלע באגריפן פון כבוד, שיינקייט, גרויסקייט, אלץ באנקראט! באשמוצט, דער־נידעריקט... די העלדן ליגן ערגעץ ווו אויף אומבאקאנטע פעל־דער... און די פשוטע, מוראדיקע, — די מענטשעלעך — זיי טאנצן, גייען שיסן האזן... אנשטאט צו שיסן זיי... יענע... און אלע מאל אז איך כאפ מיך ביי א לאר אדער אין א מינוט פון פארגעסן — איז עפעס אזא מין מאדנע פארשעמטקייט אין מיר... ווי איך וואלט עפעס ביי אימיצן געגנבעט אין מיין לעבן, עפעס גענאשט פון פארבאטענעם בוים אין מיטן פון אונטערגאנג... קוק, קוק אן מיין אוונטקלייד... עס האט זיך מיר היינט אין דער פרי אויסגעדאכט, אז מיין מיידל האט עס נישט גוט אויסגע־פרעסט — האסטו באדארפט זען ווי ברוגז איך בין געווען... א געפיל — שטארק ענלער צו פארצווייפלונג האט מיך באפאלן. כלומרשט — ווי וועל איך היינט אויסזען אויף דעם באל?...

דאָס ענטוזיאַסטישע מיידל: איך פאַרשטיי דיך אַזוי גוט, ליבע...

מאַרישיאַ: ניין, דו פאַרשטייסט מיך נישט... איך פאַרשטיי מיך אַליין נישט... וואָס מער איך האָב דאָס לעבן — אַלץ מער האָב איך עס ליב, מיט ליַידנשאַפטלעכער, פאַרצווייפלטער, איי־פערזיכטיקער ליבע... וואָס איז דאָס, זאָג מיר, וואָס?... (ביידע נעמען זיך אַרום און גייען צו צו די וועלכע שפּילן אין קאָרטן. מאַרישיאַ קיבעצט אויטאָמאַטיש פאַר דער פּאַני קרעווויסקאַ).

מאַראַווסקאַ: קיבעצט נישט, קינדער. לאָזט זי אָפּ, די אַלטע שווינדלערין, זי שווינדלט שוין אַזוי זינט 45 יאָר, און גע־ווינט אָפּ מיַין געלט...

קרעווויסקאַ: איך האָב שטאַרק ליב איַיערע וויצן... קלוגע ווערטלעך... שווינדלערין... איך אַ שווינדלערין... דעם גאַנצן נדן פון מיַינע אייניקלעך האָב איך שוין דאָ אין הויז איבערגעלאָזט און זי זאָגט... (אַלע צעלאַכן זיך).

(עס קומט אַריַין זאָשיאַ [חנהלע]. זי טראָגט פּוילישע נאַציאָנאַלע פּויערים־קליידער. זי איז זייער שיין. אירע בלאָנדע צעפּ ליגן ווי אַ קרוין אַרום איר קאָפּ. זי טראָגט אַ טאַץ מיט אַ גלאָז. גייט צו צו פּאַני מאַראַווסקאַ. רודי קומט גלייַכצייַטיק אַריַין פון דער טעראַסע און אַ וויַילע שפּעטער קומט האַלקאַ און די איבעריקע געסט. רודי פאַרפאָלגט דאָס שיינע מיידל מיט אַ ציניש אָנגע־צונדענעם קוק. זאָשיאַ קוקט דערשראָקן אויף דעם מאָדנעם פאַרשוין).

מאַראַווסקאַ: (גלעטנדיק אירע האָר) אַ דאַנק, זאָשיאַ, אַ דאַנק. זי פאַרגעסט קיין מאָל נישט די נאַרישע פּילן וואָס איר פאַרשרייַבט מיר, דאָקטאָר. ווייסטו דען נישט, נאַרעלע, אַז ער פאַרשרייַבט זיי מיר בלויז ווייַל ער שעמט זיך צו נעמען געלט אומזיסט? זיי העלפן נישט, אָבער אַז דו האָסט זיי שוין געבראַכט — גיב אַהער. (נעמט איַין די פּילן. זאָשיאַ אָפּ. באַלד קומט זי צוריק אַריַין און זעצט זיך אַוועק ווי אַ געטריַיע היטעלע צופוסנס בייַ דער פּאַני מאַראַווסקאַ).

רודי: (הויך) ווער איז זי? וואָס פאַר אַ שיינקייט?!

האַלקאַ: ששש... ששש... רעד נישט אַזוי הויך. זי הערט... זי איז נאָר שטום, אָבער זי הערט אַלץ.

רודי: (באַקוקט דאָס קינד דורך אַ בינאָקל) שטום? איר זאָגט — שטום? ווי פּיקאַנט... ווי שרעקלעך. פון וואַנען האָט זי זיך גענומען אַהער?

האַלקאַ: אַה, מײַן הער, זי געפעלט אײַך? וואָס פאַר אַ קאַזאַנאָווא איר זענט. מען טאָר אײַך נישט גלייבן.

רודי: (ציניש) מײַן האַרץ איז בײַ אײַערע פיסלעך. מײַן אינטערעס פאַר דעם קינד איז אַ ריין טעאָרעטישער... אַ פאַטער־לעכער מיין איך. וואָס טוט זי דאָ?

האַלקאַ: אַ גאַנצע געשיכטע. זי איז דאָ אַ דינסט אויף דער זילבערפוקס־פערמע פון פאַני מאַראַווסקאַ. צוויי יאָר צוריק האָט דער דאָקטאָר זי געפונען אויף די וועגן. ערגעץ נישט ווײַט פון דאַנען. זי איז געווען באַוווסטלאָז און ער האָט זי אויפגעקליבן און געבראַכט אַהער. זיי האָבן זי אויפגענומען. אַז זי איז אַרויס פון איר צושטאַנד — האָט זי נישט גערעדט. זי איז געווען שטום. מען האַלט זי דאָ ווי אַ קינד אין הויז, אַלע האָבן זי ליב. (מיידל כאַפּט אויף די לעצטע ווערטער). אויף ברענענדיקע וועגן האָט דער דאָקטאָר זי געפונען. אין אַ טראַנשייגרוב אויפן וועג. מען האָט געפונען פאַפּירן בײַ איר — זי איז דאָס קינד פון אַ שוסטער פון דעם שטעטל לוּוויטש, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן, נעבעך... און זי איז געלאָפן, געלאָפן — ווי די אויגן האָבן זי געטראָגן און אַנידערגעפאַלן אַ באַוווסטלאָזע אויף די וועגן, דאָס אָרעמע קינד.

רודי: און זי רעדט נישט קיין איין וואָרט?

דאָס ענטוזיאַסטישע מיידל: דער דאָקטאָר זאָגט, אַז דאָס איז אַ שאָק... פאַר שרעק. אַז זי איז נישט געבאָרן גע־וואָרן אַ שטומע — בלויז שטום געוואָרן פאַר שרעק.

רודי: איך בין גערירט. אמת גערירט. אַ פּרינצעסין, יאַק באָגאַ קאָכאַם, אַ פּרינצעסין... פּיקאַנט. (ער גייט צו צו זאָשיאַן

און נעמט זי אָן ביַי דער גאָמבע און פּרווט אויפהייבן איר פּנים צו זיך. זי נעמט אַוועק זיַין האַנט און קוקט מיט אַן אָפענעם האַס אויף אים. זאָשיאַ לויפט אַרויס).

מאַראַווסקאַ: (ביַי די קאַרטן, קוקט איר נאָך) פאַר וואָס אַנטלויפט זי? (קוקט דירעקט צו רודין) ווער טשעפּעט זי? (אַלע שוויַיגן) ווער טשעפּעט זי — פרעג איך?

רודי: (קוקט צום טישל) וואָס פאַר אַ ראָמאַנטישע געשיכטע האָב איך געהערט, דאָקטאָר? איר האָט זי געראַטעוועט? איר זענט אַ גוטער מענטש, דאָקטאָר. זי מוז איַיך זיַין זייער דאַנקבאַר.

דאָקטאָר: (גלײַכגילטיק) היַינטיקע ציַיטן — אַז מען ראַטעוועט אַ קינד פון אַ זיכערן טויט — האָט מען זיך פאַרדינט אַן עבירה און נישט קיין מיצווה. אַלע אייגענע אירע זענען מסתּמא אומגעקומען. זי איז פאַרשטומט און וועט שוין קיין מאָל די וועלט נישט פאַרשטיין.

מאַראַווסקאַ: אָט דאָס האָט איר גוט אַרויסגעזאָגט, דאָקטאָר. זי פאַרשטייט נישט די וועלט. אין אירע גרויסע, בלויע אויגן שטייט פאַרשריבן אַן אייביק טראַגישער פראַגע־צייכן: פאַר וואָס? צו וואָס? (פּויזע).

קרעווויסקאַ: נאָך אַ מזל פונעם קינד, וואָס זי איז געבראַכט געוואָרן פונקט צו איַיך. איר אַלע האָט זי ליב.

מאַראַווסקאַ: זי איז אַ מלאכל. אַ שטילער, שטומער מלאך, אַראָפּגעפאַלן פון הימל, דורך אַ בייזן צופאַל, אויף דער זינדיקער, שמוציקער ערד און זי גייט אַרום דאָ און וווּנדערט זיך — צו וואָס באַשטייט אַזאַ וועלט וויַיטער?

קרעווויסקאַ: אַרבעט זי אַלץ נאָך ביַי זילבערפוקסן, ביַי איַיערע?

מאַראַווסקאַ: יאָ. און אַלע האָבן זי ליב — די חיות, די מענטשן, דאָס גאַנצע דאָרף און מיר דאָ אויך. אָבער קען אונדזער ליבע איר צוריקגעבן אירע עלטערן? איר פּשוטן, פריילעכן לעבן פון דער היים?

פּאַן עקס: יאָ... צײַטן... צײַטן... נישט פאַר קיין קינדער. מיר, אַלטע, קאָנען דאָס נאָך אויסהאַלטן — אָבער די מלאָכימלער... פאַר וואָס קומט עס זיי, נעבעך?

(פּויזע. מאַרישיאַ גייט צו צו דער פּיאַנע און שפּילט מיט איין האַנט, שטייענדיק און פאַרטראַכט, די מעלאָדיע פון „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען").

רודי: (איבערראַשט) וואָס שפּילט איר דאָ? וואָס איז דאָס?

מאַרישיאַ: (שפּילט און ענטפערט נישט).

(זאַשיאַ קומט אַרײַן מיט גלעזער ווײַן אויף אַ טאַץ און הייבט אָן ארומצוגיין צווישן די געסט. ווען זי דערהערט די מעלאָדיע — בלײַבט זי שטיין אויף אַ סעקונדע און קוקט מיט אָפענע, טראַגישע אויגן אויף מאַרישיאַן. דאַן הייבט זי ווידער אָן ארומצוגיין מיט דעם ווײַן צווישן די געסט).

דאָס ענטוזיאַסטישע מיידל: (רעדט צו דער דאַמע אין דעם צווייטן ווינקל פון דער בינע שעפּטשענדיק אַזוי, אַז יעדערער הערט זי) וואָס זאָגט איר? וואָס זאָגט איר? אוי, דאָס איז זיכער געווען מאַרעק. דאָס קאָן נאָר זײַן איינער — און דאָס איז מאַרעק. (מען הערט איצט פון אַלע זײַטן: „מאַרעק", וואָס איז מיט „מאַרעקן").

רודי: (הערט זיך צו מיט אינטערעס. ער שטייט אַליין אין אַ זייט, מאַרישיאַ הערט אויף צו שפּילן).

מאַרישיאַ: וואָס זאָגט איר — מאַרעק? האָט מען געהערט נײַעס?

דאָס ענטוזיאַסטישע מיידל: צי מען האָט געהערט נײַעס? צי מען הערט נײַעס? מען הערט איבער הויפּט נאָר פון אים, פון מאַרעקן, ווו מען גייט, ווו מען שטייט — איז מאַרעק, מאַרעק, אַלע ריידן פון אים. זײַן לעצטער טאַט איז געווען, זאָגט מען, אַז ער האָט פאַרברענט די גרויסע בריק פאַר וואַרשע און איז אַרײַן בײַ נאַכט אין דער געבײַדע פון געשטאַפּאָ צום סאַמע גענעראַל און ער האָט...

רודי: (מיט איראָניע) ווײַבערישע מעשׂהלעך פֿון דער לופֿט. (אַלע ווײַזן אַרויס אַ ווידערגעפֿיל).

מאַרישיאַ: מאַרעק איז ניט קיין מיטאָס. מאַרעק איז אַ פֿאַקט — גאָט צו דאַנקען. עס זענען נאָך פֿאַראַן העלדן אויף דער פּוילישער ערד.

רודי: מעשׂיות... אויסגעטראַכטע מעשׂיות!... טשיסטע פֿאַנ־טאַזיעס, ליגנס!

מיידל: ווי אַזוי קאָנט איר דאָס זאָגן? עס וווּנדערט מיך אויף אײַך! מענטשן ווייסן וועגן מאַרעקן! די צעשטערטע בריקן, ברענענדיקע געשטאַפּאָ־קוואַרטירן, זיי זענען עדות אַז ער לעבט און קעמפֿט! און עקזיסטירט! ער עקזיסטירט אין לעבן!

רודי: (לאַכנדיק, ציניש) און ווער האָט אים געזען, דעם העלד אײַערן? געזען מיט אייגענע אויגן?

מאַרישיאַ: (שטיל) קיינער האָט אים נישט געזען. ער באַ־האַלט זיך און קעמפֿט זײַן הערױִשן קאַמף אין באַהעלטעניש. נאָר די פֿײַערים פֿון אונדזערע דערפֿער און וועלדער, זײַנע סאָל־דאַטן, זעען אים! מיר אָבער, מיר האָבן אים קיינער נישט געזען. מיר גלייבן אין אים און מיר ליבן אים! און...

מאַראַווסקאַ: (פֿון איר אָרט) און מיר אַלע בעטן גאָט פֿאַר אים!

רודי: גלייבן אין אַזעלכע צײַטן דאַרף מען זען אין וואָס מען גלייבט! ווי לײַכט פֿאַלט מען אַרײַן אין מיסטיציזם — אַ נאָמען פֿון דער לופֿט!

מיידל: און די בריק פֿאַר וואַרשע — אַ חלום?

מאַרישיאַ: און די שרעקלעכע אויפֿרײַסן פֿון דעם וואָפֿן־קעלער אין לאָדזש פֿאַר עטלעכע טעג? איז דאָס אויך אַ מעשׂה??!

רודי: צופֿאַלן! ריינע צופֿאַלן... אין אַ מלחמה קאָן אַלץ פֿאָרקומען און די פֿאַלקסמיסטיקערס כאַפּן עס אויף און פֿאַר־שפּרייטן געפֿערלעכע ליגנס.

דאָס ענטוזיאַסטישע מיידל: (פֿאַרחלומט) מען זאָגט,

אַז ער איז אַ גרויסער, אַ יונגער, אַ בלאָנדער, מיט אַ גאַנצער טשופּריִנע בלאָנדע האָר... אַ שטאַרקער, אַ גיבור!...

מאַרישיאַ: ניין, ניין, איך האָב געהערט, אַז ער איז אַ ברונעט, אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, נישט קיין גרויסער — מען זאָגט אַפילו אַז ער איז אַ קליינער... אָבער וואָס פאַר אַ קראַפט עס שטעקט אין זיין קליינעם געשטאַלט! וואָס פאַר אַ שרעקלעכע קראַפט! זיי ציטערן פאַר זיין בלויזן נאָמען און זיי צאָלן אַ פאַרמעגן פאַר זיין קלוגן קאָפּ!

רודי: (לאַכט) נו, זאָגט אַליין, מיינע דאַמען, איז דאָס נישט לעכערלעך? אַ בלאָנדער, אַ גרויסער, אַ טונקעלער, אַ קליינער, אַ יונגער, אַן אַלטער, — נו, זעט איר נישט אַליין, אַז קיינער האָט אים נישט געזען — ער עקזיסטירט גאָר נישט!

קרעוויסקאַ: (פון איר טישל) און גאָט?!!! — האָט עמעצער געזען גאָט?! אָבער ער איז דאָ! ערגעץ ווו איז ער פאַראַן! כאָטש אָפּט מאָל דאַכט זיך מיר, אַז איצט איז ער גאָר וויַיט פון פוילן!... שטראָף מיך נישט פאַר מיינע רייד! הייליקער פאָטער! — גיב אַ קאָרט, מאַראָווסקאַ, שפּיל נישט אויף מיינע נערוון. דיַין הייַנטיקער באַל געפעלט מיר נישט, טיַיבעלע.

רודי: אָ, מען פאַרגלייַכט אים שוין צו גאָט! דאָס איז שוין היסטעריש און הייבט אָן צו ווערן געפערלעך.

פּאַן עקס: (ביַי די קאָרטן) איך האָב געהערט פון אַ זייער אויטענטישער זייַט, אַז מאַרעק איז אַ ייִד. אַ ייִד פון...

מאַראָווסקאַ: אוממעגלעך! מאַרעק איז אַ העלד — ער מוז זייַן אַ פּאָליאַק!

רודי: (קאַטשעט זיך פון געלעכטער) האַ, האַ, האַ... אַ וויץ, אַ סעקולערער וויץ, אויף מיַין וואָרט... הע-הע-הע... איך האַלט נישט אויס! אַ ייִד, אַ קעמפער, אַ ייִד אַ העלד! אפשר אַ ייִד מיט אַ באָרד און פּיאות? אַ רויטינקער, אַ שמוציקער? אַ? ווי מאַשקע דער הויזן-מאַכער? פּאַניע דיַיטש, פּאַניע דיַיטש, ליבער פּאַניע דיַיטש, לאָזט מיך אָפּ, נעמט מיך נישט, נעמט מיך נישט,

איך האָב מורא! (ער רעדט מיט אַן אַקצענט, נאָכמאַכנדיק אַ ייִד. אַלע שווײַגן. האַלקאַ קוקט אויף רודין און ברעכט די הענט אין אַ שטומער פאַרצווייפלונג).

(זאַשיאַ האָט אין פאַרלויף פון דער אַ גאַנצער סצענע נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון רודין. איר קוק איז פול מיט שׂינאה. ווען ער דייבט אָן נאָכקרימען אַ ייִדן, פאַלט בײַ איר אַרויס די טאַץ פון די הענט און עטלעכע גלעזער ווערן צעבראָכן. זי בלײַבט שטיין פאַרשטאַרט און רירט זיך נישט פון אָרט. עס ווערט שטיל אויף אַ ווײַלע און דערנאָך ריידן אַלע מיט אַ מאָל).

אַלע: וואָס איז געשען? זאַשיאַ, וואָס איז געשען? (אימיצער קלײַבט צונויף די צעבראָכענע שטיקלער גלאָז).

מאַראַווסקאַ: (שטייט אויף) זאַשיאַ, וואָס איז מיט דיר הײַנט? גיי שלאָפן! מיר דאַרפן דיך נישט מער. גיי, מײַן קינד! ביסט נישט מיט אַלעמען הײַנט. גיי! (זאַשיאַ קוקט אויף רודין ווי היפּנאָטיזירט. לויפט צו צו מאַראַווסקאַן און קושט איר האַנט מיט אַ שטאַרקער, עקזאַלטירטער באַוועגונג. (זאַשיאַ אָפּ).

רודי: ווי זי קוקט! אַ כּוח! אַ טעמפּעראַמענט! פּיקאַנט, פּיקאַנט, בײַ מײַן וואָרט.

האַלקאַ: (נעמט אים בײַ דער האַנט און שלעפּט אים אַוועק אין אַ זײַט) רודי, רודי, וואָס טוט איר? וואָס רעדט איר? איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט אַז אין דעם הויז וועט איר נישט... (שלעפּט אים אַרויס אויף דער טעראַסע).

מאַרישיאַ: (רופט צו האַלקאַן) האַלקאַ, אויף איין וואָרט. (האַלקאַ קומט אַרײַן).

האַלקאַ: ווילסט מיר עפּעס זאָגן?

מאַרישאַ: (שטיל, אַז מאַראַווסקאַ זאָל נישט הערן) וועמען האָסטו דאָ געבראַכט צו אונדז? ביסטו פון זינען אַראָפּ? האָסט דאָך מיר געזאָגט אַ קינסטלער — אַ פּיאַניסט, אַ פרײַנד דײַנער — נו, האָב איך געזאָגט אַז דו זאָלסט אים ברענגען... אָבער ער? אַ פאַרקויפטער, אַ פאַררעטער, אַ דעגענעראַט, אַ... איך וואָלט אים שוין פון לאַנג אַרויסגעוואָרפן פון דאַנען — אָבער איך האָב

מורא אויפצורעגן מײַן שוויגער. איר האָרץ. זי האָט, גאָט צו דאַנקען, נישט אַלץ געהערט... ווײַל זי שפּילט... אָבער דו קענסט זי דאָך — ווי האָסטו געקאָנט!... וואָס זאָל איך איצט טאָן?

האַלקאַ: מאַרישיאַ, איך שווער דיר, איך שווער דיר בײַ אַלעמען, האָסט אַ טעות... ער מאַכט נאָר אַזעלכע נאַרישע וויצן. שטענדיק מאַכט ער וויצן, זײַן קינסטלערישע נאַטור איז אַזוי... ער איז נישט וואָס דו מיינסט. ער האָט פאַרבינדונגען, אָבער ער איז אַ פּאַטריאָט.

מאַרישיאַ: (לאַנגזאַם) ביסטו בלינד, האַלקאַ? בלינד פאַרליבט? ווי לאַנג איז דײַן מאַן ערשט אַוועק? געפאַלן, ווי מײַנער! קום צו זיך, קום צו זיך... און איצט נעם אים אַוועק. איך קאָן פאַר מיר מער נישט גאַראַנטירן. אַז מײַן מוטער וועט דערקענען ווער ער איז — וועט זי אַנידערפאַלן... נעם אים אַוועק! שוין!

האַלקאַ: (פאַרצווייפלט) איך קאָן נישט... איך האָב אים צוגעזאָגט די יאַגד. ער איז אַ לײַדנשאַפטלעכער יעגער. פאַרשטיי מיך דאָך. אָבער איינס קאָנסטו זיכער זײַן: ער וועט מער אַזוי נישט ריידן — פאַרלאָז דיך שוין אויף מיר, איך וועל... (לויפט אַרויס אויף דער טעראַסע, האַלקאַ שלעפּט רודין אַרײַן בײַ דער האַנט אין מיטן זאָל מיט געמאַכטער פרייַלעכקייט) פרײַנד! מײַנע דאַמען און הערן! באַראָן רודי וועט שפּילן. איר ווייסט נאָך נישט אַז באַראָן רודי איז איינער פון אונדזערע גרויסע טאַלאַנטן. איך האָב זיך פאַרליבט אין זײַן שפּילן. שפּילט, שפּילט פאַר אונדז!... (קיינער אַפּלאָדירט נישט, אַ געשפּאַנטע פּויזע).

רודי: (פרייַלעך. אַזוי ווי גאַרנישט וואָלט דאָ געשען) איבערטרײַבונגען... דאַמען! איבערטרײַבונגען... איך בין נאָר אַ באַשיידענער דילעטאַנט. וואָס זאָל איך פאַר אײַך שפּילן? (קיינער ענטפערט נישט. מען זעצט זיך אַוועק אויף שטולן צום הערן. רודי נעמט אַ פּאָר אַקאָרדן אויף דער פּיאַנע) מ־מ־מ. וואָס זאָל איך שפּילן?

האַלקאַ: איר וועט זען, איר וועט זען וואָס פאַר אַ טאַלאַנט

שטעקט אין אים. ער מאַכט נאַר וויצן — אַ קינסטלערישע נאַטור... אָבער אַ טאַלאַנט, זאָג איך אײַך, אַ טאַלאַנט... (רודי שפּילט אַ ביסל עפּעס פון שאָפּען, רײַסט איבער און דרייט זיך אויס צו מאַרישיאַן) איר האָט געשפּילט אַ מעלאָדיע, עפּעס קלינגט זי מיר באַקאַנט... וואָס איז דאָס געווען און ווו האָב איך זי שוין אַ מאָל געהערט?

מ אַ ר י ש י אַ: (מען זעט, אַז עס פאַלט איר שווער אים צו ענטפערן. אויף איר פּנים איז אַ דײַטלעכער אויסדרוק פון שינאה און עקל) זאָשיאַס ליד. זי ברומט עס שטענדיק שטילערהייט פאַר זיך... מסתּמא אַ וויגליד, וואָס איר מאַמע האָט איר געזונגען... איר זכּרון איז טויט, אָבער דאָס קליינע לידעלע איז פאַרבונדן אין איר און לעבט!... די מענטשן אין הויף און אין דאָרף, אַלע האָבן עס שוין איבערגענומען און זינגען עס.

ר ו ד י: (הייבט אָן צו שפּילן, דערווײַל מיט איין האַנט, די מעלאָדיע פון „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען") איך האָב עס שוין ערגעץ געהערט... אַ וויגליד...

(הייבט אָן צו אימפּראָוויזירן צו דער טעמע. זײַן אימפּראָוויזאַציע וואַקסט און צעוואַקסט זיך צו אַ ראַפּסאָדיע־ריטעם. ער שפּילט מײַסטערהאַפט. זינט ער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן — האָט זיך באַוויזן זאָשיאַ בײַ דער טיר. קיינער זעט זי נישט דערווײַל. זאָשיאַ הערט זיך אײַן און קוקט אויף אים היפּנאָטיזירט. זי הייבט אָן זיך צו באַוועגן אין ריטעם פון דער מוזיק. די בינע ווערט טונקל. מען זעט אומדײַטלעך די סילועטן פון די זיצנדיקע געסט. אַ ליכטשטראַל פאַלט אויף זאָשיאַן און פאַרפאָלגט איר דראַמאַטישע פּאַנטאָמימע. די מעלאָדיע וואַקסט און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ברייטער מוזיקאַלישער קאָנדענץ אויף דער טעמע „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען".
ווי דורך אַ נעפּל זעט מען די גרופּע בײַ די קאָרטן און אַלע איבעריקע געסט. מען זעט אויך רודיס פינגער בײַ דער פּיאַנע. לינקס פון דער בינע באַווײַזט זיך אין אַ ליכטקרײַז פון אַ געשפּענסט־בלייך ליכט, שלמה גינזבורג, אַ בלייכער, אַ טויטער. ער איז אָנגעטון אין וועסטל, אָן אַ רעקל, ווי אין סוף פון דעם פּראָלאָג. זאָשיאַ לויפט צו צו איר טאַטע און פאַלט צו זײַן ברוסט. ער בלײַבט אָן אַ באַוועגונג).

ז אָ ש י אַ: טאַטע!... טאַטע!... ווער בין איך?... זאָג מיר — ווער בין איך?... זינט דו האָסט מיר פאַרשלאָסן די ליפּן מיט

דײַנע פינגער — האָב איך נישט מער געקענט ריידן. זינט דו האָסט מיך געהייסן פאַרגעסן — האָב איך אַלץ פאַרגעסן... אָבער איך ווייס נאָר איינס: איך בין דאָ אַ פרעמדע. איך בין דאָ פרעמד. איך געהער נישט צו זיי און זיי געהערן נישט צו מיר. ווו איז מײַן היים? צו וועמען געהער איך? וואָס איז מײַן נאָמען? איך בין נישט זאָשיאַ און דאָס זענען נישט מײַנע קליי־דער... ווער בין איך, טאַטע, זאָג מיר; פּײַניק מיך נישט! זאָג מיר — ווער בין איך? איך וויל זיך אַזוי דערמאָנען — אָבער דו האָסט מײַנע ליפּן פאַרשלאָסן... טאַטע! טאַטע! טאַטע!...

(שלמה שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. ער פאַרשליסט אירע ליפּן מיט די פינגער ווי אין פּראָלאָג. ער פאַרשווינדט.
דאָס זעלבע גרינע ליכט פאַלט אויף דער צווייטער זײַט פון דער בינע. עס באַווײַזט זיך יעטע גינזבורג — אויך אַ בלאַסע, ווי טויט, אַ צעשויבערטע און אַן אויסגעמאַטערטע).

זאָשיאַ: (וואַרפט זיך צו אירע פיס) מאַמע!... מאַמע!... ווער בין איך? פון וואַנען קום איך? פון וואַנען קומט דאָס ליד צו מיר? עס קלינגט און קלינגט אין מיר בײַ טאָג און בײַ נאַכט... פאַר וואָס לאָזט איר מיך דאָ צווישן פרעמדע? זיי זענען גוט צו מיר — אָבער איך געהער נישט צו זיי. צו וועמען געהער איך, מאַמע? זאָג מיר... פאַרשווינד נישט! זאָג מיר! (זי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. זי פאַרשווינדט, ווי שלמה איז פאַרשוווּנדן).

(אין אַ ווילדן אַפּאַטעאָס פון דער מוזיק פאַלט זאָשיאַ אַוועק אַ באַוווּסטלאָזע. עס ווערט ליכטיק אויף דער בינע. די מוזיק ווערט פאַרשטומט. מאַראַווסקאַ שטייט אָנגעשפּאַרט אויף איר שטעקן לעבן זאָשיאַן אין דער מיט פון זאַל. דער דאָקטאָר קניט לעבן קינד און הערט אויס איר האַרץ. די געסט שטעלן זיך אין אַ האַלבקרײַז אַרום דער גרופּע. רודי שטייט פון ווײַטן, מיט אַ מאָדנעם בליק קוקט ער אויף דעם ליגנדיקן קינד).

מאַראַווסקאַ: רעדט, דאָקטאָר, רעדט! וואָס איז מיט איר?
דאָקטאָר: (הייבט זיך אויף) אַ קאַלעפּס... געפאַלן אין

חלשות. אַז זי הערט די דראַמאַטישע מעלאָדיעס... וואָס פאַר אַ צאַרטע נערוון זי האָט. מען טאָר זי נישט אויפרעגן...

מאַראַוווסקאַ: (קלאַפּט צאַרנדיק מיטן שטעקן) באַגוש! אַהער (באַגוש קומט אַריין און דערזעט זאָשיאַן אויף דעם דיל) וואָס איז מיט איר?

מאַראַוווסקאַ: טראָג זי אַריין צו איר אין שטיבל. (באַגוש און דער דאָקטאָר הייבן זי אויף און טראָגן זי אַרויס).

רודי: (מיט אַ געמאַכטער שולדיקייט) איך האָב נישט געוווּסט, אַז זי וועט עס זיך אַזוי צום האַרצן נעמען — איך האָב נאָר אַ ביסל פאַנטאַזירט אויפן קלאַוויר... איך מיין...

מאַראַוווסקאַ: (קאַלט) די שפּאַסן זענען צו ענד היינטיקע נאַכט. גענוג! דער באַל איז אויך געענדיקט. מאָרגן פרי וועט אייך אַלעמען אויפוועקן דער רוף פון אונדזערע הענער. די יאַגד הייבט זיך אָן זעקס אַ זייגער. גייט אַלע שלאָפן אין אייערע צימערן. אַ גוטע נאַכט! (זי דרייט זיך אויס צום אַוועקגיין).

רודי: (זייער לאַנגזאַם): איין מאָמענט, מיינע דאַמען און הערן. איך מוז אייך אַלעמען זאָגן אַ פּאָר ווערטער. (אַלע בלייבן שטיין).

מאַראַוווסקאַ: יאָ?

רודי: (שטאַמלט אומנאַטירלעך) עס איז זייער אומאָנגענעם פאַר מיר, באמת, איך ווייס נישט ווי אַזוי איך זאָל זאָגן... אַבסאָלוט אומאָנגענעם צו זיין דער יעניקער וועלכער זאָל דאַרפן צעשטערן אייערע פּלענער. אָבער פליכט, איז פליכט. און איך מוז אייך מיטטיילן, אַז די מאָרגנדיקע יאַגד וועט נישט פאָרקומען.

אַלע: (דערשראָקן) וואָס זאָגט ער? וואָס רעדט ער?

האַלקאַ: (פאַרצווייפלט) איר האָט דאָך צוגעזאָגט... איר האָט דאָך צוגעזאָגט...

מאַראַוווסקאַ: ווער זאָגט דאָס? ווער האָט צו באַפעלן אין מיין הויז?

רודי: שרעקלעך אומאָנגענעם, אָבער וואָס זאָל איך טאָן?

איך בין באַפּולמעכטיקט געוואָרן פון דער הויפּט־קאָמאַנדאַ פון דער וואָפן־אָפּטיילונג פון דער געשטאַפּאָ אין וואַרשע — איינ־צוזאַמלען היינטיקע נאַכט אַלע פייער־וואָפן פון אַלע קאַליבערס, מיט אַלע באַפינדלעכע אַמוניציעס ביי די נאַבעלע פּאַליאַקן אין דער אומגעגנט ביי דער הויפּטשטאָט. איר זענט די ערשטע אויף מיין ליסטע און איך האָב מיך דערלויבט צו באַנוצן פּאַני האַלקאַס ליבעסווערדיקע איינלאַדונג צו קומען צו אייך צו גאַסט — און איך מוז זאָגן, אַז איך בין זייער דאַנקבאַר פאַר דעם ווונדערלעכן אָוונט — וועלכן איך האָב דאָ פאַרבראַכט. אָבער — ווי געזאָגט — פליכט איז פליכט — און איך וועל אייך בעטן באַלד דאָ אָוועקלייגן אַלע געווער: ביקסן, פּיסטאָלעטן, רעוואָלווערן און אַמוניציע וועלכע געפינט זיך אונטער אייער דאַך. איך מוז זיי אַלע אָפּליפערן מאָרגן פרי, אַהין וווּ מען דאַרף. איך פאַרלאָז זיך אויף אייער וואָרט — מילאַסטיוואַ פּאַני מאַראַווסקאַ, אַז דאָ וועט נישט פאָרקומען קיין ווידערשטאַנד. איך טו נאָר מיין פליכט און נישט מער. איך האָף, אַז איר פאַרשטייט וואָס איך מיין... קיינער וועט גאָרנישט באַהאַלטן. אַז איר וועט מיר געבן אייער געשעצטע וואָרט, אַז אַלץ וועט מיר דאָ אָוועקגעלייגט ווערן אין אָרדענונג און ווי עס באַדאַרף צו זיין, וועל איך אייך, נאַטירלעך, גלייבן און וועל נישט זיין געצוווּנגען צו מאַכן אַ... מ־מ־מ... אַ הויז־אונטערזוכונג. אָבער איך האָף, אַז גוטע פריינד... (גרויסע, לאַנגע פּויזע. קיינער רירט זיך נישט פון אָרט. קיינער רעדט נישט אַ וואָרט. דער דאָקטאָר, וועלכער איז פריִער אַריינגעקומען, שטעלט זיך ווי אַ באַשיצער לעבן דער פּאַני מאַראַווסקאַ).

דאָס ענטוזיאַסטישע מיידל: יעזוס מאַריאַ!

פּאַן עקס: באָזשע מאַי!...

מאַרישיאַ: (צו האַלקאַן) און דו שעמסט זיך נישט?!

האַלקאַ: איך האָב נישט געוווּסט... איך האָב נישט געוווּסט... יאַק באָגאַ קאָכאַם!

מאַראַווסקאַ: (קלאַפּט מיטן שטעקן) גענוג! שווייגט אַלע!

הייסט עס, איר זענט באַפּולמעכטיקט פון דער... געהיימער פּאָליי־
ציי אײַנצוזאַמלען וואָפן פון אונדז, נאָבעלע פּאָליאַקן? נו, און
איר? ווער זענט איר? אויך אַ נאָבעלער פּאָליאַק?

רודי: (קלאַפּט מיליטעריש צוזאַמען די אָפּצאַסן) באַראָן
רודאָלף קאַלאַמעיסקי, פּאַני מאַראַווסקאַ, פון יענע קאַלאַמעיסקיס...

מאַראַווסקאַ: גענוג! האָט איר אַ דאָקומענט? אַן אויס־
ווײַז? אַ פולמאַכט?

רודי: יאָ, יאָ, יאָ! נאַטירלעך, דאָ. (ווײַזט איר אַ פּאַפּיר)
אַ דורכפירונג־באַפעל פון דעם אויבערשטן שעף פּערזענלעך,
פּיבעלטיטץ, וועלכער האָט מיך באַערט מיט זײַן אָנערקענטער
פאַרטרויונג פאַר דער דאָזיקער גרויסער מיסיע. (גיט איר דאָס
פּאַפּיר, זי רירט עס נישט אָן).

מאַראַווסקאַ: לייענט פאָר!

רודי: (לייענט מיט אַן אָפיציעלער הילצערנער שטים) מיט
דעם זעלבן ווירד באַראָן רודאָלף קאַלאַמעיסקי פון אונדז באַ־
פולמעכטיקט — אונטערן באַפעל דעס פירערס נומער 2334,
„ל" „א" 87, אַלע פײַערוואָפן פון די גיטער און יאַגדגעלאַנדען
געהירענט דער פּאָלנישען פאָרם אונד לאַנדערגעזעלשאַפט —
אויפצוזאַמלען אונד אָבצוליפערן"...

מאַראַווסקאַ: מיר האָבן גענוג געהערט. דאָס גאַנצע וואָפן
איז דאָ אין דעם זאַל. האָט עמעצער נאָך געווער בײַ זיך אין דעם
גאַסטפליגל? (אַלע שווײַגן) ניין? הייסט עס, אַז דאָס גאַנצע
געווער איז דאָ.

רודי: און אַמוניציע?

מאַראַווסקאַ: באַגוש! (באַגוש קומט אַרײַן).

באַגוש: יאָ?

מאַראַווסקאַ: איז דאָס וואָפן און אַלע קוילן דאָ? אַלע
געלאָדן? און די רעזערוון? קוק נישט אַזוי אויף מיר! אַלטער!
ענטפער!

באַגוש: (ציטערנדיק, קוקט פון איינעם צום אַנדערן) אַלע

געלאָדן. די רעזערוו־אַמוניציע איז דאָ, אין די שופלאָדן. ווי איר האָט באַפוילן, מאַדאַם. (אָפּ).

מ אָ ר אַ ו ו ס ק אַ : (מאַיעסטעטיש צו רודין) איך גיב אײַך מײַן וואָרט, אַז דאָס איז דאָס גאַנצע וואָפן וואָס מיר פאַרמאָגן. איר דאַרפט נישט מאַכן קיין הויז־אונטערזוכונג.

ר ו ד י : געוויס, געוויס, אײַער וואָרט איז גענוג. איך דאַנק אײַך!

מ אָ ר אַ ו ו ס ק אַ : גייט אַלע שלאָפֿן. גייט שלאָפֿן, מײַנע געסט — מיר קאָנען גאָרנישט טאָן! (אַלע לאָזן זיך רעכטס צו דער טיר. האַלקאַ גייט צו צו פאַני מאָראַווסקאַ און פאַלט ווײַנענדיק אויף איר ברוסט).

מ אָ ר אַ ו ו ס ק אַ : (שטיל) גאָט מאַכט יונגע מענטשן בלינד און עפנט זייערע אויגן, ערשט ווען טרערן הייבן אָן רינען... שפּעט, האַלקאַ, גיי שלאָפן... גוטע נאַכט! (האַלקאַ אָפּ. רודי גייט אויך צו צו איר, זי קוקט לאַנגזאַם אויף אים און זעצט זיך דאַן אַרײַן אין איר שטול, באָגוש פירט זי אָפּ. רודי בלײַבט אַליין אויף דער בינע. ער קוקט זיך אַרום, מאַכט אַ רעזיגנירטע באַוועגונג מיט זײַנע אַקסלען און גייט מיט רעש אויף רעכטס. אין אַ ווײַלע קומט אַרײַן באָגוש. ער ציטערט און שעפּטשעט עפּעס, וואָס מען קאָן נישט הערן. ער פאַרלעשט מיט מורא אַלע לײַכטערס אין זאַל. אַ פּאָר מינוט פּויזע).

(אויף דער בינע איז טונקל. דורך דער טיר פון דער טעראַסע שײַנט אַרײַן אַ גרויע ליכט פון קאַיאָר. בײַם סוף פון דער סצענע וועט זיך דער הימל פאַרבן פּורפּור־רויט און די זון וועט אויפגיין.

רודי קומט אַרײַן. ער טראָגט זײַנע רײַטהויזן און שטיוול, אָן אַ רעקל. ער האַלט אַ ליכט אין האַנט און ער שטעלט זי אַוועק. איצט איז די בינע שוואַך באַלויכטן. ער גייט צו צו אַלע טירן און עפנט זיי פאָרזיכטיק. ער הערט זיך אײַן, צי אַלץ איז שטיל. דאַן גייט ער צו דער באַלוסטראַדע פון דער טעראַסע — נעמט דאָס ליכט און באַוועגט דאָס לאַנגזאַם הין און צוריק. ער סיגנאַליזירט. מען דערהערט אַ שוואַכן פײַף פון דרויסן. אַלע רודיס באַוועגונגען און האַנדלונגען זענען זייער פאָרזיכטיק און שטיל און ווערן פון אים אויסגעפירט מיט אַ באַוועגלעכקייט און געשיקטקייט פון אַ קאַץ. ער נעמט אַראָפּ פון די ווענט די ביקסן און טראָגט זיי צו צו דער טעראַסע. עס באַווײַזן זיך צוויי יונגע מענטשן, אָנגעטאָן ווי פּויערים, און נעמען דאָס געווער פינקטלעך און שטום אַוועק און

פאַרשווינדן אין וואַלד. רודי חזרט איבער זײַן האַנדלונג. אין דער טיר באַווײַזט זיך זאַשיאַ. זי טראָגט אַ פּויעריש העמד און אַן אונטער־ראָק. אַ טיכל איז איבערגעוואָרפן איבער אירע פּלייצעס. זי טראָגט אין האַנט אַ ליכט. מען זעט אַז זי איז אַרויס פון בעט. — זי גייט באַרוועס. רודי, מיטן רוקן צו זאַשיאַן, טראָגט געווער צו דער טעראַסע און גיט דאָס איבער צוויי אַנדערע יונגע פּויערים. זאַשיאַן באַמערקט ער נאָך נישט. זאַשיאַ קוקט מיט אַ ברענענדיקן בליק אויף אים. דאַן נעמט זי אַראָפּ פון וואַנט אַ פּיסטאָלעט. זי ציטערט און מען זעט אַז זי האָט נאָך קיין מאָל נישט געהאַלטן געווער אין האַנט. זי האַלט דעם פּיסטאָלעט מיט ביידע הענט, אומגעלומפּערט און קינדעריש. אירע הענט ציטערן דערבײַ. רודי דרייט זיך אויס און דערזעט זאַשיאַן. ביידע קוקן זיך שטום אָן. דערזעענדיק געווער אין אירע הענט — פאַרשטייט ער אַז ער איז אין אַ געפאַר).

רודי (רעדט זייער שטיל, אינטענסיוו) זאַשיאַ, קינד, וואָס טוסטו דאָ? וואָס טוסטו דאָ? לייג אַוועק דעם פּיסטאָלעט (ער מאַכט אַ טראָט צו איר, זי הייבט דעם פּיסטאָלעט העכער און דראָט אים. ער בלײַבט שטיין) זאַשיאַ, זאַשיאַ, לייג אַוועק דעם פּיסטאָלעט! דו ווייסט נישט וואָס דו טוסט! הערסט, וואָס איך זאָג דיר? (זאַשיאַ הייבט ווידער דעם פּיסטאָלעט העכער צו אים. רודי באַוועגט זיך לאַנגזאַם און פאַרזיכטיק צו איר, אָבער זאַשיאַ דראָט אים מיטן געווער און ער בלײַבט ווידער שטיין). דו ווילסט מיך דערשיסן? יאָ?! דו האָסט מיך? דו האָסט דעם באַראָן רודי, דעם פאַררעטער, דעם פאַרקויפטן? יאָ, אָבער דו ווייסט נישט... לייג אַוועק דאָס געווער פון דײַנע הענט און גיב מיר צײַט דיר צו דערקלערן... (מען הערט ווידער אַ פײַף. זאַשיאַ דערשרעקט זיך און הייבט אַן אומגעלומפּערט צו צילן אויף אים. מען זעט אַז זי איז אַנטשלאָסן און שטאַרק ווי אײַזן. רודי איז פאַרצווייפלט און וויל גיין צו דער טעראַסע און קאָן נישט). זאַשיאַ, הער מיך, איך בין נישט... (מען הערט ווידער אַ פײַף, רודי מאַכט אַ טראָט צו דער טעראַסע. זאַשיאַ מאַכט צו אירע אויגן און שיסט אויס. רודי כאַפּט זיך אָן בײַ זײַן לינקער האַנט און דערשטיקט זײַן געשריי. בלוטפלעקן באַווײַזן זיך אויף זײַן אַרבל. מיט פאַרביסענע ליפּן דערשטיקט ער זײַנע ווייטיקן און רעדט גיך, גיך, פיבעריש, אינטענסיוו און דערבײַ שטיל), קינד, קינד, וואָס

האָסטו געטאָן? גיך, גיך, מוזסט אַוועק און איך מוז אויך אַוועק! זיי וועלן דערהערן... זיך אויפכאַפּן!... אַרײַנקומען... און איך קאָן אַפילו דאָ נישט מער פאַרענדיקן. זאָשיאַ, דו מוזסט מיט מיר אַוועק פון דאַנען! הער זיך אײַן, קינד! איך בין איינער פון דײַנע!... אָבער דו ווייסט נישט ווער עס זײַנען אָט אָ די דײַנע, אַיאָ? אָבער איך ווייס! איך האָב דערקענט... דאָס ליד... דעם ניגון... (דערשטיקט די שמערצן, כאַפּט זיך אָן בײַ דער בלוטנדיקער האַנט, רײַסט אָפּ אַ שטיקל פון דעם צווייטן אַרבל און פאַרבינדט די ווונד. גאָט, ווי אַזוי דערקלערט מען עס איר?! ווי אַזוי מאַכט מען זי זאָל גלייבן? פאַרשטיין?... זאָשיאַ, דו ביסט אַ ייִדיש קינד... אַ ייִדישע טאָכטער!... (אין דעם מאָמענט, באַווײַזט זיך מאַראַווסקאַ אין דער טיר. זי האַלט אַ קליינעם פּיסטאָלעט אין איר האַנט. זי בלײַבט שטיין און רירט זיך נישט פון אָרט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער סצענע. רודי און זאָשיאַ באַמערקן זי נישט. רודי פאַרצווייפלט) מאַך אַ סימן מיטן קאָפּ אַז דו פאַרשטייסט וואָס איך זאָג דיר, אַז דו גלייבסט אַז מיר מוזן אַוועק פון דאַנען!... גלײַך... איידער זיי אַלע... אָ, גאָט מײַנער! ווי גיט מען עס איר צו פאַרשטיין!... (זאָשיאַ קוקט אויף אים מיט ווײַט־אויפגעריסענע אויגן און באַוועגט זיך אויפן אָרט) מיר טאָרן נישט פאַרלירן קיין צײַט (מיט אַן אַנטשלאָסענער באַוועגונג רײַסט ער אַרונטער דעם רויטן פּאַרוק פון זײַן קאָפּ צוזאַמען מיט די וואָנצעס. ער איז איצט גאָר אַן אַנדערער, אַ זייער יונגער מאַן מיט טונקעלע האָר) זאָשיאַ! איך בין נישט... גיך! זיי וועלן קומען... דײַן שאָס... קום, קום קינד! איך בין אַ ייִד, ווי דו! מיר ביידע זענען ייִדן!... זיי וועלן געוואָר ווערן אַז דו ביסט אַ ייִדישקע. זיי וועלן דיך דערשיסן! מען באַצאָלט מיטן לעבן פאַר אויסבאַהאַלטן ייִדן. דו ווייסט עס דאָך. קום, מיר וועלן דיך נעמען צו אונדז אין די וועלדער!... קום! דו הערסט? פאַרשטייסט? (זאָשיאַ גייט לאַנגזאַם צו צו אים, מיט טרערן אין די אויגן באַרירט זי זײַן פאַרווונדעטן אָרעם) דאָס איז גאָרנישט!

עס וועט זיך פאַרהיילן. קום, קום! גלייבסט מיר נאָך אַלץ נישט?! (זייער שטיל) זאָשיאַ, מײַן ריכטיקער נאָמען איז מאַרעק!... איך בין מאַרעק! קום! וועסט זײַן מיט אונדז! (זאָשיאַ קניט אַנידער פאַר אים און קושט זײַן האַנט) קינד, קינד, וואָס דו ביסט! וואָס טוסטו? איך בין נאָר אַ פּשוטער מענטש ווי אַלע. קיין העלד, קיין גאָט... (ער הייבט זי אויף און טראָגט זי צו צו דער טעראַסע. צוויי יונגע פּויערים נעמען זי איבער און פאַרשווינדן מיט איר צווישן די ביימער. רודי קוקט זיך אַרום און וויל צוגיין נעמען דאָס איבעריקע געווער, דערזעט ער די פּאַני מאַראַווסקאַ בײַ דער טיר מיט אַ פּיסטאָלעט אין האַנט).

מאַראַווסקאַ: (זי גיט אים דעם פּיסטאָלעט) דאָס איז דאָס לעצטע שטיקל געווער אין הויז. נעמט דאָס! איך האָב אײַך אָפּגענאַרט מיט מײַן וואָרט. דאָס האָב איך נאָך געהאַט מיט זיך. געלאָדן מיט אַ קויל פאַר אײַך!... פאַר דעם באַראָן רודי קאָלאָמעיסקי, דעם פאַררעטער... נעמט דאָס! ס'איז אײַערס, מײַן זון.

רודי — מאַרעק: (ער גייט צו צו איר, נעמט דעם רעוואָלווער, פאַרנייגט זיך שטום פאַר איר, שפּרינגט אַריבער די באַלוסטראַדע פון דער טעראַסע און פאַרשווינדט אין וואַלד).

מאַראַווסקאַ: (בלײַבט שטיין אַן באַוועגונג אַ ווײַלע. דאַן גייט זי צו צו דער טעראַסע, שטעלט זיך אַוועק בײַ דער באַלוסטראַדע מיטן רוקן צום עולם) באַשיץ זײַן לעבן! פאָטער אין הימל! בענטש זײַנע טריט... העלף אים! לאָז אים איבערלעבן!!! ער איז עס ווערט! (דער מאַיעסטעטישער סילועט פון דער פּאַני מאַראַווסקאַ זעט זיך איצט שאַרף אָן קעגן דעם רויטפלאַמיקן הימל. די זון גייט אויף).

פאַרהאַנג

צווייטער אַקט

אַ שטעטל אין דײַטשלאַנד אינעם יאָר 1945, סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ צימער מיט פּרימיטיווע ביוראָ־מעבל. אויף די ווענט בילדער פון פּרעזידענט רוזוועלט און ד״ר חיים וויצמאַן. אין אַ ווינקל פון צימער צוויי פאַנען, די אַמעריקאַנישע און אַ בלוי־ווײַסע פאַן.

אַרום די ווענט הילצערנע בענק. לינקס אויף דער בינע — אַ שרײַב־טיש, פאַרשידענע פּאַפּירן אָנגעלייגט אויף אים. אויף דער וואַנט אַ לאַנדסקאַרטע. דאָס ביוראָ האָט 3 טירן. ווען דער פאָרהאַנג גייט אַרויף, זעט מען אַ לאַנגע ריי פון פרויען און מענער — אָפּגעריסענע, אויסגעמוטשעטע מיט טויט־בלייכע פּנימער. די סצענע פון דעם שטראָם מענער, וועלכע רוקן זיך לאַנגזאַם פאָרויס, איז אַ שטומע. זיי גייען אַלע פאַרבײַ דעם שרײַבטיש און אַ יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם פאַרשרײַבט זייערע נעמען. זיי זעצן זיך אויס אויף די בענק אַרום די ווענט. די סצענע מאַכט דעם אײַנדרוק ווי עס וואָלטן מאַרשירט גע־שפּענסטער אָן אַ סימן פון לעבן, אָן אַ באַוועגונג אויף די ליפּן — ווי איבערגעבליבענע סקעלעטן פון אַ חרוב געוואָרענער, צעשמעטערטער וועלט וואָס עקזיסטירט שוין נישט מער... אין אָנהייב ווערט די גאַנצע סצענע באַלויכטן זייער שוואַך. דערנאָך גייט דאָס ליכט אויף צו ביס־לעך, ביז דער צימער ווערט באַלויכטן מיט דער פולער ליכט, ווי אין אַ ביוראָ. אַ יינגעלע **(בר־מיצווהניק)** לייגט אַוועק דאָס בינטל, וואָס ער האַלט אין האַנט, לעבן אַ באַנק און ווערט אַנטשלאָפן אויפן דיל. **פרוי גינזבורג**, שטאַרק פאַרעלטערט, מיט אַ קאָפּ ווײַסע האָר, געפינט זיך צווישן אַלע אויף דער בינע. זי רעדט נישט מיט קיינעם. נאָך דעם ווי זי האָט זיך רעגיסטרירט בײַם טיש, זעצט זי זיך אויף אַ באַנק און בלײַבט זיצן פאַרשטומט. **זאַשאַ** און דער זיידע זענען בײַ דער סצענע נישטאָ. יונגער־מאַן קוקט אַרויס דורך דער מיטלסטער טיר, ווי ער וואָלט אימיצן באַדאַרפט.

יונגער־מאַן: איך בעט אײַך, זײַט רויִק! דער מיידזשאָר וועט דאָ זײַן אין אַ פּאָר מינוט. נעכטן האָבן מיר לײדער נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן די אַרבעט, ווײַל דער מיידזשאָר איז קראַנק געוואָרן. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט. איך בעט אײַך אַלע־מען, אַז הײַנט זאָלט איר זיך פאַרהאַלטן רויִק און אָפּהיטן די אָרדענונג.

דאָס ענערגישע ווייבל: (אין אַ פּופּײַקע, מיט אַ גרויס

טיכל איבערן קאָפּ און אַ פּאָר מענערישע שיך אויף די פּיס)
איַי, איַי, איַי! דער קאָפּ האָט זיך אים פּאַרדרייט... נעבעך, נעבעך!
אַ רחמנות אויף אים! אַ דורכגעמאַכטער מסתּמא. ס'האַרץ צע־
ריַיסט זיך מיר פאַר אים! נעבעך. מען לאָזט אונדז וואַרטן אַ גאַנצן
טאָג און דאַן קאָן דער פאַן מעיאָר נישט מער אויפנעמען, וויַיל
עס האָט זיך אים פּאַרדרייט דאָס קעפּעלע זיַינס! איַי, איַי, איַי!
אַזאַ צער־בעל־החיים, נעבעך. אַוודאי, טאַטע־מאַמע פאַרלאָרן
דאָרט אין זיַין אַמעריקע, האַ?!!! אפשר זאָלן מיר אים דער־
ציילן זיסע מעשהלעך? פאַרשאַנעוועון אים, די צאַצע?

יונגער־מאַן: שעמט זיך, מומע! דער מיידזשאָר איז אַ ייִד
ווי מיר אַלע דאָ. ער האָט געקעמפט פאַר אונדז און איז פאַר־
וווּנדעט געוואָרן. ער איז שוואַך. ער האָט זיך שטאַרק צום האַרצן
גענומען, וואָס ער האָט דאָ נעכטן געהערט. איר דאַרפט עס
באַגריַיפן! דאָרט, אין זיַין פריַיער לאַנד, האָט מען אַזוי פיל פון
אַלץ נישט געוווּסט. ער הערט דאָס אַלץ איצט צום ערשטן מאָל.
ער איז אַהער געשיקט געוואָרן צו העלפן איַיך אַלעמען... העלפן
אויפזוכן איַיערע פאַמיליעס. ער האָט עס נעכטן נישט אויס־
געהאַלטן. אָבער ער איז וויליק צו העלפן. ער איז מער ווי וויליק,
ער ברענט צו העלפן! פאַר וואָס זשע אַזאַ שינאה? איך בין
דאָ נאָר אַן איבערזעצער, אַן איבערגעבליבענער, ווי איר, און
איך פאַרשטיי נישט פאַר וואָס אָט די גאַנצע שינאה צו אים?
אַ ייִדישער מענטש פון יענער זיַיט ים, אַ פאַרווווּנדעטער, אַ גע־
ליטענער, געשיקט פון דער אָרגאַניזאַציע איַיך צו העלפן! פאַר
וואָס זשע זענט איר אַלע אַזוי ביטער, אַזוי פרעמד צו אים?

אַ ייִד: אַ ייִד ווי מיר און האָט נישט געוווּסט? הערט עס
צום ערשטן מאָל? ניין! ער איז נישט קיין ייִד ווי מיר דאָ!...

דאָס ענערגישע וויַיבל: געקעמפט האָט ער? נו, מען
האָט אים גענומען אין פאָלק אַריַין, האָט ער געקעמפט. מען
האָט אים געגעבן אַ ביקס אין האַנט, האָט ער געשאָסן! אונדז
האָט מען נישט געגעבן קיין ביקסן! אונדז האָט מען געהרגעט

און מיר האָבן קיין ביקס נישט געהאַט מיט וואָס צו קעמפן. ער איז נישט איינער פון אונדז.

צוווייטער יונגער־מאַן: ער קען אַפילו נישט ריידן קיין מאַמע־לשון. ער דאַרף אַן איבערזעצער צו אונדז, דער ייִד, דער אַמעריקאַנער, הע־הע־הע... (אַלע צעלאַכן זיך).

דאָס ענערגישע ווייבל: (קרימט נאָך דעם אַמערי־קאַנער) וואָס זאָגן זיי, אַ? פּליס? (לאַכן).

יונגער־מאַן: (קלאַפּט אין טיש) אַז איר וועט פּאַרזעצן דעם נעכטיקן סקאַנדאַל, וועל איך אײַך אַלעמען בעטן אַרויס־צוגיין! מיר וועלן אָפּשטעלן אונדזער אַרבעט! און די לײַסטעס און זוכצעטלען וועלן נישט געמאַכט ווערן און דאָס וועט זײַן אײַער אייגענע שולד! — פאַרשטייט איר וואָס איך רעד צו אײַך?! איך בעט אײַך! פאַרהאַלט זיך רויִק! אויב נישט, וועל איך אײַך אַלע בעטן צו פאַרלאָזן דאָס ביוראָ.

דאָס ענערגישע ווייבל: (לויפט, אַ ווילדע, צו צום טיש און שטעקט אים אַרויס אַ צונג) נאַ! דו אונטערגעקויפטער... נאַ! וויפל האָבן זיי דיר באַצאָלט, האַ? אַן עקסטראַ פּעקל? צוגעזאָגט אַז דו וועסט פאָרן קיין אַמעריקע דערפאַר? יאָגסט אונדז אַרויס פון דאַנען, דו ממזר איינער! שרעק מיך נישט איבער — איך בין שוין אַן איבערגעשראָקענע! נאַ דיר, נאַ! (שטעקט אַרויס די צונג).

אַלע: (פרוי גינזבורג באַטייליקט זיך נישט אין דער אַלגעמיי־נער אויפרעגונג) איבערזעצער!... פון וואַנען האָסטו זיך גענומען? פון וואַנען קענסטו זייער לשון? קוק אים נאָר אָן, דעם גענע־ראַל!... יענער אַ מאַיאָר און ער אַ גענעראַל... ווו ביסטו געווען ווען מען האָט דיך באַדאַרפט? אַ!

יונגער־מאַן: (קלאַפּט אין טיש) מענטשן! ייִדן! רויִק! איך בעט אײַך! (אַלגעמיינער ווידערשטאַנד, אַ טומל) איך זאָג אײַך נאָך אַ מאָל, איך וועל עס נישט דערלויבן! רויִק!

דאָס ענערגישע ווייבל: הערט, ייִדן, ער וועט נישט

דערלויבן! דער ממזר, דער גרינער, ער וועט נישט דערלויבן! ווער פרעגט דיך?... ווער האָט נאָך דיר געשיקט! זאָג ווער, גענעראַל, אַ? קוק אים נאָר אָן, דעם נייַעם קאָמאַנדירטשיק אונדזערן! גענוג האָבן מיר שוין געהערט קאָמאַנדעס, גענוג! דו הערסט, קעצעלע?! (מיידזשאָר סטאָן באַווייַזט זיך אין דער טיר. ער איז אַ יונגער מענטש, בלייך, מיט אַ פאַרבונדענעם אָרעם. ער קוקט זיך אײַן, וואָס עס קומט פאָר אויף דער סצענע).

מיידזשאָר: (גייט צום שרייַבטיש) ייִדן! פרייַנד מייַנע! הערט מיך. (ער רעדט זייער שטיל. נישט ווילנדיק הערן זיך אַלע צו) מען דאַרף אַרבעטן. איר זוכט אייַערע פאַמיליעס און מיר זענען דאָ צוזאַמענצושטעלן די ליסטעס און אייַך העלפן זוכן. איך האָף צו גאָט אַז מיר וועלן געפינען די וועלכע לעבן. איך בין נעכטן שוואַך געוואָרן, אַוועקגעפאַלן. זייַט מיר מוחל. עס וועט מער נישט פאַרקומען. איך האָב דאָס אַלץ געהערט צום ערשטן מאָל... ניין, ניין, נישט צום ערשטן מאָל... אָבער מיר, דאָרט, „די לאַקי אונס", ווי מען רופט אונדז, די באַגליקטע ייִדן... מיר האָבן געוווּסט נאָר דורך די צייַטונגען. געוווּסט, ווי מען ווייסט געשיכטע, היסטאָריע, מיין איך. מיר האָבן מיט אייַך גע־ליטן, אָבער נאָר אַזוי... איך קאָן נישט אויסדריקן... איך קען נישט אַזוי גוט ייִדיש און איך שעם זיך... איך שעם זיך פאַר אייַך... און איך זאָג אייַך צו — כ'מיין, איך זאָג מיר אַליין צו, אַז מייַנע זין וועלן קענען ריידן ייִדיש אַ סך בעסער ווי זייער טאַטע. אָבער, איך בין אַ ייִד! אַ ייִד, ווי איר אַלע. און אָט אָ דער יונגער־מאַן, דאָ, מייַן איבערזעצער, איז אַ פאַרטיזאַן געווען אין די פוילישע וועלדער. געקעמפט העלדיש! העלדישער ווי איך. מיט אַ גע־גנבעטער ביקס, מיט מער געפאַר! ער זוכט שוין קיינעם נישט... ער האָט מיט זייַנע אייגענע אויגן געזען ווי מען האָט אַלע דער־הרגעט. זייַן טאַטע־מאַמע און זייַנע אייגענע. ער איז איינער פון אייַך... מיר זענען אַלע ייִדן. מיר האָבן אַלע איין געשיכטע. און אַלע דעם זעלבן שׂונא. איז, לאָמיר כאָטש נישט זייַן שׂונאים

צווישן זיך אַליין. איך רייד זייער שלעכט אָבער עס דאַכט זיך מיר, אַז היינט האָט איר מיך בעסער פאַרשטאַנען ווי נעכטן. איצט לאָמיר אַרבעטן. קומט און זאָגט מיר אַלץ — איך וועל שוין נישט אַוועקפאַלן. הייבט אָן: ווער איז דער ערשטער? (אַלע שווייגן. מען זעט אַז זיי זענען געריהרט. זיי הייבן אָן זיך באַוועגן צום טיש אין אַן אַבסאָלוטער אָרדענונג).

ייִד: בערל רעזניק. יאָ. איך זוך ביילע רעזניק, מיין ווייב. וואָס? יאָ. פון טאַרנאָוו, פיר קינדער, צוויי זין און צוויי טעכטער־לער. צום לעצטן מאָל געזען אין לובלין אויף דער סטאַציע. פאַר דעם אַריינפאָרן אין לאַגער. ביילע רעזניק און פיר קינדער.

יונגער־מאַן: (רעגיסטרירט) לובלין.

מיידזשאָר: (זאַכלער) נעקסט!

ייִדענע: זיסל זאַסטשיקער. איך זוך מיין מאַמען. מיין אַלטער מאַמען... זי האָט נאָך פאַר אַ יאָרן געלעבט. מען האָט זי געזען.

מיידזשאָר: דעם נאָמען פון דער געזוכטער. ווו האָט מען זי געזען צו לעצט און ווער האָט זי געזען. רעדט קלאָר.

ייִדענע: (וויינט שטיל) יאָסל דעם מלמדס האָט זי געזען. מיט זיינע אייגענע אויגן. ער איז אַ יונג פון אונדזער אָרט. ער האָט זי דערקענט. ער קען זי.

מיידזשאָר: אין וואָס פאַר אַ לאַגער? עס זענען דאָ געוועזן לאַגערן מער ווי שטעט. מען דאַרף וויסן גענוי.

ייִדענע (כליפּענדיק) איך ווייס נישט. איך ווייס נישט... פּאַניע אַמעריקאַנער. איך האָב פאַרגעסן... אַז דער קאָפּ אַרבעט נישט. איך האָב אַלע פאַרלוירן? מיינע פּיצעלעך, מיין מאַן, איך ווייס גאָרנישט... זוכט זיי. זוכט זיי, פּאַניע אַמעריקאַנער, זוכט זיי מיר אויס און גאָט וועט אייך באַצאָלן...

מיידזשאָר: (ווישט זיך דעם שווייס פון שטערן) ווו האָט איר געזען דעם יאָסל? דערמאָנט זיך.

ייִדענע: דאָ, דאָ, ער וועט קומען צו אייך. פרעגט אים, איך זע אים נישט מער. יאָסל דעם מלמדס.

מ י י ד ז ש אַ ר: (צו זײַן געהילף) איז דאָס אַ נאָמען אַזעל־כער דעם מלמדס?

י ו נ ג ע ר ־ מ אַ ן: (שמייכלט) ניין, מאַיאָר, אָבער אַז ער איז פון לעבן טאַרנאָוו און זי זאָגט יאָסל דעם מלמדס — איז אַ זי־כערער נאָמען און מען וועט אים אָפּזוכן.

מ י י ד ז ש אַ ר: נעקסט! (פרוי גינזבורג שטייט איצט ווײַט אין דער ריי. אין דער טיר באַווײַזט זיך „דער זיידע" — אַ בלינ־דער זקן געפירט פון אימיצן. מען פירט אים צו צום טיש. מען לאָזט אים צו) ווּעמען זוכט איר, זיידע?

ז י י ד ע: (טאַפּט אויפן טיש) איך זע נישט.

מ י י ד ז ש אַ ר: איר זענט בלינד?

ז י י ד ע: ס'איז נאַכט... שטענדיק נאַכט אַרום מיר... איך זוך קיינעם נישט. זיי זענען אַלע שוין מער נישטאָ.

מ י י ד ז ש אַ ר: (דערשטיקט) זאָגט אונדז אײַער נאָמען! אפשר וועלן מיר אימיצן געפינען.

ז י י ד ע: איך האָב נישט קיין נאָמען... פירט מיך אַוועק, גוטע מענטשן. ווער האָט מיך אַהער געבראַכט? דאָ זענען לעבעדיקע, זיי זוכן זייערע... איך בין אַליין אויף דער גאַנצער וועלט. פירט מיך אַוועק. (פרוי גינזבורג טיילט זיך אָפּ פון איר פּלאַץ און פירט דעם זיידן צו צו דער רעכטער באַנק בײַ דער וואַנט. ער זעצט זיך אַוועק. אים צופוסנס שלאָפט דאָס יינגעלע).

ו ו י י ב ל: פאַרשרײַבט מיך, פאַניע אַמעריקאַנער. פאַרשרײַבט ניחה זעלנער.

מ י י ד ז ש אַ ר: ניחה זעלנער. און וועמען זוכט איר, ניחה?

נ י ח ה: דעם מאַן מײַנעם, דעם שלימזל. דאָס אומגליק מײַנס, מײַן מאַנדעלע, אַז דער רוח זאָל אים נעמען.

מ י י ד ז ש אַ ר: (שמייכלט) און ווי הייסט ער, דער שלימזל אײַערער?

נ י ח ה: מנחם־מענדל הייסט ער, דער קראַסאַוועץ, דאָס צירונג מײַנס, דאָס אומגליק, אַז די וועלף זאָלן אים פרעסן, ווי ער האָט

אויפגעפרעסן מײַן האַרץ. מנחם־מענדל, איר קענט זיכער זײַן נאָמען, אימיצער האָט אַ גאַנץ בוך וועגן אים אָנגעשריבן, אָבער מען האָט בײַ מיר נישט געפרעגט. איך וואָלט אים שוין דער־ציילט, דעם שרײַבער, ווער ער איז. אַ בוך געשריבן — און קיין איין וואָרט אמת אין דעם גאַנצן בוך.

מ י י ד ז ש אַ ר: איר האָט עס דען געלייענט?

נ י ח ה: ווער לייענט ביכער? ווער האָט געהאַט צײַט פאַר ביכער? נאָר צרות און האַרעוואַניע האָב איך געהאַט. גאַ־טעניו, דו ביסט מײַן עדות, אַלע מײַנע יונגע יאָרן האָב איך איבער אים פאַרלאָרן. ביכער־שמיכער — איך וואָלט זיי אָנגעשריבן אַ בוך, ווי מען לעבט אָפּ מיט אַ מנחם־מענדל און מען ווערט נעבעך אַלט און שוואַך פאַר דער צײַט.

מ י י ד ז ש אַ ר: נו, מען קאָן נישט זאָגן אַז איר זענט שוואַך געוואָרן, ניחה, הייסט עס, איר זוכט אַ מנחם־מענדל?

נ י ח ה: ווּעמען דען זאָל איך זוכן, אַן אַנדערן? אַוודאי זוך איך אים. אַז איר וועט אים זען, וועט איר אים באַלד דערקענען. ווען ער רעדט — שרײַט ער, אַז ער גייט — לויפט ער, אַז ער שטייט — שפּרינגט ער זיך אונטער און אַז ער שווײַגט — אָבער ווען שווײַגט ער דען? (צעוויינט זיך אויף אַ קול) הלוואי וואָלט ער דעם מאָל געשוויגן ווען זיי האָבן אונדז פאַרטיילט אינעם לאַגער: ער איז אַרויסגעקומען לעבן מיר, איז וואָס זשע טוט ער, דער שלימזל מײַנער? הייבט ער אָן שפּרינגען פאַר פרייד, נעמט מיך אַרום, שרײַט אויף אַ קול, דער משומד: „אײַ ווײַ טײַבעלע, מיר בלײַבן צוזאַמען! געלעבט צוזאַמען, לאָמיר כאָטש שטאַרבן צוזאַמען!" נו, פאַרשטייט זיך, האָבן זיי אים דערהערט און אַוודאי נישט פאַרגונען אַזאַ גליק... און... און... (כליפּעט) מען האָט אים אַוועקגעשלעפּט פון מײַן זײַט... אוי־ווײ איז מיר! וווּ איז ער. וווּ וואַלגערט ער זיך אַרום! אַז דער רוח זאָל אים נעמען!

מ י י ד ז ש אַ ר: פון וואַנען ווייסט איר אַז ער לעבט? האָט מען אים דען געזען נאָך דער באַפרײַונג?

נ י ח ה: וואָס הייסט דאָס, צי ער לעבט? אַוודאי לעבט ער, ער לעבט, ער וועט אונדז נאָך אַלעמען איבערלעבן, דער אומ־גליק. אַוודאי האָט מען אים געזען, אָבער ווער קאָן אים געפינען? נעכטן אין פיטשעניטשע, איז ער שוין היינט אין טרעמבאָווילע. זאָגט מען מיר אַז מען האָט אים געזען אין טשאָרטקעוו, לויף איך, פאָל איך, פאָר איך קיין טשאָרטקעוו, ווייזט זיך אַרויס — אַ נעכטיקער טאָג. שוין נישטאָ, גלייך ווי קיין מאָל דאָרט נישט געווען. ער זוכט מיך און איך זוך אים און אפשר ווייסט איר צו וואָס איך זוך דעם פּוסט־און־פּאַסניק מיינעם? געפינט אים, פאַניע גענעראַל, געפינט אים — וועט איר האָבן אַ מיצווה! ער קאָן זיך אַפילו זיין נאָז רעכט נישט אָפּווישן אָן מיר (אַלע לאַכן).

מ י י ד ז ש אָ ר: (לאַכנדיק, צום יונגן־מאַן) פאַרשרייבט: מנחם־מענדל זעלנער. אַז ער רעדט — שרייט ער. אַז ער גייט — לויפט ער. אַז ער שטייט — שפּרינגט ער זיך אונטער. נו, איך זאָג אייך, אַ פאָלק זענען מיר — אַ פאָלק פון וווּנדער!... פינף יאָר לאַ־גער — און קוקט זי אָן. ענערגיע און קאָרעטש פאַר אַ טוץ!... נעקסט!

ז אָ ש י אַ: (עס קומט אַריין זאָשיאַ. זי איז אָנגעטאָן אין אַ פּור־פּייקע, שטיוול און אויפן קאָפּ אַ טיכל. זי שטעלט זיך אַוועק די לעצטע אין דער ריי. פרוי גינזבורג זיצט לעבן זיידן אויף דער באַנק און פון צייט צו צייט בייגט זי זיך אַראָפּ צום שלאָפנדיקן יינגעלע. זי האָט נישט באַמערקט אַז זאָשיאַ איז אַריינגעקומען. ווען זאָשיאַ גייט צום טיש — לאָזן אַלע זי צו. מען זעט אַז דאָס שטומע מיידל איז אַלעמען באַקאַנט).

מ י י ד ז ש אָ ר: (פאַרטיפט אין די פּאַפּירן) איך פרעג אייך, נאָמען! גיכער, דער טאָג שטייט נישט!

אַ י י ד: פאַניע מאַיאָר, זי קען נישט ריידן, זי איז שטום, נעבעך.

מ י י ד ז ש אָ ר: (קוקט אויף זאָשיאַן) שטום?

יונגער־מאַן: (קוקט זיך איַין אין איר. נעמט זי ביַי דער האַנט) זאַשיאַ! זאַשיאַלע! דו? (זאַשיאַ קוקט אויף אים און דער־קענט אים אויך. שמייכלט צו אים).

יונגער־מאַן: זאַשיאַ, זאַשיאַלע, ווּו ביסטו געווען? ווּו ביסטו פאַרשוווּנדן געוואָרן? מיר האָבן דיך געזוכט. מאַרעק און מיר אַלע האָבן דיך געזוכט אין אַלע וועלדער, אין אַלע דערפער. ווּו ביסטו געווען?

מיידזשאַר: מאַרעק? וואָס זאָגט איר? איר מיינט דאָך נישט דעם באַרימטן העלד פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג פון די מלחמה־יאָרן, דעם העלד מיט איין האַנט? (זאַשיאַ ציטערט אויף, ווען דער מיידזשאַר זאָגט אַרויס „מיט איין האַנט״ און זי באַהאַלט איר פּנים אין אירע הענט).

יונגער־מאַן: יאָ, יאָ, מאַרעק. זי האָט אין אים געשאָסן. זי האָט נישט געוווּסט אַז ער איז מאַרעק. ער איז געווען פאַר־שטעלט. מיר האָבן זי אַוועקגענומען צו אונדז אין וואַלד. זי איז דאָרט פאַרבליבן אַ לאַנגע צײַט און דערנאָך איז זי פאַרשוווּנדן. זי האָט זיך קיין מאָל נישט געקענט מוחל זיַין וואָס זי האָט פאַר־וווּנדעט איר געליבטן העלד און ער האָט דורך איר פאַרלאָרן זיַין האַנט. זי איז אַוועק פון אונדז. מאַרעק האָט קיין מאָל נישט אויפגעהערט זי צו זוכן. (צו איר) זאַשיאַ, וועמען זוכסטו דאָ איצט, קינד, דיַינע עלטערן? (זאַשיאַ שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ).

מיידזשאַר: (טיף גערירט) דיַינע עלטערן זוכסטו? לעבן זיי? האָט מען זיי געזען, געהערט פון זיי? (דער אַלטער זיידע דערנענטערט זיך צום טיש און בלײַבט שטיין לעבן זאַשיאַן).

דער ייִד: דערלויבט מיר. איך ווייס אַ ביסל פון איר. זי זוכט אירע טאַטע־מאַמע. אָבער זי ווייסט נישט איר נאָמען. זי ווייסט גאָרנישט... זי האָט פאַרלאָרן איר זכּרון. זי געדענקט גאָר־נישט.

מיידזשאַר: פאַרגעסן איר נאָמען?... פאַרלאָרן דעם זכּרון... אָ, גאָט, וואָס פאַר אַ דזשאָב האָסטו מיר צוגעשיקט (ווישט זיך

דעם שווייס פון פּנים. צום יונגן־מאַן) אָבער איר רופט זי דאָך אַן ביַים נאָמען! זאָשע קשע... קשע...

יונגער־מאַן: קשעשעווסקאַ. יאָ, אָבער דאָס איז איר גוייִשער נאָמען, וואָס אירע עלטערן האָבן פאַר איר געקויפט מסתּמא. דאָס איז דער נאָמען וואָס שטייט אין אירע פּאַפּירן. אָבער דעם ריכטיקן, דעם אמתן נאָמען אירן, ווייסט זי נישט.

מיידזשאָר: (פאַרצווייפלט) איז, ווי אַזוי זשע זאָל איך זוכן אירע עלטערן? — אָן אַ נאָמען, אָן אַ שטאָט...

יונגער־מאַן: זאָשיאַ, זאָשיאַ, ביסט איצט צווישן פריַינד. צווישן דיַינע! דערמאָן זיך... דערמאָן זיך...

אַלע: דעם נאָמען, דעם נאָמען, דערמאָן זיך, דערמאָן זיך, דערמאַן זיך...

דער ייִד: אַז איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך אײַך עפּעס זאָגן.

מיידזשאָר: זאָגט.

דער ייִד: פאַרשריַיבט איר גוייִשן נאָמען. אויב די עלטערן לעבן — וועלן זיי זי זוכן. זיי דאַרפן דאָך וויסן דעם נאָמען וואָס זיי האָבן געקויפט פאַר זייער קינד. אויב זיי לעבן נאָר, וועלן זיי זי אָפּזוכן.

מיידזשאָר: יעס. דאַטס איס. איך דאַנק אײַך. רעגיסטרירט זי. (יונגער־מאַן פאַרשריַיבט) זאָשיאַ וויל אָפּגיין, קומט דער זיידע איר אַנטקעגן און גייט צו איר צו און טאַפּט איר פּנים).

זיידע: רבונו־של־עולם! איך בין ניַינציק יאָר אַלט. איך האָב געהאַט פינף טעכטער און זעקס זין, צוועלף אייניקלער און דריַי אוראייניקלעך. ווּ זענען זיי?!... אַלע טויט?... און איך לעב!... מיך האָסטו פאַרגעסן!... (וויַיבער ווײנען שטיל) דאָס ליכט פון מיַינע אויגן האָסטו פון מיר אַוועקגענומען!... וויַיל איך האָב שוין אַלץ געזען אין מיַין לעבן: שׂימחות און צער... דעם גרעסטן צער!... איך וועל זיי אַלע שוין קיין מאָל נישט זען! — איז צו וואָס זשע דאַרף איך טאָקע אויגן? איך וואַנדער און וואַנדער,

אָן אַ תיקון, אָן אַ ציל... ווי לאַנג נאָך?! ווו איז מײַן טויט?!...
איך האָב זיי דאָך געזען שטאַרבן אַלע! מיט מײַנע אייגענע
אויגן, געזען!... אויב דו ביסט אַזאַ גוטער! אַן אל רחום וחנון —
פֿאַר וואָס שטראָפֿסטו מיך, רבונו־של־עולם? פֿאַר וואָס?! ווו
זענען זיי אַלע? ענטפֿער מיר?!...

מ י י ד ז ש אָ ר: (נעמט אים אָן) זאָגט אונדז אײַער נאָמען.
מיר וועלן זוכן. צווישן אַזוי פֿיל קאָן זיך אימיצער פֿון אײַערע
געפֿינען. אײַער נאָמען.

ז י י ד ע: (מיט עקסטאַז) אַ נאָמען? איר ווילט זיי אַ מצבה
שטעלן, די שפּעלער מײַנע?... ס׳איז קיין אָרט פֿאַר זיי נישטאָ...
פֿאַרברענט דאָס אָרט, אויסגעטריקנט די ערד... דער שטויב פֿון
זייערע ביינער האָט זיך צעפֿלויגן!... יום־הדין! יום־הדין... נישטאָ
קיין ייִדישע נעמען מער... אויסגעלאָשן געוואָרן... מײַנע קינדער,
מײַנע קינדער! צעפֿלויגן!... פֿאַרגאַנגען... אָן נעמען! און אָן
אָרט!... אָן קברים!... וואָס שווײַגסטו, גאָט?!... ביסט אויך שטום
געוואָרן?... ווי דאָס קינד דאָרטן?! וואָס שווײַגסטו! ענטפֿער!...

י ו נ ג ע ר ־ מ אַ ן: זיידע, זיידע, די מלחמה האָט זיך פֿאַר־
ענדיקט. איר האָט איבערגעלעבט. עס זענען נסים געשען. מיר
האָבן שוין געפֿונען מענטשן. אײַער משפּחה איז געווען זייער
אַ גרויסע, אפשר האָט אימיצער זיך געראַטעוועט. זאָגט אונדז
אײַער נאָמען. (צו די איבעריקע) ייִדן! ווער ווייס זײַן נאָמען?
איר זעט דאָך, אַז ער איז נישט — זיך... (קיינער ענטפֿערט נישט).

ד אָ ס ע נ ע ר ג י ש ע ו ו י י ב ל: (שטיל) זײַן נאָמען איז אַהרן
מאָסקעוויטש. ער איז פֿון אַ שטעטל לעבן אונדז. קיינער פֿון זײַן
משפּחה לעבט נישט. מען האָט זיי אַלעמען דערהרגעט... אין איין
טאָג... לאָזט אים צו רו — איר קענט אים נישט העלפֿן...

(ווען ניחה רעדט אַרויס דעם נאָמען „מאָסקעוויטש" — הייבט זיך דאָס ייִנגעלע
אויף און קוקט מיט ווײַט אויפֿגעריסענע אויגן צום אַלטן. ער האָט זיך שוין
פֿון פֿריִער אויפֿגעכאַפּט פֿון זײַן שלאָף און פּ׳ גינזבורג האָט אים די גאַנצע
צײַט אָבסערווירט. דאָס קינד לאָזט זיך לאַנגזאַם צו צו דעם אַלטן. פּ׳ גינזבורג

נעמט אים אָן ביַי דער האַנט און שפּאַצירט עפּעס אין זיַין אויער. דאָס קינד שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ").

זיידע: איינער אַן אוראייניקל מיינער, ניַין יאָר אַלט... גראָד איז ער ניַין יאָר אַלט געוואָרן דעם טאָג... פיר טעג פאַר ראש־השנה — פּונקט ווי היַינט... ער איז אַנטלאָפן!... איך האָב אים נאָך געזען לויפן!... דערנאָך האָב איך שוין מער נישט געזען. ס'איז געוואָרן נאַכט פאַר מיר... אייביקע נאַכט...

מיידזשאָר: (אינטענסיוו) הייסט עס — מען האָט אים נישט דערהרגעט? ער איז אַנטלאָפן? ניַין יאָר? היַינט וואָלט ער, הייסט שוין, אַלט געווען...

זיידע: בר־מיצווה!... היַינט וואָלט ער געווען בר־מיצווה... פיר טעג פאַר ראש־השנה... (דאָס קינד, געפירט פון פרוי גינזבורג, קומט אַלץ נענטער).

מיידזשאָר: (צום יונגן־מאַן) מיַין האַרץ איז צו שוואַך פאַר דעם... שריַיבט אויף דעם נאָמען, גיך, גיך...

יונגער־מאַן: זיידע, ווי האָט ער געהייסן, איַיער בנימין?!

זיידע: (שריַיט אויס) בנימין!... בנימין... זיַין נאָמען איז געווען בנימין! ווו ביסטו?!...

(פרוי גינזבורג שפּאַצירט עפּעס דעם יונגן־מאַן אין אויער. ער בליַיבט שטיין אַ פאַרגליווערטער און קוקט מיט שטוינונג אויפן יִנגעלע).

יונגער־מאַן: (צום מיידזשאָר) מאַיאָר, מאַיאָר, קומט אַהער! (נעמט אים אין אַ זיַיט און זאָגט אים עפּעס שטיל).

מיידזשאָר: דאָס קאָן נישט זיַין! — אַזעלכע נסים געשעען נישט!... (דער זיידע לאָזט זיך גיין. אַלע מאַכן פאַר אים פּלאַץ).

יִנגעלע: (גייט שטיל צו צום אַלטן און נעמט אים ביַי דער האַנט) דאָס בין איך, זיידע... איך, בנימין!... איך האָב דיך באַלד דערקענט, אָבער דו ביסט אַזוי אַלט געוואָרן און דו רעדסט נישט מער אַזוי ווי אַ מאָל... איך האָב דיך אַלע מאָל געדענקט,

זיידע, איך בין בנימין, דײַן אייניקל... און הײַנט בין איך בר־מיצווה... איך געדענק גוט דעם טאָג. פיר טעג פאַר ראש־השנה... זיידע, דערקענסט מיך נישט? ביסט בלינד? זיידע, טאַקע בלינד!... פלעגסט דאָך אַזוי גוט זען אויף דײַנע אויגן!... קיין איין עפּעלע האָבן זיי, די שקאָצים, נישט געקענט אָפּרײַסן פון דײַן גאָרטן. האָסט זיי אַלע דערזען און האָסט זיך געיאָגט נאָך זיי... מיטן שטעקן. איז דאָס דער שטעקן, זיידע? איך געדענק אַלץ! איך האָב גאָרנישט פאַרגעסן. זיידע, דערקענסט מיך?... (אַ טויטע שטילקייט הערשט. קיינער רירט זיך נישט. דער זיידע שטייט דערשטוינט. אָבער ער לאָזט זײַן האַנט נישט אַרויס פון קינדס הענטל. מיידזשאָר ווישט די טרערן פון די אויגן).

פרוי גינזבורג: (אין אַ זײַט) אַ נס... אַ נס איז געשען!... איך דאַנק דיר גאָט וואָס דו מאַכסט נאָך נסים... העלף מיר אויך, גאָטעניו!... העלף מיר אויך...

אַלע: (שטיל) אַ נס!... נסים מן השמים!... אַ נס... אַ נס...

זיידע: (ווען ער הייבט אָן ריידן ווערט זייער שטיל) רבונו־של־עולם! נאָר מיך נישט! נאָר מיך נישט! איז דאָס אמת?... ס'איז ער, בנימין?... אוי, גאָט! עפן מײַנע אויגן כאָטש אויף אַ רגע! לאָז מיר אים זען! ניין, ניין, ס'איז גוט אַזוי!... איך גלייב דיר אויפן וואָרט!... רבונו־של־עולם! האָסט באַוויזן אַ נס און גענוג!... בנימין, דו ביסט עס! איך ווייס, איך פיל אַז דו ביסט עס!... בר־מיצווהניק מײַנער! (מיט אַ ציטערנדיק קול) ייִדן! אַלע ייִדן! עס איז אַ יום־טוב הײַנט בײַ אונדז אַלעמען! אַ ייִדישער בחור דערלעבט בר־מיצווה! איך פאַרבעט אײַך אַלעמען אויף דער שימחה! איר זײַט מײַנע געסט! גוטע געסט! פיר מיך, מײַן קינד... פיר מיך אַרויס אין מאַרק אַרײַן! איך וועל זיי אַלע רופן!... אַלע רופן צו אונדזער שימחה! (דער מיידזשאָר וויינט. פרוי גינזבורג שטייט איצט בײַם טיש).

מיידזשאָר: (נאָך אַ לאַנגן שווײַגן) אַ פּאָר מינוט פריִער האָב איך זיך פאַרקלאָגט פאַרן „לאָרד" וואָס ער האָט מיר

געגעבן אַזאַ דזשאַב... זײַ מיר מוחל, גאָט! איך דאַנק דיר פֿאַר דעם דזשאַב! דאָס וואָס מײַנע אויגן האָבן הײַנט געזען, וועל איך קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן! אויף יענער זײַט ים האָבן מיר געלעבט אָן שרעק, אָן פּחד. מיר זענען פֿון די „לאַקי אונס״... אָבער קיין נסים האָבן מיר דאָרט נישט דערלעבט. איך דאַנק דיר, גאָט! (פּויזע. רעדט זאַכלעך) נעקסט, פּליס!

פֿרוי גינזבורג: איך זוך מײַן טאָכטער.

מיידזשאָר: (זייער מיד) נאָמען, לאַגער...

פֿרוי גינזבורג: גינזבורג, חנהלע גינזבורג... זי וואָלט איצט זיבעצן יאָר געווען. אַ בלאָנדע, אַ שיינע...

מיידזשאָר: (קוקט אויטאָמאַטיש דורך די ליסטעס) חנהלע גינזבורג, 17 יאָר... מיר האָבן נישט אַזעלכע. פֿון 17 יאָר האָבן מיר דאָ נאָר איינע. אַ קשעשעווסקאַ. מיר וועלן זוכן...

פֿרוי גינזבורג: (פֿאַרצווייפֿלט, הערט אים נישט) ווען איך האָב דערזען אַז זי איז נישט מער דאָ, בין איך אַוועקגעפֿאַלן... האָבן זיי אַוודאי געמיינט אַז איך בין טויט און זיי האָבן דער־הרגעט נאָר אים, מײַן מאַן, מיין איך... איך האָב זיך מיט איר אַפֿילו נישט געזעגנט... איך ווייס נישט וואָס עס איז געשריבן אין אירע פּאַפּירן... חנהלע, 17 יאָר, אַ בלאָנדע, אַ שיינע... זוכט זי, פּאַניע מאַיאָר, זוכט זי!...

מיידזשאָר: (זייער און זייער מיד) מיר וועלן זוכן. זײַט זיכער, מיר וועלן זוכן. נעקסט, פּליס!

(פֿרוי גינזבורג גייט אָפּ לאַנגזאַם דורך דער זעלבער טיר, דורך וועלכער איר קינד איז פֿריִער אָפּגעגאַנגען. די לאַנגע ריי מענטשן רוקט זיך נענטער צום טיש. עס ווערט ווידער טונקל אויף דער בינע, ווי אין אָנהייב אַקט — אַזוי איצט — באַוועגן זיך די שאָטנס אין אַ שטורעם... שאָטנס פֿון יענער־וועלט...).

דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט לאַנגזאַם

דריטער אַקט

אַ האַלב יאָר שפּעטער, אין פּאַלעסטינע. אַן אָרעמער, פּאַרלאָזענער אַראַבישער הויף. ס'איז אַ הייסער נאָכמיטאָג בײַם ברעג פונעם מידבר.
אין הינטערגרונט פון דער בינע אַ נידעריק בערגל. פון דאָרטן זעט זיך אַ ליידיקע, ווײַס־זאַמדיקע פלאַכע לאַנדשאַפט. רעכטס — אַן אַלטער, פאַרטריקנטער אַליווע־בוים. לינקס — אַ האַלב־צעפאַלענע כאַטע מיט אַן אַרײַנגאַנג אָן אַ טיר, פאַרלאָזן און פאַרשוואַרצט פון צײַט און היץ. אַ שטיינערנע פריזבע פאַר דער כאַטע.
עס הענגט אַראָפּ אַן אָפּגעריסן שטיקל קילים פונעם בוים. אין דער מיט פון דער בינע אַן איבערגעקערט הילצערן קעסטל, אימפּראָוויזירט אַ טיש. פּאַפּירן, קאָרטן און אַנדערע זאַכן אויף דעם טישל. אַן אַנדער קעסטל, נידעריקער ווי דער טיש, שטייט דערבײַ.
איבער אַ שטריק הענגען העמדער, צעריסענע און שמוציקע. אין הינטערגרונט, רעכטס, זעט מען אַ קופּערנעם, גרויסן פאַרשוואַרצטן וואַסער־קעסל הענגען איבער אַ קופּע שוואַרצע, פאַרקוילטע שטיינער.
אַז דער פאָרהאַנג גייט אויף, הערשט אַ טויטע שטילקייט אויף דער בינע. אַ בילד פון האָפענונגסלאָזער שטומקייט. אין פאַרלויף פון דער פאָלגנדיקער סצענע דאַרף זיך פילן די פאַרצווייפלטע מידקייט, דער דאָרשט און די האָפענונגסלאָזיקייט פון די פאַרשוינים. אין יעדער באַוועגונג וועט מען דאַרפן זען זייער דאָרשט, זייער אַבסאָלוטע מידקייט און מען וועט דאַרפן פילן ווי די היץ פאַראַליזירט זייערע טועונגען.
פון צײַט צו צײַט קומט אַ הייסער מידבר־ווינט און באַוועגט געשפּענסטיש דעם קילים (אַ מין אַראַבישער טעפּעך) אויף דעם בוים.
אויפן בערגל שטייט מאַרעק, מיט זײַן רוקן צו דעם צושויער. זײַן סילועט צייכנט זיך אויס גאַנץ שאַרף קעגן דער טויטער ווײַסקייט פון דעם מידבר. ער שטייט דאָרט און קוקט אַרויס אין דער ווײַטקייט.
בײַם פוס פונעם בערגל זיצט דער **יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם** און שפּילט שטיל אויף זײַן האַרמאָניקע. ס'איז אַ פראַגמענט פון „ראָזשינקעס".
בײַ דער כאַטע זיצט **פרוי גינזבורג**. זי זיצט כמעט באַוועגונגלאָז און וויגט זיך פאַרטראַכט צו דעם ריטעם פונעם ניגון. פון צײַט צו צײַט ברומט זי זיך צו די מעלאָדיע.
אונטער דעם בוים ליגן צוויי סאָלדאַטן, **א** און **ב**. זיי זענען האַלב־נאַקעט, אַנגעטאָן נאָר אין קורצע, צעריסענע הויזן, אַלפּס קאָפּ איז פאַרבונדן מיט אַ שמוציק טיכל. זיי ליגן אַזוי שטיל, אַז ס'זעט כמעט

אויס, ווי זיי וואָלטן געווען טויטע. דער ניגון טראָגט זיך צאַרט און מעלאַנכאָליש דורך דער טויטקייט פונעם הייסן נאָכמיטאָג.
די דאָזיקע שטומע סצענע דויערט לאַנג.
פון ערגעץ ווו הערט מען אַ שאָס. מאַרעק נעמט אַרויס מיט זײַן איינ־ציקער האַנט אַ בינאָקל און קוקט דורך דעם רערל אין אַלע פיר זײַטן. דאַן גייט ער אַרום און זעצט זיך מיט אַ האָפענונגלאָזער מידקייט בײַ דעם טישל.

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: (הערט אויף צו שפּילן. אויך ער הערט זיך אײַן פון וואַנען דער שאָס איז געקומען און דאַן הייבט ער ווידער אָן צו שפּילן. קיינער רירט זיך נישט).

מאַרעק: (זײַן קאָפּ באַגראָבן אין זײַנע הענט) פאַני גינז־בורג, אַ, פאַני גינזבורג... ווי לאַנג קענען מענטשן אויסהאַלטן אָן וואַסער?

פרוי גינזבורג: זייער לאַנג, פּאַן מאַרעק, זייער לאַנג.

מאַרעק: שוין 6 טעג, ס'איז שוין 6 טעג אַז מיר דאַרשטן אויס אַזוי...

פרוי גינזבורג: שוין 6 יאָר אַז מײַן האַרץ ברענט נאָך מײַן קינד און איך לעב נאָך אַלץ. אַ מענטש איז אַ פּנים שטאַר־קער ווי אײַזן.

סאָלדאַט אַלף (אונטערן בוים, שטיל צו זײַן חבר) ער פרעגט זי. די „נײַינקע" זײַנע... זי פרעגט ער, נישט אונדז.

סאָלדאַט בית: אַז ער שלעפּט זי מיט זיך מיט איבעראַל. צו וואָס, פרעג איך דיך, צו וואָס? עה... וואָס איז דער אונטער־שייד? ס'איז סײַ ווי סײַ סוף וועלט... (יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם הערט אויף צו שפּילן און הערט זיך אײַן. דאַן שפּילט ער ווײַטער, רעזיגנירט).

אַלף: העי, קלעזמער, הער אויף צו שפּילן, ס'נעמט אַרויס די נשמה.

בית: אַלץ דאָס זעלבע און דאָס זעלבע. און איר, סבתּא, איר זינגט אים נאָך צו. מען קאָן משוגע ווערן.

אַלף: מיר וועלן שוין לאַנג, לאַנג זײַן באַגראָבן אונטער די

זאַמדן און ער וועט עס נאָך אַלץ שפּילן. הער אויף, זאָג איך דיר, הער אויף, קלעזמער, צו שפּילן, — לאָז אונדז שטאַרבן בשלום. (יונגער־מאַן הערט אויף צו שפּילן. פון דער כאַטע קומען אַרויס 7־8 מידע, בלאַסע סאָלדאַטן. זיי זעען אויס ווי געשטאַלטן פון אַן אַנדער וועלט. זיי אָטעמען קוים פאַר דאָרשט, מידקייט, היץ און פאַרצווייפלונג. איצט אָבער איז דער אויסדרוק פון זייערע פּנימער אַן אַנטשלאָסענער, פול מיט קראַנקער, אַנגעצונדענער שׂינאה. זיי רינגלען אַרום מאַרעקן, וועלכער זיצט נאָך אַלץ בײַם טישל מיט זײַן קאָפּ אין זײַנע הענט. אַלף און בית קומען אויך צו צו דער גרופּע בײַם טישל).

מאַרעק: איר ווילט מיר עפּעס זאָגן, חברים? רעדט.

איינער פון זיי: (אַרויסטרעטנדיק פון דער גרופּע) מאַיאָר, מיר וועלן מער נישט וואַרטן. 6 טעג פאַרגאַנגען, זינט די צוויי שליחים פון אונדז זענען אַוועק זוכן אונדזערע און אַ וועג אַרויס פון דאַנען. ווו זענען זיי? זיי זענען אָדער נישט דערגאַנגען, אָדער די אַראַבער האָבן זיי איבערגעכאַפּט. אונדזער וואַסער איז אויסגעגאַנגען ביז צום לעצטן טראָפּן. שוין דרײַ טעג ווי מיר דאָרשטן. מיר ווילן לענגער נישט וואַרטן.

אַלף: (ווילד) וואָס רעדסטו אַזוי „פֿײַן"? וואָס צאַצקעסטו זיך דאָ מיט זיי. זאָג דעם אמת, זאָג זיי וואָס מיר קלערן וועגן אים, וועגן זײַן קאָמאַנדשאַפּט. אַ סוף מיט העפלעכקייט. אַ סוף. (ס'ווערט אַ ווילדע באַוועגונג צווישן די סאָלדאַטן. אַלע רעדן מיט איין מאָל, שרײַען און געסטיקולירן ווילד. פרוי גינזבורג גייט צו צו מאַרעקן, ווי זי וואָלט געוואָלט אים באַשיצן פאַר זיי. יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם גייט אויך צו צום טישל און שטעלט זיך אַוועק בײַ מאַרעקס זײַט).

בית: (נעמט אָן דער פרוי גינזבורג בײַ דער האַנט און וויל זי אַוועקשלעפּן פונעם אָרט) גייט אַוועק, סבתא... ס'איז נישט קיין ענין פאַר אַלטע ווײַבער. מיר פאַרשטייען סײַ ווי סײַ נישט פאַר וואָס איר זענט דאָ מיט אונדז. פאַר וואָס מיר האָבן באַ־

דאַרפט איַיך דאָ צו האָבן. זיך טיילן מיט איַיך מיטן לעצטן ביסל וואַסער. וואָס טוט איר דאָ מיט אונדז, אָ?

אַ ן אַ נ ד ע ר ס אָ ל ד אַ ט: ס'איז אַ מלחמה, סבתא. מיר זענען סאָלדאַטן... וואָס ווילט איר דאָ? גייט אַוועק... גייט אַוועק...

י ו נ ג ע ר ־ מ אַ ן א י ן א ו נ י פ אָ ר ע ם: חברים, חברים, וואָס טויג דאָס שרייַען? צו וועמען רעדט איר אַזוי? דאָ איז איַיער קאָמאַנדאַנט... דיסציפּלין, חברים... (אַ כאַאָס, אַלע רעדן אויף איין מאָל).

אַ ל ע: קאָמאַנדאַנט?

— אונדזער קאָמאַנדאַנט?

— ווער האָט אים געמאַכט פאַר אונדזער קאָמאַנדאַנט?

— שוויַיג, קלעזמער, דיַין געשעפט איז צוצושפּילן דעם גאַנצן אומגליק...

— מיש זיך נישט...

— מיר גייען...

— מיר וועלן נישט וואַרטן לענגער...

ב י ת: שטיל זאָל זיַין, איר הערט, שטיל זאָל זיַין. איינער זאָל רעדן. (ער ווענדט זיך צו מאַרעקן) דאָרט אין איַיערע פּוילישע וועלדער זענט איר געווען אַ העלד און קאָמאַנדאַנט. אָבער דאָ זענט איר אַ פרעמדער. איר אַלע דריַי זענט דאָ פרעמדע. איר ווייסט נישט וואָס צו טאָן און איר ווילט מיר זאָלן איַיך פאָלגן, אויסגיין פאַר דאָרשט און וואַרטן? וואַרטן אויף וואָס? אויף אַ נס? אַז איר ווילט דאָ שיסן און וואַרטן אויף גאָטס נסים, אַדרבה, זיצט און וואַרט, אָבער מיר וועלן גיין. מיר ווילן בעסער שטאַרבן גייענדיק, ווי זיך אויסשטרעקן דאָ אין די אַראַבישע זאַמדן. מיר זענען גאָר אַנדערע מענטשן. מיר זענען געבוירן דאָ און מיר קענען אונדזער לאַנד און מיר ווייסן וואָס צו טאָן.

אַ ל ף: דריַי זענען שוין געשטאָרבן. ווו ליגן זייערע ביינער? (וויַיזט אויפן באַרג) ערגעץ דאָרט. אין מידבר. צוויי שליחים האָסטו דאָ געשיקט, ווו זענען זיי, ווו? און איצט ווילסטו אַז

מיר אַלע איבעריקע זאָלן דאָ פאַרגיין? נײַן. (שרײַט ווילד) חברים, מיר גייען. אַלע נאָך מיר. (באַוועגונג, זיי לאָזן זיך נאָך אַלפן. אַ היפּנאָטיזירטע, ווילדע גרופּע פון מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער ווילן און זענען גרייט צו פאָלגן דעם ערשטן, וועלכער נעמט זיך אונטער זיי צו פירן, ווער ווייס וווּהין).

מאַרעק: (ער שטייט לאַנגזאַם אויף, קוקט זיך אײַן אין זיי, מיט ווערדע און מיט אַ רויִקן אינערלעכן כּוח. אונטער זײַן שטומען קוק בלײַבן אַלע שטיין. מען זעט אַז כאָטש זיי האָבן רעוואָל־טירט, איז דאָך אַ געהיימער רעספּעקט פאַר מאַרעקן בײַ זיי אַלעמען). איר ווילט גיין? וווּהין? וועלכן וועג וועט איר זיך נעמען? מיזרח, מערבֿ... דרום אָדער צפון? ווו ליגט דער שונא? איר זאָגט, אַז איר קענט דאָס לאַנד, איז קענט איר מיר אפשר זאָגן, פון וואַנען הערט מען די שאָסן? קענט איר געניי די ריכ־טונג פון וואַנען ס׳דראָט געפאַר? ווייסט איר דעם וועג אַרויס פון דעם מידבר דאָ? זענען מיר אַרומגערינגלט פון אַלע פיר זײַטן אָדער איז פאַראַן אַ שמאָלער וועג אַרויס פון דאַנען און אַז ס׳איז טאַקע דאָ אַזאַ וועג... ווו ליגט ער?

ערשטער סאָלדאַט: מיר וועלן פּרובירן. מיר וועלן זוכן.

מאַרעק: צוויי פון אונדז האָבן שוין פּרובירט. פרײַוויליק זענען זיי געגאַנגען זוכן די נאָענטסטע אײנהייט. ווו זענען זיי? זענען זיי אויך אפשר אויסגעגאַנגען פאַר דאָרשט אָדער האָט מען זיי געכאַפּט און געמוטשעט און זיי געלאָזט שטאַרבן מיט אַ שרעקלעכן טויט. אַרויסגיין איצט פון דאַנען — איז זיכערער אונטערגאַנג. וואַרטן — איז האָפענונג. מען ווייסט פון אונדז. מען זוכט אונדז. מיר מוזן וואַרטן.

אַלף: אַז דו האָסט מורא צו גיין, בלײַב. מיר גייען. קומט, חברים. (קיינער רירט זיך נישט).

מאַרעק: (רויִק) דער שונא איז רײַך אין מענטשן. מיר זענען אָרעם. יעדערנס לעבן איז ווערט דאָפּלט און דרײַפאַכיק. מיר טאָרן נישט ריזיקירן. איך האָב באַשלאָסן צו וואַרטן און

מיר וועלן וואַרטן. איך האָב אַלץ געזאָגט, וואָס איך האָב געקענט אײַך זאָגן. אומזיסט פאַרלירט איר אַזוי פיל כּוח. קיינער וועט פון דאַנען נישט אַוועקגיין. פאַרהאַלט אײַך רויִק. שאַנעוועט אײַער אָטעם.

פ ר ו י ג י נ ז ב ו ר ג: זיי זענען נעבעך הונגעריק און דאָרשטיק. קינדער, יונגע קינדער... (זי גייט אָפּ אין דער כאַטע. די סאָלדאַטן צעגייען זיך, מיד און שטום. אויף דער בינע איצט איז נאָר דער יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם און מאַרעק. פון מאָל צו מאָל ווינקט דורך אַ סאָלדאַט און פאַרשווינדט ווידער. שטילקייט).

י ו נ ג ע ר ־ מ אַ ן א י ן א ו נ י פ אָ ר ע ם: מאַרעק... אַ, מאַרעק? זיי זענען אויפגערעגט, זיי ווייסן נישט וואָס זיי רעדן. זיי גלייבן אין דיר... בלויז די היץ, דער דאָרשט מאַכט זיי אַזוי ווילד. דאַרפסט דיר נישט נעמען צום האַרץ.

מ אַ ר ע ק: (פאַרצווייפלט) זיי גלייבן אין מיר? פאַר וואָס? וואָס האָב איך באַוויזן דאָ? ווייס איך דען צי איך האָב רעכט געטון? אפשר האָט מען טאָקע געדאַרפט זיך לאָזן אין וועג, אַז עס איז נאָך געווען וואַסער און כּוח. ווער קען זאָגן, ווער בין איך, אַז איך זאָל קאָמאַנדירן מיט מענטשלעכע לעבנס? ווער זיצט דאָרט אויבן און באַפעלט מיר צו קאָמאַנדירן? זינט יאָרן שוין פיר איך אָן... באַפעל איבער טויט און לעבן... זינט יאָרן שטופּט מיך אימיצער אַרויס אין קאַמף... אין מיטן פון אַלע פײַערס אין דער גאָרער וועלט. בין איך דען דערצו געבוירן? דאַכט זיך מיר, אַז איך בין געווען אַ פּשוטער בחור מיט אַ שטיקל טאַלאַנט פאַר מוזיק... פּיזיש גאָרנישט אַזאַ גיבור... און טיף אין דער נשמה — אַ פאַרחלומטער סטודענט, נישט מער, אַ פּיאַניסט מיט אַ צוקונפט (לאַכט ביטער). מוזיק? יאָ. פון גיהנום... קלאַנגען פון טויט. אַ, ס'איז מיר טאַקע אויסגעקומען צו שפּילן, אָט מיט דער איינער האַנט, וואָס איז מיר געבליבן... אָבער געשפּילט האָב איך אויף אַ ביקס. מײַן נשמה איז עפּעס אַזוי מאָדנע פאַרשאָטן געוואָרן מיט אַ פליכט, אַ פליכט צו זײַן אַן אייביקער העלד.

פאַר וואָס? איך ווייס עס נישט... איך ווייס נישט מער. (פּויזע).

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: (פאַרזיכטיק) זי, פאַני גינזבורג, די סבתא... זינט ציפּערן שלעפּסטו זי מיט זיך מיט... האָסט מורא, אַז דו וועסט זי פאַרלירן... זיי קענען דאָס נישט פאַרשטיין. זיי האָבן זי ליב... אָבער זיי זענען ברוגז אויף דיר. אַן אַלטע פרוי אין מיט פון צעבייזערטע, פאַרצווייפלטע סאָלדאַטן. זיי ווייסן דאָך נישט די גאַנצע געשיכטע... אַז האָסט עפּעס אַ געדאַנק דערביי. מען וואָלט זיי אפשר טאַקע געדאַרפט אַ מאָל דערקלערן.

מאַרעק: וואָס דערקלערן, אַז איך ווייס אַליין נישט, פאַר וואָס איך טו דאָס? אויפן שיף האָט זי געזונגען דעם ניגון פאַר אַ פרעמד קינד. עס איינגעוויגט מיט דעם ליד — דאָס איז אַלץ, וואָס איך ווייס. פאַר וואָס זשע האָב איך זי אויפגעכאַפּט און לאָז זי נישט מער אָפּ פון מיינע אויגן? וואָס פאַר אַ סימן איז דאָס ליד. טויזנטער מאַמעס האָבן פאַרוויגט זייערע קינדער מיט דעם זעלבן ליד... אמת, זי זוכט אַ טאָכטער. אָבער ווער זאָגט מיר, אַז דאָס איז זי? זאָשיאַ? פאַר וואָס טאַקע שלעפּ איך זי מיט זיך אַרום דורך אַלע געפאַרן, אין אַלע קאַמפן... וואָס פאַר אַ צוועק? וואָס האָב איך פאַרקלערט אַזוינס, אַז איך וועל טאַקע זיין דער יעניקער, וועלכער וועט געפינען זאָשיען? וואָס פאַר אַ משוגענע פאַנטאַזיע האָט מיך ממש געצוווּנגען זי מיטצושלעפּן? וואָס ווילסטו דאָ זיי דערקלערן? אַז זייער קאָמאַנדאַנט, אין וועלכן זיי גלייבן סיי ווי סיי זייער שוואַך, וועלכער איז סיי ווי סיי אַ פרעמדער צווישן זיי, פירט זיך אַרום מיט אַן איינזאַמער מאַמע און זוכט איר קינד אין דער גאָרער וועלט? זיי וועלן לאַכן פון מיר און זיי וועלן זיין גאַנץ גערעכט. טויזנט מאָל גערעכט.

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: לאָז מיך מיט זיי רעדן. זי איז געווען צו זיי ווי אַ מאַמע. אָוועקגעגעבן זיי איר לעצטן טראָפּן וואַסער. זיי פאַרזאָרגט. מען דאַרף זיי בלויז אָנדייטן, אַז דו האַלטסט זי מיט אַ ציל. דערציייל זיי אַ מעשהלע.

זיי זענען ווי קינדער. גוטהאַרציקע בחורים, אַ מעשהלע, וואָס זאָגסטו?

מאַרעק: (רעזיגנירט) זאָג זיי וואָס דו ווילסט. דאָס אַלץ איז אַזוי ווײַט איצט. נאָענט איז נאָר דער טויט. לאָז מיך איצט אַליין. דער טאָג ציט זיך אַזוי לאַנג און אַלע כּוחות גייען אויס. גיי!...

(יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם גייט אָפּ צו דער כאַטע. שטיל. אַ שאָס פאַלט. מאַרעק קוקט זיך אײַן אין דער ווײַטן. פרוי גינזבורג קומט אַרויס פון דער כאַטע, זעצט זיך אַוועק אויף דער פריזבע און הייבט אָן צו פאַרריכטן אַ פּאָר העמדער פונעם שטריק).

מאַרעק: (דערזעט זי און גייט צו צו איר) וועט איר מיר אַ מאָל מוחל זײַן, אַז איך האָב אײַך פאַרשלעפּט אין אָט דעם אומגליק, פאַני גינזבורג?

פרוי גינזבורג: (גייענדיק) וואָס איז מײַן לעבן ווערט געוועז איידער איך האָב אײַך באַקענט? ליידיק און פּוסט. איר זענט מיר געוואָרן ווי אַ זון. און זיי אַלע, (ווײַזט אויף דער כאַטע) זיי אַלע זענען אויך ווי קינדער מײַנע. זיי באַדאַרפן נאָך אַ מאַמען, אַ מאַמעס וואָרט, אַ מאַמעס טרייסט... (נייט) אַלץ איז שוין אַזוי צעפּרעסן פון דער זון, אַז ס'איז נישט כּדאי צו פאַרריכטן.

מאַרעק: (לייגט זיך אַוועק צו אירע פיס) זאָגט מיר נאָך איין מאָל, ווי אַלט וואָלט איצט אײַער טאָכטער געוועזן?

פרוי גינזבורג: באַלד 19 יאָר. אַ שיינע, אַ בלאָנדע, מיט צוויי גאָלדענע צעפּ (וויינט שטיל) ווו איז מײַן קינד פאַרגאַנגען? אַרויסגעשיקט זי אין די פלאַמען, אויף ברענענדיקע וועגן. אוי, וויי איז דער מאַמען, וויי איז מיר...

מאַרעק: (שפּרינגט אויף, רעדט אויפגערעגט) וויפל איר זאָלט מיר נישט דערקלערן, וויפל איר זאָלט מיר נישט זאָגן, איך וועל עס קיין מאָל נישט באַגרײַפן, פאַר וואָס איר האָט זי אַוועקגעלאָזט אַליין אין אַזאַ צײַט? מיר דאַכט, אַז ווען איך וואָלט

געוועזן דער טאַטע פון אַ קינד, וואָלט איך זי געהאַלטן בײַ זיך. וואָס עס וואָלט געשען מיט מיר, וואָלט געשען מיט איר. וואָס האָט איר זיך געקלערט דעמאָלט? אַז דערנאָך, אַז ווען אַלץ וועט פאַרבײַ וועט איר אַזוי פּשוט זי אָפּגעפינען? געבן אַ רוף און זי וועט זיך באַווײַזן פון אַלע פינצטערנישן דורך וועלכע זי איז געגאַנגען? אַ זינג טאָן דאָס לידל און זי וועט עס דערהערן? רופן איר נאָמען און זי וועט קומען צו לויפן... איך פאַרשטיי נישט אײַער געדאַנק דעמאָלט...

פ ר ו י ג י נ ז ב ו ר ג: ווי בײַ גזלנים האָט זי זיך בײַ אונדז געבעטן, „טאַטע, מאַמע, לאָזט מיך שטאַרבן מיט אײַך צוזאַמען... איך וויל נישט אַוועק פון אײַך. איך האָב שוין נישט קיין מורא צו שטאַרבן...” אָבער אירע אויגן: ווײַט אויפגעריסענע, דער־שראָקענע אויגן פון אַ קינד... פול מיט פּחד פאַר דעם טויט. און דער טויט האָט מאַרשירט... אַלץ נענטער און נענטער צו אונדזער שטוב. דער טויט איז שוין געווען בײַ ראָזען אין הויף... ניין, פאַן מאַרעק, מען קאָן דאָס נישט דערקלערן... אַפילו אין די הייליקע ביכער איז פון אַזאַ צער נישט געשריבן געוואָרן. אָט אַזוי איז דאָס געשען און גאָט זאָל מיר מוחל זײַן, טאָמער זי לעבט נישט מער... (וויינט).

מ אַ ר ע ק: (פאַרצווייפלט) וואָס מוטשע איך אײַך? אָ, איך בין אַ נאַר, וויינט נישט, זי לעבט. ערגעץ ווו לעבט זי און זוכט אײַך אויך... איך פיל עס...

ס אָ ל ד אַ ט: (מיטן לעצטן כּוח) וואַסער... סבתא, וואַסער... (פאַלט אַוועק לעבן איר אין חלשות).

פ ר ו י ג י נ ז ב ו ר ג: (בייגט זיך אָן צו אים) טרערן האָב איך, נישט קיין וואַסער, מײַן זון... אוי ווי איז אַ מאַמען, אַז זי דאַרף זען, ווי אירע קינדער לײַדן און זי קאָן זיי נישט העלפן...

(מאַרעק הייבט אים אויף און טראָגט אים אַרײַן אין דער כאַטע. פרוי גינזבורג קלײַבט צוזאַמען איר געניי און גייט זיי נאָך. די בינע בלײַבט ליידיק אַ ווײַלע. די זון הייבט אָן צו פאַרגיין.

פון אונטער דעם בערגל באַווײַזט זיך זאַשיאַ. זי איז נישט צו דערקענען. אָנגעטאָן אין סאָלדאַטישע בגדים, זעט זי אויס ווי אַ בחורל. אירע צעפּ זענען פאַרבאַהאַלטן אונטער איר הוט. איר פּנים איז פאַרשטויבט און גרוי. זי שלעפּט זיך קוים. זי האָט אַ פּנים געוואַנדערט זייער לאַנג אונטער דער ברענענדיקער זון פון מידבר. זי טראָגט אַ שווערע לאַסט מיט זיך. וואַסערזעק פאַר די סאָלדאַטן, אַ גאַרטל אַרום איר טאַליע, אַ ביקס אויף דער פּלייצע. זי שטעלט אַוועק דעם ערשטן זאַק מיט וואַסער און גייט נעמען די אַנדערע. כּמעט אין דער זעלבער צײַט באַווײַזט זיך דער יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם. ער דערזעט זי, בלײַבט שטיין ווי אַ פאַרשטאַרטער, נישט גלייבנדיק זײַנע אייגענע אויגן. ער קוקט ווי זי ברענגט אַרײַן אין הויף פּראָוויזיע, וואַסער און רירט זיך נישט פון אָרט. עס זעט אויס, אַז ער איז פאַרגליווערט געוואָרן פון לויטערער איבעראַשונג. ער דערקענט נישט זאַשיאַן. ביז זי וועט נישט אַראָפּנעמען איר בערעט און ביז ער וועט נישט דערזען אירע צעפּ, וועט ער נישט וויסן, אַז דאָס איז אַ מיידל. זאַשיאַ זעט אים נישט. זי אָטעמט שווער, פאַלט אַוועק בײַם טישל און רירט זיך נישט אַ ווײַלע).

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: (קומט לאַנגזאַם צו צו איר) שלום... ווער ביסטו? קומסטו פון... דאָרטן? אַה? פון אונדזערע? וואָס איז דאָס — וואַסער? אַה?...

זאַשיאַ (הייבט אויף דעם קאָפּ — מאַכט אַ סימן, אַז „יאָ".

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: (ווערט דערציטערט) וואָס „יאָ"? רעד, בחורל — איז דאָס וואַסער?

חנהלע: (ווי פריִער) „יאָ" (אַ סימן מיטן קאָפּ).

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: (באַרירט די פלאַשן און די זעק) וואַסער? ברויט? רעד, וואָס שווײַגסטו? מיר וואַרטן שוין אַזוי לאַנג אויף דיר — איז וואָס זשע שווײַגסטו? רעד... (שרײַט ווילד) איז דאָס באמת וואַסער? (שרײַט צו דער כאַטע) קומט אַהער... אַלע אַהער... ער איז געקומען, ווו זענט איר, יאָלדן? (טרייסלט חנהלען ווילד) זאָג עפּעס... שווײַג נישט... אפשר חלום איך נאָר... מען חלומט נישט אין מידבר... העי, חברל, פאַל נישט אַוועק...

חנהלע: (זי דערקענט אים נישט, ווײַל זי קוקט נישט צו אים. זי עפנט איר אייגענע פלאַש און גיסט אים אָן וואַסער).

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: (היסטעריש) וואַ־

סער... (טרינקט) וואַסער... (טרינגט ווילד) נסים, טויטע, יאָלדן, קומט אַהער, ווו זענט איר, צו אַל די רוחות... דער שליח איז געקומען. ווו זענט איר? אויסגעשטאָרבן?

(פון דער כאַטע קריכן אַרויס אַלע סאָלדאַטן. אַחוץ מאַרקען און פרוי גינזבורג. זיי אַלע שטייען אַ ווײַלע שטום און קוקן אויף חנהלען. זי לאַכט צו זיי שטיל און נעמט אַרויס 2־3 פלאַשן און גיט זיי אין די הענט. זי גיט זיי אַ סימן מיטן קאָפּ, אַז זיי זאָלן טרינקען. זיי שטייען פאַרגליווערט. חנהלע טרינקט פון איר אייגענער פלאַש און באַנעצט איר פנים. זי ווײַזט זיי, אַז זיי זאָלן טרינקען. לאַנגזאַם קומט אַ באַוועגונג אין דער גרופּע — עטלעכע טרינקען, דאַן טרינ־קען אַלע מיט אַן אויסטערלישער זשעדנעקייט. עטלעכע וואַרפן זיך אויף דר׳ערד און טרינקען. זיי לאַכן און וויינען און הערן נישט אויף צו טרינקען. חנהלע גייט צו צו איינעם און נעמט אַוועק פון אים די פלאַש און גיט זי אַ צווייטן.
ס׳איז אַ שטומע סצענע פון אַ ווילדן אַספּעקט. האָפענונג און אַ ווילדע אַנאַר־כישע פרייִלעכקייט הייבט זיך אָן צו באַווײַזן אויף זייערע פּנימער).

אַלף: (זיך אָפּווישנדיק דאָס מויל) אַ נס איז געשען... דער־וואַרט זיך... ביסט דאָך פון אונדזערע, חבר? אַ?

חנהלע (מאַכט „יאָ" מיטן קאָפּ).

אַ צווייטער סאָלדאַט: דער... זאָג עפּעס... פירט אַ וועג אַרויס פון דאַנען, אַ?

אַ דריטער: מען דאַרף נעמען גיין. (טרינקט) לחיים, חברים, לחיים... (געלעכטער, ליאַרעם, אַ פריילעכער כאַאָס פון רייד און געלעכטער).

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: איז פאַראַן גענוג וואַ־סער פאַרן גאַנצן וועג? וועט מען דערגיין, אַ, זאָג?

חנהלע: (שרײַבט עפּעס אויף און גיט עס אים).

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: (לייענט הויך) „איך בין שטום. ס׳איז פאַראַן אַ וועג. איך האָב אַ בריוו צו אײַער קאָמאַנדאַנט. פירט מיך צו אים."

שטום??? איר הערט, חברים, ער איז שטום?...

אַלף: דאָס בחורל איז שטום. מען האָט דיך טאַקע מסתמא געשיקט אין אַזאַ מיסיע ווײַל דו קאָנסט נישט ריידן, און אַז זיי

וואָלטן דיך איבערגעכאַפּט וואָלסטו נישט געקאָנט זיי זאָגן, וווהין דו גייסט און פון וואַנען דו קומסט, נישט אַזוי?

חנהלע: (מאַכט „יאָ״ מיטן קאָפּ).

(אַלע רינגלען זי אַרום, מען קלאַפּט איר אויף דער פּלייצע, אַלע זענען אויפגעלייגט, אַ פרייד. ס׳איז נישט פאַראַן קיין שפּור פון די פריערדיקע בייזע, צאָרנדיקע מענטשן. זיי זענען ווי קינדער, פול מיט פרייד און חברשאַפט).

אַלע: אָט אַ בחורל...

— אַ העלד...

— אַ גיבור...

— לחיים, בחורל!

(חנהלע קוקט זיך איַין דערווייַל אין דעם יונגן־מאַן אין אוניפאָרעם און הייבט אָן אים צו דערקענען. זי שמייכלט שטיל פאַר זיך און גייט אין אַ זייַט. זי נעמט אַראָפּ איר היטל, אירע צעפּ פאַלן אַראָפּ אויף אירע שולטערן. זיווישט זיך אָפּ דאָס פּנים. איצט איז דאָס חנהלע, אַ יונג מיידל אין סאָלדאַטישע קליידער).

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: (אויפגערעגט, זעט נישט וואָס זי מאַכט אין דער זייַט, רעדט צו זייַנע חברים) בטלנים, גזלנים, וואָס שטייט איר? זיך אָנגעטרונקען און שוין? פאַרגעסן אין אייער קאָמאַנדאַנט און אין דער סבתא, אַ? נו, נישט געזאַמט, גייט און רופט זיי אַרויס, זיי זענען דאָרטן, מיט דעם קראַנקן, וואָס איז אַוועקגעפאַלן. איינס — צוויי — געגאַנגען! ס׳איז פאַראַן וואַסער און זיי ווייסן עס נישט. רופט זיי... (אייניקע לויפן אַרייַן אין דער כאַטע. די אַנדערע צעגייען זיך מיט זייערע פלאַשן און ברויט אין אַלע ווינקלען).

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: (לייענענדיק אירע שורות) הייסט עס, טאַקע אַ שטומער, חבר, אַ? אָבער דעם וועג ווייסטו, וועסט אונדז אַרויספירן פון דאַנען, נישט אַזוי? (חנהלע קומט צו צו אים און באַרירט אים. ער קוקט אויף איר און דער־זעט אַ מיידל. ער הייבט אָן זי צו דערקענען).

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: זאָשיאַ??? דו ביסט עס, ניין, דאָס קאָן נישט זײַן... (זי לאַכט און באַוועגט אויף „יאָ" מיטן קאָפּ. זי ווײַזט אויף אירע צעפּ) ניין, ניין, זאָשיעלע, דו ביסט עס טאַקע? אוי, גאָטעניו, וואָס פאַר אַ נסים ווילסטו הײַנט באַווײַזן, אײדער דער טאָג איז פאַרבײַ? (נעמט זי אַרום) און מיר האָבן דיך אַזוי געזוכט. מאַרעק און איך... קיין מאָל נישט אויפגעהערט זוכן. ווו ביסטו דעמאָלט אַנטרינען געוואָרן נאָך דער מלחמה? אָט, אָט וואָלט ער דיך געהאַט געפונען דעמאָלט, אָבער דאָ? אַרויס פונעם ביוראָ און אַנטלאָפן צו אַל די גוטע יאָר (ער וויינט און לאַכט און נעמט זי אַרום, ער ווענדט זיך צו די סאָלדאַטן וועלכע זענען אויף דער בינע) דאָס איז זי, דאָס מיידל פון פוילן... וואָס האָט געשאָסן אין מאַרעקן... איך האָב אײַך ערשט הײַנט דערציילט פון איר. נו, חכמים, נישט געגלייבט מיר, געמיינט אַז דאָס איז אַ מעשׂהלע פון דער מה־נשתּנה? אַ חלום? דאָס איז זי — אונדזער זאָשיאַ און מיר האָבן זי גע־פונען און איצט קענט איר לאַכן פון מיר (זיי גייען צו צו איר און באַטראַכטן זי).

איינער: דער בחור איז גאָר אַ בחורה...

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: פֿאַרשטייסט נישט וואָס מען רעדט צו דיר? זי איז די יעניקע וואָס האָט געשאָסן אין אים דעמאָלט (חנהלע באַהאַלט איר פּנים אין אירע הענט).

אַ צווייטער: מען דאַרף אים זאָגן, אַז דאָס איז... (ער וויל אַפּגיין, יונגער־מאַן האַלט אים צוריק).

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: ניין, וואַרט, ער וועט אַליין זען (חנהלע קוקט מיט אויפגעעפנטע אויגן אויף זיי. זי הייבט אָן צו באַגרײַפן, אַז ס'איז מאַרעק, וועלכן זי וועט באַלד באַגעגענען).

אַלף: איך האַלט אַז מען דאַרף אים זאָגן...

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: (ווילד) מיש זיך נישט אַרײַן, זאָג איך דיר. דאָ געשעען נסים און ער וויל גיין זאָגן

מאַרעקן... (חנהלע פאַלט אַוועק אונטער דעם בוים, אירע שול־טערן ציטערן אין אַ שטומען געוויין) מען הערט שטימען פון דער כאַטע. מאַרעק קומט אַרויס. ס'ווערט לאַנגזאַם טונקעלער אויף דער בינע).

מאַרעק: (רעדט צו דעם יונגן־מאַן אין אוניפאָרעם און זעט נישט חנהלען, וועלכע ליגט אונטערן בוים. אַז חנהלע דער־הערט זײַן שטים — שטייט זי לאַנגזאַם אויף און נעמט נישט מער אַראָפּ די אויגן פון אים) טראָג אַרײַן וואַסער פאַר דער סבתא און פאַר דעם קראַנקן. גיכער, ער פאַרגייט. (סאָלדאַטן און דער יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם טראָגן פלעשער אין דער כאַטע. יונגער־מאַן מאַכט אַ סימן חנהלען, אַז זי זאָל צוגיין צו מאַרעקן).

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: (בײַם אָפּגיין, צו מאַ־רעקן) דער שליח איז שטום... (אָפּ).

מאַרעק: (זעצט זיך אַוועק צום טישל, קוקט מיד פאַר זיך) שטום? האָסטו אַ בריוו פאַר מיר? (חנהלע קומט צו און גיט אים אַ פלאַש מיט וואַסער — מאַרעק איז דער איינציקער וועל־כער האָט נאָך נישט געטרונקען. ער טרינקט לאַנגזאַם, דאַן אַלץ ווילדער און ווילדער).

מאַרעק: אַ דאַנק, אַ... דאָס וואַסער... וואָס פאַר אַ נס ס'איז, חברים. גיב מיר וואָס דו האָסט געבראַכט.

חנהלע: (שטייט פאַר אים און זעצט זיך נישט, גיט אים אויך נישט דעם בריוו).

מאַרעק: (קוקט אויף איר און דערזעט אירע צעפּ) אַ מיידל? דו ביסט אַ מיידל?

חנהלע: (מאַכט „יאָ" מיטן קאָפּ).

מאַרעק: (קוקט זיך איין אין איר, ער דערקענט זי. ער נעמט שטיל אירע צעפּ אין האַנט און דאַן הייבט ער אויף איר פּנים צו זיך, ער רעדט גאַנץ שטיל) שלום, זאָשיאַ. דו ביסט עס.

ענדלער. (ווייל זי אַרומנעמען, זי רײַסט זיך אַרויס פון אים און וויַזט אויף זײַן לײדיקן אַרבל).

אַט דערפאַר ביסטו דאַן אַנטלאָפן פון מיר? דו פילסט דיך שולדיק? אַלע יאָרן האָב איך דיך געזוכט, זאָשיאַ. איך האָב אַזוי געוואָלט אַראָפּנעמען פון דיר אַט די אומזיסטע שולד פון דײַנע פּלייצעס. דיר געבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז גאָרנישט דײַן שולד געווען און אַז איך לײַד נישט מער פון דעם, וואָס איך האָב נאָר איין האַנט... (פריילער) ווייסטו דען נישט, אַז שפּילן פּיאַנע קען מען טאַקע נישט מיט איין האַנט, אָבער שיסן קען מען זייער גוט. מיר האָבן איצט קיין צײַט נישט צו רעדן. מען דאַרף גיין. זיך לאָזן אין וועג אַרײַן. מיר האָבן דאָ לאַנג געוואַרט אויף דיר. אָבער איינס וויל איך דיר זאָגן — איצט וועסטו שוין פון מיר נישט אַנטלויפן. איצט וועל איך דיך האַלטן פעסט, פעסט בײַ זיך און אַז אַלע מלחמות וועלן זיך אַ מאָל ענדיקן, אַז מיר צוויי, דו און איך, וועלן אַ מאָל אויסטון אונדזערע סאָלדאַטן־קליידער און ווערן ווידער מענטשן, אַז אַט די ביקסן אונדזערע וועלן איבעריק ווערן — דעמאָלט וועל איך מיט דיר רעדן און רעדן און דיר באַווײַזן, אַז דו דאַרפסט נישט אַנטלויפן פון מיר, אַז איך בין אויף דיר נישט ברוגז.

חנהלע: (מאַכט אַ פרעגנדיקע באַוועגונג מיטן קאָפּ).

מאַרעק: (באַמיט זיך זי צו פאַרשטיין) מײַן שטומער, קליינער סאָלדאַט, וואָס ווילסטו דאָ זאָגן?

חנהלע: (שרײַבט און גיט עס אים צו לייענען).

מאַרעק: (לייענט) „איך האָב שטענדיק געוווּסט, ווו איר געפינט זיך. איך האָב אײַך פאַרוווּנדעט און צעשטערט אײַער לעבן. פאַר וואָס האָט איר מיך געזוכט?"

מאַרעק: (שטיל) יאָ, פאַר וואָס טאַקע? איך ווייס נישט גענוי. אַז דו האָסט אָפּגעפײַערט דעם שאָס, ביסטו געווען נאָך אַ קינד. דו האָסט געציטערט און האָסט געהאַלטן די ביקס מיט דײַנעביידע קליינע הענט, מיט פאַרמאַכטע אויגן. אָבער דאָ

האָסטו געוואָלט דערשיסן דעם שונא. ריזיקירט דײַן לעבן. איך האָב שטענדיק געהאַט דאָס בילד פאַר מײַנע אויגן. זינט דעמאָלט זענען מיר ביידע דורכגעגאַנגען אַ סך אַנדערע פלאַמען. אַנ־דערע שונאים אויף אונדזער מערקווערדיקן וועג באַגעגנט. און איך האָף, אַז איצט קאָנסטו שוין בעסער שיסן און אַז דו דאַרפסט טרעפן — ווּעסטו טרעפן פונקט דאָרט, ווו מען דאַרף. (ווײַזט אויף זײַן ליידיקן אַרבל) דאָס איז נישט דײַן שולד, זאַשיאַ... (חנהלע זעצט זיך שטיל צו זײַנע פיס. פויזע).

מאַרעק: ביסט אַ יונגע פרוי איצט, זאַשיאַ. אַ שיינע, אַ יונגע פרוי. צײַט שוין, אַז זאָלסט טראָגן קליידער און... בלומען אין דײַנע צעפּ. נו, (ער הייבט זיך אויף) מען דאַרף אַרבעטן. דער טאָג שטייט נישט. מען וועט זיך נעמען אין וועג. ס'ווערט טונקל. ווייסטו גענוי, ווּהין צו פירן אונדז?

חנהלע: (קוקט מיט באַגײַסטערטע אויגן אויף איר העלד. זי מאַכט „יאָ" מיטן קאָפּ).

מאַרעק: (אין קלעם) וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר, מיידל?

חנהלע: (לאַכט און באַרירט זײַנע האָר).

מאַרעק: איך בין גרוי געוואָרן. איך זע אויס, ווי אַן אַלטער מאַן, אַ יאָ, דאָס איז וואָס דו ווילסט מיר זאָגן, אַ?

חנהלע: (מאַכט „ניין" מיטן קאָפּ).

מאַרעק: (לאַכט אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט) אַקעגן דיר בין איך אַן אַלטער. זאָג, איז פאַראַן גענוג וואַסער פאַר אַלע אָדער נישט? (זי גיט אים וואַסער און קוקט צו, ווי ער טרינקט).

מאַרעק: (איך בין ווי אַ נײַער מענטש. כּוח, מוט, ווילן אַלץ איז ווידער דאָ. אַ טרונק וואַסער און אַ האָפענונג... וואָס דאַרף דער מענטש מער האָבן? נו, גיב מיר די פּאַפּירן און ווײַז מיר די קאַרטע. (זיי בייגן זיך אָן איבער די דאָקומענטן).

מאַרעק: אָט דאָ איז דער וועג... איך האָב געוווּסט, אַז טאָמער איז נאָך פאַראַן אַ שמאָלער וועג — דאַרף עס זײַן דאָרטן... הממם... יאָ, ווײַטער. וויפל שעהען וועט מען דאַרפן

גיין? איך מיין, אַז דער מאָרגן זאָל אונדז נישט פאַרכאַפּן אין וועג... וואָס מיינסטו? (פאַרענדיקט זײַן זאַץ מיט אַ שמייכל) חבר שליח? דו ווייסט און וועסט אונדז פירן.

חנהלע: (מאַכט „יאָ״ מיטן קאָפּ).

מאַרעק: זיי האָבן גוט באַקלערט, וועמען צו שיקן צו אונדז. אָ, זאָשיאַ, איך בין שטאָלץ מיט דיר. אָפּט מאָל קלער איך פון יענער נאַכט, געדענקסט, בײַ דער גרויסאַרטיקער פּאַני מאַראַוו־סקאַ? איצט ביסטו שוין אַ גרויסע. און מײַנע האָר זענען גרוי געוואָרן... (כאַפּט זיך צוריק) הייסט עס — מען דאַרף אָנהייבן זיך צו קלײַבן. באַלד... (רופט) קומט אַרײַן אַלע... (די סאָלדאַטן קומען אַרײַן. אויך דער יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם. זיי זענען אויס באַרוּיקט, געזעטיקט און וואַרטן געדולדיק אויף מאַרעקס באַפעלן).

מאַרעק: חברים, דער נס איז געשען. מיר האָבן אַ וועג אַרויסצוגיין פון דאַנען. זאָשיאַ, אונדזער יונגער שליח, אונדזער שליח, מיין איך, וועט אונדז פירן. דער וועג איז אַ לאַנגער. מיר וועלן זיך לאָזן גיין באַלד. גייט און פּאַקט זיך אײַן, מאַכט אײַך פאַרטיק, לאָזט גאָרנישט דאָ איבער. דאָס גאַנצע אַמוניציע, אַלץ דאַרף מיטגענומען ווערן. פאַרגעסט גאָרנישט. אַראָבער וועלן דאָ זײַן צוריק. אַפילו די צעבראָכענע ביקסן דאַרפט איר מיט־נעמען. גייט, מאַכט אײַך גרייט. איך דאַנק אײַך, חברים, איך דאַנק אײַך פאַר אַלץ.

אַלע: (פרייליכער) צום באַפעל, קאָמאַנדאַנט, צום באַפעל. (אַלע, אַחוץ מאַרעק, חנהלע און דער יונגער־מאַן, גייען אָפּ).

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: (ער פּרוּווט עפּעס זאָגן מאַרעקן, אַז חנהלע זאָל נישט זען, אָבער מאַרעק באַמערקט נישט זײַנע באַמיונגען, ווײַל ער קוקט אויף חנהלען און זי קוקט אויף אים).

מאַרעק: זאָשיאַ, לייג זיך אַוועק אויף אַ ווײַלע. האָסט לאַנג געוואַנדערט, רו זיך אויס. מיר האָבן אַ לאַנגן וועג פאַר אונדז הײַנט.

חנהלע: (מאַכט „ניין" מיטן קאָפּ).

מאַרעק: (פרײלעך און צערטלעך) ס'איז אַ באַפּעל, סאָל־דאַט...

חנהלע: (סאַלוטירט מיט אַ גליקלעכן שמייכל און לייגט זיך אַוועק אונטערן בוים).

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: (שלעפּט מאַרעקן אין אַ זײַט, רעדט שטיל) מאַרעק, מאַרעק, האָסט פאַרגעסן? מען דאַרף איר דאָך עפּעס זאָגן...

מאַרעק: (פאַרטראַכט) וואָס זאָגן? וועמען?

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: וואָס איז מיט דיר? פאַני גינזבורג... זי ווייסט דאָך נאָך נישט... האָסט דאָך געוואַרט אויף דעם טאָג אַזוי פיל יאָרן... ווי אַזוי ווילסטו זיי איצט צוזאַ־מענפירן?

מאַרעק: רבונו־של־עולם... פאַני גינזבורג... זאָשיאַ... זיי זענען דאָ, ביידע... און איינע ווייסט נישט פון דער אַנדערער. איך האָב פאַרגעסן. יאָרן געוואַרט און געחלומט פון דעם מאָמענט, נישט געגלייבט, אַז דאָס וועט ווירקלעך ווען אַ מאָל פאָרקומען, און איצט... (לאַכט ווילד דורך טרערן) און איצט האָב איך פּשוט פאַרגעסן... זיך פאַרקוקט, ווי אַ נאַר אויף צוויי ליכטיקע צעפּ און אין אַלעמען פאַרגעסן... וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טון? ווי אַזוי פיר איך זיי צוזאַמען? וואָס זאָל איך זיי זאָגן? ס'איז דאָך אַלץ שפּעקולאַציע, אַ חלום מײַנער, נישט מער...
ס'קאָן דאָך נישט זײַן אמת... אַזעלכע נסים געשעען נישט...

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: (ווי אין אַ פיבער) קאָנסטו דען פאָרויסזען? למשל, הײַנט — אַז דער 6טער טאָג פון דאָרשט און טויט האָט זיך פאַרנומען, האָסטו אפשר געגלייבט, אַז מיר וועלן אַרויס פון דאַנען איידער די זון וועט פאַרגיין? אַז מיר וועלן זיך אָנשיכּורן מיט וואַסער? וואָס קלערסטו דאָ איבער? וואָס ווייסטו פון זײַנע נסים? רוף אַרײַן די סבתא, ווער ווייסט, אפשר דאָך... אַ?

מאַרעק: (ווי אין אַ טיפער פּאַניק) וואָס פּאַר אַ דינער, דינער פאַדעם איז צווישן זיי? אַ וויגליד, אַ מאַמע זוכט איר קינד, אַ קינד זוכט איר מאַמען... און איך, אַ צופעליקער, אַ פרעמ־דער אין מיטן. ניין, ניין, מיר וועלן דאָס איבערלאָזן דעם גורל. און טאָמער נישט...

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: וואָס — „טאָמער נישט״?

מאַרעק: און אַז זיי זענען פרעמדע... וואָס דאַן? ניין, ניין, איך קאָן דאָס נישט מאַכן.

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: זאָל זי זען זאָשיען...

מאַרעק: יאָרן זענען אַוועק... איר קינד איז דעמאָלט געווען נאָך קליין. זי קאָן אויך פּשוט נישט דערקענען...

יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם: אַ מאַמע וועט דער־קענען איר קינד. איך גיי זי אַריינברענגען. (אָפּ).

(חנהלע שלאָפט אונטער דעם בוים. פון דער כאַטע קומט אַרויס פרוי גינזבורג. זי און דער יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם העלפן דעם קראַנקן סאָלדאַט און לייגן אים אַוועק אויף דער פּריטשע. פרוי גינזבורג זעצט זיך צו צו אים און באַ־נעצט אַלע מאָל זיין קאָפּ).

פרוי גינזבורג: (צום קראַנקן) מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן, הערסטו, זון מיינער? שטאַרק זיך. נעם, טרינק נאָך. (יונגער־מאַן באַטראַכט זי שאַרף).

מאַרעק: (שטיל צו איר) פאַני גינזבורג. דערמאָנט איר זיך פון דעם מיידל, וואָס איך האָב אייך דערציילט... דאָס מיידל פון פוילן, וואָס האָט דעמאָלט געשאָסן אויף מיר?

פרוי גינזבורג: (באַשעפטיקט מיטן קראַנקן) ער קומט צו זיך, מען וועט אים דאַרפן טראָגן, ער איז אַזוי שוואַך נעבעך.

מאַרעק: דאָס מיידל, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געזוכט? איך האָב אייך פיל מאָל פון איר דערציילט.

פרוי גינזבורג: יאָ? נו?

מאַרעק: (מיט אַ שטייגנדיקער פיבערקייט, ער און דער

יונגער־מאַן לאָזן נישט אַראָפּ די אויגן פון איר) זי איז דאָ. זי איז געקומען. איך האָב זי געפונען. דאָס איז אונדזער שליח. אָט דאָ ליגט זי. קוקט אויף איר. זי שלאָפט. געוואַנדערט אַזוי לאַנג... קוקט.

פרוי גינזבורג: (קוקט אויף זאָשיען. ווערט דערציטערט. הייבט זיך לאַנגזאַם אויף און בלײַבט שטיין אַ פּאַרגליווערטע. נעמט אירע אויגן נישט מער אַראָפּ פון חנהלען ביז צום שלוס פונעם אַקט. פּויזע) ווער איז זי?

מאַרעק: (געשפּאַנט) זאָשיאַ. זאָשיאַ קשעשעווסקאַ. זי איז 19 יאָר אַלט.

פרוי גינזבורג: (ווי פריִער) איר נאָמען... איר... יידי־שער נאָמען?...

מאַרעק: (קוקט פאַרצווייפלט צו דעם יונגן־מאַן אין אוני־פאָרעם. יונגער־מאַן נעמט שטיל אַרויס זײַן האַרמאָניקע און פרעגט מאַרעקן מיט די אויגן צי ער זאָל שפּילן. מאַרעק שטייט פאַרלוירן אין זײַנע געדאַנקען) איך ווייס נישט, פּאַני גינזבורג, איך ווייס נישט...

(אַז דער יונגער־מאַן אין אוניפאָרעם הייבט אָן צו שפּילן „ראַזשינקעס" ווערט פרוי גינזבורג דערציטערט און הייבט זיך לאַנגזאַם אָן באַוועגן צו חנהלען. זי באַוועגט זיך, ווי אין אַ טראַנס. זאָשיאַ עפנט אירע אויגן, זי דערהערט די מעלאָדיע און קוקט אַרום זיך מיט ווײַט געעפנטע אויגן. איר בליק פאַלט אויף פרוי גינזבורג. עפּעס אַ ליכט פלאַקערט אויף אין אירע אויגן. זי הייבט אָן אָנטקעגן צו גיין. אין מיטן גאַנג בלײַבן ביידע שטיין, ווי פאַרשטיינערט, קוקנדיק איינע אויף דער אַנדערער. יונגער־מאַן שפּילט. פון ווײַטן פאַלט אַ שאָס, דאַן נאָך איינער, און נאָך איינער. חנהלע ווערט דערציטערט, ווישט זיך דעם שטערן, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט פעסט האַלטן די זכרונות, וואָס הייבן זיך אָן צו פורעמען אין איר. פון אַלע זײַטן קומען אַרויס די איבעריקע סאָלדאַטן. בלײַבן זיי אַלע שטיין אויף דעם אָרט. זיי טראָגן שוין אַלע זייערע פּעקלער. חוץ דעם ליד — הערט זיך נישט קיין רויש).

פרוי גינזבורג: (גאַנץ נאָענט פון חנהלען) חנהלע...

מאַרעק: (מיט אַ דערשטיקטער שטים) זי איז שטום, פּאַני גינזבורג, זי איז שטום...

פרוי גינזבורג: (באַרירט צערטלעך אירע ליפּן) ווער האָט פאַרשלאָסן די ליפּן פון מײַן קינד? דער פּחד? דער צער? ווי איז דער מאַמען פאַר דיר... (אַז זי באַרירט די ליפּן פון חנהלען, ווערט חנהלע דערציטערט און נעמט איר האַנט. זיי ביידע שטייען איצט האַנט בײַ האַנט. יונגער־מאַן שפּילט שטיל. נאָך אַ שטומער ווײַלע, ווערט גאַנץ שטיל אויף דער בינע, ער שפּילט נישט מער, אַלע קוקן אויף די ביידע פרויען. די זון פאַר־גייט, דער הימל איז רויט, ווי אין פלאַמען).

פרוי גינזבורג: חנהלע... חנהלע דער מאַמעס...

חנהלע: מאַ... מאַ... מממממע...

(זיי פאַלן זיך אין די אָרעמס און בלײַבן אַזוי).

(מאַרעק ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פון שטערן און קוקט אויף זיי מיט טרערן אין זײַנע אויגן. ער גיט אַ סימן, אַז מען דאַרף גיין. ער גייט פאָרויס און הייבט אָן איבערצוגיין דאָס בערגל. אַלע גייען נאָך אים לאַנגזאַם און מיט זייערע אויגן געוואָנדן צו די צוויי פרויען. אַז דער לעצטער סאָלדאַט איז שוין אויפן בערגל, נעמט חנהלע איר מאַמען בײַ דער האַנט און זיי הייבן אויך אָן צו גיין).

פאָרהאַנג

1955